STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06181

# MAYN MAME

Y. Finer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בורשטיין־פינער / מײַן מאַמע

יצחק בורשטיין־פינער

# מײַן מאַמע

סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ט — 1978

232/84

יצחק בורשטיין־פינר

# אִמִי

סקיצות, סיפורים, נובילות

ITZHAK BURSTEIN-FINER

# MAIN MAME — MY MOTHER

פאַרטרעט פון מחברס מאַמע: י. מאַרקיעל, פאַריז

הוצאת „ישראל־בוך" תל־אביב
רח' איתמר בן־אבי 4.

Publishing House Israel-Book,
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

Printed in Israel
1978

נדפס בישראל
דפוס „להב" בע"מ. תל־אביב, טל. 36564

דאָס בוך איז געהייליקט דעם ליכטיקן
אָנדענק פון מיין מאַמע און טאַטע ז״ל
און געווידמעט מיט גרויס ליבשאַפט
מיין גאַנצער משפּחה.

י. ב. פּ.

# מאַמע טײַערע

מאַמע טײַערע, שוין צײַט צו בענטשן ליכט,
און זאָלן דײַנע ברכות שטילע
ברענגען אַלעמען אונדז שלום.
כ'האָב געטײלט מיט דיר צוזאַמען
די לײדן און די פרײד
און אויך דעם חלום.

ביסט דאָס ליד פון אַלע מײנע לידער,
ביסט דאָס אײביקע געזאַנג.
דאָס לעבן מיט טיפע קנײטשן איז
אײַנגעקריצט אין דײַן געזיכט,
מיט גוטסקײט־שטראַלן דײַנע הענט
און דײַנע אויגן —
אַ ים מיט ליכט.

האָסט אין פּײַנען נישט פאַרצווײפלט,
האָסט געוואַרט רק אויף גנאָד,
און מיט האָפונג אונדז פאַרוויגט
און מיט מוט.



מײַן מאַמע   אײל   י. מאַרקיעל

# מכוח ווידער און ווײַטער

### א.

כ׳בין זיך מודה ומתוודה: בשעת איך בין פאַרבעטן געוואָרן דורך דער פאַרלאַג־לײַטונג צו זײַן דער איבערגעבער, בהשגחה טובה, פון דער דאָזיקער זאַמלונג צום דרוק, ווי דאָס רופט זיך אין ספרים־לשון: המלבה״ד (המביא לבית הדפוס), האָב איך אַרײַנטראַכטנדיק זיך געפרעגט צי איז דאָס **נאָך** א **בוך** פונעם באַקאַנטן דערציילער י. פינער, גיט ער **ווידער** אַרויס אַ באַנד דערציי־לונגען, אָדער איז דאָס אַ **ווײַטערדיקער** גאַנג אין זײַן שרײַבערישער טעטיקייט. און עס איז דאָך דאָ אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן דעם **ווידער** און **ווײַטער**.

אָט, אַ שטייגער, ווען אין יאָר 1934, בעת מיר זענען אין ישראל, נאָך אַ לענגערן איבעררײַס, צוגעטרעטן אויפסנײַ אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט אין ייִדיש, האָט אונדזער דעמלטיקער רעדאַקטאָר דניאל לייבל (אַלכּסנדר) זיך אַוועקגעלאָזט מיט מיר צום ים און דאָרט, אויפן הייסן זאַמד, אין מיר אַרײַנגעטענהט מכוח דעם נאָמען, זאַגנדיק, בערך, אַזוי: אמת, מיר גיבן ווידער אַרויס אַן אויסגאַב, און עס פּאַסט זיך דער נאָמען **ווידער**, נאָר ווײַל עס זעט זיך שוין אַרויס אַן ערנסטער פּאַראויסגײ בײַ דער היגער ייִדישער שרײַבער־גרופּע, דאַרף דאָס ערנסטע העפט הייסן **ווײַטער**, ללמדך, אַז דאָס איז נישט בלויז **נאָך** אַן אויסגאַב, נאָר אַ... **ווײַטערדיקער** שריט.

צום קלאָרסטן האָט דאָס געטאָן ה. לייוויק אין זײַן ליד „אייביק״. ער האָט דאָרט סימפּאָניש איבערגעחזרט די פראַזע: „איך הייב זיך אויף **ווידער** און שפּאַן אַוועק **ווײַטער**״, דערמיט שאַרף אָפּגעטיילט און פונאַנדערגעטיילט דעם **ווידער** פונעם **ווײַטער**.

און אַז, ווי דערמאָנט, ס׳האָט מיך נישט צו רו געלאָזט די שאלה צי איז דאָס י פינערס **נאָך** אַ **בוך**, צי — אַ **ווײַטערדיקער** גאַנג אין זײַן שאַפן, האָב איך זיך פאַרטיפט אין זײַנע 43 איינסן און אויסגעפונען, אַז דניאל לייבלס אַקסיאָמע פּאַסט זייער און זייער אויך דער דאָזיקער זאַמלונג: ס׳איז **ווידער** און **ווײַטער**.

### ב.

דער שרײַבער י. פינער, וואָס לאָזט זיך איצט דערקענען צו זײַנע ברידער און צייכנט אונטער, ממש דעמאָנסטראַטיוו, אַז זײַן עכטער נאָמען איז **יצחק בורשטיין** המכונה **י. פינער**, איז שוין לאַנג, לאַנג נישט קיין פנים חדשות אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַנע ביז־איצטיקע ביכער און די דערציילונגען זײַנע, די פאַרעפנטלעכטע אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן אין דער „ייִדיש־אימפּעריע״ האָבן אים מזכּה געווען מיט אַ שפע פון אָפּרופן, וואָס נישט אַלע

דערציילערס אונדזערע אין דער איצטיקער צײַט האָבן דערצו זוכה געווען. אויך **דאָס בוך**, וואָס איז פּאַקטיש אַן אַנטאָלאָגיע פון זײַנע סקיצן, דערציילונגען און נאָוועלן וועמענס בשותּפותדיקע טעמע איז **די מאַמע**, וועט זיכער אויך נישט פאַרשוויגן ווערן. וואָרעם, לויט מײַן באַשיידענער מיינונג, וועט אַ גרויסע טייל פון די אַ דערציילונגען נישט לאָזן דעם לייענער גלײַכגילטיק. און אַז מיר וועלן נאָך דערמאָנען, אַז צו זײַן בוך דערציילונגען „די פיר צײַטן" (1966) האָט אין זײַן אַרײַנפיר געשריבן דב בער מאַלקין, אַז... **„די וואָר פון אַ פּוילישן ייִד איז** (בײַ פינערן) **ווי באַהויכט געוואָרן מיט ראָמאַנטיש־נאָסטאַלגישן חלום־נעפּל און דער חלום פון אַ ייִדישן פּראָנצויז האָט באַקומען וואָר־קאָנטורן פון ממשותדיקער רעאַליטעט"** — און דערציילונגען פון דעם איצטיקן בוך געפינען זיך אויך דאָרט — איז דאָך דאָס אַליין אַ גענוגנדיקער אַטעסטאַט פאַר אַ שרײַבער, וואָס וווינט אין אונדזער ליטעראַרישער „פּראָווינץ" — **פּאַריז**, און אַזאַ שרײַבער דאַרף נישט פאַרגעשטעלט ווערן.

ס'איז אָבער דאָ אַן אָרט פאַר אַ באַגלייט־וואָרט צו אַזאַ ערנסטן אָנשטרענג, ווי דאָס צונויפברענגען העכער פערציק מאַמעס אונטער איין דאַך — צווישן די טאָוולען פון איין בוך.

### ג.

אין די איצטיקע טעג, בעת די מאָדערנע דערציילונג שטרעבט מיט אַלע אירע כּוחות נאָכצולויפן דעם דזשאַיס־ראָמאַן און ווערן אַנטי־דערציילונג, בעת דער עקזיסטענציאַליזם, וואָס איז שוין אַליין געוואָרן אַלט, איז פון לאַנג שוין פאַרלאָפן דעם וועג די אַלע „אַלטע" דערציילונג־פאָרמען און אינהאַלטן ווי היימווײ, האַרצרײַסנדיקע בענקשאַפטן און סענטימענטאַלע מוטער־ליבע זענען געווען אירע הויפּט־קאָמפּאָנענטן, איז נישט אַזוי לײַכט צו גיין אין די טראַדיציאָנעלע וועגן. **דאָס לעבן איז הײַנט אַנדערש, דאַרף די ליטעראַטור אויך זײַן אַנדערש.** עס זענען אָבער דאָ אמתן — און י. בורשטיין־פינער גלייבט אין זיי — וואָס זענען אייביק ווי די וועלט. מ'קאָן פליִען צו דער לבנה און בענקען נאָך דער מאַמען. מ'קאָן זיך געפינען אויפן מלחמה־פעלד אין אַ מאָדערנסטן עראָפּלאַן, און אַז דער עראָפּלאַן פאַלט אַראָפּ זאָל זיך דאַכטן, אַז די מאַמע, דאָס ווײַב, די קינדער קומען אײַך ראַטעווען, אָדער — פאַלן צוזאַמען מיט אײַך. בײַ די מאָדערנסטע טעכנאָלאָגישע מעגלעכקייטן וועט איר זיך אָנטרעפן, אויף טריט און שריט, אויף מענטשן און געשעענישן, וואָס גורל און גורל־אײַנרעדעניש „פירן" אָן מיט זייער וועלט. איז נישט מער ווי נאַטירלעך — און אפשר טאַקע מע־רער! — צו דערבליקן דאָס בילד פון דער מאַמען בעת עס כאַפּט אַרום אַן אומגעריכטע בענקעניש צו היים, צו משפחה, צו אייגענע, און, דער עיקר טאַקע, צו דער מאַמען.

י. בורשטיין־פינער ווייסט און פילט דאָס, ברענגט ער דאָס אַרויס אין דער אַנטאָלאָגיע זײַנער כּמעט אויף אַלע קרוב צו 350 זײַטן פונעם בוך. שוין אין זײַן דערציילונג „עמבלעמען" זאָגט דער מחבר: „פאַראַן אויך אַ באַזונדערער טאַלאַנט — אַ טאַלאַנט ליב צו האָבן. דאָס דערקענט זיך בײַ די וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם זאָג „ואהבת לרעך כמוך", ווי אַ געבאָט. גאָר גאָר באַזונדער

זעט זיך דאָס אָן בײַ מאַמעס. אַפּילו איצט, אין די מאָדערנע צײַטן, אין די אונדזעריקע, איז מאַמע־ליבע אַ מין אײַנגעבוירענער טאַלאַנט, וואָס גייט מיט מיטן ווערן מאַמע, — און גאַר־גאַר באַזונדער — בײַ ייִדישע מאַמעס". (ז' 39).
זענען דאָס דברי אדם חיים און וואָלטן געזאָלט קומען אויבנאָן, ווי אַ מאָטאָ צו אָט דער אַנטאָלאָגיע זײַנער. אמת עס קאָן גרײַלער זײַן, אַז די אומבאַגרענעצטע ליבע און פאַרערונג וואָס נעסטן אינעם הארץ און נשמה פון אונדזער מחבר צו זײַן אייגענער מאַמען — און פּסיכאָאַנאַליטיקער וועלן דאָס אָנרופן מוטער־קאָמפּלעקס — אַז אָט די ליבשאַפט זײַנע צו איר האָט דאָס אים געבראַכט צו זוכן און געפינען נאָך אַ סך אַ סך מאַמעס און זיי אַרומרינגלען מיטן אַרעאָל פון גוטסקייט און באַוווּנדערונג, אַזש זײַן אייגענער מאַמעס מסירות־נפש און איבערגעגעבנקייט צו אירע קינדער, ווי דער מחבר געדענקט זיי, דינען אים פאַר אַ מוסטער און מאַכן אים מעגלעך צו צעטיילן און אײַנטיילן דאָס מאַמעדיקע כּל־הגוטס צו צענדליקער אַנדערע מאַמעס, פאַקטישע און אויסגעטרוימטע, און דעריבער רופט ער אָן אָט די אײַנזאַמלונג מיטן אינטימען און כּללדיקן נאָמען: „מײַן מאַמע" — אָבער ערשט דאָס באַווײַזט, אַז זײַן צוריקבליק צו דער „אַלטער" וועלט, איז פאַקטיש אַ צוריקבליק צו אַ וועלט וואָס איז אייביק נײַ. זי איז מיט אונדז און אין אונדז און וועט זײַן מיט אונדז אַזוי לאַנג ווי עס וועט זײַן און געדייען די קולטור פון מענטש.

## ד.

דרײַ און פערציק סקיצן, דערציילונגען און נאָוועלן פאַרמאָגט אָט דאָס בוך. זענען דאָס פּונקט אַזויפיל פּנימער?

אַ מדרש זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די מענטשן, אַזוי, אַז איין פּנים זאָל נישט זײַן ענלעך צום צווייטן, כּדי אַ מאַן זאָל נישט קאָנען צוגיין צו יעדער אַנדער ווײַב וואָס וועט אים געפעלן ווערן און זאָגן: זי איז מײַן .. פון דאַנען, אַז י. ב. פינער, בעתן שאַפן די צענדליקער מאַמע־געשטאַלטן, האָט געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז יעדער מאַמע־בילד באַזונדער זאָל האָבן איר אייגן פּנים. זאָל זײַן אַנדערש. דוכט אונדז, אָבער, אַז בײַ אונדזער מחבר זענען גראָד די גוטע אייגנשאַפטן פון די „מאַמעס" שטאַרק ענלעך, ווייניקסטנס בײַ אַ סך פון זיי און אידענטיש. אַ שטייגער, די מאַמע פון „שנירל פּערל", וואָס כאָטש זי איז מאָדערנער, געבילדעטער און אַנדערש געקליידט, איז זי אָבער אין איר כאַראַקטער און אין איר באַציִונג צו די קינדער, ענלעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, צו דער מאַמען וואָס לאָזט איר ייִנגעלע „גנבענען" פונעם שופלאָד אירע אָפּגעשפּאָרטע מעשענע מטבעות, אָדער צו דער מאַמען וואָס לויפט באַצאָלן דער בעקערין פאַרן בולקעלע וואָס איר זונעלע האָט „גענומען"... וועט דאָס זיכער זיך אָנטרעפן אויף דער קעגנערשאַפט פון דער נײַעסטער ליטעראַטור־ווייסנשאַפט, וואָס פאַרלאַנגט טעכניק במקום סענטימענטאַלקייט. און מיט רעכט. אָבער, ווידער קומען מיר צוריק צו די אייביקע אמתן. יצחק בורשטיין־פינער, וואָס טעמאַטיש און לעקסיש שטעקט נאָך כּאילו אין די „אַלטע געוויינהייטן", האָט אָבער פאַר די אויגן די אמתן וועגן דער טראַדיציאָנעלער מאַמע. נישט נאָר גייט ער נאָך פוס־טריט דער אשכּנזישער ייִדישער מאַמען, ווי מיר האָבן זי געקענט אין תּחום המושב,

מיט איר פאַרגעבערישקייט, ותּרנות און אומבאַגרענעצטער ליבע צו אירע קינ־דער, — דאָס טאָקע קודם כּל! — נײַערט ער זעט אויך די הײַנטצײַטיקע מאַמעס אין קאַמף, בעיקר אין דער רעזיסטאַנס, ווי, אַ שטייגער, „העלען", „די שטומע מאַמע", „דער משפּט" און אַ סך אַנדערע, און דאָס איז שוין אַ **ווײַטערער שפּאַן** אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער דערציילונג אין כּלל גענומען. וואָרעם ס'איז נײַ דאָ דער סוזשעט און אייגנליניק די באַהאַנדלונג — אַ באַהאַנדלונג וואָס פליסט אַרויס פון דער ליבשאַפט צום באַהאַנדלטן, און נישט נאָר צו זײַן איבערלעבן.

„דער מאַמעס אויג", „דער הונט און די מאַמע", „מערי און איר מאַמע", „דער בריוו" א.אַ. זענען שוין בפירוש הײַנטצײַטיק. אין זיי און דורך זיי איז י. ב. פינער אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך **ווײַטער** פון זיך אַליין און פון **אַלטן** נוסח. באַזונדערס איז נײַ, אייגנאַרטיק און אויסנעמלעך זײַן נאָוועלע „דער סופער־מאַרקעט", וועלכע איז, לויט מיר נאָך, אַ יחידה במינה אין אונדזער דערציילונג־ליטעראַטור.

נישט אַ סך ווײַטער פון איר איז די דערציילונג „אַ צעבראָכענער שפּיגל". דאָ האָבן מיר אַ פּרוּוו, און אַ געלונגענעם, אָפּצולייקענען די גאַנצע אַזוי־גערופענע פּאַרגעשריטנקייט פונעם מאָדערנעם מענטש. אַן אויטאָ־עקסידענט וואָס ברענגט דעם העלד, דעם ספּעקולאַר־הײַנטוועלטישן, אין שפּיטאָל אַרײַן, ברענגט אים אויך זיך צו דערמאָנען, אַז זײַן טיש־שפּיגל איז אים הײַנט אין דער פרי אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן... פאַרשטייט זיך, אַז ער „זעט" אין דעם די **סיבה** פון זײַן אומגליק. יאָ, יאָ, וועלטן, וועלט־אַנשויונגען ברעכן אײַן און קראַכן בעת דער מענטש איז אין נויט, אין צרה.

וועט די דאָזיקע זאַמלונג אַרײַנברענגען צוזאַמען מיט **געוווּזנס** אויך אַ סך נײַס אינעם אוצר פון אונדזערע דערציילונגען און וועט אַזוי אַרום זײַן אי **נאָך** אַ בוך זײַנס און אי אַ **ווײַטערער** שפּאַן אין זײַן שאַפן, וואָס דאַרף באַצייכנט און באַגריסט ווערן.

**יעקב־צבי שאַרגעל**

# א

# דער פּאָרטרעט פון מײַן מאַמען

אויף דער וואַנט פון דער בילדער־גאַלעריע זענען געהאַנגען פּאָר־טרעטן, פּייזאַזשן, שטיללעבנס, נאָר איין לײַוונט האָט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח פון מײַן בליק — דער פּאָרטרעט פון מײַן מאַמען.

ער האָט פאַר מיר אויסגעפּילט אַלע זאַלן פון דער בילדער־גאַלעריע.

איר בליק האָט מיך אומעטום באַגלייט, מיט מיר מיטגעגאַנגען בעת מען האָט מיך געפירט פון איין בילד צום אַנדערן. בײַ יעדן נײַעם בילד, בײַ וועלכן כ׳בין שטיינגעבליבן, האָב איך געפונען, איז מיר בולטער געוואָרן אַ שטריך פון איר פּנים, אַ קנייטש אַ נײַעם וואָס איז פול מיט גוטסקייט, מסירת־נפש; אַ געדאַנק, אַ גרוס פון פאַרגאַנגענע צײַטן, און פון דורות נאָך־נישט־געבוירענע.

ביז ס׳האָט זיך מיר פּלוצים געדאַכט, אַז מײַן מאַמעס פּאָרטרעט פילט זיך נישט היימיש צווישן אָט די אַלע בילדער פון אַזאַ ווילד־פרעמ־דער וועלט, וואָס האָט צו איר קיין שום שײַכות נישט געהאַט.

מײַן מאַמע האָט געבעטן רחמים: —

„ווי קום איך, אַ ייִדינע, אין מײַן שוואַרצן, אַלטמאָדישן קלייד, צו זײַן צווישן אָט די אַלע עלעגאַנטע דאַמען, אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק? צווישן אָט די דעקאָלטירטע, מיט נאַקעטע אָרעמס און לילית־פּנימער? ווי קום איך צו זוניקע לאַנדשאַפטן, וואָס זענען פול מיט פרייד פון לעבן? ווי קום איך צו די טישן, באַלייגטע מיט כּל־טוב? ווי קום איך אַהער, אַן עלטערע ייִדישע פרוי, מיט מײַן פּנים וואָס איז דורכגע־אַקערט פון אַזויפיל צער און יסורים?"

און ווי מײַן מאַמע וואָלט פּלוצים אויפגעהויבן אַ מידע, אָדערדיקע האַנט, זיך צו פאַרשטעלן די אויגן, ווי בײַם ליכט־בענטשן, האָבן אירע בלייכע ליפּן געמורמלט מיר אין אויער: —

„לכבוד אונדזער ליבן, הייליקן שבת־קודש, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן, און אונדז געבאָטן די מצווה מיר זאָלן זי מקיים זײַן, זאָל זי געווויגן ווערן ווי כּל תּרי״ג מצוות פון כּל ישׂראל. אמן!״

און כ׳האָב געזען שנירלעך טרערן, רינען פון אירע אויגן, און גיסן זיך צונויף מיט דער תּחינה אויף דער מאַמעס לעפּצן.

פּלוצים דערזע איך ווי מײַן מאַמעס פּאָרטרעט גייט אַרויס פון דער באַגילדעטער ראָם, און פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, שלײַכט זי אַוועק ערגעץ ווײַט, צו די קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן: אָט אַזוי, אַ פּשוטע יידישע מאַמע, מיט קינדערלעך אַרום איר קלייד. זי דאַרף דאָך זיי דערנערן, די הונגעריקע שוועלבעלעך אירע, אין דער היים איז אַ דחקות, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. נאָר, מ׳טאָר נישט זינדיקן. דער עיקר איז — בטחון. זי בײַט אַלעמאָל אויס עפּעס אויף אַ שטיקל ברויט, אויף אַ קאַרטאָפל.

די לילית־פּנימער אין דער גאַלעריע קוקן איר נאָך מיט דער־שטוינטע בליקן: — וואָס איז דער מער מיטן דאָזיקן אויסטערלישן פּאָרטרעט? און — נאָך איידער כ׳האָב צײַט געהאַט זיך צו באַזינען, האָב איך שוין געהאַט אַראָפּגעריסן דאָס בילד פון דער וואַנט און בין דערמיט געלאָפן צו דער טיר. דאָס האַרץ אין מיר האָט געשלאָגן סכּנות־נפשות. די קני האָבן זיך געבראָכן. ס׳איז מיר געווען אַזוי שווער, ווי כ׳וואָלט געטראָגן אַ גאָר גרויסע משׂא.

*

די נאַכט אין תּפיסה־קעמערל האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק איינזאַם. פאַרקערט. אַוודאי האָט מען בײַ מיר דאָס בילד אָפּגענומען. ס׳איז דאָך געווען אַ בפירושע גנבה. כ׳בין אָבער אײַנגעשלאָפן אַ רויִקער, אַ גליקלעכער, אַן אויסגעלייזטער פון פּײַנען, דער מאַמעס און מײַנע. כ׳בין געווען צופרידן מיט מײַן גורל.

נאָר איך ווייס נאָך עד היום נישט, צי דאָס איז געווען אַ חלום, אָדער איז עס געשען אויף דער וואָר.

# די נשמה פון אַ בלום

אויף שלמהקען, דעם געוועזענעם ישיבה־בחור, האָבן די יוגנט־יאָרן געלייגט זייער חותם. דער עיקר דערמאָנט ער זײַן מאַמען און רעדט מיט באַגײַסטערונג וועגן די בלומען וואָס זי האָט געהאָדעוועט און אַרײַנגעהויכט אין זיי איר נשמה. ווי דינענקע סטרונעס וויברירן די דער־מאָנונגען. אַ טיפע בענקשאַפט ווי אַ תּפילה־ניגון. איר פאַרקלעמט האַרץ, איר טרויער און צער, די עוולות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין איר לעבן — אָבער זי האָט געוואָלט זיי אָנטרויען ווי אַ שטילן סוד די בלומען־פלאַנצן וואָס אין איר היים.

אויף יעדן פענצטער זענען געשטאַנען בלומען־טעפּ. די מאַמע מלכהלע פלעגט זיי באַשפּריצן, באַוואַסערן, אָפּהיטן פון צו פיל זון, זיי פאַרהיטן פון קעלט און פון ווינט.

— בלומען זענען אַזוי ווי פרײַנד — פלעגט זײַן מאַמע זאָגן — מען דאַרף זיי גוט פלעגן זיי זאָלן נישט אויסגיין.

אַ מאַמע, וואָס האָט אַ מאַן אַ מלמד און אַ זון אַ ישיבהניק, האָט נאָך אַוודאי געהאַט אויך אַנדערע זאָרגן, ווי נאָר די בלומען. זי איז געוועזן די פעלדשערין פון שטעטל און אַלע האָבן געוווסט „אין וועלכער טיר אָנצו־קלאַפּן", אויב עמעץ איז קראַנק געוואָרן. מ'פלעגט טאַקע זי תּמיד טרעפן אין שול־געסל, אין קאָזע־געסל צי אין שנײַדער־געסל, ווי זי לויפט און אײַלט צו עמעצן. זי האָט נישט פאַרלאָזט די אָרעמע מענטשן, וואָס זענען איר טײַער ווי די אויגן אין קאָפּ, ווי איר בן־יחיד שלמהקע, ווי די בלומען אויף אירע פענצטער; זי האָט באַנומען דעם שטילן קרעכץ, דעם פאַרהוי־לענעם וויי, און געזוכט דאָס צו לינדערן מיט איר גוט האַרץ, מיט איר געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

זי פלעגט אויפשטיין מיטן שפּראַץ אויף טאָג, פול מיט בטחון, גלויבן און ליבע צו די מענטשן וועמען זי האָט אונטערגעטראָגן איר הילף. און אַז מען האָט אַ מאָל איר אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט אונדז, מלכּהלע ליבע, ווו נעמט איר אַזוי פיל כּוח? — האָט מלכּהלע מיט אַ ליבן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— טײַערע מענטשן מײַנע, מיינט איר אַז מיר איז אַזוי גוט? און איך בין אַזוי זיכער, אַז עס וועט זײַן אַלעמען גוט? נאָר אַז איך וועל פאַר־לירן, חלילה, די האָפענונג, וועט דאָס לעבן דען ווערן גרינגער? און אַז איך קאָן זײַן אַ גוטע, פאַר וואָס זאָל איך זײַן אַ שלעכטע?

שלמהקע האָט זײַן מאַמע־געשטאַלט מיטגעטראָגן מיט זיך ווען ער איז באַצײַטנס אַוועק אין דער ברייטער וועלט אַרײַן. פון זײַן מאַמעס ליבע צו בלומען איז בײַ אים אויסגעוואָקסן אַ ליבע צו מאַלערײַ.

געטראָפן האָבן מיר זיך אין פּאַריז, אין קרײַז פון די מאַלערס אויפן מאָנטפּאַרנאַס. אין קאַפע „סעלעקט" האָט מען געשמועסט אַז שלמהקע זיס־קינד איז איינער פון די פּראָמינענטע קינסטלערס. מיר האָבן זיך באַקאַנט, געוואָרן נאָענט. בײַ אַלע זײַנע געשפּרעכן וועגן קונסט, וועגן וועלט, וועגן פאָלק, איז ער תּמיד אַרויף אויף דער טעמע „אַלטע היים", זײַן מאַמע. אוודאי האָט זיך דאָס אָנגעזען און אַרויסגעזען פון זײַנע לײַוונטן. וואָס דען? — פּיאות, בלאַסע פּנימער, גרויסע טרוימערישע אויגן.

אין איינעם אַן אָוונט האָט ער מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין אַטעליע. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער דערציילט וועגן זײַן מאַמע די פעלדשערקע:

אין אונדזער שטעטל, וואָס נישט ווײַט פון וואַרשע, איז אויפגעקומען, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך, אַ שטראָם, אַ לעבעדיקער שטראָם אַזאַ, וואָס איז געפלאָסן ווי אַ לויפיק־קוואַליק וואַסער, וואָס שנײַדט זיך דורך אַ וועג דורך פעלד, וואַלד, שטאָט און שטעטל. — דאָס איז געווען דער שטראָם פון רעוואָלוציע. אָט דער שטראָם האָט דערגרייכט ביז אין דער ישיבה אַרײַן.

מײַן מאַמע האָט געוווסט, אַז אויך איר בן־יחיד זינדיקט ערגעץ אין דער שטיל, אָבער זי האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. אַ ייִדישע מאַמע, מיט גלויבן און מסורה, האָט נישט געגלייבט אין קיין נײַע געטער, וואָס

בליצן־אויף מיט אומבאַשטימטקייטן. ווילן אײַנוואָרפן וועלטן, ברענגען איבערקערענישן, וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

די יוגנט פלעגט נאָך די שמועסן זיך אומקערן שפּעט פון דראַמקרײַז, פאַרלעזונגען, פון קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענקומען, און האָט אָפט באַגעגנט מײַן מאַמע די פעלדשערקע אין די אָרעמע געסלעך. זיך פאַרהאַלטן און געפּרוּווט מיט איר אַ שמועס טאָן. איין מאָל בײַ אַזאַ באַגעגעניש האָט זי צו זיי אַ זאָג געטאָן:

— קינדער מײַנע, איר ווילט ראַטעווען די וועלט? נו, זעט איר, איך לויף אַרום מיט אַלע מײַנע כּוחות און וויל ראַטעווען בלויז איין מענטש...

איין מאָל, ווען די פעלדשערקע איז גערופן געוואָרן צו אַ קראַנקער קימפּעטאָרין צו מאַכן איר קאָמפּרעסן, אַכטונג געבן אויפן נײַ־געבוירענעם, ווײַל דער מאַן יענערס איז געווען אַן אומבאַהאָלפענער, איז זי אַהיים געגאַנגען נאָך האַלבער נאַכט. מיט אַ מאָל זענען ווי פון דער ערד אַרויס־געוואַקסן אַ ייִנגל מיט אַ מיידל, זענען צוגעלאָפן צו דער פעלדשערקע פאַרסאַפּעטע און זי געבעטן זי זאָל זיי ראַטעווען דאָס לעבן. זיי האָבן בײַ זיך אומלעגאַלע אויפרופן, וואָס די מאַכט טאָר נישט געפינען, און די גאַנ־צע שטאָט איז באַלאַגערט פון פּאָליציי.

די מאַמע מלכּהלע האָט לאַנג נישט געטראַכט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקעלע מיט די אומלעגאַלע אויפרופן, צעעפנט איר קויבל, עס אַרונטער־געשטופּט אונטער אַלע רפואות. זיי זענען פאַרשוווּנדן הינטער די ווענט און זי איז זיך פּאַמעלעך געגאַנגען איר וועג. מיט אַ מאָל אַ געלויף, אַ פּײַפערײַ פון צעהיצטע פּאָליציי, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך זייערע איי־גענע שאָטנס.

זיי האָבן בליץ־שנעל אַרומגערינגלט די פעלדשערקע און גלײַך זי דערקענט. דאָך האָבן זיי איר גענומען אויספרעגן פון וואַנען זי גייט אַזוי שפּעט און צי האָט זי קיינעם נישט אָנגעטראָפן. די פעלדשערקע האָט רויִק אָפּגעענטפערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ פאַרוווּנדערטע: ווער זאָל זי טרעפן אין אַזאַ שפּעטער שעה אין דער נאַכט?

די פּאָליציי זענען זיך צעלאָפן ווי די קעץ, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ מײַזל; די פעלדשערקע איז זיך געגאַנגען איר וועג.

*

צו די שיינע בלומען־טעפּ אירע האָבן איר דער בחור מיט דעם מיידל פון יענער נאַכט געבראַכט אַ געשאַנק — אַן אויסערסט שיינעם בלומען־טאָפּ מיט בלומען, וואָס האָבן שוין געהאַט אַפילו אַראָפּגעלאָזט די בלעטער פון דורשט, נאָר בײַ דער גוטער מאַמע מלכהלע האָבן די בלומען צוריק אויפגעלעבט און זיך אויף דאָס נײַ צעבליט.

איז געבליבן בײַ דער יוגנט אָט די פעלדשערקע, ווי די קלוגע מאַמע מיט איר גוט האַרץ און פאַרשטענדעניש, און דער זאָג אירער: „איר, יונג־וואַרג, ווילט ראַטעווען די וועלט און איך מאַטער זיך אַ גאַנץ לעבן צו ראַטעווען אַ מענטש" — איז אַרײַן אין זייערע צעברויזטע הערצער.

די יוגנט האָט איר געגעבן אַ צונאָמען:

„די נשמה פון אַ בלום".

# די מאַמע פון די פינף זין

אין איינעם פון די בריוו אין דער אָפּגעפונענער ירושה, וואָס חנה ליכטנ־שטיין האָט איבערגעלאָזט, שרײַבט זי: אַז יעדער נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, באַהאַלט זי די בלעטלעך — בלעטלעך פון אַ פאַרגאַנגען לעבן.

קיינער קאָן נישט זאָגן געניי אין וועלכער צײַט דאָס אַלץ איז פאַר־געקומען. חנהס פאַרשריבענע העפטן האָט מען אָפּגעפונען בײַ אַ ייִדישן פּראָפעסאָר אין אַמעריקע, אַן אָפּשטאַמיקער פון ווין. אַ פּעקל פאַרחתמעטע העפטן האָט מען אַנטדעקט פיל שפּעטער. און אַלץ — אָן דאַטעס. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע פון ווין נאָך ווי אַ יונגער סטודענט. זײַנע עלטערן, עמיגראַנטן, האָבן קיין מאָל קיין צײַט נישט געהאַט צוצורירן זיך צו דער ירושה, וואָס אַ ייִדישע משפּחה האָט זיי אָנפאַרטרויט פאַרן פאַרלאָזן ווין, ערב היטלערס באַזעצן עסטרײַך.

אויפן ערשטן העפט לייענען מיר: „חנה ליכטנשטיין, די מאַמע פון פינף זין", מיט אַ בײַגעלייגטן צעטל מיט די נעמען פון די זין און פון די שנורן. אַ קליינע אויטאָביִאָגראַפיע, אָבער קיין שום געגויע פּרטים און קיין דאַטעס זענען נישט צוגעגעבן. די איידעלע פרוי חנה האָט, ווײַזט אויס, געבענקט נאָך שיינקייט. אַלץ בײַ איר איז פאַרב און קלאַנג, אַלץ — האַרמאָניע. מען פילט אָבער אַרויס אירע גײַסטיקע ראַנגלענישן, ווי זי זוכט צו באַהערשן אירע אייגענע סתּירות. מיט איר שטאַרקן כאַראַקטער זוכט זי זיך צו ראַ־טעווען פון אַרומיקן תּוהו ובוהו. זי זוכט אַ תּיקון. איר גאַנג איז פון נאַכט צו טאָג. פון פינצטערניש צו ליכט. מ׳קאָן זאָגן: אַרויסצופירן דעם גע־דאַנק פון כאַאָס.

מ׳קאָן בפירוש אַרויסדרינגען פון אָט די פאַרשריבענע העפטן איר אי־נערלעכן געראַנגל. איר פאַרשן דאָס פאַרוויקלטע לעבן און דערבײַ זײַן אַ

זעלבשטענדיקער מענטש, מיט גערעכטיקייט, מיט ליבע צו פרײַנד, און דער עיקר — צו אירע קינדער. זי זוכט זיך צו דערגרונטעװען צו דער מיס־טעריע פון מענטש, װײל דערגײין די פּאַראַדאָקסן פון געשיכטלעכן פלאָג־טער פון דער צײַט; דאָס פּאָרװיסזען דאָס שלעכטע װאָס אונדזער צײַט טראָגט מיט זיך.

אַז איר לײענט אָט די נישט־געװײנלעכע העפטן דערװיסט איר זיך, אַז ס׳איז כדאַי זיך צו פאַרטראַכטן װעגן די אמתן פון אָט דער נישט דורכ־שניטלעכער פרוי.

געבוירן געװאָרן אין אַ דאָרף אין אוקראַינע, װו איר פאָטער האָט געהאַלטן אַ װאַסער־מיל, געהאַנדלט מיט װאַלד, פאַרװאַלטעט מיט אַ פּרי־צישן הויף. ער איז דערבײַ געװען אַ חסיד פון אַ רבין... (ס׳איז שװער גע־װען איבערצולײענען דעם נאָמען פון רבין).

זײַענדיק אַ קינד, שפּעטער װי אַ יונג מײדל, האָט חנה אַרויסגערופן באַװונדערונג בײַ די לערערס אין שולע, בײַ די װאָס פלעגן זיך אַ מאָל אָפּשטעלן בײַ איר פאָטער אין הויז, װאָס איז געװען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט װי אַ היים פון גאַסטפרײַנדלעכקײט. שפּעטער איז דאָס מײדל אָנגעקומען אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, דערנאָך — אויפן יורי־דישן פאַקולטעט אין אָדעסער אוניװערסיטעט. פאַרענדיקט איר לערע, האָט זי געלעבט אין קרײַז פון ייִדישע סטודענטן, ייִדישע שרײַבערס און קינסט־לערס פון אָדעס. איר טאַטע איז אומגעקומען אין אַ פּאָגראָם.

אַז זי האָט זיך אומגעקערט אַהײם, האָט זי צוזאַמען מיטן ייִנגערן ברו־דער, נחומקע, פאַרװאַלטעט מיטן טאַטנס פאַרמעגן. די פּויערים פון דער געגנט זענען געקומען צו איר נאָך גערעכטלעכע עצות. האָט זי רק געזוכט גערעכטיקייט, יושר. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר פון אָט דער באַרימטער שטאָט. פאַרלאָזט אין גיכן רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין װין.

אין װין פאַרענדיקט זי אירע שטודיעס און װערט אַדװאָקאַט. איר מאַן גיט לעקציעס פון פּיאַנע ייִדישע קינדער דאָרט און חנה שאַפט, מיט פיל פאַרשטענדעניש, דעם קלימאַט פון אַ געמיטלעכער היים. זי איז געװען אַ פרוי און אַ מאַמע.

איר מאַן, באָריס, האָט געאַרבעט איבער אַ סימפאָניע, געטרוימט צו דערהייבן זיך מיט זײַנע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס צו הייכקייטן. זיך געלאָזט באַווירקן פון בערליאָז, ליסט, טשײַקאָווסקי. זײַן פאַרעפנטלעכטע סימפאָניע האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם. צו זײַן ערשטן פּיאַנע־קאָנצערט איז געקומען אַ גרויסער עולם צוזאַמען מיט באַרימטע מוזיקערס.

ער איז געווען אַ גוטער טאַטע צו די פינף זין, וואָס עס זענען זיי פאַר דער צײַט געבוירן געוואָרן. חנה האָט זיי דערצויגן אין טראַדיציאָנעלן גײַסט פון ליבע, רעספּעקט, געטרײַשאַפט. באָריס איז געווען אַ גליקלעכער טאַטע, חנה — אַ שטאָלצע מאַמע.

זי האָט אָנגעפירט מיט אַ יורידישן קאַבינעט, צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַדוואָקאַטן, מיט פאַרשטענדעניש איינער פאַרן אַנדערן. חנה איז באַרימט געווען מיט איר שטאַרקן כאַראַקטער, אײַנגעשפּאַרטן ווילן צו דערגרייכן און שטײַגן וואָס העכער. פאַר דער אויסערלעכער וועלט האָט זי פאַרהאַלטן איר מיידלשן נאָמען, אָבער אין דער היים איז זי געווען די מאַמע חנה פון די פינף זין.

די קינדער זענען געוואַקסן, גרויס געוואָרן, חתונה געהאַט, יעדער לויט זײַן אייגענעם אויסקלײַב. כאָטש זי האָט פאַרלאַנגט כּבֿוד און דרך־ארץ פון די קינדער צו די עלטערן, איז זי געווען אַ חבֿר זייערער, אַ פרײַנד, אָבער — מיט דיסטאַנץ. די מאָס פון גלײַכגעוויכט האָט זי תּמיד אָפּגעהיטן.

בײַם טיש האָט די מאַמע חנה געהאַט איר שטענדיק אָרט — אויבן אָן. ווען זי האָט גערעדט האָבן אַלע געשוויגן. אויב עס איז אַ גאַסט אַרײַנגעקומען אין מיטן מאָלצײַט האָט יעדער גלײַך אוועקגעלייגט לעפל־גאָפל, שטיל געוואַרט ביז דער גאַסט וועט אַוועקגיין.

צוזאַמען מיטן מאַן האָט זי באַטראַכט פאַרשיידענע פּלענער פאַר די קינדער. צי וועט זי זײַן קעגן דעם אויב ווער פון אירע זין וועט זיך אויסוויילן אַ נישט־ייִדיש מיידל פאַר אַ פרוי? האָט זי דערויף גלײַך געענטפערט:

— זייער אויסוואַל וועט זײַן מײַן הסכּמה. אויב אָבער מ׳וועט מיך פרעגן, איז מיט דער האַנט אויפן האַרצן ווינטש איך זיי זאָלן חתונה האָבן מיט ייִדישע מיידלעך. פאַר זייער אייגענער האַרמאָניע אין פאַמיליען־לעבן, פאַר אַ גוטער פאַרשטענדעניש צווישן זיך. ס׳איז שוין אַזוי אויך שווער צו פאַרבינדן צוויי מענטשן, צוויי עקסטרעמען, אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס יע־

דער פון זיי האָט אַ באַזונדערן כאַראַקטער, אַן אַנדערן טעמפּעראַמענט, בילדונג, דערציִונג.

זי איז אַלע מאָל געווען געקליידט מיט געשמאַק, שיין פּאַרקעמט. שבת, אַז זי איז געזעסן בײַם טיש, האָבן געברענט די ליכט אין די זילבערנע לײַכטער, וואָס זי האָט געירשנט פון איר מאַמען. איר מאַמע האָט זיי שוין געהאַט באַקומען פון איר באָבען. מיט איין האַנט האָט זי אונטערגעהאַלטן איר קאָפּ און אַ שמייכעלע האָט געשפּילט אויף איר פּנים. אין אירע באַקן זענען געשטאַנען די חן־גריבעלעך. זי האָט זיך אײַנגעהערט צו די פּיאַנע־קלאַנגען אונטער דער באַרירונג פון איר מאַנס פינגער.

ווי אַ סוד האָט זי אים אַנגעטרויט די רויִקייט פון איר ליכטיקער היים: „די צײַט איז מיר געוואָרן קאַרג, די נאַכט איז מיר ווייניק צו טראָגן דעם עול פון שׂימחה".

„יעדער נאַכט ענדיקט זיך מיטן באַגינען. כ'ווער שיכור פון דער פרייד און שעפּ גלויבן פון דעם אַמאָל".

„האָרך, באָריס, האָרך ווי אַלצדינג זינגט, און דו און איך זענען לוי־טער ליבע. אַ שטים, אַ ניגון צעגייט זיך אין דער שטילקייט. איז עס אַ קלאַנג פון אַ ליד, וואָס נאָר איין מאָל הערט מען עס? ס'איז מײַן חלום אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. מײַן האַרץ קלאַפּט גיך. די נאַכט פאַר־וועבט אונדזער סוד, און איך זינג: קום, קום, לאָמיר גיין צוזאַמען מיט די קינדער".

דאָס איז, לויט אַ פאַרצייכענונג, געווען אין אַ פרײַטיק־צו־נאַכטס, בעת שלווה, ליבע און פרייד האָבן שיר־השירימדיק געשוועבט אין איר וווינונג.

אָבער — דאָס לעבן פון דער מאַמע חנה איז נישט געווען בלויז פרייד. זי האָט פאַרשטאַנען די פילאָסאָפיע פון לעבן, פאַרגליכן זי צו אַ געמעל, צו אַ בילד פון אַ גרויסן קינסטלער:

— „בכדי אַרויסצובאַקומען די העלסטע פאַרבן, מוז דער קינסטלער באַנוצן אויך טונקעלע פאַרבן.

ס'איז אָבער נישט פאַראַן קיין פרייד אָן טרויער. בלויז אין דער מישונג באַקומט זיך האַרמאָניע. בלויז אַזוי באַקומט זיך דאָס בילד פון אַ מענטש־לעך לעבן — ליכט און שאָטן".

די מאַמע מיט אירע פינף זין זענען אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנצער געזעלשאַפט. די רינגעלעך האָבן געשאַפן אַ קייט.

אין די יום־טובים איז די היים פון דער מאַמע חנה געוואָרן איבערפולט מיט די זין, שנורן, אייניקלעך און פריַינד. די מאַמע חנה, אין התפּעלות, האָט געזונגען די זמירות, וואָס זי האָט געהערט אַמאָל ביַי איר טאַטן, כאָטש אין ווין איז דאָס שוין נישט געווען אין דער מאָדע. די פרויען און קינדער האָבן מיטגעהאָלפן. געוויסע מעלאָדיעס פון זייער טאַטן דעם מוזיקער האָבן צוגעגעבן באַזונדערע שיינקייט. זענען דאָס געווען אומפאַרגעסלעכע אָוונטן.

די האָר זענען גרוי געוואָרן? די יאָרן זענען געלאָפן?

עס זענען אָבער געווען יאָרן פון פרייד: חתונות, געבורטן פון אייניקלעך, שימחות אין דער משפחה. ביז זי איז געוואָרן אַן אַלמנה. דער מאַן איז געשטאָרבן אין אַ טיפוס־עפּידעמיע. איר לאַסט איז געוואָרן אַ שווערע, כאָטש די משפחה האָט זיך צעבליט און צעצוויַיגט.

„די שטערן פאַלן איינציקוויַיז פונעם הימל, עס לעשט זיך זייער ליכט שנעל און שטיל אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט" — האָט חנה פאַרצייכנט אין איר טאָגבוך. — „פון ערגעץ וויַיט הער איך דעם טיק־טאַק פון זייגער. צי וועלן מיר די שעהען דערציילן פון נייַעם גליק? איך הער, דו רופסט מיך ביַים נאָמען. אפשר איז עס גאָר אַ שאָרך פון דרויסן, וואָס קומט אַריַין דורכן פענצטער?"...

חנה איז געבליבן וווינען אין דער גרויסער ליידיקער היים. עס פלעגן זיך נאָך אַלץ יעדן פריַיטיק־צונאַכטס צונויפקומען די זין מיט זייערע פרויען און די גרעסערע אייניקלעך. מ'האָט געזונגען דעם טאַטנס ניגונים; און זי, די מאַמע, איז געווען זייער פרינצעסין, איז זיך געזעסן אויבן־אָן, באַשייַנט פון די פיר גרויסע ליכט אין די זילבערנע לייַכטער.

זי איז געווען געגליכן צו אַ דעמב אין מיטן וואַלד. אַרום איר — ביימער אוןביימלעך. ווען דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין די צוויַיגן, האָבן זיי זיך צעוויגט ווי אין אַ תפילה.

זענען די ציַיטן געוואָרן שווערער, שווערער. דער יינגסטער זון האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיַין פּראַקטיק־לערע ווי אַ דאָקטער פאַר קינדער־קראַנקייטן, אויך זיַין פרוי איז נאָך געווען סטודענטין אויפן מעדיציניש

פאַקולטעט, האָט זי אים באַשאָנקען מיט אַ קינד, אַ ייִנגעלע. די קליינע וווינונג איז פאַר זיי זאַלבעדריט געוואָרן צו ענג, האָט די מאַמע חנה זיי פאַרגעלייגט אַ האַלב הויז פון איר היים, זיי זאָלן קאָנען לעבן אַ ביסל באַקוועמער, זי האָט זיי דערבײַ אויך פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיי נישט שטערן, וועט נישט קומען צו זיי אויב זיי וועלן זי נישט פאַרבעטן.

די שנור אירע האָט געטראָגן אַ העברעיִשן נאָמען טוב, ווײַל אירע עלטערן, ציוניסטן, האָבן זייערע קינדער באַנאָמענט מיט העברעיִשע נעמען. און, גאָרנישט ווי עס פּירט זיך, האָט דער נאָמען אירער געפּאַסט איר כאַראַקטער, זי איז ממש געווען אַן אבן טוב.

און אין די נעכט פון שווערן געמיט, פלעגט חנה אויפהייבן די הענט צום הימל און אויסרופן:

„גאָט מײַנער, זאָלסט מיך נאָר נישט פּרווון מיט דעם אַלעם, צו וואָס דער מענטש קאָן זיך צוגעוווינען".

חנה האָט זיך פאַרקילט, אַ לונגען־אָנצינדונג מיט הויכן פיבער וואָס האָט זיך קאָמפּליצירט. עס האָט זיך איר אויך געמאַכט אַ רויז אויף אַ פוס. האָט זי געליטן גרויסע ווייטיקן. זי האָט אָבער געוואָלט אַז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. זי האָט געהאַט פאַר וועמען אָראָפּצורעדן זיך פון האַרצן — אירע העפטן. זיי האָט זי אַלץ אָנפאַרטרויט. דורך די העפטן דערוויסן מיר זיך וועגן די ביטערע אַנטוישונגען וואָס זי האָט געהאַט אין איר לעבן. אָבער — פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט זיך, קיין מאָל נישט.

כאָטש די קינדער האָבן אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר זייער מו־טער האָבן זיי אירע ליידן נישט אין גאַנצן דערשאָצט. נישט דערשאָצט אירע עגמת־נפשן, אירע איבערלעבונגען, ווײַל זי האָט זיך קיין מאָל נישט באַ־קלאָגט. זי האָט זיך צום וויפלטן מאָל דערמאָנט איר מאַמעס גלײַכווערטל:

„געבן זיך אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין" — — —

לאַנגע חדשים איז חנה אָפּגעלעגן אין בעט. פון אָנהייב זענען נאָך די קינדער אָפטער געקומען, דערנאָך — ווינציקער. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט:

— פאַרשטייסט, מאַמע, באַלאָדן מיט זאָרגן פון דער פאַמיליע, דאגות...

ס'געשעט אַ מאָל, איינעם פון די זין פאַרוועלט זיך אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן בײַם בעט פון דער מוטער, געפעלט עס נישט זײַן פרוי. אַ יונגע מאַמע, זי האָט אירע אייגענע זאָרגן. חנהן האָט עס ווי געטאָן, אָבער — צוגעגעבן דער שנור גערעכט. ווי נאָר די ווייטיקן האָבן איר אַ ביסל נאָכגע־

לאָזט, האָט זי זיך דערשלעפּט צו דער פּיאַנע, אַ מיש געטאָן אין די קאָמ־פּאָזיציעס פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. אירע לאַנגע בלייכע פינגער האָבן געבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן. געוואָלט פאַרטרײַבן דעם אומעט און די בענקשאַפט. זי האָט אָבער אויך געוואָלט צוּוויסן געבן איר יינגסטן זון מיט זײַן ווײַב טוב, אַז זי גיט זיך גאַנץ גוט אַן עצה אַליין. זאָלן זיי רויִק טאָן זייער אַרבעט בײַם צוגרייטן זייערע עקזאַמענס, האָדוּוען זייער יינ־געלע. —

אַז דאָס קומען פון די קינדער איז געוואָרן זעלטן און זעלטענער, האָט זיך חנה דערמאָנט, וואָס איר מאַמע האָט געפּלעגט דערציילן. האָט זי דאָס פאַרשריבן אין פערזן:

(זי האָט געזען אַ מאָל)
אין חלום, אַ הימל ווי אַ פעלד פאַרשפּרייט,
און אַ לבנה, וואָס שטערן פאַרזייט;
נאָר ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט,
איז אַלץ גלײַך פאַרבײַ,
און ס׳האָט אַ טאָג אויפן האַרץ זיך געלייגט,
נאָך שווערער פון בלײַ.

צו פרילינג האָט חנה זיך געבעסערט. זי איז אויפגעשטאַנען פון בעט. די קראַנקנשוועסטער האָט זי צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט אין דרויסן. זי האָט זיך געקוויקט מיט דער פרישער לופט, מיט דער זון־שײַן: געזען אַ פויגל פליִען און מענטשן פאַרטאָן אין זיך, אײַלן איבער די גאַסן, פּונקט ווי קיינער וואָלט נישט קראַנק געווען.

ווען זי האָט זיך שוין געפילט גענוג גוט צו שטיין אויף די פיס, איז זי אַוועק צו דער אַרבעט אין איר ביוראָ, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט אויפגעגעבן אין גאַנצן.

אין אָוונט איז זי געווען פאַרבעטן צו די קינדער, צום יינגסטן זון, וואָס וווינט אין איר הויז. די גוטע שנור טוב האָט זי אָפּגעהיטן. אויך דער זון האָט געוואָלט געבוי וויסן, זיך נאָכגעפרעגט וואָס זי מאַכט מיטן געזונט. ער האָט זי באַרויִקט, אַז פון הײַנט אָן קען זי גיין צו די משפחות, פרײַנד, באַזוכן קראַנקע, איינזאַמע מענטשן... ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן טעלעפאָנען

פון די איבעריקע קינדער, געבעטן דער מאַמען זי זאָל קומען אויף אָונט־ברויט, אויף אַ גלאָז טיי.

אָבער פרײַטיק־צו־נאַכטס האָט זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזן איר אייגן הויז, נישט געוואָלט פאַרשעמען אירע לײַכטער, האָט אַרײַנגעזעצט אין זיי ליכט, זיי אָנגעצונדן. דאָס פּײַערלעכע ליכט האָט באַלויכטן — האָט זיך איר געדוכט — איר גאַנצן שטאַם, איר יחוס. בײַ דער שײַן פון די לײַכטער האָט זי פאַרשריבן אין אירע העפטן:

„ס׳איז מײַן אומעט תּמיד גרעסער ווי די פרייד. די טעג פאַרגייען אין טרויער, די נעכט יאָגן אָן אַ פּחד אויף מײַן הויז. כ׳האָב אַ בונד געשלאָסן מיטן שווײַגן. אַלץ איז אין מײַן זכרון צוגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער און דעם שליסל האָב איך ערגעץ ווו פאַרלוירן״...

און חנה איז ווידער אויפגעגאַנגען, ווי דער קאָרן אין פעלד, נאָך אַ שווערן ווינטער.

זי האָט פאַרבראַכט בײַ איר זון שלומקע. די שנור רבקה, אַ גרויסע בריה, האָט שטענדיק געהאַט דאָס לעצטע וואָרט צו זאָגן אין הויז. שבת־צו־נאַכטס גייט זי צו הערשעלען. ער איז אַ גוטער פידלער, ענלעך צום פאָטער. זײַן פרוי ביילטשע איז אַ מלאך אַ פרוי, און די אייניקלעך — אַ קוואַל פון פרייד.

געקומען צו איר פרײַטיק־צו־נאַכטס איז דער פערטער זון, מאָטל. ער איז אַ צאָן־דאָקטער, זײַן פרוי פייגעלע זינגט טאַקע ווי אַ פויגל, צוזאַמען מיט זייערע צוויי מיידעלעך און דרײַ ייִנגעלעך. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ אין ווין האָבן זיי אַלע גוייִשע נעמען, חוץ איר שנור טוב.

— נו, טענהט די מאַמע חנה — ווען איז נאָך אַזוי וואויל ווי מיר ?

אָבער דאָס זאָגט זי נאָר פאַר זײַטיקע. אַנדערש רעדט זי אויס דאָס האַרץ פאַר אירע העפטן. דאָרט פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט איר ליבסטער זון יוסף. ער הייסט נאָך איר טאַטן. ער איז אָבער צו פיל אַרײַנגעטאָן אין דער מעדיצין, פאַרנומען מיט די קינדער, מיט דער פרוי טוב. און דער גוטער טוב פאַרדריסט וואָס דער מאַן גיט זיך צו פיל אָפּ מיט דער מאַמען...

חנה פילט אַז איר לעבן קײַקלט זיך באַרג אַראָפּ:

„אַ נס, אַ וווּנדער. אָט איז עס דאָ און אָט — שוין פאַרבײַ. אַ חלום נאָר, אַ טרוימערײַ. קיין צײַט אַפילו פאַר טרערן. נאָר אין דער קורצער

מינוט האָב איך אַלץ אין קאָן געשטעלט — גלויבן, מוח, האַרץ, מײַן גאַנצע וועלט; צי איז עס בלויז אַ שפּיל פון אַ פּרילינג־נאַכט, צי אַן אויגנבליק פון גנאָד״?

ווען דער מיטלסטער זון שלומקע האָט איר גערופן דורכן טעלעפאָן, האָט חנה כסדר איבערגעחזרט:

— כ׳הער נישט וואָס דו רעדסט, מײַן קינד... עס רוישט מיר אַזוי שטאַרק אין די אויערן... כ׳הער נישט... כ׳פאַרשטיי נישט...

האָט שלומקע זיך שטאַרק דערשראָקן און אַלאַרמירט די איבעריקע קינדער. אין אָוונט זענען זיי זיך אַלע צוזאַמענגעקומען און געפונען די מאַמע אַ רויִקע, אַ שמייכלענדיקע. ווי אַזוי איז זי פּלוצים טויב געוואָרן?...

*

ווען די וווּנדערלעכע חנה פון די פינף זין איז אַוועק פון דער וועלט, האָט מען געפונען אין איר צוואָה, אַז זי איז גאָר נישט טויב געווען, זי האָט זיך נאָר אַזוי געמאַכט; זי האָט נאָר געוואָלט נישט הערן דאָס וואָס מען זאָגט הינטער אירע פּלייצעס. אין אירע העפטן איז געווען פאַרשריבן:

„כ׳האָב אײַך אַלעמען ליב, קינדער מײַנע. כ׳בין אײַך אַלעמען מוחל אַלע אײַערע עוולות. איר ווייסט, אַז כ׳האָב, חלילה, צו קיינעם נישט גע־דאַרפט אָנקומען. כ׳האָב זיך נאָר געניייטיקט אין אַ קאַפּעלע ליבע און אויפמערקזאַמקייט, בעת כ׳האָב אײַך געטיילט ליבע פולע זשמעניעס. כ׳בין אײַך אַלץ מוחל. געדענקט אָבער אין דעם ווערטל: „ווייי איז צום הויז וואָס ברענט פון אינעווייניק און פון דרויסן זעט קיינער גאָרנישט״...

# אַ שנירל פּערל

זינט איך געדענק, פלעגט מײַן מאַמע טראָגן אַ לאַנגע שוואַרצע פּעלערינע.

אונטער דער פּעלערינע האָט זי געטראָגן אַ ווײַסע בלוזע מיט אַ טונקל־בלוי האַלב־קלייד, די אוניפאָרם פון אַ קראַנקנשוועסטער. אַפילו אין דרויסן, חוצן שפּיטאָל, וואָס איז אַגב געשטאַנען נישט ווײַט פון דעם הויז וווּ מיר האָבן געוווינט, האָט זי געטראָגן די דאָזיקע ווײַסע בלוזע אירע. זייער אָפט אויך אין שטוב.

עד היום פלאַטערט אַרום אין מײַן זכרון די דאָזיקע ווונדערלעכע געשטאַלט פון מײַן מאַמען און אין מײַן פאַרשטעלונג קוקט זי אויס ווי אַ געהיימנישפולער אורח, וואָס איז אַראָפּגעקומען צו אונדז כדי אויסצופילן עפּעס אַ שליחות און ס'איז פאַר אונדז קלאָר און זיכער אַז ווי נאָר דער גאַסט וועט האָבן פאַרענדיקט זײַן שליחות, וועט ער פאַרשווינדן אַהין פון וואַנען ער איז געקומען.

פלעג איך שטענדיק זיך ריכטן, אַז אָט־אָט און נישטאָ מײַן מאַמע. חושך און ווייסט ווערט אונדזער שטוב. פאַרשווונדן איז דער גאַסט מיט דער שוואַרצער פּעלערינע און מיט דער ווײַסער בלוזע, מען ווייסט נישט וווהין, מען ווייסט אַפילו נישט וואָס פאַראַ בשׂורה ער האָט אונדז געבראַכט און וואָס פאַר אַ צוואָה ער האָט אונדז איבערגעלאָזט.

קינדער זענען מיר געווען פון אַ טאַטן אַ פּשוטן, וואָס איז געווען ווי אַלע ייִדישע טאַטעס: דרײַ מאָל אין טאָג דאַוונען — שחרית, מנחה, מעריב. און דאָס איבעריקע — אויך ווי אַלע ייִדן.

אָבער פון אַ מאַמען, וואָס איז סײַ לויט איר גאַנג, סײַ לויט איר געשטאַלט געווען גאָר אַנדערש פון אַלע אַנדערע מאַמעס. קיין שײַטל האָט זי נישט געטראָגן, האָט נישט געקרעכצט און נישט געזיפצט, האָט נישט אַרומ־

געשמײַעט אַרום אירע קינדער ווי אַ הון אַרום אירע הינדעלעך. ניין, אַ הײַנטוועלטיקע איז זי געווען און דערצו נאָך אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער.

אין די דעמאָלסטיקע צײַטן איז זי שוין געווען פון דער הײַנטיקער, פון אונדזער איצטיקער וועלט.

דעמאָלט איז דאָס געווען אַ חידוש גדול, בפרט אין די קליינע שטעט־לעך: אַ ייִדישע פרוי, אַ מאַמע פון קליינע קינדער, זאָל זײַן אַ דיפּלאָמירטע קראַנקנשוועסטער, כמעט אַ דאָקטאָרשע? ווו איז דאָס געזען און געהערט געוואָרן? אַ ייִדישע מאַמע זאָל זיך באַגיין אָן תּחינות און אָן ווײַבערישע פּליאָטקעס — נישט אַנדערש אַ גילגול איז אין איר אַרײַן.

אַזאַ איז געווען מײַן מאַמע, כאָטש זי האָט זיך גערופן פּראָסט און פּשוט חנה.

וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז מײַן מאַמע איז טאַקע געווען אַ „בעזבאָזשניצע״, אַזאַ וואָס גלייבט נישט אין גאָרנישט, חוץ אין דער „נאַטור״ אָדער אין דער „מענטשהייט״. ניין. זי איז גראָד יאָ געווען רעליגיעז, כאָטש פון די אַלע דרײַ אָבליגאַטאָרישע מצוות וואָס אַ ייִדישע פרוי איז מחויב אָפּ־צוהיטן, האָט זי אָפּגעהיטן אפשר צוויי, וואָרום חלה־נעמען האָבן מיר פון איר קיין מאָל נישט געהערט און נישט געזען. איך גופא האָב זיך דער־וווסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ ווײַבערישע מצווה, ערשט אין יאָרן אַרום, פון אַ ראָמאַן וואָס איך האָב געהאַט געליינט...

וועגן די איבעריקע מצוות, וואָס ווערן אָפּגעהיט דורך די אַנדערע ייִדי־שע ווײַבער, האָט זי זיך נישט געקימערט. זי האָט אַפילו נישט אַכטונג געגעבן אויף מיר און אויף מײַנע ברידערלעך מיר זאָלן, חס ושלום, נישט פאַרפעלן אַ מנחה אָדער אַ מעריב אָדער צו מאַכן אַ ברכה פאַרן עסן.

מיט איין וואָרט: אַ הײַנטוועלטיקע פרוי איז זי געווען, מײַן מאַמע די קראַנקנשוועסטער.

אויב זי פלעגט קנאַפּ וואָס ריידן וועגן דער מענטשהייט, וואָס איז אין אירע אויגן געווען נישט מער ווי אַן אַבסטראַקציע, האָט זי אָבער סײַ אין געדאַנק, סײַ אין טאַט, זיך תּמיד פאַרנומען מיטן יחיד; זי האָט געגלייבט, אַז דער מענטש, דער יחיד, אַלץ איינס אַ ייִד צי אַ נישט־ייִד, פאַרדינט מען זאָל אים גוטס טאָן, אַנטקעגן קומען, אַפילו זיך מקריב זײַן פאַר אים.

יעדער מענטש בײַ ייִדן איז אַן „עולם קטן״, אַ קליין וועלטעלע, אָבער אַ גאַנצע און דערצו נאָך אַ קאָנקרעטע וועלט, וואָס מען קאָן זי ממש אָנ־

טאָפּן מיט דער האַנט. כּדי זי צו פאַרשטיין דאַרף מען זיך נישט אַרײַנלאָזן אין וועלכע נישט איז חקירות. אָן חכמות, אָן גריבלענישן קאָן מען זי באַ־גרײַפן, דערנאָך קאָן מען — דאַרף מען זי אָננעמען פאַר דער האַנט ווי אַ בלינדן און זי פירן, העלפן איר אַרויסגיין כאָטש אויף אַ רגע לאַנג פון איר מרה־שחורה, פון איר פּחד פאַר די קראַנקייטן וואָס לויערן תּמיד אויף איר, פאַרן טויט וואָס וואַרט אויף איר, אויף אַט דער קליינער וועלט.

זײַענדיק אַ קראַנקנשוועסטער האָט זי געהאַט געלעגנהייטן גענוג זיך צו באַקענען מיט אָט דעם „עולם קטן", וואָס איז פּונקט אַזוי קליין און נישטיק, ווי גרויס, ווי ריזנגרויס עס איז זײַן פּחד פאַר זיך גופא און פאַר אַלע סכּנות פון זײַן אָרעמען לײַדנדיקן גוף. וואָרעם אין אַ שפּיטאָל פילט זיך דער קראַנקער פון איין זײַט גרויס ווי גאָר די וועלט, ווײַל זײַן ווייטיק, וואָס גריזשעט, רײַסט, בײַסט, שטעכט אים אין די סאַמע ווײַסטסטע ערטער פון זײַן גוף — איז גרויס. פון דער צווייטער זײַט אָבער פילט ער זיך קליין, נישטיק, ווײַל זײַן מורא פאַרן טויט דריקט אים צו צו דער וואַנט און כאַפּט אים אָן אַזש אָן פאַרן גאָרגל, דאָס הייסט דאָרטן, אין דעם ענגסטן אָרט פון וואַנען די נשמה גייט אַרויס פון קערפּער.

וואָלט אַ קראַנקנשוועסטער מיט האַרץ און מיט געפיל געדאַרפט שטיין בײַם בעטל פון יעדן חולה, שטיין, דאָס הייסט בײַשטיין אים אין זײַן נויט, אין זײַן שרעק, אָבער אַזוי ווי דאָס איז אוממעגלעך, פלעגט מײַן מאַמע כּסדר לויפן פון איין בעטל צום צווייטן, פון איין „עולם קטן" צום אַנדערן, און מונטערן און היילן מיט וואָרט און מיט טאַט, טרייסטן איטלעכן לויט זײַנע באַדערפענישן און לויט זײַנע מעגלעכקייטן געטרייסט צו ווערן.

די מאַמע פלעגט בלאָנדזשען, איר געשטאַלט האָט געפלאַטערט, די אויגן פול מיט טרערן, וועלכע קיינער האָט נישט געזען, עס איז איר בי־טער אויפן האַרצן, שווער; די געפילן טרויט זי בלויז אָן דער נאַכט — ווו קיינער גייט נישט, קיינער זעט נישט.

ווי אַזוי קומט אַ דיפּלאָמירטע קראַנקנשוועסטער, מײַן מאַמע הייסט עס, צו זײַן די פּרוי פון אַ ייִדן אַ לערנער, וואָס זיצט טאָג און נאַכט אין בית־מדרש איבער דער גמרא און פון וועלטלעכע זאַכן האָט ער כּמעט קיין אָנונג נישט, חוץ דעם וואָס ער פלעגט, ווי פון יוצא וועגן, און ווי איבער געוואָלד אַרבעטן בײַ אַ ווײַטן קרוב אין קאַנטאָר, נישט ווײַל ער האָט זיך

אין מײַן טאַטנס אַרבעט געניטיקט, נאָר ער האָט אים געהאַלטן פון רחמנות וועגן ?

גיי פרעג אַ קשיא בײַם רבונו של עולם, וואָס פּערציק טעג איידער אַ קינד ווערט געבוירן, רופט ער אויס אין הימל, אַז „ער" און „זי" וועלן זײַן אַ פּאָרל און — אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָר מאַן און ווײַב. עס מאַכט נישט אויס, וואָס דעם דאָזיקן באַשערטן זיווג וועט זיך דוכטן, אַז ער איז צו־שטאַנד געקומען דורך אַ שדכן, וואָס ציט דערפון זײַן חיונה. דער אייבערש־טער וואָלט געקענט זיך באַגיין אָן אַ שדכן אויך ווי באַלד ער האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל נאָך פאַר זייער ביידנס געבורט באַשלאָסן, אַז זיי זע־נען דאָס אמת־ריכטיקע פּאָרל.

פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע וועגן וואָס פירן פון אַ חתן צו אַ כלה. זיי קאָנען, צום בײַשפּיל, זיך טרעפן ערגעץ־ווו אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אָדער גאָר, אויב עס רעדט זיך וועגן די מאָדערנע צײַטן אונדזערע, אין אַ טעאַטער אָדער אין אַ קינאָ, און מאַלע ווו.

מײַנע דערנאָך געוואָרענע טאַטע־מאַמע האָבן זיך באַגעגנט, ווי מײַן מאַמע פלעגט דערציילן, אין שפּיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט. געווען אַ מעשׂה מיט אַ פוס וואָס האָט זיך צעבראָכן בײַ מײַן טאַטן און מען האָט אים גע־דאַרפט אָפּעררין.

מײַן טאַטע איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין: אַ קאָפּ געקרײַזלטע האָר און אַ פּאָר שוואַרצע אויגן. מײַן מאַמע, ווידער איז געווען אַ בלאָנדע מיט אַ ווײַסער צאַרטער הויט און מיט אַ פּאָר בלויע אויגן וואָס האָבן נישט זייערס גלײַכן.

שיינקייט ציט צו שיינקייט, ווי אַלע ווייסן, און טאָמער איז די קראַנקנ־שוועסטער, די נאָך־נישט־חתונה־געהאַטע, נישט בלויז אַ דיפּלאָמירטע קראַנקנשוועסטער, נאָר אויך אַ מין „אַחותי כלה", ווי אין שיר־השירים ווערט געזאָגט, דאָס הייסט: „מײַן שוועסטער־כלה", און עס גלוסט זיך איר ציטירן אַ פּסוק פון דעם זעלביקן שיר־השירים און אַרײַנשושקען איר פּאַ־ציענט אין אויער אַרײַן: „אני לדודי ודודי לי", איך געהער צו מײַן גע־ליבטן און מײַן געליבטער געהערט צו מיר — דעמאָלט קאָן מען שוין זיכער זײַן אַז זיי זענען טאַקע ד ע ר זיווג, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן אויבן, אין הימל.

אַזוי אַרום איז געקומען דערצו, אַז זיי זענען געוואָרן מײַנע טאַטע־

מאַמע, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי האָבן — הײַנטוועלטיק באַטראַכט און הײַנטוועלטיק זיך אויסגעדריקט — איינער צום צווייטן נישט געפּאַסט, אָבער טאַקע לגמרי נישט געפּאַסט.

פון דעסטוועגן, אויף וויפל איך געדענק, איז צו קיין קריגערײַען, ווי עס טרעפט אין פאַל ווען דער שידוך שטעלט זיך שפּעטער אַרויס ווי אַ שידוך־טעות, נישט געקומען. דרײַ קינדער זענען געקומען אויף דער וועלט, איין מיידל און צוויי יינגלעך. איך בין דער עלטסטער, דער בכור אין דער פאַמיליע. אַלע דרײַ קינדער זענען נאָרמאַלערהייט געוואָקסן, צוזאַמען אָבער מיט זיי איז אויך געוואָקסן די נויט אין שטוב, ווײַל מײַן מאַמע וואָס איז געווען די גאַנצע פאַרדינערקע אין שטוב, איז אַלט געוואָרן פאַר דער צײַט און האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט אַזוי צו אַרבעטן ווי פריִער.

אויך מײַן טאַטע האָט זיך שטאַרק געעלטערט און פון קאָנטאַר האָט מען אים אָפּגעזאָגט. דערפאַר אָבער האָט ער געקאָנט זיך מער ווי פריִער מיִען אין דער תּורה. אמת, קיין חיונה האָט דאָס נישט אַרײַנגעבראַכט, איז טאַקע געקומען אַזוי ווײַט, אַז עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט אין אונדזער שטוב.

די מאַמע האָט שטיל, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן: ווי ווײַט קאָנסטו גרייכן אַז דער כּוח לאָזט זיך אויס, ווער וועט מיר העלפן, ווער?

פאַראַן בײַ יידן אַ גלײַכווערטל: „גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכּה”. מכּות זענען אין מײַן פאַמיליע געווען אַ סך מער ווי אין דער הגדה. ווער קאָן זיי גאָר אַלע אויסרעכענען? קודם איז מײַן טאַטע קראַנק געוואָרן און איז באַלד אַוועק פון דער וועלט, דערנאָך איז דאָס שוועסטערל מײַנס קראַנק געוואָרן און איז שיער־שיער נישט געשטאָרבן. לאַנגע טרויעריקע נעכט איז מײַן מאַמע געזעסן בײַ איר בעטל און האָט אויפגעפּאַסט מיט טויזנט פאַרוויינטע אויגן אויף איר. דערנאָך...

נאָר וואָס זאָל איך דאָ אויסרעכענען אַלע צרות, יסורים און ניסיונות וואָס מײַן אָרעמע מאַמע איז אויסגעשטאַנען, ביז עס איז געווען אַ מעשׂה און די לעצטע „רפואה” וואָס מײַן מאַמע האָט געהאַט אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, איז דורך דעם יינגסטן ברודערל מײַנעם, דודל, וואָס איז געווען דער מאַמעס ליבלינג — חרוב געוואָרן.

עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם שנירעלע פּערל, וואָס מײַן מאַמע האָט באַקומען בירושה פון איר מאַמען. דער באָבעס פּערל איז געווען אַ חתונה־מתּנה, וואָס זי האָט געקראָגן פון דער עלטער־באָבען און פאַר דעם — ווער ווייסט פון וועלכן דור די דאָזיקע פּערל האָבן געשטאַמט, ביז זיי זענען אַרײַן אין דודלס הענט.

קיינער האָט קיין מאָל אין שטוב בײַ אונדז פון דעם דאָזיקן אוצר נישט גערעדט און אפשר אויך אים אַפילו נישט ריכטיק אָנגעקוקט, סײַדן בײַ גאָר אַ זעלטענער געלעגנהייט. וואָרעם געלעגן איז ער באַהאַלטן בחדרי חדרים, און נאָר מײַן מאַמע ע״ה האָט די באַהעלטעניש געקענט. איינס איז געווים: איך האָב קיין מאָל נישט געזען, נישט שבת, נישט יום טוב מײַן מאַמען טראָגן דאָס שנירל פּערל אויף איר האַלדז.

פאַר וואָס? אפשר האָט מײַן מאַמע מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע, אפשר איבער אַן אַנדער סיבה. פאַר יעדן פאַל האָב איך גאָר יונגערהייט שוין געוווּסט — ווײַל איך האָב דאָס געהערט מײַן מאַמען מער ווי איין מאָל זאָגן, אַז פון הונגער וועלן מיר נישט שטאַרבן. בלית ברירה וועט אונדזער מאַמע פאַרקויפן דאָס שנירל פּערל; וואָרעם דאָס לעבן, פלעגט זי זאָגן איז טײַערער פון אַלע אוצרות אין דער וועלט.

אין מײַן קינדערישער פאַנטאַזיע פלעג איך זיך, געדענק איך, אויס־מאָלן מײַן מאַמעס שנירל פּערל ווי אַ מין קייט אַ לאַנגע מיט וועלכער מען וואָלט געקאָנט אַרומרינגלען, אויב נישט די גאַנצע וועלט, איז ווײַ־ניקסטנס אַ באַרג אַ הויכן, אָדער כאָטש דאָס בערגל וואָס הינטער אונדזער שטעטל, דאָס בערגל, פון וואַנען עס קלעטערט כסדר אַרונטער דער הונגער און פון אים נעמען זיך אַלע צרות, ווי מיר קינדער פלעגן מיינען, פּונקט אַזוי ווי פון דער חורבה, פון וואַנען עס קריכן אַרויס בײַ נאַכט די שדים און פאַלן אָן אויף פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן.

פלעג איך טאַקע האַלטן אין איין ציטערן בײַ נאַכט אויף מײַן געלעגער און מורא האָבן, אַז די דאָזיקע רוחות און טײַוולאָנים זאָלן זיך נישט דער־וויסן פון דער באַהעלטעניש פון מײַן מאַמעס פּערל און זאָלן נישט קומען זיי אַוועקרויבן פון אונדז.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן שרעק איז געווען אַן אומ־זיסטע, וואָרעם די מערסטע צײַט פלעגט דאָס שנירל פּערל ליגן פאַרזעצט אין שטעטלשן לאָמבאַרד, ווײַל ווי נאָר דער דלות אונדזערער פלעגט אויפֿ־

הייבן דעם קאָפּ ווי אַ הונגעריקער וואָלף, און ווי נאָר עס פלעגט אין שטוב ווערן „באו מים עד נפש", דאָס הייסט: ווי נאָר די וואַסערן פלעגן דערגיין ביז צו דער נשמה, איז געוואָרן דאָס באַהעלטעניש אויסגעליידיקט: דער לאָמבאַרד האָט איינגעשלונגען דעם אוצר. און ליגן פלעגט דאָרט דאָס שנירל פּערל ביז צום לעצטן טערמין. די מאַמע פלעגט דאַן לויפן אויס־לייזן פון לאָמבאַרד אירע פּערל, אַנישט איז געווען אַ סכנה, ווי עס פאַר־שטייט זיך פון זיך אַליין, אַז מיר זאָלן אָנווערן אונדזער אוצר אויף אייביק.

ווי אַזוי און ווו די מאַמע האָט געפונען דאָס אויסלייז־געלט, איז פאַר אונדז געווען אַ רעטעניש וואָס איז פאַר מיר פאַרהוילן ביז היינטיקן טאָג.

מאַכט זיך איין מאָל אַ שבת פאַר נאַכט, אַז די מאַמע דאַרף גראָד דיזשורעווען אין שפּיטאָל. איך האָב זיך פאַרקליבן מיט אַ ביכל אויפן בוידעם. אין שטוב האָט מען געוואַרט אויף די דריי שטערן אין הימל כּדי מען זאָל קאָנען אָנצינדן אַ ליכטל אויף צו באַגעגענען די נייע וואָך.

אַ פינף־זעקס יינגלעך און מיידלעך פון דער גאַס ווו מיר האָבן גע־ווינט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אונדז אין שטוב און האָבן זיך גע־שפּילט מיט מיין שוועסטערל און ברודערל אין באַהעלטעניש.

די באַהעלטעניש־שפּיל, ווייסן אַלע, האָט אין בין־השמשות־צייט אַ מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצוּוויקלען אין איר גאַנצן פאַרנעם. ס'איז דאָך נישט קיין גרויסער קונץ צו גיין זוכן עמעצן ווען עס איז ליכטיק. דערפאַר אָבער, דאַן ווען מען זעט נישט די באַהעלטעניש, נישט דעם וואָס האָט זיך דאָרט פאַרשטעקט — דעמאָלט איז שוין יאָ אָן אויפטו אים אויסצוגעפינען.

דאַרף גראָד דער קליינער דודל, מלא חן ווי ער איז געווען, צוליב זיינע שוואַרצע פון אונדזער פרי־פאַרשטאָרבענעם טאַטן געירשנטע לאָקן, דערשמעקן נישט ווילנדיק די באַהעלטעניש, ווו עס איז געלעגן באַהאַלטן דאָס שנירל פּערל.

דערפילט אין זיינע פינגער די גלאַטע פּערל, האָט ער אין יענער מינוט אַוודאי זיך דערמאָנט אין די אַלע לעגענדעס און מעשׂיות, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן אַרומגעוואַנדערט ביי אונדז אין שטוב פון מויל צו אויער און איז ווי פאַרכּישופט געוואָרן פון זיי.

אויף אַ פאַרכּישופטן יינגעלע פרעגט מען קיין קשיות נישט. ווער ווייסט וואָס עס קאָן זיך אים אין אַזאַ מין כּישוף־צושטאַנד פאַרוועלן צו טאָן?

האָט טאָקע דודל געטאָן און אָפּגעטאָן אַ מעשה: ווי אָנגערייצט דורך עפּעס אַ שד, אַ מזיק, איז ער מיט אַ ווילד געשריי אַרויסגעלאָפן פון שטוב, האָט צעריסן דאָס שנירל און די פערל צעשאָטן אין דער בלאָטע. „נישטאָ מער קיין פערל! נישטאָ מער קיין פערל!״... — האָט ער זיך צעשריִען אויפן קול, און — „גוט אַזוי, גוט אַזוי!״

פאַר וואָס ג ו ט? דער זעקסיאָריקער דודל האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס ער האָט עס געטאָן און אויך נישט געוווּסט פאַר וואָס ער האָט תּיכּף נאָכן ווילדן יובלען זיך צעוויינט, צעכליפּעט און אַרײַנגעפאַלן אין ספּאַזמעס.

די מאַמע, אין דער שוואַרצער פּעלערינע, איז געקומען פון שפּיטאָל און מיר אַלע האָבן גלײַך זיך געלאָזט זוכן די פערל, די ירושה פון דער באָבען און פון דער עלטערבאָבען. נאָר גיי געפינען קלייניקע פערל אין דער טיפער שטעטלשער בלאָטע, אין אַ מוצאי־שבת אַ פינצטערן, אָן שטערן און אָן נסים.

פאַרפאַלן! אַ כפרה די פערל! מסתּמא האָט געדאַרפט זיך אַראָפּלאָזן אויף אונדז אַ גרויס אומגליק, זענען די פערל דער מאַמעס געוואָרן דער אויסלייזער פון אַלדאָס בייזס.

די מאַמע האָט נישט געוויינט מיר זאָלן זען, נישט געקלאָגט מיר זאָלן הערן — אויף דעם בראָך וואָס איר האָט געטראָפן. זי האָט בלויז געטראַכט ווי אַזוי אײַנצושטילן איר ליבלינג דודלען, אים אײַנצורעדן, אַז ער האָט נישט וואָס זיך צו ערגערן וועגן די פערל, וואָס ער האָט צעשאָטן אין דער בלאָטע, אַז... אַז...

די מאַמע האָט געפילט, אַז זי דאַרף איר קינד אָפּהיטן און נאָך מער ליב האָבן, וואָרעם עפּעס איז מיט דעם קינד געשען. איז דאָס געווען אַ ליבהאָבן וואָס איז שווער צו באַגרײַפן.

*

טו איך הײַנט צו טאָג אַ טראַכט פון מײַן מאַמעס פערל, דוכט זיך מיר, אַז איך בין דאָס די טיפע בלאָטע, אין וועלכער די פערל זענען אײַנגעזונקען, און אויב איך וויל זיי געפינען, בלײַבט מיר נישט אַנדערש איבער ווי נאָר צו גראָבן טיף אין זיך גופא, אַזוי לאַנג טראַכטן פון מײַן מאַמען

אין איר שוואַרצער פּעלערינע און אין דער ווײַסער קראַנקנשוועסטער־בלוזע, אַזוי לאַנג איבערחזרן איטלעך וואָרט וואָס איך האָב געהערט פון איר, אַז איך זאָל קאָנען פון אַלע אירע קלוגע ווערטער און פון אַלע אירע מעשים טובים מאַכן אַ נײַ שנירל פּערל, וואָס איך וועל אויסבאַהאַלטן אין מײַן האַרצן. ווײַל דאָס האַרץ איז דאָך די פּאַסיקסטע באַהעלטעניש פאַר אָט דעם דאָזיקן טײַערן אוצר, וואָס איך האָב, נישט געקוקט אויף אַלץ, פון מײַן מאַמען געירשנט.

# עמבלעמען

פאַראַן טאַלאַנטן איינגעבוירענע, נישט קיין אויסגעלערנטע. און עס זענען דאָ אויסגעלערנטע. אַ מענטש מיט אַן איינגעבוירענעם טאַלאַנט דאַרף מען נישט אַריינהאַמערן אין מוח, אין געמיט: אַרבעט, אַרבעט און וואַקס! דאָס איז במילא אין אים אַ מין צווייטע נאַטור, אַן אינסטינקט, פון וועלכן מ׳קאָן נישט אַנטלויפן. אַפילו ווען ער איז אַ לאַסט וואָס דריקט, האַמעוועט דעם פרייען לויף פון שטימונגען, פון ספּאָנטאַנע אימפּולסן. אַן איינגעבוירענער טאַלאַנט מוז זיך אונטערגעבן דעם אינערלעכן דראַנג, גאָר אַנדערש טראַכטן, צי ער וויל יאָ, אָדער נישט. אַן אויסגעלערנטער טאַלאַנט, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

פאַראַן אויך אַ באַזונדערער טאַלאַנט — אַ טאַלאַנט ליב צו האָבן. דאָס דערקענט זיך ביי די וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם זאָג: „ואהבת לרעך כמוך", ווי אַ געבאָט. נאָר גאָר באַזונדער זעט זיך דאָס אַן ביי מאַמעס. אַפילו איצט, אין די מאָדערנע צייטן, אין די אונדזעריקע, איז מאַמע־ליבע אַ מין איינגעבוירענער טאַלאַנט, וואָס גייט מיט מיטן ווערן מאַמע — און גאָר־גאָר באַזונדער — ביי ייִדישע מאַמעס.

שיינדל, למשל, איז פון זינט זי האָט געבוירן איר ערשט קינד — און אפשר פריִער נאָך — געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אומבאַגרענעצטער מוטערלעכער ליבע. זי איז געווען אַ פּשוטע ייִדישע פרוי און דער נאָמען שיינדל האָט איר גראָד זייער גוט געפּאַסט. וואָרעם, זי איז טאַקע געווען אַ שיינע פרוי, נאַטירלעך־שיין און אַ שיינדל פאַר איר משפּחה. נישט געשמירט, נישט געשמינקט די ליפּן, נישט געפאַרבט די האָר, נישט מאַניקירט די נעגל, נישט צוגעקלעפּט אויף די באַקן וועלכע ס׳איז חן־פּינטעלעך, נישט געשמייכלט קינסטלעך, נישט אויסגעגלעט אויף איר געזיכט די קנייטשן.

פאַרקערט, די קנייטשן האָבן איר נאָך צוגעגעבן מער חן, גאָר פאַרשענערט איר עכט יידיש געשטאַלט.

זענען דעמאָלט אָנגעשטאַנען שווערע צייטן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט און שוין איז אויסגעבראָכן אַ נייע מלחמה, צווישן די פּאָליאַקן און דער יונגער מלוכה פון די באָלשעוויקעס. אָט דער נייער קריג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך גרויסע ענדערונגען און אַן איבערקערעניש אין די מוחות פון יידן אין פּוילן, דער עיקר — ביי דער יוגנט. פּנים אל פּנים מיטן גערעגל פון די פּוילישע פּילסודסקי־לעגיאָנערן קעגן דער יונגער רויטער אַרמיי, איז געשטאַנען אַן אָרעמע אַרבעטלאָזע יידישע יוגנט און געזוכט באַשייד.

די סימפּאַטיעס פון די זאַטע יידן, די אייבערשטע פון שטייסל, איז געווען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן, אונטער זייער רויט־ווייסער פאָן מיטן ווייסן אָדלער, דעמאָלט געקעמפט. דער רוב מנין יידן אָבער וואָס האָבן זיך מיט די פּוילישע אַמביציעס קנאַפּ וואָס אָנגעקערט, — זייער עמבלעם איז געווען דער מגן־דוד אויפן פּרוכת פון אָרון קודש אין שול און די בלוי־ווייסע פאָן, וואָס האָט צוגעזאָגט אַן אייגן לאַנד.

אָבער אַ גאָר גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט איז פאַרכאַפּט גע־ווען פון די פרייהייטלעכע אידעען, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געטראָגן מיט זיך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און במילא אויך פאַר יידן.

שיינדלס זון, יצחקל, איז וויט געווען פון פּוילישן אָדלער, אַפילו פון דער בלוי־ווייסער פאָן און פון מגן־דוד, און געווען פאַרכאַפּט און פאַרטאָן אינעם קאָמוניסטישן עמבלעם, דעם סערפּ־און־האַמער.

דער קאַמף צווישן אָט די דריי סימבאָלן: פּוילישער אָדלער, רעליגיעז־יידישער, אָדער ציוניסטישער מגן־דוד און סערפּ־און האַמער, זענען שוין פון לאַנג פאַרביי. אין היטלער־דייטשלאַנד איז שפּעטער צוגעקומען אַ פערטער, אַ משונהדיק־ווילדער, מענטשנפרעסערישער, מערדערישער האַקנ־קרייץ, וואָס האָט שיער־שיער איינגעשלונגען אַלע דריי סימבאָלן, דער עיקר — דעם יידישן. אַ גליק נאָך וואָס טיילן פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָבן מיט נישט ווייניקער איבערגעגעבנקייט געקעמפט, אַגיטירט און אַליין זיך געלאָזט אונטערן צייכן פון מגן־דוד און דער ווייס־בלויער פאָן קיין ארץ־ישראל, איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אַזוי אַז עס איז אָפּגעראַטעוועט גע־

וואָרן אַ היפּשער טייל פון אָט דער גלייבערישער יוגנט און ס׳איז אויפגע־
קומען די ייִדישע מדינה.

שיינדל אָבער איז אין יענע יאָרן געווען פאַרזאָרגט דער עיקר וועגן
איר יצחקלס צוקונפט. אָט די זאָרג האָט אײַנגעקריצט נאָך מער קנייטשן
אין איר פּנים. זי האָט זיך פרי געעלטערט. חוץ דעם, האָט זיך דער הונגער,
דער דלות צעלייגט בײַ זיי אין שטוב און געפּײַפט, ווי מ׳זאָגט, אין אַלע
ווינקעלעך.

די מוטער שיינדל האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן הונגער. עמך ישׂראל
צריכים פּרנסה! דעם ביטערן טעם פון הונגער און נויט קאָנען דאָך די
שיינדלס, די זיסלס, די ליבע׳ס און די גוטע׳ס. ווערן זיי אַלט פאַר דער
צײַט, אָבער געוווינען זיך צו צו דער נויט. אָבער יצחקל, אַ קינד, וואָס
וואַקסט אונטער, איין גליק נאָר וואָס ער געפינט אַ טרייסט אין זײַן פידעלע.
אַ פידעלע האָט ער, און אים דוכט זיך, אַז מיט זײַן שפּילן פאַרגעסט ער
די פּײַן, די דאגה פאַרן שטיקל ברויט. דערבײַ צעגייט ער זיך אין פרייד,
ווען ער דערמאָנט זיך דעם וועג צו דער פרײַהייט, צו אַ זאַטער לעבן, פאַר
וועלכן עס קעמפט די רויטע אַרמיי. כאָטש זײַן מאַמע, מיט איר אינסטינקט,
פילט, אַז איר זון איז פאַרקראָכן אויף פרעמדע וועגן...

פונקט אַזוי ווי זײַן מאַמע איז געבענטשט געוואָרן מיט דער מידה פון
גוטסקייט, איז ער, יצחקל, געבענטשט געוואָרן פון דער נאַטור (פאַרשטייט
זיך, אַז פאַר אים איז אַלץ נ אַ ט ו ר) מיט אַ פײַנעם געהער, מיט מוזיקאַ־
לישן טאַלאַנט. גאָר גיך איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ פידלער פון פאַרנעם,
פון מדרגה. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אָרטיקע מוזיק־
שול, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַליין שאַפן קאָמפּאָזיציעס. זײַנע לע־
רערס האָבן אים פאָרויסגעזאָגט אַ מוזיקאַלישע קאַריערע. מ׳האָט זיך מיט
אים געגרויסט, און זיין מוטער שיינדל איז ממש געווען אין זיבעטן הימל.

ווען זי פלעגט אים הערן שפּילן ערנסטע מוזיק פון באַרימטע מחברים,
צי אַפילו זײַנע אייגענע נאָך־רויע קאָמפּאָזיציעס, פלעגט זי פאַרגאַפט ווערן
פון די קלאַנגען פון דעם מוזיק־לשון, וואָס האָט גערעדט צו איר געמיט.
קלאָר, אַז זי האָט אים געשאַצט אַ סך מער ווי די ווירקלעכקייט איז געווען.
אָבער גיי שפּאַר זיך מיט אַ מאַמעס פילן און... פאַרשטיין. האָט גאָרנישט
געהאָמעוועט, נישט איר, נישט יצחקלס פאַנטאַזיעס, אַז אין אַ יאָר אָדער

אין אַ צווייַ אָרום ווערט פון אים אויסוואַקסן אַ באַרימטקייט. אין בערלין, אין לאָנדאָן צי אין פּאַריז וועט, ערגעץ אין אַ גאַס אויף אַ הויז, הענגען אויף אַ טיר אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: „קאָמפּאָזיטאָר יצחק קערשנ־בוים״.

דער „רויטער שטערן״, אָדער דער „סערפּ־און־האַמער״ האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה בייַ דער ווייַסל און איז אָפּגעשטויסן געוואָרן דורכן פּוילישן „ווייַסן אָדלער״. די רויטע באַרוועסע אַרמיי האָט אין יענעם יאָר, 1920, גע־נומען אין בהלה צוריקטרעטן פון דער ווייַסל, פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך. אויך בייַ זיי אין שטאָט איז איצט געוואָרן פינצטער־חושך. די בהלה איז געווען אין לשער. יצחקל, ווי אַ סך אַנדערע יידישע בחורימלעך און מיידלעך, האָבן געטראַכט און געפּלאַנט מיטצולויפן מיט דער צעשלאָ־גענער רויטער אַרמיי און גיין מיט איר אַהין, וווּ דער שטערן, דער רויטער, וואַכט און היט אָפּ די רעוואָלוציע. וואָרעם מ׳מוז אַנטרינען, אַנטלויפן פון די האַלערטשיקעס, פון די פּאָזנאַנטשיקעס, פון די וויסטע פּוילישע אַנטי־סעמיטן.

וואָס וועט אָבער זייַן מיט זייַן פידעלע? אַ פידל איז נישט קיין ביקס, ס׳איז אַ צאַרטער אינסטרומענט. ווי וועט ער אין דער לויפעניש דאָס אויס־היטן פון אַ בייז אויג? האָט ער אַרויפגעטראָגן דעם פידל אויפן בוידעם, פאַרשטעקט אים דאָרטן אונטער אַ פּאַק שמאַטעס, עד יעבור זעם.

נאָר ווי אַזוי לאָזט מען דאָס איבער די מאַמע, די ברידער, די שוועס־טער, וואָס זענען אים אַזוי אייַנגעבאַקן אין האַרצן? די צייַט איז אַזוי קורץ, גורלדיק, קוקט ער זיך מער נישט אום, און לויפט, לויפט אין איין אָטעם.

דער וואָקזאַל איז שוואַרץ פון מענטשן. אַ לאַנגער צוג שטייט דאָרט מיט אָפענע וואַגאָנען, לאַסט־וואַגאָנען, אָנגעשטעלט מיט פעסער, מיט קאַסטנס, פערד, בהמות. אויפן פּעראָן, אין דער זומערדיקער היץ, דרייען זיך אַרום יונגעלייט מיט רויטע לענטעס אויף די אָרעמס, זיי קאָמאַנדעווען, באַמיִען זיך צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אינעם גערדאַנג פון דער פּליטים־מאַסע — די אָנגעהעריקע צו דער רויטער שטאָט־פּאַרוואַלטונג במשך די קורצע פּאָר וואָכן בעת די רויטע אַרמיי האָט דאָ געהערשט. נישט בלויז יידן זענען דאָס געווען, נאָר אויך פּאָליאַקן, רוסן. זיי ווילן נישט אַרייַנפאַלן אין די הענט פון די אַכזריותדיקע פּאָזנאַנטשיקעס און האַלערטשיקעס.

צווישן אָט דער צעכוואַליעטער בהלה־מאַסע, אין אַ זײַט, דרייט זיך אַרום אַ גרופּע יונגעלײַט, ייִדישע יונגעלײַט. אויך זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע, פון גאָט, פון אַלץ וואָס זיי האָבן ביז איצט פאַרמאָגט אין זייער לעבן. זיי גרייטן זיך מיטצולויפן. וווּהין? אין גרויסן ברייטן רוסלאַנד איז נישטאָ קיין סטאַבילע היים. אַלץ איז נאָך דאָרט צע־שווּמען אין אַ כאַאָס. וואָס טוט מען?

אַרויסגעגנבעט זיך פון דער היים, מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אין האַנט, שטייט יצחק צווישן דער חברה אין גאַנצן אַ צעטומלטער. ער ווייסט נישט פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ מוט, אָפּצוטאָן אַזאַ מין זאַך? ער האָט זיך דאָך שטיל אַרויסגעגנבעט פון שטוב, נישט זאָגנדיק דער מוטער קיין וואָרט, זיך אָפילו נישט געזעגנט מיט איר. פאַרלאָזן דאָס פּי־דעלע, די מאַמען, די ברידער, שוועסטער.

כאָטש מיט דער מאַמען האָט ער אין דער פרי יאָ גערעדט. ער האָט אָפילו בדעה געהאַט — אַ משוגענער געדאַנק אַזאַ געווען ביי אים — צו־צורעדן דער מוטער זי זאָל איבערלאָזן אַלץ און לויפן צוזאַמען מיט אים. אײַ, די ברידער, די שוועסטער, די אָרעמע באַלעבאַטישקייט — ווי אַזוי וועט זי אַלץ איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט? אין זײַן פּיבער האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט, האָט ער נישט געקאָנט גאָרנישט אויפקלערן און איז שטומערהייט אַרויס פון שטוב.

פּלוצים הערט ער אין טומל און אין רעש אַ געשריי:

— יצחקל! וואַרט אַ רגע!... אָט לויף איך דיר ברענגען כאָטש אַ לעבל ברויט אויפן וועג!

ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום. ער האָט זיך אַרויפּ־געדראַפּעט אויף די פּלייצעס פון די חברים, כּדי צו זען די מוטער, איר עפּעס וואָס זאָגן, אָבער ער האָט שוין זײַן מוטער מער נישט געזען. זי איז שוין געווען פאַרשוווּנדן, איז אַוועק מיט אײַליקע טריט, כּדי צו זוכן פאַר אים אַ לעבל ברויט אויפן וועג, אין אָט דער צעטומלטער וויסטער צײַט.

*

ווי אַזוי ער איז אַרויס פון „דאָרט" אַ לעבעדיקער, דערגרייכט די פרײַע

וועלט און געוואָרן דער באַרימטער פידלער א י ז אַ ק ק ע ר ש נ ב ו י ם, דאָס איז אַ נס פון די נסים, וועלכע ווערן לעצטנס דערציילט דורך צענדלי־קער, הונדערטער, טויזנטער, וואָס דער גורל האָט זיי געפירט, פאַרפירט און אַרויסגעפירט.

פינף און פערציק יאָר זענען שוין זינט דעמאָלט אַוועק. די עמבלעמען האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער צוזיווּג־כּוח און טייל אַפילו זייער באַ־טײַט. נאָר ער גריבלט זיך נאָך אַלץ אינעם שלל פון זכרונות און געפילן. אין זײַנע גרעסטע מוזיק־דערפאָלגן וויל ער זען קודם כּל זײַן מאַמען. ער וויל זען ווי זײַן טײַערע מאַמע איז פאַרשוווּנדן. ער ווייסט דאָך אַפילו נישט צי זי איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אינעם ווײַס־אָדלערדיקן פוילן, צי האָט זי דער האַקנקרײַץ אַרײַנגעוואָרפן אין יענע גריבער ווו עס רוען די אַלע שיינדעלעך, ליבע׳ס, גוטע׳ס ?

ווער ווייסט !

און נאָך עפּעס פרעגט ער זיך, אין זײַנע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס די גרעסטע דערפאָלגן קאָנען אים דאָס נישט ענטפערן: — האָט זי כאָטש דע־מאָלט געפונען פאַרן זון, פאַר איר יצחקלען, דאָס לעבל ברויט, וואָס זי איז געלאָפן זוכן ?

אויב יאָ — זעטיקט ער זיך מיט דעם דאָזיקן מאַמע־ברויט ביזן היי־נטיקן טאָג. טאָמער אָבער, חלילה, נישט, עסט ער פרעמד ברויט, אַזאַ ברויט, וואָס קומט אים נישט. כאָטש זײַן טאַלאַנט האָט אים פון אַלע געפאַרן גע־ראַטעוועט און די ליבע פון דער מאַמען, וואָס האָט שטענדיק און אומעטום געוואַכט איבער אים.

# רחלע

קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות״...

א גלייכווערטל? — ווי אַ מאָל. מיט גלייכווערטלעך טרעפט אָבער אָפט, אַז זיי קרומען זיך אויס...

נישט אַלע קינדער זענען גלייך אין זייער באַנעמען זיך לגבי זייער מאַמען, פונקט אַזוי ווי נישט אַלע מאַמעס — לגבי זייערע קינדער. עס טרעפט, אַז אַ מאַמע און אַ קינד זענען צוויי וועלטן. דעמאָלט קומען אויף מיספאַרשטייענישן, קולות, געוואַלדן, און עס ברעכן אַפילו אויס משפחה־סקאַנדאַלן.

זעקס קינדער האָט רחלס מאַמע אויסגעהאָדעוועט, יינגלעך און מיידלעך. און ס'האָט אויסגעזען ווו זי וואָלט געווען נישט איין מאַמע, נאָר — זעקס מאַמעס. און אַ מאָל אַפילו אַ זיבעטע צו זיי. זי האָט זיי אַלע ליב געהאַט, ס'זענען אָבער געווען מדרגות. איינעם מער און איינעם אַ ביסל וויניקער. איינס איז קלאָר, אַז מער פון אַלע האָט זי ליב געהאַט איר צאַרט טעכטערל רחלע. זי, אָט די רחלע, איז דאָס געווען איר „ראָזשינקע״, כאַטש מיטן ליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״ פלעגט זי איינשלעפערן אַלע אירע קינדער, ווען זיי זענען געווען קליין, דער עיקר טאַקע רחלעס ברידערלעך, וואָרעם זיי האָבן דאָך געזאָלט פאָרן „האַנדלען״ ווען זיי וועלן ווערן גרויס, און „תורה״ האָט געזאָלט זיין ביי זיי די בעסטע סחורה...

צאַרט איז זי געווען, רחלע, אַ ציטערדיק קינד אין איר מאַמעס אויגן. איז זי איר אומעטום נאָכגעגאַנגען זי צו פאַרהיטן פון אַן עין הרע.

אָבער —

— „קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות״.

פון טאָג צו טאָג ווערט זי אַלץ מער און מער אָפּגעפרעמדט פון איר

מאַמען. רחלע האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן בונטעווען, נישט דערפאַר ווײַל זי האָט בײַ דער מאַמען אַנטדעקט אַ גרעסערע נאָענטקייט צו די אַנדערע קינדער און האָט אָנגעהויבן ווערן אײפֿערזיכטיק. פֿאַרקערט, איר מאַמעס ליבע האָט גענומען איר פֿאַלן צו לאַסט, ווערן איר שווער. עס קאָן אויך זײַן, אַז איר האָט גענומען פֿאַרדריסן דער מאַמעס ביטול־באַציִונג צום טאַטן, כאָטש ער איז נישט געווען קיין ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, נאָר דווקא אַ תּלמיד־חכם מיט גרויסע מעלות. ס׳האָט אויסגעזען גלײַך ווי די מאַמע, די גרויסע בריה, וואָלט זיך באַמיט אַרויסצורײַסן פֿון טאַטנס הענט זײַן אָנזען בײַ די קינדער.

פֿאַרגעקומען איז דאָס וואָס עס קומט פֿאָר בײַ אַ סך, אַ סך משפּחות — די ייִנגלעך האָבן זיך אַלץ מער און מער געטוליעט צו דער מאַמען און די מיידלעך האָבן זיך תּמיד אָנגענומען די קריוודע פֿונעם טאַטן. עס האָבן זיך אין דער פֿאַמיליע באַוויזן דערציִונגס־קאָנפֿליקטן, האַס־ און ליבע־קאָמפּלעקסן און שיִער נישט דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס אין זײַן גאַנצן פּאַרנעם.

געוויס, נישט רחלעס מאַמע, נישט איר טאַטע, נישט זייערע קינדער האָבן געוווּסט פֿון דעם דורך בוך און דורך פֿילם גיגאַנטיש אויסגעוואָקסענעם הײַנטצײַטיקן עדיפּוס־קאָמפּלעקס. זיי האָבן אַפֿילו די מינדסטע אָנונג דערפֿון נישט געהאַט. פֿון דעסטוועגן האָט ער, דער דאָזיקער קאָמפּלעקס, וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿאַרשאַרפֿט די באַציִונגען צווישן די צוויי דורות אין דער פֿאַמיליע.

דאָס איז אויך געווען די הויפּט־סיבה, וואָס די עלטערן און די קינדער זענען סוף־כּל־סוף זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. טאַטע־מאַמע זענען פֿאַרבליבן ווינען אין דאָרף און די קינדער זענען זיך צעפֿלויגן, ווער קיין וואַרשע, ווער אין אַן אַנדער שטאָט אַרײַן. דער עלטסטער זון, שמואליק, האָט זיך גאָר פֿאַרקליבן אַזש קיין פּאַריז.

רחלע איז קיין פּאַריז נישט געפֿאָרן, כאָטש זי האָט זיך אַסך געהאַט אָנגעלייענט וועגן דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי האָט זיך מיט גאָר איר אימפּעט אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער קאָמוניסטישער יוגנטבאַוועגונג, קעגן ווילן פֿון טאַטע־מאַמע, פֿאַרשטייט זיך, און דאָס האָט די מיספֿאַרשטייעניש צווישן זיי, די אָפּפֿרעמדונג, פֿאַרברייטערט און פֿאַרטיפֿט

ביז רחלע איז אַרעסטירט געוואָרן, און מען האָט זי אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה.

וואָס פאַר אַן עגמת־נפש טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט פון דעם אומגליק, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. אין דער דערבײַאיקער שטאָט, טשענסטאָכאָוו, האָט מען רחלען פאַרהאַלטן. — פּאָליציי, תּפיסה, פאַרהערונגען, פּײַניקונגען. זייער געפיל — ווי אַ דונער וואָלט זיי געטראָפן אומגעריכט, פּלוצים.

פאַרלאָזן די היים, אַרומגיין שפּאַצירן מיט בחורים, זיך אַרומטראָגן מיט פּראָקלאַמאַציעס און וואַרפן לאָזונגען קעגן דער רעגירונג, אין אַ צײַט ווען מען האָט אַזוי אויך שוין גענוג פײַנט די ייִדן און עס פעלט נישט קיין סך עס זאָל אויסברעכן אַ פּאָגראָם — איז אויך נישט קיין געשמאַקער ביסן פאַר טאַטע־מאַמע; אָבער, זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן, וואָרעם הײַנטיקע צײַטן זענען פאָרט נישט די וואָס אַמאָל. טאַטע־מאַמע, אויב זיי ווערן נישט בכלל אויסגעלאַכט פון זייערע קינדער, איז דאָך אָבער נישטאָ וואָס צו רעדן מיט זיי. זיי הייבן דאָך נישט אָן צו פאַרשטיין, אַז נישט גאָט נאָר דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ער און נאָר ער וועט זיי באַפרײַען פון דחקות און פון נויט — און אויס לײַדן אויף דער וועלט! נאָר פון וואַנען זאָלן דאָס טאַטע־מאַמע וויסן? —

האָבן רחלעס טאַטע און איר מאַמע טאַקע זיך נישט געקאָנט העלפן. זיי האָבן פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. נאָר ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זייער טאָכטער זיצט אין תּפיסה, האָט דאָס זיי שוין אין גאַנצן צעטומלט און צערודערט. וואָס זאָלן זיי איצט טאָן? — תּהילים זאָגן? שרײַען צו גאָט? גיין אויף קבר־אָבות, זיך קלאַנעווען בײַ די פאַרשטאָרבענע פון דער משפּחה, זיי זאָלן זיך מיִען בײַם אייבערשטן פאַר רחלעס וועגן?... געוויס האָבן זיי אויסגעפּרוּווט די אַ סגולות אויך, און מער ווי איין מאָל. דערנאָך אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן די שולד איינער אויפן צווייטן. ירוחם האָט געהאַט טענות צו זײַן ווײַב, הלמאַי זי פלעגט כּסדר נאָכגעבן דער טאָכטער, און האָט געזאָגט, אַז נאָר זי איז שולדיק אין דעם וואָס רחלע איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג. דבורה ווידער האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דער תּליון איז ער און נאָר ער. אַ גזלן איז ער און נישט קיין טאַטע. צוליב אים זענען אַלע זעקס קינדער אַנטלאָפן פון שטוב. וואָלט ער זיי געהאַט באַהאַנדלט מיט גוטן און וואָלט ער נישט געווען

אַזאַ שלים־שלים־מזל, אַזאַ בטלן און אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף איר קאָפּ: אויסטראָגן די קינדער, זיי אויסהאָדעווען צו גאָט און צו לײַטן, פֿאַרדינען אויף חיונה, פּראַצעווען אין שטוב... וואָלט ער נישט געווען אַזאַ בייזער, אַזאַ כּעסן צו די קינדער, וואָלט ער כאָטש פֿון צײַט צו צײַט אויסגערעדט אַ גוט וואָרט און נישט שטענדיק זיך געבייזערט, זיך געוואָרפן הרגענען, שלאָגן — וואָלט צו דעם נישט געקומען.

רחלע, די געליבטע רחלע, איז געזעסן אין דער טשענסטאָכאָווער תּפיסה חדשים לאַנג ביזן מישפּט. זי האָט דאָס אָבער נישט גענומען טראַגיש, פֿאַרקערט: אין דרויסן, אויף דער פֿרײַ, האָט זי קיין מאָל קיין צײַט נישט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך גופא, וועגן איר אייגענעם ווײַבלעכן וועזן — וואָס איז גראָד דאָ, אין טורמע, געקומען צו זײַן גאַנצער באַוווסטזיניקער רײַפֿקייט, און האָט וואָס אַ טאָג ווײַטער אַלץ מער געשטעלט פֿאָדערונגען און פֿאַרלאַנגען, נישט בלויז אין חלום, נאָר טאַקע אויף אויף דער וואָר. זי האָט אין דער פֿאַרשטויבטער פֿענצטער־שויב פֿון איר טורמע־קאַמער אויסגעפֿונען די מעגלעכקייט פֿון אָפּשפּיגלען זיך, כאָטש קוים־קוים, פּיצלעכווײַז. פֿריִער די אויגן, וועלכע זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען; אַזעלכע גרויסע טונקעלע מאַנדל־אויגן, אָ וואָ, פּונקט ווי די אויגן פֿון איר מאַמע. ברוינע, גלאַנציקע, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פֿון שוואַרצע ווִיעס און ברעמען. שפּעטער האָט זי געזען אויך די נאָז, ס'פּנים, אַזאַ לענגלעכס און צאַרטס, אַ בלייכס, פּונקט ווי די מאַמע אירע. און דערפֿאַר, ווײַל זי האָט אַזוי קוים־קוים אין אָט דעם פֿאַרשטויבטן פּיצל גלאָז זיך דערזען אָן ענלעכע צו דער מאַמען, האָט זי שוין אָנגעהויבן „זען" די אַנדערע טיילן פֿון איר קערפּער מיט די אויגן פֿון דער פֿאַנטאַזיע. ליפּן פּולע, תּאווהדיקע, און אין דער לינקער זײַט — אַ קליינטשיק פּעפּערל. איצט האָט זי אויך אָנגעהויבן באַטראַכטן און פֿאַרגלײַכן אירע אַלבאַסטער־ווײַסע הענט צו די צאַרטע הענט פֿון איר מאַמען, און די בריסטן, און די פֿיס אירע. אַלץ, אַלץ איז איר איצט געוואָרן אַזוי ליב, אַזוי טײַער... אָ. מאַמע מײַנע. איך הער דיך רעדן, איך זע דיך. איך הער דײַנע תּפילות, דײַן ליבשאַפֿט. אויך איך בעט איצט און אויך איך ווער פֿול און פֿול מיט ליבע. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אויסמאָלן די היים, איר קינדהייט, אירע באַציִונגען מיט טאַטע־מאַמע. זי האָט אַפֿילו דערמאָנט צו גוטן דאָס דאָרף,

ווו זי איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. זי האָט גענומען זיך אָפּ־געבן אַ דין וחשבון וועגן אַלץ וואָס פֿאַרוואַלגערט זיך אין דער טיפֿעניש פֿון אַ מיידלשער פֿאַרקלעמטער נשמה.

אמת, אויף דער פרײַ, אין דער באַוועגונג, פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז מען פֿלעגט זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע דיסקוסיעס, נישט בלויז וועגן רעוואָ־לוציאָנערער טעאָריע און וועגן רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק, וועגן דער קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישער וועלט און וועגן דער עולם־הבאָדיקער גליקלעכער און קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט, נאָר אויך וועגן פֿרײַער ליבע, וואָס איז אַגב ענג פֿאַרבונדן מיטן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן וועלט־באַ־נעם, וועגן אויסלעבן זיך פֿרײַ אָן יעדן צוואַנג... אָבער דאָס רוב פֿלעגט עס פֿאַרבלײַבן בײַם רעדן. ווער האָט געהאַט צײַט און געלעגנהייט צו פֿאַר־ווירקלעכן אָט די שיינע און רייצנדיקע רייד ?

האָט טאַקע רחלעס אונטערבאַוווסטזײַן זיך אָנגעפּילט מיט שטרעבונגען און מיט פֿאַנטאַזיעס, וואָס האָבן איצט אַרויסגעשטראָמט און פֿול געמאַכט די קאַמער. און צוריק געשמועסט, וואָס האָט רחלע געקענט טאָן אַנדערש ווי לאָזן אירע געדאַנקען גיין זייער גאַנג, אַנדערש ווי זיך דערמאָנען אין די גרויסע סעדער פֿון איר היימישן דאָרף, אין די פּרוכט־ביימער, וואָס פֿאַרשפּרייטן זייער ריח איבער דער גאַנצער סביבה ? און פֿון אָט די אַלע ביימער האָט דער קאַרשנבוים, וואָס פֿלעגט אין פֿרילינג זיך צעבליִען לעבן פֿענצטער פֿון איר צימערל, אָנגעפּילט רחלען מיט נאָך מער רייץ און מיט אָן אומגעהײַערער בענקשאַפֿט.

זי האָט געחלומט אויף דער וואָר פֿון פֿרילינג, פֿון זומער, פֿון האַרבסט, פֿון ווינטער ; פֿון ווינט, שטורעם, שניי, פֿון דער פֿאַרלאָזענער כאַטע וואָס בײַם ראַנד פֿון וואַלד, וואָס קיינער טרעט קיין מאָל נישט אַריבער איר שוועל. פֿון פֿעסטע, באַגערנדיקע מענער־הענט, וואָס גלעטן איר לײַב און דורשט פֿון ליפּן תּאוותדיקע, ווי אירע, וואָס קושן אירע ליפּן, איר פּנים, די ברוסטן, דעם האַלדז ; און פֿון נאָך ענלעכע זאַכן.

די טורמע איז געווען אַן אַלטע, מיט גראָבע ווענט, מיט דיקע אײַזערנע טירן, ווי אַ פֿעסטונג. וויפֿל מען האָט אַהין אַרײַנגעזעצט אַרעסטאַנטן, האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן אין איר גענוג אָרט פֿאַר נאָך און נאָך.

רחלע, די נאָך־נישט פאַרמישפּטע, איז געזעסן אין אַן איינצל־קעמערל, פיר איילן אויף פיר, אַ מין היגער־שטײַג, אָבער די גרייסן אין אַ תּפיסה־קעמערל ווערן דאָך נישט געמאָסטן מיט דער מאָס, וואָס גילט פאַר אַ וווינאָרט אויף דער פרײַ, נאָר מיט דער אינערלעכער מאָס, וואָס קומט פון דעם וואָס פאַרברענגט אין אים זײַנע טעג און זײַנע נעכט. האָט ער אָן וואָס און אָן וועמען זיך צו דערמאָנען, וואָס אָדער וועמען ליב צו האָבן, איז ער אין שטאַנד צו פאַרגרעסערן אין זײַן פאַרשטעלונג דעם אויסמעסט פון זײַן קעמערל, און אויב ס'איז אים אויך באַשערט צו באַקומען באַזוכן פון חברים אָדער גוטע פרײַנד, וואָס ברענגען צו טראָגן עסנוואַרג און אַנדערע מתּנות, כּדי צו דערפרייען זײַן האַרץ — נעמען זיי נאָך צו פון אים אַ שטיק עלנט און ברייטערן דורך דעם אויס זײַן לעבנסרוים. ווערט דאָס קעמערל — אַ קאַמער.

ביז צו איר מישפּט האָט מען קיינעם צו איר נישט צוגעלאָזט, ווײַל כּל זמן די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט, טאָר זי מיט דער דרויסנדיקער וועלט נישט האָבן קיין באַרירונג. יעדער קאָנטאַקט איז פאַר־ווערט.

די פּעקלעך עסנוואַרג און אָנטועכץ וואָס די מאַמע פלעגט איר ברענגען, פלעגט זי באַקומען דורך די טורמע־וועכטער. וויפל איר מאַמע, וואָס פלעגט טאָג־טעגלעך דורכמאַכן דעם אַכט קילאָמעטערדיקן גאַנג פון דאָרף צו דער תּפיסה, כּדי זי זאָל קאָנען עסן כּשר און טאַקע צו כאַפּן אַ קוק אויף איר און צו זען וואָס זי מאַכט — האָט זיך געבעטן בײַ דעם תּפיסה־קאָמענדאַנט, ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן און זאָל זי צולאָזן צו איר טאָכטער, האָט גאָרנישט געהאָלפן: ניין און ניין!

*

ס'איז געווען שבת. רחל וועט דאָס אייביק געדענקען. די תּפיסה־וועכ־טערס זענען אַרײַן אין איר קאַמער, אויפגעפאָדערט זי זאָל אָנטאָן די בעס־טע קליידער. זי האָט באַקומען אַן אויסנעם־דערלויבעניש אויף פינף מי־נוט צו זען זיך מיט דער מאַמען.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. באַקומען, ווײַזט אויס, אַ שאָק — אָבער רעדן קאָן זי נישט דערפון, זי וויל זיך נישט צורירן צו דעם קנויל גע־פילן, וואָס זי באַהאַלט טיף אין האַרצן. נאָר וואָס וועט זי זאָגן דער מאַמען

אין פינף מינוט? און וואָס וועט איר די מאַמע פריִער פרעגן אָדער זאָגן?

און אָט שטייט די מאַמע אַ שוויַיגנדיקע. פון איר פּנים לײַכטן אַרויס, ווי גליִענדיקע פּראָזשעקטאָרן, אירע ליכטיקע קלוגע מאַנדל־אויגן.

— מאַמע! — האָט זי אויסגעשריִען און שטיל געבליבן. באַלד האָט זי בײַ איר אַ פרעג געטאָן:

— דער קאַרשן־בוים בײַ מײַן פענצטער האָט שוין געבליט?

— כ׳ווייס נישט, מײַן טײַערע רחלע. פון יענעם טאָג אָן ווען די פּאָ־ליציי האָט דיך פאַרכאַפּט פון אונדז, איז דאָס פענצטער פאַרהאָנגען מיט דײַן דיקער קאָלדרע, די ליכטיקע שײַן זאָל נישט אַרײַנקומען אַהין ביז דו וועסט צוריקקומען.

מערער האָט די מאַמע נישט געזאָגט. די הייזעריקע שטרענגע שטים פון הויפּט־וועכטער האָט שוין אויפגעפאָדערט דער מאַמען צו פאַרלאָזן די תּפיסה.

— אָ, טײַערע מאַמע, וויפל וווּנדער האָסטו אַרײַנגעגאָסן אין מײַן לעבן, כ׳זאָל דיך אייביק געדענקען!

# איר שטענדיקער שמייכל

קאָן אַ נשמה זײַן אומעטיק? אַ פאַקט. זײַן נשמה איז אומעטיק און עלנט. זי שוועבט אַרום ווי אין עולם התוהו, כאָטש זי איז אין אים און גייט מיט אים אויף אַלע זײַנע וועגן. דער אָוונט קריכט שטילערהייט באַרג־אַראָפּ, און זײַנע הענט זענען ווי צווײַגן אויף אַ קלאָג־בוים.

נאָר אין זײַן געדאַנק ציט ער זיך צו איר ווי אַ שיף אין אַ פינצטערער נאַכט צום ליכט־סיגנאַל, צום לײַכט־טורעם.

ער פּרוווט מיט אַלע זײַנע כּוחות אָפּשטויסן דעם געדאַנק אַז די דער־הרגעטע פרוי איז... ניין!

דאָס קאָן נישט זײַן. ער ווערט זיך קעגן דעם מיט אַלע זײַנע געדאַנקען, סײַ בעתן וואַך זײַן, סײַ אין חלום.

נאָר ער איז איצט אַליין. שאָטנס שלעפּן אים אַוועק איבער דער משונהדיקער וועלט און עס מאַטערט אים און לאָזט אים נישט צורו איר לעצטער שמייכל, אַ שמייכל וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט, און איצט פאַרלעשט ער אים דאָס ליכט.

דורך דעם טעלעפאָן־טרײַבל האָט מען אים גערופן אין דער פּאָליציי; דאָרטן האָט מען אים געוויזן אַ דערהרגעטע פרוי, וואָס לויט אירע דאָקו־מענטן, איז עס זײַן מאַמע. זײַן מאַמע איז דערהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

דורך ווער? ווו? ווי אַזוי?

ער האָט באַדאַרפט דערקענען אין צעשעדיקטן קערפּער וואָס די פּאָליציי האָט געברענגט אין שפּיטאָל אַרײַן — זײַן מאַמען.

האָט בלויז איר ליכטיקער שמייכל, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט אויף איר פּנים, אים באַשטעטיקט, אַז דאָס איז זי, וויי וויי, זײַן אומפאַר־בײַטלעכע מאַמע.

עס איז געווען אין מיטן זומער, גרויסע היצן, מען האָט זי געדאַרפט ברענגען צו איר אייביקער רו. איז ער אַליין, מיט נאָך פיר מענטשן, די חברה־קדישה־לײַט, געשטאַנען בײַ איר קבר, און אַליין זי באַוויינט. נישט געוויינט, בלויז שטום געביסן זיך די ליפּן. אַ שטילקייט ווי דער טויט האָט זיי פאַראייביקט און פאַראיינזאַמט צוזאַמען.

דערנאָך איז ער אַוועק אַ צעבראָכענער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, מיט קאַלטע טרערן, און מיט אַ גאַנצער וועלט אבלות.

מיט אַמאָל האָט ווי אַ לײַכט געטאָן אַ שטערן־שטראַל, וואָס מען דערזעט אַמאָל על־פּי־נס אין אַ פאַרכמאַרעט־פינצטערער נאַכט: —

ר׳האָט זיך דערמאָנט, ווי די מאַמע פלעגט אָפט דערציילן וועגן איר זיידן, דעם תּלמיד־חכם און קבלה־מענטש, אַז ער פלעגט זאָגן: „אַ מענטש וואָס גלייבט, איז אַ גליקלעכער מענטש אויף אונדזער צערודערטער וועלט; אַ גלייביקער איז אַ גוטער, ער קאָן קיינמאָל קיינעם נישט באַוואָלען; ער וויל תּמיד יענעם אונטערטראָגן אַ גוט וואָרט, אַ פריילעכן ניגון, אפשר דאָס טעלערל פון הימל, טיילן מתּנות די קינדער אין די גאַסן; ער זוכט נישט און טראַכט אַפילו נישט צו זײַן רײַך און ווייסט אַפילו נישט די גרײַציקייט פון געלט. דער מענטש איז אפשר נישט קיין גיבור, אָבער אויך נישט קיין פּחדן, ער וויל יעדן ליב האָבן, העלפן, רק טאָן גוטס.

אַ גלייביקער איז קיינמאָל נישט טרויעריק, כאָטש זײַן האַרץ איז פול מיט צער, — ער שווײַגט, ווײַל מיט רייד קאָן אַ מענטש זינדיקן...

אַ גלייביקער ייִד פאַרמאָגט נישט קיין גאווה, אָבער ער וועט זיך פאַר קיינעם נישט בוקן, ער וויל קיינעם נישט דערנידעריקן און זיך אַליין אַוודאי נישט. וויפל עס לייגט אויף אים אַרויף די שווערע מאַסע פון גויט, פון צרות, גייט ער דאָך גלײַך אַנטקעגן דעם שטורעם־ווינט בײַ טאָג און בײַ נאַכט. די דערוואַרטונג פון זײַנע אויגן איז דער נס פון אויפגייענדיקן טאָג. אַ ריזן־כּוח האָט אין זיך דער גלייביקער מענטש".

אָט די ווערטער זענען אים געקומען איצט אויפן זכּרון, כּדי ער זאָל זיך האָבן אָן וואָס צו קלאַמערן, אַנצוהאַלטן. און אַז ר׳האָט געפּרוווט זיך אויסטײַטשן אָט די רייד, איז אים געקומען אַנטקעגן די מאַמע, און עס האָט דערוואַכט אין אים דער זכר פון זײַן קינדהייט, זײַן יוגנט, די צײַט ווען ר׳איז שוין געווען אַ דערוואָקסענער מענטש, און אין אָט די אַלע צײַטן — די ווירקונג, די נסיונות, די ליבע און געטרײַשאַפט פון דער איידעלער

מאַמע. ס׳האָבן אויפגעטויכט דערמאָנונגען, פּאַסירונגען, און ער זעט זיי ווי זיי וואָלטן אָט איצט, אין די אַ מינוטן, פאָרגעקומען: —

...אין שטוב בײַ זיי האָט געהערשט אַ שרעקלעכע נויט. די קינדער האָבן אָפּט געקרענקט און געהונגערט, און די מאַמע האָט געליטן אָבער געשוויגן; זי פלעגט שווער אַרבעטן אויפן מארק ווי אַ פּאַרקויפערקע בײַ אַ רײַכן ייִד פון שטעטל. איין מאָל איז ער מיט איר געגאַנגען אײַנקויפן אויף שבת; אין דער בעקערײַ איז געווען אַ טומל און אַ שטופּעניש פון ייִדענעס, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געוואָלט זײַן די ערשטע צו באַצאָלן. די בעקערין האָט געשאַרט די מטבעות און די מאַמע האָט שטיל געוואַרט מיט אירע צוויי קוילעטשן אין האַנט אויף צו באַצאָלן, וואָס עס קומט פון איר. האָט ער שנעל אין אָט דער שטופּעניש אַרײַנגעלייגט אַ קליין בול־קעלע אין קעשענע אַרײַן. אַז זיי זענען שוין געווען ווײַט אַוועק פון דער בעקערײַ, האָט ער זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, האָט אַרויסגענומען ס׳בול־קעלע און געוואָלט אײַנבײַסן; די מאַמע האָט עס באַמערקט. זי האָט ווי דערפילט דעם געראַנגל אין אים, אָדער דעם פּחד מיט אַ געמיש פון הונגער צו דעם בולקעלע, וואָס האָט אַזוי געשמעקט און געבייצט. די מאַמע, מיט אירע גוטע אויגן, האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און צאַרט אַ זאָג געטאָן:

— גיב מיר דאָס בולקעלע, איך וועל עס דיר באַלד צוריק אָפּגעבן...

זי האָט זיך שנעל פאַרקירעוועט אויף צוריק צו דער בעקערײַ, ער איז איר נאָכגעלאָפן אַ פאַרשעמטער. די מאַמע האָט מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים פון חרפּה זיך געוואָנדן צו דער בעקערין:

— וויפל בין איך אײַך שולדיק פאַר דער בולקע, פאַר וועלכער כ׳האָב פאַרגעסן צו באַצאָלן? — — —

קיין פּרטים געדענקט ער נישט. ער ווייסט נאָר, אַז אַרויסגייענדיק פון דער בעקערײַ האָט די מאַמע אים אָפּגעגעבן די בולקע, אָבער ער האָט מער קיין הונגער נישט געפילט...

דער צווייטער פאַל: אַ שבת פאַר נאַכט, בעת דער שבת איז נאָך נישט אַוועק און די וואָך איז נאָך נישט אָנגעקומען. אין אַ שמועס וואָס די מאַמע האָט מיט אים געהאַט, האָט ער דערפילט אַז לויט איר נאָך האָט ער זיך שלעכט אויפגעפירט מיט זײַנעם אַ שול־חבר, און זי האָט געוואָלט

אַרויסרופן בײַ אים כאָטש אַ געפיל פון חרטה, ער איז אָבער געווען אײַנ־געשפּאַרט און געוואָלט דווקא זײַן גערעכט.

אין יענעם בין־השמשות האָט די מאַמע זײַנע געבעטן אַ מאָדנע תּפילה (דאָס ערשטע מאָל אויף אַ הויכן קול), געקלאַפּט זיך אין האַרצן ווי יום־כּיפּור בײַ „על־חטא", און געבעטן מחילה פאַר די זינד, וואָס זי זאָל האָבן נישט ווילנדיק געזינדיקט:

„גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקבֿ, שטראָף נישט מײַן קינד פאַר מײַנע זינד; איך בין אַ מאַמע, און אַלץ וואָס מײַן קינד טוט, איז מײַן שולד. כ'נעם אויף זיך אַלע זײַנע עבֿירות און אים וויל איך באַשיצן פון אַל־דאָס בייזס און שלעכטס. איך בין זײַן מאַמע, איך בין אין אַלץ שולדיק"...

אַז זי האָט פאַרענדיקט איר תּפילה און האָט דערזען אים שטיין אַ דער־שלאָגענעם, אַ פאַרלוירענעם, אַ צעטומלטן, פול מיט חרטה אויף זײַן שלעכט אויפפירן זיך און פון דעם וואָס די מאַמע האָט אַלץ גענומען אויף זיך, האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אירע פײַכטע אויגן און אים באַשאָנקען מיט אַ ליבן שמייכל, וואָס איז געווען פול מיט גוטסקייט.

מיט איר שטענדיקן שמייכל.

## צווישן זון און שאָטן

לענג אויס דעם בלויען ברעג פאָרט די באַן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, פאַר־שווינדט אין די טונעלן און רײַסט זיך באַלד אַרויס צום בלענדיקן ליכט, וואָס קומט פון רויטע פעלדזן, פון פּאַלמען און בלומען, בעת ווײַס־בלוילעכע וואָלקנדלעך שוועבן אויפן לויטערן הימל. בײַ די שטעט און שטעטלעך פּאַזע ברעג גייען ביסלעכווײַז אַראָפּ פּאַסאַזשירן און די מעוועס הייבן זיך אויף מיט געאײַל און געטומל און צעפליִען זיך ווײַט, ווײַט אין ים אַרײַן.

די מענטשן וואָס פאָרן ווײַטער, שטייען בײַ די וואַגאָן־פענצטער און קוקן נײַגעריק און אומגעדולדיק אַרויס צו דערזען עפּעס נײַס און דערפילן די נאָענטקייט פון זייערע סטאַציעס. אויך פּעלאַ מיט איר מאַן דעני זענען אין יענעם פרימאָרגן געשטאַנען בײַ אַ וואַגאָן־פענצטער און אַרויסגעקוקט מיט אַ טיפער באַגעניש און נײַגעריקייט: ווו געפינען זיי זיך איצט? פרוי פּעלאַ האָט דאָס אַלע מאָל באַשטימט זייערע אָפּרו־רײַזעס, און אויך דאָס מאָל אים געפירט צום „בלויען ברעג", ווו זיי וועלן זיך אײַנאָרדענען אויף די עלטערע יאָרן. אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט, זיך געמאַטערט, איבערגע־לעבט שווערע יאָרן פון דער אָקופּאַציע־צײַט, אויסגעהאָדעוועט אַ זון, אַ דאָקטער, אים חתונה געמאַכט, געהאָלפן אים אײַנאָרדענען אַ קאַבינעט מיט די מאָדערנסטע מאַשינען פון ראַדיאָלאָגיע. די שנור, אַ פּיאַניסטן, פאַר־נעמט זיך מיט די צוויי ליבע אייניקלעך זייערע. דערנעענטערן זיי זיך איצט צו דער שטאָט פון זייער פּלאַן.

בײַ פּעלאַן אין האַרצן רוישט עפּעס אַן אומבאַשטימטער וויי, אַן אומעט. האָט זי דאָך דערגרייכט, מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך, צו קויפן אַן אייגענע וווינונג אויפן „בלויען ברעג", פאַר וואָס זשע אַזאַ אומרו? זיי וועלן, שטעלט זי זיך פאָר, זי מיטן מאַן אירן, דעני, שפּאַצירן תּמיד בײַם

ברעג פון ים און געניסן אויף דער עלטער פון אַ ביסעלע רו. צווישן אַט די פּאַלמען, קוסטעס מיט די פּיל־פּאַרביקע בלומען, איז דאָך אַזוי אָנגענעם צו שפּאַצירן. שטעט, שטעטלעך, דערפער זענען צעשאָטן אַרום דעם „בלויען ברעג" אין די נידעריקע אַלפּן, מיט די פּיטאַרעסקע אַלטערטימלעכע הײַזקעס. פאַר וואָס זשע אַזאַ נאָגעניש, פרעגט זיך פייגעלע זאַנשיין שטייענדיק איצט בײַם וואַגאָן־פענצטער, דערוואַרטנדיק דאָס ווײַטערע פאָרן. איז עס די בענקשאַפט נאָך די קינדער, נאָך די אייניקלעך? נאָך דעם טומל און רעש אין פּאַריז? זי דערפילט מיט אַ מאָל ווי די יאָרן לייגן זיך שווער אויף איר. זי פּרוּווט אַ שמייכל טאָן צום מאַן. ער איז אַ מאָל געווען אַ לוסטיקער, חנעוודיקער בחור, איר דוד. זײַן גוטסקייט, זײַן ווילן צו לערנען, צו וויסן, צו לייענען. אָ, אָ, און אַט זענען זײַנע טריט מידע. די עלטער, די עלטער, טראַכט זי.

נישט ווײַט פון קרואַזעט, בײַם וועג לעבן בלויען ים, זענען פאַראַן אַזוי פיל הײַזער פאַר איינזאַמע מענטשן, וואָס די עלטער האָט פאַרכאַפּט. אויף די וועראַנדעס זיצן זיי, די עלטערע מענער און פרויען און וואַרטן דער טאָג זאָל אַוועקגיין. די נאַכט זאָל אַוועקגיין. אויף וואָס וואַרטן זיי? אויף וועמען? —

די שטאָט דרעמלט ווי אַ פוילע קאַץ אויף דער זון. אַרום — מימאָזאַ־וועלדלעך, וואָס פילן אָן די לופט מיט זיסע אַראָמאַטן. אַזוי פיל זון, אַזוי פיל שאָטן. פעלדער, טאָלן, בערג. אַט פליט פאַרבײַ אַ זומער־פייגעלע, אַ פּילפּאַרביקס, שפּרינגט פון צווײַג צו צווײַג. איר בליק פאַלט אויף אַ בלום, וואָס וועלקט פון צו פיל זון. זון און שאָטן. פייגעלע זאַנשיין שפּאַצירט דאָ אַרום, קוקט זיך אין אַלץ אײַן מיט באַוווּנדערונג און צופרידנקייט און מאָלט זיך איר צוקונפט. אַ סך פאַרפעלקער אין זייער שטאַנד און עלטער געפינען זיך דאָ. אויך זיי זענען, נאָך אַן אָפּגערוישט לעבן, געקומען צום „בלויען ברעג" זיך אָפּרוען, געניסן פון דער שיינקייט, וואָס די נאַטור שענקט דאָ דעם מענטשן מיט איר ברייטער האַנט, צו שאַפן אַן אָנגענעמע היים אויף דער עלטער. מען שטייט אויף פרי, מען לאָזט זיך גיין שפּאַצירן, באַטראַכטן ווי די בינען זויגן דעם בלומען־זאַפט, פרייען זיך מיטן לעבן. פייגל בויען זייערע נעסטן, שפּרינגען פון צווײַג צו צווײַג פון בוים צו

בוים, שטיפערישע ווינטלעך צערטלען דאָס געזיכט, פרישן אָפּ דאָס געמיט נאָך דער שווערער היץ וואָס הויערט דאָ.

די קינדער אין פּאַריז, פּאַרטאָן אין זייערע פּראָפעסיעס, האָבן צוערשט אַ ביסל איבערגעקלערט וועגן טאַטע־מאַמע, ווי אַזוי זיי וועלן זיך דאָרט איינאָרדענען, אַרייַנפּאַסן זיך אינעם נייַעם לעבן ביים „בלויען ברעג״. האָבן זיי, ביי זייער גאַנצער פּאַריאַגטקייט, געפונען צייַט אָנצושרייַבן אַ בריוול צו טאַטע־מאַמע. האָט זיך דאָס אַלטוואַרג געגרייסט, געוויזן די בריוו זייערע באַקאַנטע:

— אויף אַלע ייִדישע טאַטע־מאַמע געזאָגט געוואָרן.

נאָר די בריוועלעך ווערן זעלטענער. שאַרלי, זייער ליבער זון, האָט געפונען אַ לייַכטערן אופן — ער רעדט מיט זיי טעלעפאָניש, ער קאַרגט נישט זייַן צייַט ,דערציילט וועגן זיך, וועגן דער פרוי, וועגן די קינדער־לעך. די קינדערלעך רעדן אָפּט וועגן פּאָפּי־מאַמי (זיידע־באָבע). מ׳איז פּאַריאָגט. פרייַנדשאַפט, פּאַרבינדונגען מיט קאָלעגן־דאָקטוירים. אויפנאַ־מעס. פאַרבעטונגען. אַ פייַנע געזעלשאַפט פון פרייַנד.

מען איז אים פון דעסטוועגן מקנא, דאָקטער זאָנשייַנען, וואָס זייַנע עלטערן האָבן פּאַרשטאַנען און אַוועקגעפאָרן אויפן „בלויען ברעג״, צו לעבן זייער לעבן פון „דריטן עלטער״...

— מיר האָבן טייַערע קינדער, דעני — האָט פעלאַ געזאָגט צום מאַן — און דו ביסט גאַנצע טעג נאָר פאַרנומען מיט די צייַטונגען, און דער־נאָך — שווייַגסטו...

אַ מענטש זוכט אין עפּעס זיך צו באַהאַלטן, אַנטלויפן. פון זיך אַליין, פון אַנדערע...

אַ שווייַגער — האָט די פרוי געטראַכט — און אַט בלאָנקעט ער גאָר אַרום איבער די פאַרווייַלונג־ערטער ווו ס׳איז פריילעך, ווו עס ברויזט די יוגנט, ווו עס הילכט דער סאַקסאָפאָן, די „פּאָפּ״־לידער. דאָרט פאַרגעסט ער זיך אפשר. אין דער צייַט פון סינעמאַ־פעסטיוואַל, ווען עס פאָרט זיך דאָ אָן אַ וועלט מיט סטאַרן פון אַלע לענדער, באַמיט ער זיך בייַצוזייַן אויף אַלע פילמען, פרעסע־קאָנפערענצן, קאָקטיילן, בעלער, און ווו נישט? אַפילו אויפן ביכער־יאַריד אין ניס. ער איז געננוי אויינפאָרמירט וועגן די פרעמירטע שרייַבערס. ער קומט אויף קאָנצערטן, אויסשטעלונגען. כאַפּט זיך

אויך אַרײַן אין קאַסינאָ, שטעלט אַ מאָל אײַן, כאָטש ער געווינט נישט, און פילט אַרום זיך דאָס פּולסירנדיקע לעבן.

ער האָט אויך ליב אַ לײַכטן וויץ, אַ שפּאַס. מען דערמאָנט זיך וועגן דער יוגנט. די אַלע עלטערע לײַט אין גאָרטן ווייסן שוין אַז דוד זאָנ־שײַן דערציילט אַלע מאָל עפּעס פרייילעכס. זיי זיצן, די געעלטערטע מענטשן, אונטער די פּאַלמעס מיט די ברייטע בלעטער, ווי אונטער פּע־כערס.

יעדער פון זיי האָט אַ ווײַט־פאַרגאַנגען לעבן הינטער זיך — דאגות, אומעט, באַדויער, בענקשאַפט. דוד באַווײַזט זיך, צוזאַמען מיט זײַן פרוי פעלאַ, צוגעפּוצטע, אויסגעבאָדענע, און דוד באַגריסט זיי אַלע מיט אַ פרייילעכקייט:

— אַ גוט מאָרגן אײַך, „יונגעלײַט"... נו, האָט איר שוין עפּעס אויס־גערעדט אויף אײַערע קינדער, פרײַנד? נו, יאָ, אַוודאי, צוויי מאָל יונג איז מען נישט...

אַלע לאַכן גוטמוטיק. אַ גוטער מענטש, דער דוד, נישט קיין נאַר אויך.

— נו, וואָס, מען קלאָגט זיך אויפן מזל? צו מזל, וויל איך אײַך זאָגן, דאַרף מען האָבן אַ ביסל שׂכל אויך.

אַזוי לעשט זיך אויס איין טאָג נאָכן אַנדערן אויפן „בלויען ברעג". טאַטע־מאַמע וואַרטן אויפן טעלעפאָן־רוף פון זייער זון. אפשר וועט די שנור אויך אַרײַנרעדן אַ פּאָר ווערטער. אפשר — אַן אייניקל. דער ווינטער מיט די ווינטן איז פאַרבײַ, און אָט איז שוין ווידער פרילינג. דודן איז אײַנ־געפאַלן צו פאַרשרײַבן זיך אויפן אוניווערסיטעט, ספּעציעל פאַרן „דריטן עלטער". פייגעלע האָט זיך דערמאָנט אין איר יוגנט און געפּרוּווט נעמען לעקציעס פון מאָלערײַ. דער פּראָפעסאָר האָט זי זייער געלויבט, אַפילו איר צוגעזאָגט אַ קאַריערע. האָט זי געלאַכט, פעלאַ, און זיך דערמאָנט דערבײַ אין איר מוטער: „מאַמע מײַנע, איך שפּיגל זיך אין דיר. דײַן פּנים שטייט מיר פאַר די אויגן, און איך פּרוּוו עס איצט מאָלן".

אָבער די בריוו און די טעלעפאָן־רופן פון די קינדער ווערן אַלץ זעל־טענער. און דוד ווערט יעדן טאָג שוואַכער. פון פאַרדראָס, פון בענקשאַפט, פון פאַרלאָזנקייט? פון אַלץ אין איינעם? ער פּרוּווט עס אויסבאַהאַלטן און אָפט רופט זי אים אין מיטן דער נאַכט:

— שלאָפסט נישט, דוד ?

— כ׳פיל זיך נישט מיט אַלעמען. אין מײַן עלטער מוז מען פּאַר ליב נעמען אַ קלעם אין האַרצן אויך...

וואַקסט בײַ איר דער אומרו. אפשר זאָל זי אָנרופן די קינדער, אַז דער זון פֿאַל זאָל דערהערן דאָס קול פון דודן? ער וויל דאָך אַפילו נישט גיין צו קיין דאָקטער. אמת, זיי לעבן דאָ ווי אין אַ גן־עדן, אָבער זיי זעען ווי מענטשן פאַרגייען דאָ ווי שאָטנס. אַ זעלטענער פונק פון פרייד צערינט שנעל.

דער האַרבסט רוקט זיך אָן מיט זײַנע ווינטן, וואָלקנס. עס פאַלן די בלעטער. די פאַלמעס וויגן זיך אומעטיקע אונטערן גרויען הימל. די נעכט זענען לענגערע. ער איז פאַרקילט, דוד, ליגט אין בעט, פיבערט. און ער בעט זיך בײַ איר זי זאָל גאָרנישט זאָגן די קינדער.

— אפשר וועל איך נאָך געזונט ווערן ?

סײַ ווי זענען די טעלעפאָנען זעלטענע און קירצערע. דאָך גייען זיי אַרויס אויף די שפּאַצירן, קוקן זיך צו ווי די עלטערע מענטשן אויפן שיינעם בלויען ברעג שלעפן קוים די פיס ; ווי דער שאָטן פון טיפן האַרבסט לויערט אויף זיי.

זי האָט אָבער באַשלאָסן, פעלאַ, אָן דעם מאַנס וויסן, גיין צום דאָק־טער און דערוויסן זיך וועגן אמתן צושטאַנד פון איר מאַן. זי האָט אים אַ ווײַלע געלאָזט זיצן אויף דער טעראַסע, צווישן בלומען און עקזאָטישע געוויקסן. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געדולד צו לייענען די צײַטונ־גען, אַרײַנצוקוקן אין אַ בוך. בלויז די שטילע מוזיק פון טראַנזיסטאָר האָט אים באַגלייט — די קלאַסישע מוזיק־קאָנצערטן. אין דעם טאָג האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט וואָלקנדלעך, געיאָגטע פון ווינט. דאָס איז דער ווינט פון די דרום־ברעגן, דער „מיסטראַל”. ס׳איז געווען אַ שפּיל צווישן זון און שאָטן.

דוד האָט שווער געאָטעמט. ער האָט געפיבערט.

פעלאַ האָט זיך נישט געאײַלט אַהיימצוגיין. זי איז מיט אַ לײַכטן גאַנג אַרויף אויף די שטיגן און געזוכט צו דערציילן אים עפּעס פריילעכס. זי האָט אים אָבער געטראָפן אײַנגעשלאָפן אויף אייביק...

*

בײַם טעלעפֿאָן צו אירע קינדער אין פּאַריז האָט זי קײנעם נישט גע־טראָפֿן. זײ זענען געהאַט אַװעקגעפֿאָרן ערגעץ צו די ברעגעס פֿון אַטלאַנטיק נישט לאָזנדיק קײן אַדרעס.

ערשט אין אַ צװײ װאָכן אַרום איז די מאַמע פּעלאַ געשטאַנען בײַם טעלעפֿאָן אַ צעקלעמטע, אַן אױסגעלאָשענע, און דער זון, אױף יענער זײַט טעלעפֿאָן־דראָט, איז געװען מונטער, פֿרײלעך. ער האָט גערעדט, גערעדט און די מוטער האָט געשװיגן. צולעצט האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— װאָס מאַכט דער טאַטע?... און דו אַלײן?

איר קול איז פּלוצים שטום געװאָרן. דער זון האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— װאָס איז געשען, מאַמע? אפֿשר זאָל איך קומען?

— אױב דו װילסט מיך נאָך זען, קום...

— און דער טאַטע?

— שױן צו שפּעט... נישטאָ מער.. מיר האָבן דאָ געלעבט אין דער זון און דער טאַטע איז געשטאָרבן אין שאָטן.

# מסיע נאַטאַן

דאָס דערפל פּאָלאַנקי, בײַם טײַך בוג, נאָענט פונעם שטעטל מאָלקין, איז געווען אײַנגעהילט אין פּרוכטיקע סעדער. אַרום — סאַזשעלקעס, טײַכלעך, ווּ מ׳האָט געכאַפּט זילבערנע פישלעך, וואָס מ׳האָט זיי גערופן קאַראַזיקעס. צווישן די געציילטע יידישע משפחות וואָס האָבן דאָרט געוווינט איז אויך געווען די פאַמיליע פ. צען קינדער זענען בײַ זיי געווען און איינער פון זיי, נחמנקע, מיט אַ געקרויזלטן בלאָנדן קאָפּ האָר, בלויע אויגן, מיט אַ בלייך לענגלעך צאַרט געזיכט. צו דרײַצן יאָר, ווען ער האָט גענומען לייגן תּפילין, האָט ער שטילערהייט געפּרוווט פאַר זיך אַליין שרײַבן לידלעך, אַרויסזאָגן אומפאַרשטענדלעכע רייד, געגראַמט וואָרט מיט וואָרט. ס׳האָט פון אים ממש אַרויסגעזונגען.

די טאַטעס און די מאַמעס פון דערפל האָבן געהאַנדלט מיט סעדער. זומער־צײַט האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן אין דערפל אַרײַן שטאָטישע „לעטני־קעס״, דער עיקר: פרויען און קינדער. האָבן די אָרטיקע אײַנוווינער פאַר־דונגען זייערע אייגענע שטיבלעך און אַליין זענען זיי אַוועק וווינען אין די סטאָדאָלעס, אין די זומער־ביידלעך אין דער טיף פון די סעדער. דאָרט האָבן זיי גלײַכצײַטיק אין די נעכט געהיטן, אַז די שקצים פון די אַרומיקע דערפער זאָלן נישט קומען גנבענען די האַלב־צײַטיקע פרוכטן: די קאַרשן, מאַלינעס, עפּל און באַרן.

מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער דערמאָנט ער זיך נאָך דאָס אַלץ, נחמנקע, וואָס לעבט איצט אין פּאַריז, ווּ זײַן נאָמען איז אַזוי פאַרפרעמדט און אַנ־דערש געוואָרן ווי זײַן גאַנץ לעבן; ער רופט זיך איצט מ ס י ע  נ אַ ט אַ ן און איז מיט זײַן גאַנצן לײַב און לעבן אַן אָנגעזעענער פּאַריזער קאָמער־סאַנט מיט דערפאָלג און השפעה. נאָר ווען ער קומט אין געזעלשאַפט און באַגעגנט זיך מיט קינדער און מאַמעס, קומט אים אויף דאָס בילד פון זײַן

גוטער מאַמען, וואָס האָט אים איבערגעגעבן איר בענקשאַפט און אירע טרוימען צו דער שיינער וועלט. ער געדענקט נאָך אַלץ יענע ייִנגלשע פרייד. ער געדענקט נאָך דאָס לשון פון די שכנישע קינדער, די נישט־ייִדישע קינדער. דאָס איז דאָך אייגנטלעך זײַן יוגנט, זײַן לעבן, זײַן שטאָם. שטייען אים פאַר די אויגן די סעדער, די וועלדער, די טײַכלעך, די סאַזשעלקעס; די רעגנס, די שטורעמס, די שנייען, די פרעסט און די ווינטן. דאָס אַלץ צויבערט אים און גייט אים נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג, ווען ער איז שוין אַזוי ווײַט, ווײַט אַוועק דערפון. און איבער אַלע — די מאַמע.

אַ ייִד אין די יאָרן און איז נאָך אַלץ אַ קינד. ער לעבט נאָך אַלץ מיטן דאָרף, ווו זײַן וויג איז געשטאַנען. זייער הײַזל בײַם ראַנד פון טיפע וועלדער. אָבער די דעראינערונגען פרירן איצט אין זײַן האַרץ. אים דוכט זיך נאָך אין די נעכט צו דערהערן דאָס ווײַטע בילן פון די היימישע הינט, דאָס וואָיען פון די ווינטן אין די זאַווערוכישע נעכט, הינטער די ווענט פון זייער הײַזל.

דאָס בולטסטע וואָס ער געדענקט, זענען די זומער־געסט, וואָס פלעגן זיך אָנפאָרן צו זיי. זיי זענען געקומען פון די גרויסע שטעט, און האָבן מיטגעבראַכט גאָר אַן אַנדערע וועלט, אַן אַנדער בענקשאַפט. דאָס זענען געווען יונגע מיידלעך, ייִנגלעך, לאַכנדיקע, פריילעכע, אָנגעטאָן אין שטאָטישע מלבושים. די ייִנגלעך — סאָליד, ערנסט און די מיידלעך — אין פיל־פאַרב־יקע קליידער.

נחמנקע האָט נישט געהאַט קיין דרײַסטקייט צו רעדן מיט דער שטאָטישער יוגנט, די מערסטע פון זיי — שילערס פון גימנאַזיעס, אַרײַנגעטאָן אין ביכער. זיי האָבן גערעדט אַנדערש, זיך אויפגעפירט אַנדערש. אַן אַנדערע וועלט.

זײַן מאַמע, פריידע, אַ שטענדיק פאַרפאַרעטע אין דער הויז־באַלעבאַטישקייט, איז זומער־צײַט געווען קעכין בײַ דער פאַמיליע, וואָס האָט בײַ זיי אָפּגעדונגען דאָס הײַזל. זי האָט דערבײַ געזאָרגט, אַז עס זאָל עפּעס אַראָפּפאַלן פאַר אירע אייגענע קינדערס וועגן אויך. אין איינער אַזאַ משפחה וואָס איז געקומען בײַ זיי ווינען, איז געווען, דערמאָנט ער זיך, אַ מיידל מיט לאַכנדיקע קאַרשן־אויגן, מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ, פאַרקעמט אין צוויי גרעקלעך איבער די אויערן. אסתּרקע. יאָ, די שיינע אסתּרקע. נחמנקע איז דעם מיידל שטיל און פאַרבענקט נאָכגעגאַנגען, איז אָבער נישט

דרייסט געווען אויסצורעדן צו איר איין וואָרט אַפילו. זי איז געווען דאָך עלטער פון אים. דאָס האָט זי, אסתּרקע, די ערשטע אַרײַנגעוואָרפן אין זײַן האַרץ אַרײַן פונקען פון פאַרלאַנגען, פון נאָכטראַכטן, פון אומגעשטילטע בענקשאַפטן.

זענען דאָס געווען גאָלדענע גליקלעכע זומערס.

ווען דער האַרבסט איז געקומען, די ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן, די סעדער זענען שוין געשטאַנען נאַקעטע, האָבן די זומער־געסט פאַרלאָזט דאָס דאָרף. פוסט און ליידיק זענען געוואָרן די סטעזשקעס, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג פול געווען מיט פרייד און געלעכטער. האָט די פוסט־קייט פאַרקלעמט בײַ נחמנען דאָס האַרץ און אַ בענקשאַפט האָט זיך אין דעם באַזעצט אויף שטענדיק.

עס האָבן זיך צוריקגעשטעלט די וואָכעדיקע טעג. די סאַדאָווניקעס האָבן אָנגעפילט פולע קוישן מיט פרוכט, געפירט זיי אין די אַרומיקע שטעטלעך. עס זענען שוין געשטאַנען די ווײַסע, פּראָסטיקע נעכט. אַ בלאַסע לבנה האָט שפּאַצירט איבערן הימל צווישן די שוואַרצע שטיקער וואָלקנס און געוואָרפן שאָטן און ליכט איבער די ווײַסע פעלדער אַרום דערפל בעלאַנקי.

פאַרפאָרעט אַ גאַנצע וואָך אין דער באַלעבאַטישקייט, האָט די מאַמע געגרייט דעם שבת אין געאײַלעניש. קיין עלטערע קינדער זענען שוין אין דער היים נישט געווען, נאָר ער מיט זײַן שוועסטערל. די מומע לאהלע איז אַוועק צום פאַרפרוירענעם טײַכל, ווו די פויערים האָבן געהאַט אויפגעהאַקט אַ לאָך אין אײַז, אויסצווואַשן אַ ביסל וועש, בעת דאָס וואַסער האָט גע־ביסן די הענט ווי מיט ציינער.

יאָגנדיק און האַוועדיק איז די מומע לאה געפאַלן און זייער שווער צע־קלאַפּט אַ פוס. מ'האָט אויף שנעל געמוזט דינגען אַ שליטן בײַ אַ פויער, כדי צוצופאָרן אין נאָענטן שטעטל, סאָקאָלאָווע, און ברענגען פון דאָרט דעם דאָקטער. האָט די מאַמע פריידע אָנגעטרויט די־אָ שליחות איר זון נחמנקען, און אים געזאָגט:

— מען דאַרף זיך קענען אײַנשטעלן מיט לײַב און לעבן כּדי צו ראַ־טעווען אַ מענטש.

איין פּאָר שיך איז געווען אין שטוב, פאַר אים און פאַר זײַן שוועסטער

דינהלע. איז דינהלע געבליבן אין שטוב. זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, ווײַל אַרויסגיין אין דרויסן אַ באָרוועסע איז געווען אוממעגלעך.

נחמנקע האָט געפּירט דעם שליטן און געבּרענגט צופירן דעם דאָקטער. דער דאָקטער האָט באַטראַכט דער מומעס פוס, אים אַרומבאַנדאַזשירט, געגעבן זאַלבן און נחמנקע האָט אים צוריקגעפירט קיין סאָקאָלאָווע. צוריק־וועגס, ווען דער אָוונט האָט שוין גענומען צופאַלן, האָט זיך אין פּראָסטיקן פאַרנאַכט צעהוליעט אַ שטאַרקע זאַווערוכע. אַ ווילדער שטורעם; אַ ווײַסע, פּוסטע וועלט אַרום. פלאַכטעס שניי האָבן פאַרשאָטן אַלע וועגן, אָפּגעווישט יעדן צייכן פון אַ סטעזשקע צווישן וואַלד און דאָרף.

דאָס ייִנגל האָט דערפילט, אַז ער גייט אויס פון קעלט. ער איז אַראָפּ פון שליטן און גענומען נאָכלויפן דעם פערד, כּדי זיך צו דערוואַרעמען. אין געוואַלד פון שטורעם האָט זיך אים געדוכט אַז ער הערט ווי די מאַמע זײַנע שרײַט:

— ווער נישט אַנטשלאָפן, נחמנקע! ראַטעווע זיך... עס לויערן דאָ אַרום וועלף אויף די וועגן.

דאָס פערדל האָט זיך אויך דערשראָקן פאַרן טײַוולאָנישן שדים־טאַנץ פון די ווינטן. די שניי־זאַווערוכע האָט אים פאַרבלענדט די אויגן. פון דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאַמט קליינע ליכטלעך; מ׳האָט אָבער נישט געקענט וויסן, צי דאָס זענען ליכטלעך פון אַ נאָענטן דאָרף, צי גאָר די לאָקערנדיקע אויגן פון די בלאָנקענדיקע וועלף.

דאָס ייִנגל האָט אָפּגעלאָזן די לייצעס, אָנגעטרויט דעם פערד ס׳זאָל זיך אַליין געפינען דעם פאַרשאָטענעם שליאַך. ער האָט שוין נישט געפילט מער דעם לינקן פוס, ווײַל אַרײַנטרעטנדיק אין אַ שניי־גרוב, האָט ער קוים אַרויסגעשלעפּט אַ פוס וואָס האָט שווער געוווגן.

ביז הײַנטיקן טאָג געדענקט ער נישט, מיט וואָס פאַראַ ניסים ער איז דעמאָלט דערפאָרן אַהיים. עס איז זיכער, אַז דאָס פערדל מיט פערדישן אינ־סטינקט האָט געפירט אויפן ריכטיקן וועג.

ער געדענקט זיך נאָך ליגן אין בעט. די מאַמע איז געזעסן לעבן אים. ער האָט געעפנט די אויגן, אַרומגעקוקט זיך פרעמד איבערן שטיבל, און נאָך אַלץ נישט געוווּסט ווּ ער געפינט זיך. ער האָט דערזען אויפן טיש אין שוך זײַנעם — אייגעם פון די שיך וואָס האָבן געדינט סײַ אים, סײַ

זײַן שוועלטערל דינהלען. ס׳איז געווען דער רעכטער שוך. ווײַל דעם לינקן האָט ער ערגעץ־ווו פֿאַרלוירן אין די שנייען...

און מאָדנע, אין שוך האָט געשטעקט אַ וואַקסן ליכט און דאָס פּלעמל האָט געצאַנקט אין דער טיפֿער נאַכט. לעבן אים איז געזעסן די מאַמע.

שטיל האָט זי אים געזאָגט:

— ס׳איז געשען אַ נס, מײַן קינד, וואָס ביסט לעבן געבליבן. אין דעם איינציקן שוך וואָס דו האָסט צוריקגעבראַכט האָב איך אַרײַנגעשטעלט אַ בלעכן שאַכטל, אַרײַנגעשאָטן אין דעם זאַמד און אָנגעצונדן דאָס וואַקסענע ליכט, ווי אַ לויב צו גאָט. זאָלסט אָבער שטענדיק האַלטן פֿאַר אַ זכר דעם אָפּגעראַטעוועטן שוך...

אָט די בענקשאַפֿט צו יענעם דאָרף, צו די זומער־לעטניקעס, צו דעם שווערן ווינטער אין זײַן וואַכעדיקער היים, צו דעם אָפּגעראַטעוועטן שוך, און צו אַלץ וואָס דאָרט איז געווען, קומט אים תּמיד אויף בעת עס קוועטשט אים, קלעמט אויפֿן האַרץ, און מסיע נאָכאַן ווערט צוריק נחמנקע איבער ווענען עס וואַכט דאָס בילד פֿון זײַן וווּנדערלעכער מאַמען.

# די סעדער־האַלטערין און איר ברודער
# דער קלעזמער

אין די אַמאָליקע קליינע שטעטלעך האָט אַ קלעזמער געהאַט, ווי מײַן מאַמע פֿלעגט זיך אויסדריקן, „אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות".

מלאָכות ? יאָ, וואָרעם חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ קלעזמער, פֿלעגט ער דערצו נאָך אָפֿט מאָל זײַן אַ פּריזירער, אַ מעקלער, אַ שדכן און אַ בדחן; דעריבער טאַקע איז מײַן מאַמעס עלטסטער ברודער, חיים־בער דער קלעזמער, געווען אַן אָרעמאַן, אַן אביון, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, ווי מען זאָגט, און זײַן ווײַב איז געווען אַ קבצנטע, אַ מאַמע פֿון זיבן קינדער.

און אַז מען איז אַ קבצן און מען דאַרף זיך ראַנגלען פֿאַרן שטיקל ברויט, טרעפֿט אַז מען איז נישט אַזוי אָפּגעהיט אין „וואָס דיר געהערט, געהערט דיר" און מען קריכט אַראָפּ פֿון דעם דרך הישר, וואָרעם די מלחמה פֿאַר פּרנסה איז אַ ביטערע און נישט שטענדיק גיט זיך אײַן אַ ייִדן, אַ מטופּל מיט זיבן קינדער, בײַצושטיין אַלע נסיונות.

אָבער כּל זמן מען האָט אים נישט געכאַפּט בײַ דער האַנט, האָט מײַן מאַמע ע"ה קיין מאָל נישט געלאָזט קיינעם אויסריידן קיין שלעכט וואָרט אויף איר ברודער און אויף זײַן משפּחה. „האָט מען קליינע קינדער אין די וויגן, דאַרף מען לאָזן יענעם צופֿרידן", פֿלעגט זי פֿאַרענטפֿערן איר ברודער, ווען מען פֿלעגט אויף אים זיך באַקלאָגן איבער עפּעס אַ מעשׂה וואָס איז נישט געווען אַזוי גלאַט און אַזוי שיין.

מײַן פֿעטער חיים־בער דער קלעזמער איז וואָס אַן אמת טאַקע ווײַזט אויס געווען אַ גרויסער פּלעק אין דער משפּחה.

פֿונקט דער היפּוך איז געווען מײַן מאַמע ע"ה.

צענדליקער יאָרן זענען שוין פֿאַרבײַ זינט זי איז אַוועק פֿון דער וועלט.

און הײַנט איז מיר שווער זיך צו דערמאָנען אַפילו אַ טאָנפאַל פון איר שטים; שווער איז מיר אויך אַרויסצושיילן פון מײַן זכרון די שטריכן פון איר פּנים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זענען פאַרבליבן עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אירע, וואָס איך טראָג שטענדיק אַרום מיט זיך.

איך נעם זיי אָפּט אַרויס פון מײַן בוזעם־קעשענע. איך קוק זיי אָן און מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען בשום אופן נישט די בילדער וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט זײַן ווערליק...

ווערליק וואָס? איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן. לאָמיר זאָגן: ווערליק דאָס וואָס איך טראַכט וועגן איר און וועגן אַלץ וואָס איז פאַרשוווּנדן פון דער וועלט. מײַן מאַמעס פאָטאָגראַפיעס שפּיגלען אָפּ אַ וועלט וואָס עקסיסטירט נישט מער; אַ פּאַרזונקענע, אײַנגעזונקענע וועלט, וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט דעם שוואַכסטן ווידערקול נאָך זיך.

און מיר דוכט זיך עפּעס, אַז איך בין אַ ביסל שולדיק אין דעם וואָס מײַן מאַמעס וועלט איז חרוב געוואָרן, איבערלאָזנדיק אין אַ ווינקעלע פון מײַן זכרון דער עיקר די געשטאַלט פון חיים־בער דעם קלעזמער, פון זײַן הילוך, פון זײַן פידעלע, האַלב צוגעדעקט מיטן רויטלעכן פאַרפּלאָנטערטן בערדל זײַנעם.

קיין פאָטאָגראַפיע פון מײַן פעטער חיים־בער דער קלעזמער, ווי אַלע האָבן אים גערופן אין שטעטל, פאַרמאָג איך נישט. ס׳איז אַ פראַגע צי ער האָט ווען נישט איז אין זײַן לעבן זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן; טאָמער יאָ — ווי דען אַנדערש? — צו זײַן צײַט האָט דאָך יעדער ייִד געמוזט זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן כּדי אַרויסצוקריגן פּאַפּירן, וואָרעם אָן זיי האָט מען דאָך נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט — האָט ער מיטגענומען מיט זיך ווען ער איז פאַרשוווּנדן פון שטעטל מיט מײַן מאַמעס פּאָר אָרעמע זלאָטעס, וואָס ער האָט פון איר צוגעגנבעט. יאָ, יאָ, פּראָסט־פּשוט צוגעגנבעט.

נאָר קודם וויל איך רעדן וועגן מײַן מאַמען ע״ה. איך האָב זי בלויז דערמאָנט און האָב דערמיט אַפילו קיין הונדערט חלק נישט יוצא געווען לגבי איר ליכטיקן אָנדענק.

וואָס זאָל איך פריִער אָנהייבן צו דערציילן וועגן מײַן מאַמען? וואָלט איך אַפילו פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק מײַן מאַמעס אויסזען, ביז אין אַלע איינצלהייטן, יעדן שטריך פון איר פּנים, וואָלט איך, דוכט מיר, איצט

אויך גענומען ספקן צי די פּאָר פאָטאָגראַפיעס וואָס איך האָב ווי על־פּי־נס אַרויסגעראַטעוועט פון דער אוישוויצער שׂרפה, שטימען מיט מײַן מאַמעס בילד אין דערווירקלעכקייט.

וואָרעם ווער גאַראַנטירט מיר צי מײַן זכרון נאַרט מיך נישט אָפּ? ווער קאָן מיר הײַנט זאָגן, צי איך בין זיך נישט טועה, דורכמאַכנדיק איצט דעם מאַרשרוט וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק דורכגעמאַכט פון מײַן שטעטל ביז אַהער, ביז איך בין אָנגעקומען צו מײַן נ ײַ ע ר ה י י ם? ווי דען אַנדערש זאָל איך אָנרופן די דירה אין וועלכער איך געפין זיך הײַנט־צו־טאָג מיט אַלץ וואָס מ׳קאָן דערציילן וועגן אַ מאַן, אַ באַווײַבטן, אַ טאַטן פון צוויי קינדערלעך, וואָס צייכנט זיך מיט גאָרנישט אויס פון די אַנדערע לעבן־געבליבענע ייִדן, נישט אויסערלעך און אַפילו נישט אינערלעך?

איינס אַוועק. צווייטנס — וואָס פאַר אַן אַנדער געשטאַלט קאָן דען אָננעמען אַ מאַמע אַ שטענדיק לײַדנדיקע אין די אויגן פון איר זון, וואָס מוז, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, ווײַטער ציִען דעם פאָדעם פון אַ וועלט, אַן עדותטע פון געשעענישן מאָוימדיקע אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט באַשרײַבן — אויב נישט די געשטאַלט פון דער וואָס איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר וועלט, מיט איר שטעטל?

יאָ, „עס ברענט, ייִדעלעך, עס ברענט!" און דער רויך פון דער דאָזיקער שׂרפה פאַרשטעלט מײַן מאַמעס פּנים.

פיל איך זיך אַ ביסל שולדיק לגבי מײַן מאַמען. פאַר וואָס? אפשר דערפאַר ווײַל אויך איך בין געשטאַנען, ווי דאָס ליד זאָגט „מיט פאַרלייגטע הענט".

געשטאַנען? דאָס איז שוין גראָד נישט ריכטיק. וואָרעם געלאָפן בין איך: נישט אַנטלאָפן, נאָר געלאָפן בין איך צו די פוילישע פאַרטיזאַנערס.

איז דאָס אָבער מײַן מאַמעס שולד וואָס איך האָב זי איבערגעלאָזט איינע אַליין? איז דאָס מײַן שולד וואָס די פוילישע פאַרטיזאַנער האָבן מיך פאַרטריבן פון זיך, זיי האָבן קיין ייִדן נישט געוואָלט האָבן אין זייערע רייען? איז דאָס מײַן שולד אַז זיי האָבן מיך פאַרט געלאָזט לעבן, נישט געקוקט אויף זייערע סטראַשונקעס, אַז אַזאַ זשיד ווי איך בין, און אַזאַ שונא פון פּאָליאַקן ווי איך באַדאַרף צו זײַן, פאַרדינט נישט מער ווי דעם טויט?

אָבער מיט דעם זעלביקן אימפּעט, מיט וועלכן איך בין צו זיי געלאָפן,

צו די פוילישע פּאַרטיזאַנערס, בין איך נאָך דעם פון זיי אַנטלאָפן און עס האָט זיך מיר איַינגעגעבן צו אַנטלויפן. ווי אַזוי?

וועלכע עינויים איך האָב נאָך דעם דורכגעמאַכט און מיט וועלכע מיטלען איך האָב געראַטעוועט מיַין געביין — דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדער טייל פון מיַין לעבן.

נאָר אַז איך רעד וועגן מיַין מאַמען דערמאָן איך זיך, אַז ווי־ניט־ווי איז זי פאָרט געווען אַנדערש ווי אַלע מאַמעס.

איך רעד שוין נישט פון איר אויסערגעוויינלעכער גוטסקייט, פון איר בריהשקייט און פון איר גרויסער ליבע צו מיר. איך רעד פון אירע אַנדערע מעלות. יונגערהייט האָב איך, פאַרשטייט זיך, ווי עס טרעפט אויך ביַי אַ סך אַנדערע קינדער, נישט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן מיַין מאַמעס גוטסקייט און האָב זייער אָפט זיך שטילערהייט געבונטעוועט קעגן איר, דאָס הייסט, קעגן איר צו שטאַרקער ליבע צו מיר.

אָבער ווי איך זאָל נישט האָבן זיך געבונטעוועט קעגן איר — וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער זע איך איַין — איז איר מי איַינצופלאַנצן אין מיר אירע גוטע מידות נישט אין גאַנצן געגאַנגען פאַרלוירן, און אויב עפּעס פון זיי איז דאָ אין מיר, האָב איך דאָס אָן שום ספק צו פאַרדאַנקען מיַין מאַמען. פון איר האָב איך דאָס גוטע געירשנט.

אַוודאי קאָן איך זיך נישט באַרימען, אַז אין אַלץ וואָס איך טראַכט און טו, אין מיַין אומגאַנג מיט מענטשן, אין מיַין האַנדל און וואַנדל, פיר איך זיך אויף פּונקט אַזוי ווי מיַין מאַמע וואָלט זיך אויפגעפירט און אַז איך גיי לגמרי אין איר גאַנג. געוויס נישט. וואָרעם אַזאַ זאַך איז בכלל נישט מעגלעך. נאָר דאָס גופא וואָס מיַין טיפּסטער ווונטש איז איר נאָכצומאַכן, זיך אַרומצוטראָגן מיט איר ליכטיק געשטאַלט ווי מיט אַ קמיע, זיך אויס־צומאָלן שטענדיק איר בילד פאַר די אויגן און זיך באַמיִען אַרויפצוברענגען אויפן געדאַנק און אין געפיל, אַז עס ציט זיך אַ המשך פון מיַין מאַמען צו מיר, פון מיַין קינדהייט צו מיַין ריַיפן, באַלד שוין איבערריַיפן עלטער — דאָס אַליין, מיין איך, איז אַ גוטער באַוויַיז, אַז „דאָס עפּעלע פאַלט נישט וויַיט פון בוים", ווי מיַין מאַמע פלעגט ליב האָבן תמיד צו זאָגן.

ווי אַזוי אָבער קאָן אַ זון וועלן גיין אין די דרכים פון אַ מאַמען אַ צדיקית?

מײַן מאַמע איז געווען באַרימט אין שטעטל מיט איר צדקה געבן. און נאָך מער וואָלט זי געווען באַרימט, ווען איר צדקה וואָלט נישט גע־געבן געוואָרן ווי אַ מתּן בסתר, ווען זי וואָלט נישט געהאַט פאַרטײלט צדקה פאַרבאָרגענערהייט, גלײַך ווי נישט איר מיינט מען עס, אַזוי אַז אין דעם רוב פאַלן האָבן די נויטבאַדערפטיקע גאָר נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווער עס האָט זיי אונטערגעוואָרפן, ווי מען וואַרפט אונטער אַ ממזר, למשל, דעם אַ קלייד, דעם אַ בײַטל מעל, דעם אַ פּאָר זלאָטעס. שאַ־שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן — זי פלעגט איר הילף פּראָסט פּשוט אַרײַנוואַרפן יענעם דורכן פענצטער אָדער אין פירהויז.

און גיט מען נאָך צו צו דעם, אַז מײַן מאַמע איז נישט געווען קיין נגידיסטע, כאָטש ברויט און צום ברויט האָט אין שטוב קיין מאָל נישט גע־פעלט, דאַרף דאָס פאַררעכנט ווערן ווי אַ קרבן. ס׳איז טאַקע געווען נישט קיין קליינער קרבן, בפרט נאָך אַז זינט איך געדענק איז זי געווען אַן אַלמנה מיט דרײַ קינדער, און געווען די איינציקע שפּײַזערין, נישט בלויז פון אונדזער שטוב, נאָר אויך פון אירע אַלטע טאַטע־מאַמע, פון אירער אַ קאַליקער מומע וואָס איז אויך געווען אַן אַלמנה. זי האָט אויך, פאַרשטייט זיך, אויסגעהאַלטן איר עלטסטן ברודער חיים־בער דעם קלעזמער, דעם לא־יוצלח, וואָס האָט פון אַלע זײַנע מלאכות געהאַט, ווי מען זאָגט, קדחת און כשרע פאָדעם. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן טאַטע, וואָס איז געשטאָרבן ווען איך בין געווען אַ פּיצל קינד, מײַן טאַטע ע״ה, דער למדן, האָט קיין מאָל גאָרנישט געהאַט פאַרדינט. ער איז טאָג און נאַכט געזעסן אין קלויז און געלערנט.

האָט זי טאַקע באַלד נאָך איר חתונה געדאַרפט האָרעווען אויף חיונה.

מײַן מאַמע איז געווען אַ סאַדאָווניצע. זי פלעגט יעדן זומער אָפּדינגען איין אָדער צוויי סעדער הינטערן שטעטל און פלעגט כמעט דעם גאַנצן זומער זיך געפינען אין סאַד, כדי אַכטונג צו געבן די עפּל, די באַרנעס, די קאַרשן און די פלוימען זאָלן נישט אַרײַנפאַלן אין די בייזע הענט פון גנבים, פון דאָרפישע שקצים, אָדער גלאַט אַזוי פאַרבײַגייער זאָלן, ווי די מאַמע פלעגט זיך אויסדריקן, קיין „עין הרע נישט געבן״ די פּרוכטן.

דער סאָד איז געווען איר גאַנצע פּרנסה. שוין סוף ווינטער פלעגט זי מיטן פייער אָנהייבן פאַרהאַנדלען ער זאָל ווײַטער פאַרבלײַבן געטרײַ דעם

מינדלעכן אָפּמאַך, לויט וועלכן זײַנע סעדער וועלן אויך דאָס יאָר געהערן מײַן מאַמען, ווײַל זי האָט שוין געהאַט אַ חזקה אויף זיי און קיינער טאָר פון איר די סעדער נישט אויסכאַפּן. כּדי צו פאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן „אָפּ־מאַך" האָט זיך צווישן מײַן מאַמען און דעם באַלעבאָס פון די סעדער אײַנ־געשטעלט אַ מינהג, אַז יעדן יאָר מוז זי פון דאָס בײַ אָנבאָטן די סומע געלט, וויפיקסטנס וואָס דער אָדער יענער שטעטלשער אויסכאַפּער — און אויס־כאַפּערס האָבן בײַ אונדז נישט געפעלט — האָט געוואָלט אים געבן.

רעד איך וועגן מײַן מאַמעס סעדער, אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר די נאַ־טור וואָס איך האָב אין מײַן קינדהייט אײַנגעזאַפּט מיט אַלע פיבערן פון מײַן לײַב־און־לעבן.

אין מײַן זכרון שפּילט זיך דאָן אָפּ אַ מאָדנער פאַל. איטלעך מאָל ווען איך דערלאַנג אַ טראַכט וועגן די סעדער ווו איך פלעג געוויינלעך פאַר־ברענגען די הייסע זומער־חדשים אין איינעם מיט מײַנע צוויי ברידערלעך, דערמאָן איך זיך אויך אָן די צוויי גרויסע הינט, איינער אַ שוואַרצער, אַ פּודעל, וואָס מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ גוט באַקאַנטן היס־טאָרישן פאַרשוין, המן, און אַ צווייטער, אַ ווײַס־געפלעקטער, אייגנטלעך אַ צויג, המנס ווײַב, האָט זי געהייסן ושתי.

פאַר איך זומערצײַט אַוועק אין די בערג אָדער אין פלאַכלאַנד ערגעץ זיך אָפּצורוען, דוכט זיך מיר אַז די היגע נאַטור איז נישט מער ווי אַ פאַלשע קאָפּיע פון יענער, וואָס בלינצלט נאָך ערגעץ אין מײַן זכרון. דער הימל איז דאָ נישט אַזוי בלוי ווי יענער הימל, און די לאָנקעס אין פראַנקרײַך זענען נישט אַזוי גרין, ווי יענע לאָנקעס. אויך די בלומען, וואָס איך באַ־געגן דאָ און דאָרטן, זענען ווייניקער ליב, ווייניקער צאַרט, ווייניקער חבריש מיט מיר, ווי די בלומען, די אַמאָליקע, וואָס פלעגן מיר פאַרשאַפן אַזוי פיל נחת, אַזוי פיל פרייד און לעבנס־לוסט, און פלעגן מיר ממילא אויך צופליסטערן מער האָפענונג, מער צוטרוי צום לעבן, און צו אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות מיט מיר.

איך רעד שוין נישט פון דעם געשמאַקן ריח זייערן און אויך נישט פון דעם טעם גן־עדן פון די עפל, באַרנעס, פלוימען און קאַרשן, וואָס זענען געוואַקסן אין מײַן מאַמעס סעדער.

און מײַן מאַמע פלעגט אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו שלײַפן בלאַנק און שאַרף בײַ אונדז קינדער נישט בלויז דעם חוש פאַר דער שיינקייט פון

דער אויסערלעכער נאַטור, נאָר אויך דאָס געפיל פאַר דער מענטשלעכער נאַטור, פאַר דער אינערלעכער דערהייבנקייט פון גוטע מעשׂים און פון מידות טובות.

מײַן פעטער חיים־בער דער קלעזמער, ווי שוין געזאָגט, האָט פון נאַטור אויס, אָדער אפשר איבער זײַן אָרעמקייט, קיין גרויס וועזן בישט געמאַכט פון מידות טובות, נישט פון מעשׂים טובים, און ס'איז געשען איין מאָל עפּעס אַזוינס וואָס האָט אויפגערודערט אונדזער גאַנץ שטעטל.

די מאַמע האָט אָנגעטרויט איר ברודער אַ פולן טײַסטער מיט זלאָטיס, וואָס איז געווען איר גאַנץ פאַרמעגן, ער זאָל גיין צו יאַנעקן, דעם באַלעבאָס פון די סעדער, און זאָל אים באַצאָלן וואָס אים קומט.

מײַן פעטער אָבער — אין זײַן אָרעמער דערשלאָגנקייט — איז נעלם געוואָרן מיטן טײַסטער געלט. נעלם געוואָרן און — נישטאָ. פאַרשוווּנדן. די מאַמע האָט געוואַרט אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, ביז זי איז געלאָפן אים זוכן בײַ אים אין שטוב. אַ געוואַלד, אַ געשריי! זײַן ווײַב, זײַנע קינדער, אַלע וויינען, שרײַען, יאָמערן. אפשר האָט עפּעס וואָס מיט אים, חלילה, געטראָפן? חיים־בער איז נישטאָ... מען איז געגאַנגען אין דער פּאָליציי, מען איז געלאָפן צו יאַנעקן — הילד איננו. ווי אין וואַסער איז חיים־בער אַרײַן.

עס זענען פאַרבײַ עטלעכע טעג. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם: סטײַטש און סטײַטש? ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן. אָבער אַ פאַקט: חיים־בער איז פאַרשוווּנדן.

ביז איינער אַ ייִד איז געקומען צופאָרן פון אַ דערבײַיאיקן שטעטל, אַ ייִד אַ הילך, וואָס האָט געשווירן בײַ באָרד און פּיאות, אַז ער אַליין, מיט זײַנע אייגענע אויגן, האָט געזען חיים־בערן אויפן וואָקזאַל, אַרײַנשטײַגן אין אַ וואַגאָן און אַוועקפאָרן. וווּהין? — דאָס ווייסט ער נישט.

איצט איז שוין אַלעמען געווען קלאָר. חיים־בער דער קלעזמער, חיים־בער, מײַן מאַמעס עלטסטער ברודער, האָט צוגענומען אירע לעצטע פּאָר זלאָטיס ווי אַ פּשוטער רויבער, ממש ווי אַ גזלן און האָט איבערגעלאָזן אַ ווײַב אַן עגונה און זיבן קליינע קינדער וואָס וועלן פון איצט אָן, נאָך מער ווי פריִער, פאַלן צו לאַסט — אויף וועמען? אויף מײַן אָרעמער מאַמען, דער סאַדאָווניצע.

# מאַמע און זון

ס'איז געווען פרײַטיק.

פאַרן אַדוואָקאַט בינעם פרעסמאַן איז עס געווען אַ טאָג אויף וועלכן ער האָט זיך נישט געריכט. אָט דער טאָג האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן לעבן און אַ סוף געמאַכט צו אַלץ וואָס האָט אים געהאַט צוגעבונדן צו דער וועלט.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך ?! — האָט אים דען דער הויפט־דאָקטער פון דער קליניק נישט אָנגעקלונגען מיט אַ שעה־צוויי צוריק, אַז זײַן מאַמע קערט זיך אום אַן אויסגעהיילטע צו איר היים, צו אים, הייסט עס? ער וווינט דאָך צוזאַמען מיט איר. אין ביוראָ צו אים האָט מיט אַ שעה־צוויי צוריק אָנגעקלונגען דער דאָקטער, אַז ער פירט זי באַלד אָפּ אין זײַן אייגענעם אויטאָמאָביל.

געהערט אַז די מאַמע קערט זיך אום אַהיים, איז בינעם אַרויסגעלאָפן פון ביוראָ, אָפּגעשטעלט די ערשטע ליידיקע טאַקסי וואָס ר'האָט אָנגעטראָפן (זײַן מאַשין איז מיט צוויי טעג צוריק קאַליע געוואָרן) און איז געפאָרן מקבל־פנים זײַן די מאַמע. ער איז געווען גליקלעך, וואָרעם די מאַמע איז דאָך פאַר אים געווען אַ ל ץ. געאײַלט האָט ער זיך צוליב נאָך אַ סיבה: ס'איז געווען פרײַטיק, און די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם אונטערגיין. ער האָט דעריבער געאײַלט אײַנצוקויפן אויף שבת, העלפן דער מאַמען אָנצוצינדן די ליכט, זי זאַל נישט האָבן, חלילה, קיין פאַרשטערטן שבת. ער איז זיך אַזוי נוהג זינט נאָך דער מלחמה, זינט זײַן מאַמע און ער זענען צוריקגעקומען פון דער דעפּאָרטאַציע. אַזוי איז ער זיך נוהג, כאָטש ער איז שוין לאַנגע יאָרן ווײַט פון רעליגיעזער און אַפילו אויך פון יעדן אַנדערן מין ייִדישקייט. ער טוט דאָס בלויז צוליב זײַן מאַמען.

איז שוין אָבער דער זייגער האַלב זיבן. די פֿאַבריקן און די וואַר־שטאָטן פֿון פּאַריז און פֿון איר אומגעגנט, די ביוראָען און די געשעפֿטן מאַכן זיך שוין צו און דער פֿאַרקער איז אַ געדיכטער, אַ פֿאַרפּלאָנטער־טער, אַז צו פֿוס גייען פֿאַרנעמט אַ סך ווייניקער צײַט ווי פֿאָרן מיט אַן אויטאָ. עס העלפֿט נישט דאָס ערגערן זיך, דאָס כּעסן זיך הלמאַי ר׳האָט נישט גענומען די אונטערגרונט־באַן, ווײַל אין אָט דער שעה איז אין דער מעטראָ אַזאַ געדרענג, אַז מ׳קאָן דאָרט צעטראָטן אָדער דערשטיקט ווערן.

בײַסט ער זיך די ליפּן פֿון פֿאַרדרוס. זײַן מאַמע וועט קומען אַהיים — זי איז שוין אַוודאי געקומען — און ער זיצט נאָך אַלץ אין אויטאָ, אַן אײַנגעקלאַמערטער און זעט נישט קיין שום אויסוועג, נישט אַהין, נישט אַהער, ווײַל די אַנדערע אויטאָס, סײַ די פֿון הינטן, סײַ די פֿון פֿאָרנט, קע־נען זיך דאָך אויך נישט רירן. דאָס פֿײַפֿן און טרובען איז דאָך פֿאַרבאָטן, וואָרעם די מאַשינען קענען דאָך נישט אַריבערשפּרינגען איינע איבער דער צווייטער ; און צוריקגעשמועסט : באַרויִקט עס דען די נערוון ? פֿאַרקערט, דער ליאַרעם, דער רעש, די פּאַניק, וואָס דאָס טרובען רופֿט אַרויס, פֿאַר־גרעסערט נאָך די שטיקעניש און די ענגשאַפֿט.

סוף כּל סוף דערשלאָגט זיך בינעם פּרעסמאַן צו זיך אַהיים.

גייענדיק אויף די שטיגן קלאַפּט אים דאָס האַרץ שטאַרקער און שטאַר־קער און ס׳גיט אים צו מוט, גלײַך ער וואָלט געדאַרפֿט זיך באַגעגענען מיט אַ געליבטער. אַוודאי פֿאַרדריסט אים, וואָס ער פֿאַלט אַרײַן אין מיטן קבלת־שבת און וואָס די שעה אָנצוצינדן ליכט איז שוין פֿאַרבײַ, אָבער אפשר האָט זײַן מאַמע אַליין שוין געפֿונען די ליכט און באַוויזן זיי אָנצו־צינדן, און אפשר... האָט זי זיך פֿאַרשפּעטיקט מיטן קומען, וועט ער נאָך באַוויזן זיי אָנצוצינדן און יוצא.

די לעצטע האָפֿענונג זײַנע, זײַן לעצטע השערה, ווײַזט זיך אַרויס ווי אַ ריכטיקע. זײַן מאַמע איז נאָך נישט געקומען פֿון קליניק. און נאָך איידער ער באַווײַזט אַ טראַכט צו טאָן און איבערצוקלערן איבער די מעגלעכע סיבות פֿון איר פֿאַרשפּעטיקונג — אַוודאי די אָקאָרשט דערמאָנטע כּמעט אוממעגלעכע אויטאָ־צירקולאַציע אין פּאַריז אין אָט דער שעה, זוכט ער שנעל אויס די ליכט, נעמט אַרויס אַ שניי־ווײַסן טישטעך פֿון אַלמער, דעקט צו דעם טיש און צינדט אָן די ליכט.

וואָלט ער נישט מורא געהאַט, וואָלט ער נישט זײַן זיכער, אַז זײַן

מאַמע וועט אַ ליאַדע מינוט אַרײַנקומען, וואָלט ער נאָך אַרונטערגעגאַנגען עפּעס אײַנקויפן אויף שבת. וואָרעם די ליכט זענען דאָך שוין אָנגעצונדן און דער שבת איז שוין אין שטוב, אָבער די מאַמע קאָן דאָך יעדע מינוט אַרײַנקומען, טאָר מען נישט אַוועקגיין.

נישט באַוויזן צו טראַכטן ביזן סוף און דער טעלעפאָן האָט זיך צע־קלונגען. אַ שטים, אַ זיך קווענקלענדיקע און שטאַמלענדיקע, האָט זיך געלאָזט פון ערגעץ הערן:

— דאָ רעדט דאָקטער גרוימאַן... יאָ, גרוי־מאַן... האַלאָ! האַלאָ! איר זענט הער פּרעסמאַן? יאָ? הערט זיך אײַן... יאָ, יאָ. אײַער מוטער האָט זיך שוין געהאַט געפילט גוט און בײַ אונדז אַלעמען איז קיין ספק נישט געווען, אַז זי איז אויף אַזוי ווײַט געזונט, אַז זי מעג פאַרלאָזן די קליניק. ס'איז, ווי איך האָב אײַך מיט אַ שעה צוויי צוריק געזאָגט דורכן טעלעפאָן, קיין שום סכנה — מעדיציניש גערעדט — זי זאָל פאָרן אַהיים צו זיך. האַלאָ! הער פּרעסמאַן? צום באַדויערן, יאָ... אין דער זעלביקער מינוט ווען איך האָב אויפגעמאַכט דאָס טירל פון מײַן מאַשין און האָב אָנגענומען איר אָרעם, כּדי איר צו העלפן אַרײַנצוגיין אין איר, האָט זי באַקומען... האַלאָ! איר הערט מיך? — באַקומען אַ האַרץ־שלאַג. הער פּרעסמאַן. האַלאָ... האַלאָ...

דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז אַרויסגעפאַלן פון בינעמס האַנט. ער האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון שטול, געפילט ווי דאָס האַרץ שלאָגט צום ערשט האַסטיק, דערנאָך פּאַמעלעך. ס'האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, ביסלעכווײַז צוריקגעקומען צו זיך, זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויפן שטול. זײַנע הענט זענען אַראָפּגעהאָנגען, פּונקט ווי דאָס טעלעפאָן־טרײַבל וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פאַרשטומט.

ווי ער וואָלט געווען פּאַראַליזירט, געליימט, איז ער נישט אין שטאַנד געווען זיך אַ ריר צו טאָן פון דאַנען אַהער. נאָר קוקנדיק אַזוי אויף די שבתדיקע ליכט האָט זיך מיט אַ מאָל עפּעס בײַ אים אַ ריר געטאָן, ס'האָט זיך אים פלוצים אויסגעוויזן, אַז די לײַכטערס שטייען נישט אויפן ריכטיקן אָרט, כאָטש ער ווייסט, אַז ס'איז איצט פרײַטיק־צו־נאַכטס, וואָלטן זיי גאָר געדאַרפט שטיין אויף דר'ערד, זײַן מאַמען צוקאָפּנס...

אָבער, וואָס איז טאַקע דאָרט געשען מיט זײַן מאַמען? האָט זי דאָך

געזאָלט איצטער זיצן ביי דעם שבתדיקן טיש אַ צופרידענע, מיט אַ שבת־דיק פּנים פון אַ ייִדישער מאַמע?

ס'איז שוין לאַנג נאָך ליכט־בענטשן, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַרויס־גייענדיק פון קליניק אַ געזונטע, זאָל זי פּלוצלינג באַקומען אַ האַרץ־שלאַג?

אַ האַרץ־שלאַג? טויט? די מאַמע זייַנע איז טויט? ווי אַזוי? ווו איז געווען גאָט? איר ייִדישער גאָט, וואָס מער ווי איין מאָל זינגט זי איז צוריקגעקומען פון אַשוויענטשים האָט זי דאָס איבערגעחזרט מיט אַ תּחינה־ניגון — אַז ר'האָט זיך געהאַט אָנגענומען פאַר אירטוועגן, נישט אַזוי פיל צוליב איר אייגענעם זכות, ווי צוליבן זכות פון איר טאַטן, איר עלטער־זיידן, איר זיידן, וואָס אַלע זענען זיי געווען גאָר גרויסע רביים און צדיקים? (אַזוי פלעגט זי זאָגן, ווי זי וואָלט רעדן צו זיך אַליין). ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך באַמיִען מיט אַלע אירע געדאַנקען צו באַגרייַפן דעם גרויסן נס וואָס איז מיט איר געהאַט געשען.

און אַ נס איז געשען זייַן מאַמען אין אוישוויץ. דעפּאָרטירט האָט מען זי אַ שוואַנגערע, און אין דעם דאָזיקן גהינום ווו מענטשן זענען טאָג־טעגלעך פאַרטיליקט געוואָרן, און שטאַרקערע, געזינטערע פאַר איר, האָבן נישט אויסגעהאַלטן, האָט זי אויסגעטראָגן איר קינד און האָט עס גע־בראַכט אויף דער וועלט. אמת, איר דודל, דאָס ניי־געבוירענע קינד אין איינער פון די באַהעלטענישן אין טויט־ און פּיין־לאַגער אוישוויץ (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, זענען אויך אין אוישוויץ געווען באַהעל־טענישן, און אויך דאָרט זענען — גאָר זעלטן — געבוירן געוואָרן קינ־דער, וואָס בלויז אַ דריי־פיר פון זיי האָבן דערלעבט די באַפרייַונג), האָט געלעבט בלויז עטלעכע טעג, אָבער די מילך פון זייַן מאַמעס ברוסט איז נישט געגאַנגען לאיבוד, וואָרעם אַן אַנדער נייגעבוירן קינד, אַ יתומל, וועמענס מאַמע איז געשטאָרבן אין קימפּעט, האָט געזויגן פון איר ברוסט עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד ביז — אַ קאַפּאָ־פרוי האָט אויסגעפונען דאָס יתומל און עס געשיקט אין דער קרעמאַטאָריע...

אָבער בינעמס מאַמע איז יאָ געבליבן לעבן. נאָר אָט האָט מען אים טעלעפאָניש איבערגעגעבן, אַז זי איז פון דער קליניק אַרויס אַן אויסגע־היילטע, און פּלוצלונג — אַ האַרץ־שלאַג. נישטאָ מער די מאַמע.

בינעם קאָן זיך נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי און ווו ער וועט שעפּן מוט און כוח ווייַטער צו לעבן. אַ מאַמע לאָזט זיך נישט פאַרבייַטן. קוקט ער

אויף די ליכט און אויף די שאָטנס, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעהאַנגען אויף די ווענט און ווייסט נישט ווי אַזוי שלום צו מאַכן מיטן אומגליק.

ער דערמאָנט זיך:

16טער יולי 1942.

זײַן טאַטע, זײַן מאַמע און זײַן שוועסטער שורא ווערן מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן אײַנגעשפּאַרט אין דעם פּאַריזער ווינטער־וועלאָ־דראָם. אין פלאַמבירטע וואַגאָנען דעפּאָרטירט מען זיי קיין פּוילן. דער טאַטע איז געשטאָרבן אויפן וועג; די מאַמע און די שוועסטער זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ. אין עטלעכע חדשים אַרום איז שורא אויסגעגאַנגען אין לאַגער, נאָר זײַן מאַמע איז, נישט געקוקט אויף די דאָרטיקע אַכזריות־דיקע באַדינגונגען, פאַרבליבן לעבן.

אויך ער, בינעם, איז דעפּאָרטירט געוואָרן, אָבער נישט וועגן אים קימערן זיך איצט זײַנע געדאַנקען.

די דעפּאָרטאַציע פון זײַן פאַמיליע — דאָס איז די צענטראַלע פּאַסי־רונג, וואָס אין איר אַנבליק פאַרלירן די אַנדערע פּאַסירונגען אַ סך פון זייער וויכטיקייט. וואָס שײַך דער געשעעניש, די הײַנטיקע, פאַרשטייט ער זי נאָך נישט. וואָרעם גראָד אין אַ מינוט ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז אין גאַנצן אַרויס פון דער סכנה — ווי קאָן מען דאָס פאַרשטיין, תּופס זײַן?

דערנאָך איז געקומען די באַפרײַונג. זײַן מאַמע איז צוריקגעקומען כּמעט אַ געזונטע, פיזיש און גײַסטיק. אַ נס איז דאָס געווען אין אַלעמענס און אויך אין איר אייגענע אויגן. זי אַליין איז געווען דער נס. זכות אָבות, זכות אָבות... קיין אַנדער דערקלערונג האָט זי נישט געהאַט. האָט עמעץ פאַרט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך געווען, אַז אַ פרוי, שוין נישט קיין יונגע, פון תּמיד אַן אַ קרענקלעכע און דעמאָלט נאָך אין שוואַנ־גערשאַפט, זאָל קענען אויסהאַלטן אין אַזאַ שוידערלעכן גהינום צוויי יאָר נאָכאַנאַנד — פלעגט זי אים אָנקוקן מיט גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן. זי האָט נישט געוווּסט איבער וואָס זיך צו וווּנדערן, אויף די פראַגעס וואָס מענטשן האָבן איר געשטעלט, אָדער אויף דעם וואָס אין אירע אויגן איז איר צוריקקומען אַהיים אויסגעקומען נאַטירלעך, ווי דאָס רעגענען, דאָס שנייען און דאָס לײַכטן פון דער זון.

— פאַרשטייט זיך — פלעגט זי זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ נס מן השמים, אָבער וואָלט איך נישט געווען זיכער, אַז איך וועל צוריקגעפינען מײַן זונעלע, מײַן בינעמלען אַ לעבעדיקן, אַ געזונטן, וואָלט איך זיכער דאָס אַלץ נישט געקאָנט אויסהאַלטן. איבעריקנס — האָט זי באַלד מוסיף געווען — ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל...

בינעם ווידער, וואָס האָט זיך אויך געהאַט געראַטעוועט ווי על פּי נס, ווען כּמעט אַלע וואָס זענען אין יענעם לאַגער אַרײַנגעשליידערט געוואָרן אין אויגוסט 1943, זענען אומגעקומען, האָט גראָד געצווייפלט צי ס'איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל. נאָר בעת די מאַמע פלעגט רעדן וועגן נס, האָט ער זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין איין וואָרט און האָט נישט אָפּגעלייקנט גאָטס השגחה. נאָר דאָס, אַז עס קאָן זיך געפינען אויף דער וועלט אַ מאַמע, וואָס איר ליבע צו איר זון איז אין שטאַנד אָפּצוראַטעווען אי איר אייגן לעבן, איר איר זונס, דאָס איז אַ פאַקט. ער האָט אין דעם גאָרנישט גע־דאַרפט גלייבן. ער האָט דעם דאָזיקן נס געזען פאַר זיינע אויגן און באַ־שלאָסן האָט ער פון דעם טאָג אָן נישט מער זיך צו שיידן מיט זײַן מאַמען. ער וואָלט שוין, פאַרשטייט זיך, פון לאַנג חתונה געהאַט, ווען ער וואָלט געקענט שלום ווערן מיטן געדאַנק, אַז נאָך עמעץ קאָן האָבן אַ חלק אין זײַן לעבן, חוץ דער מאַמען! אַז ער וואָלט געמעגט זײַן ליבע צעטיילן אויף צוויי גלײַכע חלקים מיט נאָך עמעצן...

נאָך דעם —

איז די מאַמע מיט אַ צוויי חדשים צוריק קראַנק געוואָרן. מען האָט גע־האַלטן זי בײַם אָפּערירן. אָבער, ס'האָט זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעוויזן, אַז מען וועט קענען אויסמײַדן אַן אָפּעראַציע. און אַזוי איז טאַקע געווען. די אָפּעראַציע האָט מען אויסגעמיטן. פון טאָג צו טאָג האָט זי צוגענומען אין כּוח, אין אַפּעטיט, אין לעבנס־ווילן און איז אַרויס אַ געזונטע, אַן אויסגעע־היילטע פון דער קליניק.

אָט איצט, מיט אַ צוויי שעה צוריק איז זי ווידער אַרויס פון דער קלי־ניק. אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן איז דאָס געווען. וואָלט ער גענומען די אונטערגרונט־באַן, וואָלט ער אפשר נאָך געקענט קומען צו דער צײַט, אָבער — ניין, זי איז נישט געקומען צו ליכט־בענטשן, זי האָט נישט גע־קענט קומען, וואָרעם נאָך איידער דעם דאָקטערס אויטאָ האָט זיך גערירט פון אָרט איז זי אַנידערגעפאַלן טויט. מען האָט זי אַרײַנגענומען צוריק אין

קליניק און מען האָט געפּרוווט מיט האַרץ־מאַסאַזשן זי דערהאַלטן בײַם לעבן.

כאַפּט זיך בינעם פֿאַרן קאָפּ און שרײַט אויס:

— אפשר איז דאָס מאָל אויך געשען אַ נס. אפשר האָט מען זי טאַקע... פֿאַר וואָס האָב איך געלאָזט הענגען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל? אפשר האָט מען געקלונגען צו מיר. אפשר? וואָס בלײַבט מיר איצט צו טאָן? געוויס, שטאָט צו זיצן און צו קוקן אויף די ליכט, דאַרף איך פּרוּוון קלינגען אין קליניק, פֿרעגן צי ס׳איז נישט געשען אַ מאָל אַ נס מיט מײַן מאַמען.

בינעם האָט נישט געקלונגען. די מורא פֿאַרן אמת, דער פּחד מ׳זאָל אים נישט זאָגן אַז קיין נס איז דאָס מאָל נישט געשען, האָט אים נישט געלאָזט פֿרעגן.

און די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג.

# דער קלײנער דניאל

בײַ נאַכט, לענג אויס דער סענע, ווען אַלע פֿײַערן טונקען זיך אין וואַסער, זענען איבערן שוואַרצן טעפּיך צעוואָרפֿן געל־רויטע, גרין־בלויע פֿלעמלעך. די בריקן וואַרפֿן שווערע שאָטנס. צווישן זײ שאַרן זיך מענטשן, יונגע פֿאָרלעך קושן זיך; קלאָשאַרן געפֿינען דאָ און דאָרט אַן אָרט ווו איבערצושלאָפֿן, און בלאָנקענדיקע, וואָס האָבן מורא פֿאַר פּאָליצײ — אַ ווינקל אויף צו באַהאַלטן זיך.

צווישן די שאָטנס — דער קלײנער דניאל. ער האָט מורא פֿאַר יעדן שאָרך, ער האָט מורא פֿאַר דער סענע, וועלכע שמײכלט צו אים מיט אַזעלכע ווילדע גרינע אויגן; ער האָט מורא פֿאַר די שטילע טריט אַרום. די קעלט, דער הונגער, די מידקײט; זײַן מאַמע לעבט שוין נישט מער. האָט ער מורא, דער קלײנער דניאל, פֿאַר אַלץ. ער אַנטלויפֿט פֿון אײן בריק צו דער צווייטער, ווײַל אַלע מענטשן זענען שלעכטע, ער האָט זײ פֿײַנט.

אין נעפּלדיקן פּאַריזער פֿרימאָרגן זענען די לאַמטערנעס נאָך נישט פֿאַרלאָשן. זײ קוקן שטרענג אויף אים, זײ דראָען אים, ער וויל אַנטלויפֿן, לאָזן זײ אים נישט אַרויס, די לאַמטערנעס, לויפֿט ער שנעלער, יאָגן זײ אים נאָך.

אַ מויז איז פֿאַרבײַ זײַנע פֿיס. ער האָט אַ געשרײ געטאָן, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זײַן אײגן קול. אַ קאַלטער שווייס טריפֿט פֿון אים. ער ווישט דעם שטערן מיטן אַרבל, ס׳פֿעלט אים אָטעם. ער פֿילט אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן אים.

דער טאָג גײט אויף מיט זײַן גאַנצן געפּילדער. אַלץ וואַכט אויף. פּאַריז שטײט אויף פֿון שלאָף אין געאײַל, אין געלויף: גליקלעכע און טרויעריקע, מידע און אויסגערוטע, הונגעריקע און זאַטע — אַלץ לויפֿט. צו פֿוס, מיט באַנען, מיט אויטאָס. אײנער יאָגט איבער דעם צווייטן. ווער

זשע וועט טראַכטן איצט וועגן דעם קליינעם דניאל? בלויז די מורא, די שרעק זענען געבליבן מיט אים.

ער לויפט פּאַמעלעך. ער האָט מורא צו לויפן גיכער — ס׳וועט זײַן פאַרדעכטיק. ער האָט מורא צו גיין — מ׳וועט אים כאַפּן. די פּאָליצײַ זוכט דאָך אים. ער האָט מורא צו זאָגן דעם אמת — מ׳וועט אים נישט גלייבן. בלויז זײַן מאַמע וואָלט אים געגלייבט, איז זי דאָך נישטאָ מער. ציטערט ער פון מידקייט און שרעק.

האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק פון קליינעם סקווער, בײַ דער האַלע פון ווײַן. זײַנע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין די פּעסער ווײַן. מיט אַ מאָל האָבן די פּעסער אים אַ כאַפּ געטאָן אין אַ קאַראַהאָד, געגומען וואַרפן — פון איין פּאַס צום צווייטן. פּעסער ליידיקע, מיט אָפּענע מײַלער; פּעסער גראָב־בײַכיקע מיט זויערע מינעס, האַלב־שיכורע פון פראָסטן ווײַן. פּעסער געפּלאַצטע, אָן רייפן, אָן לעבן. וויל ער אַנטלויפן — קאָן ער נישט מער, די פיס טראָגן אים נישט.

נישט ווײַט פון אים שפּילן זיך קליינע קינדער אין זאַמד. זיי לאַכן און פרייען זיך, זיפצט ער אָפּ: זיי קאָנען לאַכן. זייער מאַמע איז אַ לעבעדיקע, אַ שיינע, אַ גליקלעכע. ער דערזעט זיי, די מאַמעס, און באַקומט מורא פאַר זיי. ס׳טוט אים וויי אָנצוקוקן זיי.

אַ פּאָליציאַנט גייט אויף דער צווייטער זײַט. ס׳באַגיסט אים אַ נײַער שווייס: וווהין זאָל ער לויפן? ווו זיך באַהאַלטן? מען וועט אים כאַפּן, פּײַניקן, רײַסן פון אים שטיקער.

— ניין, — שרײַט ער — כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן!

כאַפּט אים אָן אַ ווייטיק אין בויך. ער שטעקט אַרײַן די האַנט אין קעשענע אונטערצוהאַלטן די קישקעס וואָס דרייען זיך אים איבער, כאַפּט ער אָן דעם שליסל — די איינציקע זאַך וואָס ער האָט פון זײַן מאַמעס ווױנונג. בלויז דאָס איז אים פאַרבליבן. צערטלט ער אים, גלעט אים. די טרערן גיסן זיך איבער זײַן פּנים.

אַ בענקשאַפט כאַפּט אים אָן נאָך איין מאָל אַ קוק צו טאָן אויף דער מאַמעס ווױנונג. דאָרט לעבט נאָך זײַן מאַמעס אָטעם, זײַן מאַמעס סוד. דאָרט וועט ער זיך באַהאַלטן, וועט ער נעבעטער זײַן צו איר, אַזוי ווי אין די גוטע צײַטן ווען זי האָט געלעבט.

דניאל האָט דערוואַכט: די קומענדיקע נאַכט וועט ער נישט־באַמערקט ערהייט זיך אַרײַנגליטשן אין דער מאַמעס וווינונג. ער ווייסט גענוי ווי צו עפענען דעם טויער. ער וועט אָנרופן אַ נאָמען, פאַרבײַגייענדיק דער קאָנ־סיערזשקע. וואָס פאַר אַ נאָמען? אײַזבערג, דער מאָלער וואָס וווינט אין זעלביקן הויז איז געווען זײַן מאַמעס פרײַנד.

אָט שטעלט ער די ערשטע שריט אויף די שטיגן, וואָס פירן צו זײַן מאַמעס וווינונג. די שטיגן נעמען זיך דרייען, שווינדלען אים פאַר די אויגן. ער פאַלט, טירן עפענען זיך, שכנים שרײַען אים נאָך: „אָט איז ער, אָט איז ער!" ער פאַרבײַסט די ליפּן, נעמט קריכן ווי אַ הונט אויף אַלע פיר. די שיך האָט ער שוין לאַנג אויסגעטאָן, געלאָזט זיי בײַ דער סענע. זיי האָבן צו פיל געקלאַפּט אויפן אַספאַלט. די שיך האָבן אים צו פיל געשראָקן.

דניאל דראַפּעט זיך בײַ דער טיר ווי אַ ווילדע קאַץ. אָט איז ער בײַ זײַן מאַמען. אין דער פינצטער לויפט ער אַרום אין יעדן ווינקעלע, באַטאַפּט יעדעס פּיצל מעבל וואָס איז געווען באַרירט פון זײַן מאַמעס האַנט. זײַנע ציטערדיקע פינגער גלעטן יעדע צייכענונג וואָס זײַן מאַמע האָט געמאַכט. ווי אין אַ ווילדן טאַנץ לויפט ער און שפּרינגט פון איין אָביעקט צום צווייטן. ער גלעט, צערטלט און שמעקט: ווי גוט איז אים, ווי ליב איז אים אַלץ. די כוחות פאַרלאָזן אים אָבער, אַלץ דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד: די עטאַזשער־קע מיט די ביכער, די בילדער, די צייכענונגען, אַלע קלייניקייטן, אָנגע־זאַמלטע דורך איר גאַנץ לעבן; דער ראַדיאָ וואָס איז געווען דער מאַמעס חלום; דער טעלעפאָן מיט וועלכן זי האָט זיך אַזוי געחברט, איר סאָפע־בעט פילט נאָך זײַן מאַמעס אָטעם. אויף דעם בעט האָט זי געלעבט, אויף דעם בעט איז זי געשטאָרבן. אַלץ הוידערט זיך אַרום אים, אַלץ רעדט. וואָס רעדט עס? מאָדנע אײַנוויג־רייד.

— „שלאָף מײַן דניאל, כ'וויל דיך גוט אָנקוקן. כ'וויל באַגרײַפן וואָס קומט פאָר אין דײַן נשמה. פאַר וואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן, וואָס פעלט דיר, מײַן קינד?" — — —

— עס פעלט מיר דאָס גליק פון געפעלן ווערן. כ'בין מיאוס...

ס'דונערט און בליצט. אַ קאַלטער ווינט צופּט איצט דניאלס לײַב, וואָס איז באַדעקט מיט קאַלטן שווייס. ער הערט זײַן מוטערס שטים:

— דניאל מײַנער, כ'האָב קיין מאָל נישט געוווּסט פון קיין גליק. דײַן טאַטע האָט מיך קיין מאָל נישט ליב געהאַט. כ'האָב קיין מאָל נישט גע־

ווּסט וואָס הייסט צאַרטקייט, וואָס הייסט פרייד פון ליבע. פריַינד האָב איך געהאַט צוליב רחמנות. מיַין טאַטע האָט מיך נישט ליב געהאַט, וויַיל כ׳בין געווען אַ מיאוסע; מיַין מאַמע האָט מיך שטענדיק גערופן „אָרעם קינד״. כ׳בין מיאוס געווען, מיאוס... מיאוס... לאָזט מיך רעדן, לאָזט מיך זאָגן דעם אמת. לאָזט מיך, געוואַלד!

זי האָט זיך ווילד צעשריִען און פאַרשווונדן געוואָרן אין דער פינצ־טערניש.

נאָך איר טויט האָט זיך דערפילט אַ שרעקלעכע ליידיקייט צווישן אירע נאָענטע פריַינד.

אַ טיפער ווייטיק איז פאַרבליבן בלויז ביַי עליזען. עליזע האָט זי ליב געהאַט פאַר איר קלוגשאַפט, פאַר איר פאַרשטענדעניש, פאַר איר וויסן. אויך זי האָט געפונען אין עליזען אַ פריַינד אויף וועלכן זי האָט גע־רעכנט. דאָס האָט באַוויזן דער בריוו, וועלכן זי האָט איבערגעלאָזט פאַרן פאַרענדיקן איר לעבן. עליזע האָט אַפילו געטראַכט, אַז זי האָט אויסגע־קליבן די וואַקאַציעס אויף צו באַגיין איר פאַטאַלן שריט, וויסנדיק אַז זי, עליזע, איז מיט איר פאַמיליע אין דער שוייץ. מיט ווילפל קאַלטער לאָגיק זי האָט דאָס אַלץ פון פאָרויס צוגעגרייט. די שכנים האָבן געהערט שפּילן פּיאַנאָ יענעם אָוונט איידער זי איז איַינגעשלאָפן אויף אייביק. אין דעם בריוו צו איר אַלטער מומען איז דאָ אַ וואָרט פאַר איר פריַינדין עליזע. זי וויל אַז עליזע זאָל האָבן השגחה אויף דניאלן. זי געזעגנט זיך מיט אַלע און מיט אַלעם אָן שום בייזקייט. אַפילו אויף דעם טאַטן דניאלס, וואָס האָט אין יענע טעג אין דער שטיל חתונה געהאַט, האָט זי נישט געטראָגן קיין האַס. אין איר צוואָה האָט זי פאַרשריבן, אַז די וווינונג מיט אַלע אירע זאַכן זאָלן געהערן צו דניאלס פאָטער.

זי האָט געוואָלט באַהאַלטן פאַר דניאלן איר שווער געמיט, איר צערי־סענע נשמה, אירע שטימונגען, מיט וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו קעמפן. זי האָט געבעטן אַז איר טויט זאָל באַצייכנט ווערן פאַר דניאלן ווי אַ האַרצשלאַק...

עליזעס זון אלי, האָט על פּי צופאַל דער ערשטער געפונען דעם בריוו, ווּ עס ווערט אָנגעזאָגט איר טויט. ער האָט פאַרשטאַנען זיַין מאַמעס צער און ער איז טיף איבערגענומען געוואָרן. האָט ער דערפאַר מיט ליבע אויפ־

געקומען, אַז דניאל זאָל ווערן זײַנס אַ חבר, ער זאָל אים באַקענען מיט זײַן יוגנט־גרופּע. ער האָט אַפילו געזאָרגט, אַז קיינער פון זײַנע יונגע פרײַנד זאָל נישט דערמאָנען דניאלן וועגן זײַן מאַמען.

אלי האָט געוווּסט, אַז דניאל לעבט מער בײַ דער באָבען ווי בײַ זײַן טאַטן. האָט ער ליב געהאַט צו טעלעפאָנירן צו דניאלס באָבען, אים אַרויס־רופן צו זיך, אָדער אויף אַ זונטיק אין דאָרף אַרײַן, וווּ זיי האָבן געהאַט אַ וווינונג.

יענעם זונטיק אין דער פרי, ווען אלי איז געגאַנגען נאָך אַ מאָל דער־מאָנען דניאלן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט קומען מיט זיי אין דאָרף אַרײַן, האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון זײַן יונגען חבר. אפשר דערפאַר האָט ער זיך טועה געווען מיטן נומער: אַנשטאָט צו קלינ־גען צו דער באָבען, האָט ער אָנגעקלונגען דעם טעלעפאָן־נומער פון דניאלס מאַמע. ער האָט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס עס קלינגט און קלינגט און קיינער ענטפערט נישט. ער האָט שוין געוואָלט אָװעקלייגן דאָס טע־לעפאָן־טרײַבל, האָט ער דערהערט דניאלס שטים. אָבער די שטים איז עפּעס נישט צו דערקענען. האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט: „דניאל?" די שטים האָט אים געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען: יאָ, ד־ני־אל.

— דאָ רעדט אלי, דײַן חבר. די מאַמע וויל דו זאָלסט באַלד קומען, דו הערסט? די מאַמע וויל...

דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז דניאלן אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. אין די אויערן האָט אים געקלונגען „די מאַמע וויל", איז דאָס אַלץ געווען בלויז אַ שווערער חלום:

— „די מאַמע וויל, די מאַמע וויל".

## אַ שעה אַזאַ

אַן איבערגעשראָקענער, אַ צעטומלטער, שטעלט יצחק איין טראָט נאָכן צווייטן, ווי אַן אויטאָמאַט. אַ גרויסער עולם איז געקומען צו זײַן מאַמעס לוויה, קרובים, חברים, גוטע פרײַנד, באַקאַנטע.

— ווער איז געשטאָרבן ?

— דײַן מאַמע, יצחק, דײַן מאַמע איז נפטר געוואָרן — ענטפערן אים אַלע אין איין קול, אַ קול וואָס לעכערט דורך די שטילקייט פון בית־עלמין. אָט־אָט וועט עס, דאָס דאָזיקע קול, אַרונטעררײַסן דעם צודעק פון זײַן מאַמעס אָרון. אים דאַכט זיך, יצחקן, אַז דער מת גופא, זײַן טויטע מאַמע הייסט עס, טײַטלט אויף זיך אַליין מיט אַן אויסגעבויגענעם בלייכן פינגער:

— ס'איז אמת, אמת, זון מײַנער, געשטאָרבן איז דײַן מאַמע, צו פרי איז זי געשטאָרבן. אויך פאַר אַ מאַמע וואָס איז אין פרייד אָדער אין לייד פאַרקראָכן ביז אין טיפן עלטער, איז דער טויט אַ פריצײַטיקער. איצט ווער איך נישט מער געציילט צווישן די לעבעדיקע, אָבער אַזוי לאַנג ווי דער לעצטער רידל ערד וועט נישט צודעקן מײַן קבר וועלן די פאַרשטאָרבענע נישט וועלן מיך אַרײַננעמען אין זייער מיט. ווייס איך טאַקע נישט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך איצט. בעט איך דיך, זונעלע מײַנס, קוק זיך צו נענטער צו מײַן אָרון, פאַרלאָז מיך נישט, באַשיץ מיך בײַם אַריבערגאַנג פון דעם עולם־השקר אין דעם עולם־האמת אַרײַן.

יצחק וויל אָפּפרעגן זײַן מאַמעס רייד. ער וויל בשום אופן נישט הערן וואָס זײַן מאַמע רעדט. ער וויל נישט לאָזן זײַן מאַמען גיין דעם לעצטן וועג. טויט ? וועט אים אפשר געלינגען אָפּצושרײַען די גזירה ?

זײַענדיק אַ ייִנגל פון אַ יאָר פינף־זעקס האָט ער, דערמאָנט ער זיך, שוין זיך אָנגענומען איר קריוודע. ער האָט זי, אין איינעם אַ ווילדן אָוונט

פאַרשטעלט מיט זײַן דאַר קליין גופּעלע, ער האָט זי באַשיצט. מיט יאָרן צוריק איז עס געווען — ווער קאָן זיי גאָר איבערציילן די דאָזיקע יאָרע־לעך, וואָס זענען פון יענער צײַט פאַרבײַגעפלויגן אין זײַן לעבן ווי אַ סטאַדע שוואַרצע קראָען? די קראָען־שאָטנס זענען דעמאָלט, דערמאָנט ער זיך, אַרומגעפלויגן אין שטוב, זיי האָבן זיך געגרייט אײַנצושלינגען זײַן אָרעמע מאַמעשי, זיי האָבן זיך געקליבן זי צו שטייניקן מיט זייערע שפּיציקע קללות, צו מאַכן פון איר אַ תל, אַ בערגל ביינער, אַ הויפן אַש.

אַש, אַש, אַש... אוישוויץ, יצחק טאַטע.

וואָס איז געשען?

גורל, פאַטום, און אַנדערע מיסטעריעזע ווערטער פון אַלע לשונות. זאָל דער מענטש זיך נישט אײַנרעדן, אַז ער קאָן זײַן אין דערווירקלעכ־קייט דער האַר איבער זײַן גורל.

ווער איז אָבער די צאַרטע האַנט, וואָס האַלט די האַנט פון יצחקן מיט אַזוי פיל ליבע און גיט אים דעם כוח צו לעבן? ווער איז די דאָזיקע האַנט אין זײַן אייגענער אַרײַנגעפלאָכטן, וואָס אין שטילשווײַגן רײַבן זיך די פינגער פון זײַן האַנט אַדורך מיט די פינגער פון דער צאַרטער, ליבער און פרײַער האַנט, וועלכע איז אַן אמת און נישט קיין אויסדאַכטעניש?

יצחק האַלט האַלב־פאַרמאַכט די אויגן, ער זעט און פילט דעם טויט פון זײַן מאַמען, ער הערט אירע ווערטער, געמישט מיטן „אל מלא רחמים" פון חזן, וואָס צעגייען זיך און שלינגען אײַן אַלע טרערן פון זײַנע אויגן.

דערמאָנט זיך יצחק דאָס לאַכן פון זײַן מאַמע, ווי אַ זײַדענער ווייכער קלונג פון אַ זילבערנעם גלעקל, און דעם פרומען פונק אין בליק פון אירע אויגן.

דאַרף מען דאָס אַלץ באַהאַלטן, עס זאָל סטײַען פאַר אַ טרייסט ווי אַ קאַלטער טרונק אין זומער, אויסבאַהאַלטן די טעג, חדשים און יאָרן פון ליבע און שפע. אַצינד איז אַלץ אײַנגעענידערט — עס בלײַבט בלויז זיך צו טרויען דעם זכרון, דעם פאַרבליבענעם פאַרמעגן. אמת, דער טרויער איז גרויס, אָבער די ליבע איז נאָך גרעסער, ווײַל אַלץ וואָס יצחק האָט באַקומען איז געווען באהבה און מיט געטרײַשאַפט.

אין פּאַריז האָט זײַן טאַטע זיך ביסלעכווײַז אַרויפגעאַרבעט. קיין עושר איז ער נישט געוואָרן, אָבער ברויט איז אין שטוב געווען און פּוטער —

אויך. די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און האָבן פּאַרדינט אויף זייער אויסקומעניש. איז אָבער געקומען אַ היטלער און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די איבערפאַלן: אויף איינער פון די ערשטע פּאַריזער אַבלאַוועס אין דעם עלפטן שטאָט־פּערטל איז יצחקס טאַטע פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דראַנסי און פון דאָרטן קיין אוישוויץ. די מאַמע וויינט און קלאָגט: אַ פּרנסה־געבער, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַן איבערגעגעבער מיט לײַב און לעבן זײַן פרוי און די פיר קינדער. רייד רײַסן זיך פון איר — רייד צעווייטיקטע, אמתדיקע.

פיר קינדער זענען זיי געווען: יצחק דער מוזיקל, דער מיט צוויי יאָר עלטערער בערנאַרד, אָדער ווי די מאַמע פלעגט אים רופן מיט זײַן היימישן נאָמען בערעלע, מאָריס אָדער משהלע, און אַנרי, ווי עס האָבן אים גערופן די פּאַריזער, בעת בײַ זײַן מאַמען האָט ער געהייסן נישט אַנדערש ווי הערשעלע, פּונקט אַזוי ווי אַמאָל אין פּוילן. ער איז געווען דער בכור און איז אַליין שוין אויך געווען אַ באַווײַבטער און אַ טאַטע פון צוויי קליינע קינדער. קינדער, שיין ווי די וועלט זענען זיי געווען, לויט ווי די באָבע זייערע פלעגט זיך באַרימען. הגם, דער פאַרגלײַך מיט דער דעמאָלטיקער וועלט איז געווען אַ קרומער ביז גאָר. איז געקומען די גרויסע אָבלאַווע פון יולי 1942, און דאָס יונגע משפּחהלע — הערשעלע, זײַן פרוי פאַני און זייערעביידע קינדער — זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם ווינטער־וועלאָדראָם און פון דאָרטן זענען זיי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

מאָריס און בערנאַרד זענען געווען אַקטיווע ווידערשטענדלער, אַזוי לאַנג ביז אויך זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן. מאָריס, אין מיטן 1943 און בערנאַרד — קורץ פאַר דער באַפרײַונג. די געסטאַפּאָ האָט זיי געפּײַניקט. בלויז אים, יצחקן און זײַן כלה חנהלען האָט דאָס מזל געהאַט צוגעשפּילט. מזל? ניין, עס פעלט נישט קיין ספק אַז יצחק זאָל נעמען גלייבן מיט ברען, מיט התלהבות, מיט האַרץ און מיט נשמה, אַז אויב אים איז געראָטן ניצול צו ווערן, האָט ער עס צו פאַרדאַנקען נאָר זײַן מאַמען. זי, זײַן מאַמע, האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר אים פון אָנהייב ביז צום סוף. אין איר זכות און אין דעם זכות פון זײַן זיידן, וואָס איז געווען אַ צדיק און האָט גאָר זײַן לעבן פאַרבראַכט אין לערנען און אין תהילים זאָגן, האָט זיך אים אײַנגעגעבן זיך אַרויסצודראַפּען. ער ווייסט איצט אַליין נישט ווי אַזוי, פון די

געסטאַפּאָ־קעלערן אין וועלכע די דײַטשן האָבן אים שיר־שיר נישט געהאַט צעשטיקלט אויף שטיק־שטיקלעך. — —

יאָ, ס׳איז אים שווער מסכּים צו זײַן מיט זײַן מאַמעס טויט. ער ווערט זיך מיט זײַנע לעצטע כּוחות קעגן דעם געדאַנק פון טויט. ס׳איז נישט אמת, וואָרגט אים אין גאָרגל אַ קנויל, נישט אמת, אַז דער טויט זאָל האָבן פון אים אַוועקגערויבט זײַן מאַמען. אַט האַלט אים עמעץ פאַר דער האַנט. איז דאָס נישט אַמאָל די וואַרעמע טרייסטנדיקע האַנט פון זײַן מאַמען?

און זאָל מען נישט קומען אים זאָגן, אַז ער האָט אַ טעות, אַז די האַנט וואָס לאָזט אים נישט פאַלן, איז חנהלעס האַנט. ער ווייסט דאָס אַליין אויך. זינט יאָרן האָט ער אויסגעפּרוּווט דעם מינדסטן באַריר פון חנהלעס ליב־צערטלדיקער האַנט; באַקאַנט איז אים דאָס לשון פון יעדן פינגער אירן. וואָרעם אין משך פון די אַכט־און־צוואַנציק יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן, ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווײַזן אַ קנייטש אויף זײַן שטערן, אַ סימן פון זאָרג, פלעגט חנהלע וויסן ווי אַזוי דאָס צו פאַרגלעטן, ווי אַזוי צו פאַרווישן די דאָזיקע זאָרג, ממש טאַקע ווי מיט דער האַנט פלעגט זי דאָס אַוועקנעמען פון אים.

פון דעסט וועגן דערשפּירט יצחק איצט אין חנהלעס האַנטדרוק עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאַנט אים אין די קינדער־יאָרן, ווען זײַן מאַמע און ער פלעגן זיך איינס ס׳אַנדערע באַשיצן. זי אים פון קעלט: „איטשעלע, אַ שרעקלעכער פראָסט הײַנט אין דרויסן, טו אָן די וואָלענע זאָקן, וואָס איך האָב אויסגעשטריקט פאַר דיר, שפּילעווע צו די קנעפּלעך פון דײַן קורט־קעלע, נעם דעם באַשליק און טו אים אָן אויף די אויערן!״

פון הונגער פלעגט זי אים ראַטעווען, וואָרעם דעם לעצטן ביסן פון איר מויל פלעגט זי אים אונטערטראָגן כּדי ער זאָל, חלילה, נישט פאַרחלשט ווערן. און ער, פון זײַן זײַט, פלעגט באַשירעמען זײַן מאַמען בעת זי פלעגט נישט וויסן וווהין צו אַנטלויפן פון דער ענגער דחקות, פון דער ביטערער נויט, וואָס פלעגט בשום אופן נישט וועלן ווײַכן פון שטוב און פלעגן איר אויסגריזשען דאָס לעצטע ביסל מאַרך פון די ביינער.

— ווײַן נישט, וויין נישט, מאַמעשי — פלעגט ער זיך בײַ איר בעטן און פלעגט בעת מעשׂה מיט זײַנע קליינע „זונעלעס הענטלעך״, ווי זי פלעגט זאָגן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, איר אויסטריקענען די טרערן פון די אויגן — אַט וועסטו זען, מאַמעשי, אַט וועסטו זען, ווען איך וועל

שוין זײַן אַ גרויסער און וועל אַרבעטן, וועל איך פאַרדינען אַ סך געלט, אַזוי פיל געלט, אַז מיר וועלן קענען קויפן ברויט און חלה און פיש און פלייש און פוטער און קעז און ס'וועט זײַן יום־טוב בײַ אונדז אַלע טאָג.

— יאָ, מײַן זונעלע — פלעגט זײַן מאַמע זיך פרייען מיט זײַנע צוקונפט־פּלענער — איך פאַרלאָז זיך אויף דיר. איך ווייס, אַז דו וועסט זאָרגן פאַר מיר. וואָרעם דו ביסט מײַן טרייסט, דו דערהאַלטסט מיך שוין איצט בײַם לעבן און ווען דו וועסט, מיט גאָטס הילף, אויסוואַקסן, ווען איר אַלע פיר קינדער מײַנע וועט ווערן לײַט, מיט לײַטן גלײַך, — ווער זשע וועט דעמאָלט זײַן גלײַך צו מיר? די וואָס זייען מיט טרערן, שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים אונדזערע, וועלן שנײַדן מיט פרייד. פריִער גאָט אין הימל, דערנאָך איר, מײַנע טײַערע קינדערלעך, אַלע זייט איר מײַנע באַשיצערס, מײַנע באַשירמערס.

און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי, אַז אים איז טאַקע באַשערט געוועזן, מער ווי פופצן יאָר שפּעטער, אים, יצחקן אַליין, וואָרעם זײַנע דרײַ ברידער זענען צו יענער צײַט שוין נישט מער געוועזן בכּוח זיך אָנצונעמען די קריוודע פון זייער געליבטער מאַמעשי. די היטלער־זאַווע־רוכע האָט זיי, ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע ייִדישע זין און טעכטער, פאַרשליידערט קיין אוישוויץ, — זי צו פירן פון באַהעלטעניש צו באַהעל־טעניש, פון פּאַריז קיין ליאָן, פון ליאָן קיין גרענאָבל, פון גרענאָבל קיין ניצע, אַזוי אַרום האָט זיך אים אײַנגעגעבן זי אויסצוהיטן פון די מענטשן־כאַפּערס, זי צו באַשיצן.

אַוודאי זענען געשען מיט איר און אַרום איר נישט ווייניק נסים, וואָרעם ווען נישט, ווי וואָלט ער, דער גערודפטער און דורך דער געס־טאַפּאָ צעניזוקטער, געקענט פאַרטרײַבן, פאַריאָגן פון איר שוואַכן לעבן אַזאַ גרויסע אַרמיי פון בייזע רוחות און ווילדע שדים? ער האָט דאָך די מער־סטע צײַט געמוזט זי איבערלאָזן ערגעץ אין אַ דאָרף בײַ פּויערים, אָדער אין אַ קלויסטער בײַ הייליקע שוועסטער?

— ווײ געשריִען! — פלעגט זײַן מאַמע טענהן, זיך באַקלאָגן פאַר אים איטלעכס מאָל ווען אים פלעגט געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו איר אויף אַ האַסטיקן באַזוך — אַזאַ אומגליק! אַזאַ חרפּה! ווי אַזוי וועל איך קענען זיך פאַרענטפערן אויף יענער וועלט? וואָס וועל איך פאָרט זאָגן

מײַן טאַטן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, ווען ער וועט מיך פרעגן: סטײַטש, מײַן טאָכער? סטײַטש?!

און ער פלעגט זיך באַמיִען זי צו טרייסטן:

— פּיקוח־נפש, מאַמעשי! דו אַליין האָסט מיך געלערנט — דערמאָן זיך נאָר, וואָס דו פלעגסט מיר אַלעמאָל זאָגן — אַז עס איז פאַראַן אַ סכּנה פאַרן לעבן מעג מען זיך באַהאַלטן אַפילו אין אַ קלויסטער, אַפילו בײַ גלחים. פּיקוח־נפש, מאַמעשי... און נאָך עפּעס, געדענק איך, האָסטו אַרײַנגעטײַטשט אין דעם וואָרט „פּיקוח־נפש". יידן, פלעגסטו זאָגן, קענען בלײַבן לעבן נאָר דורך נסים. אַ נס נעמט אָבער אָן פאַרשיידענע געשטאַלטן. עס פּאַסירט, אַז ער טוט זיך אָן די מאַסקע פון דעם שׂטן, פון אַ טײַוול אַפילו. טאָ וואָס קימערט דיך ווו דו ביסט? אַבי דו ביסט דאָ אין זיכערקייט.

— און דו? — פלעגט די מאַמע נישט נאָכלאָזן — ווי אַזוי קענסטו זאָגן, אַז איך האָב אין קלויסטער נישט וואָס מורא צו האָבן, בעת דו שטעלסט אײַן דײַן יונג לעבן אויף טריט און שריט, און טאָמער, חלילה, די שעה זאָל נישט זײַן, עס פּאַסירט עפּעס מיט דיר, וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן, וואָס טויג מיר צו לעבן אָן דיר, זונעלע מײַנס? ווי געשריִען! ווי געשריִען! אָט האָבן די רשעים אָפּגעריסן פון מיר הער־שעלען, בערעלען, משהלען — איין גאָט אין הימל ווייסט ווו זיי געפינען זיך איצט. ביסט דאָך איינער בײַ מיר פאַרבליבן און דאָ קאָן איך נישט — איך טאָר נישט, האָסטו מיר געזאָגט, צי איך וויל יאָ, צי איך וויל נישט, מוז איך שטילערהייט זיך מודה זײַן, אַז דו ביסט אפשר גערעכט, אַוודאי ביסטו גערעכט! דאָ דאַרף איך נישט פּרוּוון אַפילו דיך בעטן, דו זאָלסט דאָ בלײַבן צוזאַמען מיט מיר, כאָטש דו זאָגסט מיר, אַז דאָ איז מען מער־ווייניקער זיכער מיטן לעבן.

מאַמעשי — פלעגט ער איר אַרײַנשושקען אין אויער אַרײַן איטלעך מאָל, ווען עס פלעגט די רייד זײַן פון נסים, פון שוץ, פון זיכערקייט אין דאָרף אָדער אין קלויסטער — מיר זאָגט דאָס האַרץ און דער שׂכל גופא, דער שׂכל מײַנער האַלט זיך אויך בײַ דעם, אַז טאָמער דער נס וועט דיר ווײַטער פאַרבלײַבן געטרײַ, וועל איך דאָך אויך אָן ספק קענען עפּעס פון אים געניסן, אַלץ איינס ווו איך וועל מיך בעת מעשה געפינען, אַלץ איינס

אין וועלכער געפערלעכער שליחות די הייליקע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, יאָ, הייליקע, מאַמעשי, וועט האָבן מיך געשיקט.

און אַזוי איז טאַקע געשען. וואָרעם דער נס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געקלעקט אי פאַר זײַן מאַמען אי פאַר אים. זיי האָבן ביידע באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם אונטערגאַנג. ווי זײַן מאַמע איז פון תּמיד אָן געוווינט געווען, האָט זי מיט דעם לעצטן ביסן נס אירן, ווי מ׳זאָגט, זיך געטיילט מיט איר זון...

*

יאָרן זענען אַוועק, יאָרן זענען פאַרגאַנגען. און אָט באַגלייט יצחק זײַן מאַמען צו איר לעצטער רו. וואָס זאָל ער איצט ווײַטער טראַכטן, ווײַטער קלערן? ער זעט דאָך באַשײַנפּערלעך אַז אַלץ וואָס וויקלט זיך איצט פונאַנדער פאַר זײַנע אויגן איז אמת. אמת איז די לוויה, אמת איז דער בית־עלמין און אַזוי באַלד ווי דער לעצטער רידל ערד וועט פאַרשיטן דעם אָפענעם קבר, וועט זיך נאָך מער באַוויַיזן דער אמת פון זײַן מאַמעס טויט, וואָרעם דאָס איז דער ערשטער און דער לעצטער אמת, וואָס די לעבן־געבליבענע קענען פאַרנעמען אויף דעם עולם־השקר, אין וועלכן זיי דרייען זיך אַרום, ביז אויך זיי פאַלן אַנידער אָן אָטעם, אָן גאָרנישט. דער עולם־השקר און דער עולם־האמת, דאָס זענען טאַקע געווען די צוויי אויסדרוקן, וואָס יצחקס גאָטספאַרכטיקע מאַמע פלעגט אין די לעצטע חדשים פאַר איר טויט כּסדר באַניצן. לאַנג, לאַנג נאָך וועט אים נאָך קלינגען אין די אויערן, דער דאָזיקער לעצטער אמת פון זײַן מאַמעס.

מיט לאַנגזאַמע טריט דערווײַטערט זיך יצחק פון זײַן מאַמעס קבר. זײַנע ליפּן שעפּטשען שטיל: יתגדל ויתקדש...

# די לעצטע נאַכט

עס ביַיטן זיך כּסדר די טעג מיט די נעכט, די באַגינענס, די בין־השמשותן — אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן האָפענונג און יִאוש, צווישן לעבן און טויט.

אין אַזאַ נאַכט, וואָס האָט זיך געביטן מיט אַ געוויינלעכן טאָג, איז זי געקומען אין שפּיטאָל אַריַין. ס'זאָגט זיך אַזוי ג ע ק ו מ ע ן, — דאָס האָט אַן אַמבולאַנס וואָס איר זון האָט דרינגענדיק אַרויסגערופן, זי געבראַכט אַהער אין אירע לעצטע מינוטן.

זי איז טאַקע נישט מער ווי אַ מאַמע, נאָר ווי אַ מאַמע האָט זי געלעבט מער פאַר אירע קינדערסוועגן ווי פאַר זיך אַליין. אַצינד וועט מסתּמא נעמען אַ סוף צו איר גוף, און איר נשמה וועט אַרויף אין הימל און זיך געפינען אַוודאי צווישן די צדיקים, וואָרעם עס קומט איר. אָבער דער הימל איז הויך, וויַיט, קיינער איז נאָך פון דאָרט נישט צוריקגעקומען דערציילן וואָס עס טוט זיך דאָרט. דערפאַר אָבער דאָ אויף דער ערד וועט איינער פון אירע זין זיכער זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען:

אָ, — יתגדל ויתקדש...

זי דערפילט מער ווי זי זעט, ווי חיים שטייט ביַי איר בעט, ביַים בעט פון דער מאַמען וואָס גוססט.

חיים זעט ווי אירע בלוילעכע ליפּן באַוועגן זיך, מורמלען עפּעס. זיי שעפּטשען אַוודאי אַ לעצטע תּפילה, אַ לעצטן פאַרלאַנג, אַ לעצטע בקשה: אפשר, מען זאָל זאָגן נאָך איר קדיש. יאָ, דאָס טאַקע בעט זי ביי איר זון חיימקען, כאָטש זי דערקענט אים נישט מער.

און דער זון נעמט זיך פאַר נישט צו פאַרשוועכן דער מאַמעס צוואָה, איר לעצט געבעט. ער וועט זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען, אפשר נישט אַ גאַנץ יאָר, אָבער זאָגן וועט ער. ער וועט אויך אָפּהיטן די יאָרציַיטן.

אַכט קינדער זענען זיי געווען אין הויז. פֿאַרבליבן זענען נאָר פֿינף. די איבעריקע דרײַ קינדער זענען אומגעקומען, צוזאַמען מיט זייערע משפּחות בעתן גרויסן חורבן; איינער איז אומגעקומען אין דער „מאַקי", — אין דער פֿראַנצייזישער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָס איז געווען דער ייִנגסטער. אַ בחורל פֿון אַ יאָר זיבעצן. די אַנדערע צוויי, די נאָר־וואָס חתונה־געהאַטע — אין אוישוויץ.

די פֿינף ניצול־געוואָרענע, צוזאַמען מיט זייערע קינדער, אייניקלעך, משפּחות גאַנצע, וואַרטן אין לאַנגן קאָרידאָר פֿון שפּיטאָל. די מאַמע ראַנגלט זיך מיטן טויט. די דאָקטוירים באַמיִען זיך נאָך אַלץ צו דערהאַלטן זי בײַם לעבן. די קראַנקן־שוועסטערס, וואָס פֿלאַטערן אַרײַן און אַרויס, זעען אויס ווי שטומע, נאָר אויף זייערע פּנימער איז צו זען די לאַגע.

די נאַכט אין שפּיטאָל ענדיקט זיך מיטן אויפֿשפּראָץ פֿון טאָג. דאָס קומט אפֿשר אָן דער מאַמעס לעצטער טאָג? יאָ. די שאַטנס, וואָס פּויזען אויף די ווענט זענען עדות פֿון עפּעס לעצטס. דער שפּיטאָל־קאָרידאָר, אין וועלכן אירע זין, טעכטער, אייניקלעך, שנורן און איידעמס שפּאַנען הין און צוריק, זעט אויס ווי אַ פֿינצטערער טונעל, נאָר אַזוי לאַנג ווי די מאַ־מע זשיפּעט ווערט זיך קיין אויסגאַנג פֿון פֿינצטערן טונעל נישט באַוויזן.

חיים, דער עלטסטער זון אירער, טראַכט: די קינדער זענען איר גאַנץ לעבן. אַלע אירע געדאַנקען, — איר האַרץ, איר לײַב און לעבן זענען פֿאַר אירע קינדער. בפֿרט זינט זי איז געוואָרן אַן אַלמנה. טאָג און נאַכט פֿאַר זיי געהאָרעוועט ס׳זאָל זיי, חלילה, גאָרנישט נישט פֿעלן. די ייִנגלעך גע־שיקט אין חדר, דערנאָך צו אַ פֿאַך. די מיידלעך — צו נייטאָרינס, זאָלן פֿאַרדינען כאָטש אויף אָנטועכץ. אַ נייטאָרין איז זי אַליין געווען, געאַרבעט שווער און ביטער ביז דער מלחמה; ביז די משפּחה האָט אויסגעוואַנדערט קיין פֿראַנקרײַך. אויך דאָ האָט מען זיך אין די ערשטע יאָרן נישט ווייניק געמאַטערט.

דאָ זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן, חתונה געהאַט, געלעבט פֿון זייער אייגענער פֿראַצע. די קינדער האָבן זייער מאַמען נישט פֿאַרלאָזט, זי אויסגעהאַלטן בכּבוד. פֿון זינט דאָס מוזיניקל, וועמען זי האָט אַזוי באַזונ־דער ליב געהאַט, איז געפֿאַלן אין דער ווידערשטאַנד־מלחמה, האָט די מאַ־מע אַריבערגעטראָגן איר גאַנצע ליבשאַפֿט צום בכור, צו חיימען. אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל ער איז מער צוגעבונדן געווען צו ייִדישקייט. בײַ אים אין

שטוב האָט מען גערעדט איר לשון, מאַמע־לשון, כאָטש די פרוי זײַנע, אַ דאָ־געבוירענע, האָט גערעדט נאָר פראַנצייזיש. חיים פלעגט גיין ראש השנה און יום־כּיפּור אין שול אַרײַן. האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט צו דער מאַמען. זײַן היים איז געווען דער מאַמעס היים, און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַז די מאַמע זאָל גיין אין אַ מושב־זקנים אַרײַן.

ווערנדיק קראַנק, און חיים האָט צו איר צוגענומען אַ קראַנקן־שוועס־טער, זי זאָל אויף איר אַכטונג געבן, זי באַדינען, האָט די מאַמע צו איר איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— ס׳שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים, אַז אַ מענטשנס יאָרן זענען זיבעציק. טאָמער האָט ער שוין מזל, און ער קריכט אַרויף ביז אַכ־ציק, זענען עס שוין געשענקטע יאָרן. בין איך, הייסט עס, „פּייגע די גיבור־טע". כ׳האַלט שוין, אַ לויב צו גאָט, בײַ די דריי און אַכציק. קיין טראָט קאָן איך מער נישט שטעלן, נישט באַוועגן מיט דער האַנט, מען מוז מיך אָנקאָרמען ווי אַ קליין קינד, אַן עופעלע, — אָבער אַ גיבורטע, מ׳שטיינס געזאָגט, בין איך...

ליגט די מאַמע, די גיבורטע, אין גסיסה. ראַנגלט זיך מיטן מלאך המות. איין מלאך המות, היטלערן, האָט זי באַזיגט. וואָרעם זי איז, ווי אַלע ייִדן, געווען פּאַראורטיילט דערשטיקט צו ווערן אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ.

די קינדער האָבן קיין מאָל נישט געקענט גענוי דערגיין די דאַטע פון איר געבוירן־טאָג. זיי ווייסן בלויז, אַז די מאַמע איז געבוירן געוואָרן נאָך חנוכּה, ס׳הייסט אַן ערך אין חודש יאַנואַר. און אָט איז חודש יאַנואַר, ווען די מאַמע ליגט און גוססט. דער זעלביקער חודש.

אָנגעהויבן האָט זיך דער מאַמעס לעבן אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט אין פּוילן און פאַרענדיקט זיך אין אַ שפּיטאָל ווידער אין אַ קאַלטער יאַנואַר־נאַכט, נאָר אין פראַנקרײַך. ווי לאַנג איז אַז ס׳האָבן אין משך פון אַכט אָוונטן געלויכטן די חנוכּה־ליכטלעך בײַ אים אין הויז. זי האָט זיך אַזוי געפרייט, די מאַמע, און איר בליק האָט זיך געשפּיגלט אין פלאַם פון די ליכטלעך.

דאָס חנוכּה־לעמפּל איז געשטאַנען אויפן טיש לעבן פענצטער אין דער מאַמעס צימער. מען האָט אָנגעצונדן און געבענטשט די ליכטלעך דער

מאַמעס האַרץ זאָל זיך פּרייען. אַכט אָונטן האָט עס געדויערט. יעדן אָוונט איז צוגעקומען אַ נײַ ליכטל. די גאַנצע משפּחה חיימס האָט זיך כּסדר פאַרזאַמלט און זיך צוגעקוקט ווי דער מאַמעס בליקן שײַנען־אויף אין דער שײַן פון די חנוכּה־ליכטלעך.

איז דאָס געווען מיט אַ פּיר וואָכן צוריק.

איצט, נאָך האַלבער נאַכט, די מאַמע ליגט אין גסיסה, איר כאָרכלען ווערט אַלץ שוואַכער און מען פילט ווי דער מלאך המוות שוועבט אַרום איר בעט. אַ זון אָדער אַ טאָכטער קומט אַרײַן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. אַלע קוקן זיי זיך איבער מיט אַ טרויעריק־פרעגנדיקן בליק. אַלע ווייסן זיי אַז ד י נאַכט איז די לעצטע.

בייגט זיך חיים אַריבער צום לעצטן מאָל איבער דער מאַמעס בעט, און פרעגט איר מיט אַן איבערגעבראָכן, ציטערדיק קול, צי זי וויל עפּעס, אָבער די מאַמע ליגט פאַרטראָגן. קיין איין וואָרט קומט נישט אַרויס פון איר מויל. דאָס בלאַסע ליכט פון לעמפּל באַלײַכט דאָס בלייכע געזיכט אירס. דער צעקנייטשטער לײַלעך וואָס דעקט צו איר גוף הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ. אירע לעצטע כּוחות פאַרלאָזן זי. אויס לעבן. אויס מאַמע...

*

אַלע פינף קינדער, דריי ברידער און צוויי שוועסטערס האָבן שטילער־הייט פאַרלאָזט דאָס צימער. באַלד דערנאָך זענען, ווי אויף עמעצנס ווונק, געהיימען באַפעל, געקומען דער נאַכט־דאָקטער, אַ קראַנקן־שוועסטער — מסתּמא כּדי פעסטצושטעלן דעם טויט, אויסצופאַרטיקן דעם טויטן־אַקט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז די קראַנקן־שוועסטער אַרויס אין קאָרידאָר מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דאָס ווײַסע שטײַף־געפּרעסטע שוועסטער־היטל אירס שנײַדט זיך אײַן אין זייערע אויגן ווי שפּיזן, ווי אָנגעשאַרפטע מעסערס. זי שווײַגט אַ ווײַלע און זאָגט דערנאָך ווי צו זיך, אַז דאָס לעצטע ביסל לעבן פון דער אַלטער פרוי האָט זיך אויסגעלאָשן.

די ווערטער זענען שוין געווען איבעריק. פינף דערוואַקסענע קינדער האָבן זיך פונאַנדערגעווײנט. זיי זענען אַוועק מיט פאַמעלעכע טריט דורך די לאַנגע קאָרידאָרן, פאַרקירעוועט אויף רעכטס, צום אַרויסגאַנג.

# פרעמדע

ווען איז זײַנוול קליין געקומען קיין פּאַריז? אוודאי אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן ווען ייִדן אין פּוילן זענען געלאָפֿן אין דער וועלט אַרײַן, ווײַל דאָרט איז שוין פֿאַר זיי — צוליב דער שׂינאה צום ייִדן, צוליב עקאָנאָמישע קריזיסן — געוואָרן אוממעגלעך ווײַטער צו לעבן.

איז ער געקומען קיין פּאַריז מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק און ער פֿילט זיך נאָך אַלץ ווי אַ פֿרעמדער דאָ. און כאָטש ער האָט דאָ אַ סך באַקאַנטע, לאַנדסלײַט און אַפֿילו קרובֿים, איז ער נאָך אַלץ דערווײַטערט פֿון אַלעמען.

אין אָנהייב איז אים נישט לײַכט געווען מיט „פּאַפּירן”. ער האָט גע־האַט צו טאָן מיט דער פּרעפֿעקטור, מיט דער פּאָליציי: ווױן־רעכט, אַר־בעטס־רעכט. הגם פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ שנײַדער, אָבער כּדי צו קענען אַרבעטן לעגאַל, האָט ער געמוזט האָבן אַרבעט־פּאַפּירן, און נישט געוווּסט ווו זיך צו קערן און ווענדן.

צום לײַכטסטן איז אים שוין געווען דאָס נעמען זיך צום האַנדל, ס׳הייסט ווערן אַ מאַרשאַן, איז ער אָבער אויך דערבײַ געווען אומגעלומפּערט און האָט מער דערלייגט ווי פֿאַרדינט.

אין די נעכט, ליגנדיק אין זײַן האָטעל־שטיבל אויפֿן בעלוויל, האָט עס אים נאָכאַנאַנד געמאַטערט: אין פּוילן, אין שטעטל ביעלאַני, לעבן מאַלקין, האָט ער געלאָזן אַ ווײַב מיט זיבן קינדער — פֿיר זין און דרײַ טעכטער, — איז אַפֿילו מיטן אָנשרײַבן אַ בריוו צו זיי אים אָנגעקומען שווער, ווײַל אַליין נישט געקאָנט שרײַבן, האָט ער געמוזט אָנקומען צו אַ באַקאַנטן אויפֿן בעלוויל.

ס׳ווײַב, יוכבדל, ווען זי פֿלעגט באַקומען פֿון אים אַ בריוו, פֿון דעם טײַערן מאַן אירן, האָט זיך צוערשט גוט אויסגעוויינט.

— ווער — האָט זי געכליפּעט — וואָשט אים דאָרט אויס אַ העמד? ווער קאָכט אים דאָרט אָפּ אַ ביסל עסן? ווער קוקט זיך אום אויף אים?

כאָטש אין די בריוו האָט זײַנוויל אָפט געפּלעגט שרײַבן וועגן זײַנע אויפטועכצן, וועגן די גליקן וואָס ער מאַכט דאָרט: „זאָג די קינדער, אַז בײַ מיר איז אַלץ „סאַ וואַ ביִען״, וואָס דאָס דאַרף הייסן, האָבן זיי דאָרט נישט פאַרשטאַנען. „איך עס — האָט ער זיי געשריבן — בײַ ראָטשילדן אין רעסטאָראַן... האַנדל מיט „לאַסעס״... (אויף פּויליש — וועלדער, אָבער אויף פראַנצייזיש — שיך־בענדלעך...), און אַז גאָט וועט העלפן, וועל איך אין קורצן שוין האָבן אַ גרויסע דירה פון פינף צימערן מיט אַ קיך. נאָר אַ ביסעלע מַזל און ווײַטער גאָרנישט. ווען איר וועט דאָ אַלע זײַן מיט מיר אין פּאַריז, וועלן מיר זיך עפּענען אַ געשעפט פון שמאַטעס. זײַט נאָר געזונט האָט אַ ביסעלע געדולד, און איר וועט, אם ירצה השם, זײַן גאַנצע פּאַריזער קנאַקערס. אונטערגעשריבן: „אײַער מאַן און פאָטער זײַנוויל קליין״.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ בריוו האָט זיך אין שטעטל אָנגעהויבן אַ גאַנצע גערעדערײַ. יעדער איינער האָט אויף זײַן אופן אויסגעטײַטשט דעם בריוו, זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי זײַנוויל שנײַדער, דער שלימזל, האָט דאָרט זיך אין פּאַריז אַזוי גרויס אַרויפגעאַרבעט — ער עסט שוין בײַ ראָטשילדן אין רעסטאָראַן... (אַ ביליקע קיך אויפן פּלעצל), האַנדלט שוין מיט „לאַ־סעס״, ס׳הייסט, מיט וועלדער... איז געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער דאָרט, אַ פּאַלאַץ פון פינף צימערן מיט אַ קיך. אַ גרויסער הענדלער פון שמאַטעס. נו, נו.

זענען אַוועק עטלעכע שיינע יאָרן, ביז יאָכוועטל האָט אין איינעם אַ טאָג באַקומען אַ בריוו מיט אַ סך סטעמפּלען. דאָס זענען געווען אַרויספאָ־דערונג־פּאַפּירן פאַר איר מיט די זיבן שוואַלבן.

ס׳שטעטל ביעלאַני איז געגאַנגען אויף רעדער. מ׳האָט גערעדט און זיך געשושקעט, אַז זײַנוויל קליין איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער עושר, האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין די געשעפטן מיט ראָטשילדן. און אפשר האָט ער גאָר צוגעזאָגט ראָטשילדן צו געבן אים זײַן עלטסטן זון, דעם קראַסאַוויעץ פּיניע, פאַר אַן איידעם. יאָ, מיט דער צעדרייטער אַלטער מומע זײַנער... פון וואַנען ס׳האָבן זיך דערנומען אַזעלכע מעשיות האָט קיינער נישט גע־ווּוּסט.

ביז ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען יוכבד מיט אירע קינדער האָבן איינגעפּאַקט דאָס ביסל אָרעמקייט זייערס, זיך אָפּגעזעגנט מיט משפּחה, מיט פריינד און באַקאַנטע. די מאַמע יאַכוועט איז געלאָפן אויפן בית־עולם זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע, מיט זיידעס, באָבעס, פעטערס און מומעס, זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט. וואָרעם אַלע זענען זיי איר געווען נאָענט און ליב, און ווי וועט זי אָן זיי לעבן אין דער פרעמד?

אין שטעטל האָבן זיי אַלע מקנא געווען. ס'האָט זיך גערעשט, געקאָכט. מען איז געקומען געזעגענען די מאַמע פון אַלע יתומים, פון אַלע אָרעמע לייט. וואָרעם מיט איר גוט האַרץ האָט זי דאָרט געהאָלפן יעדן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, — זאָל זיין מיט אַ קרעכץ, מיט אַ זיפץ, אָבער אַ מאָל אויך — מיט אַ לעפל וואַרעמס.

די אויספאָדערונג־פּאַפּירן וואָס זענען איר אָנגעקומען, זענען געווען פון אַ ספּעציעלער אַרבעט־געזעלשאַפט, וואָס בייטיקט זיך אין אַרבעטס־הענט, און פאָדערט אַרויס עמיגראַנטן פון פּוילן. זענען זיי געפאָרן מיט אַ שיף פון דאַנציק ביז צו דער פראַנצייזישער פּאָרט־שטאָט האַוור, און פון דאָרטן — מיט דער באַן קיין פּאַריז.

זי האָט געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צו איר מאַן, אַז זיי קומען אָן, און זיינוול קליין האָט טאַקע באַצייטנס זי באַקומען, אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט לייענען, האָט ער זי אַריינגעלייגט אין קעשענע, און באַ־שטימט ביי זיך, אַז אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, וועט ער צופאָרן אויפן בעלוויל צו אַ באַקאַנטן, אַ שטיקל מאַכער אין אַ סאָסיטע, און ער וועט הערן וואָס זאָגט זיך דאָרטן אין אָט דער טעלעגראַמע.

דערווייל איז יוכבד מיט די קינדער אָנגעקומען אויפן גאַר סען־לאַ־זאַר און קיינער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט.

מיט דער עמיגראַנטן־שיף האָבן זיי זיך געשלעפּט גאַנצע צען טעג, דורך ימען, קאַנאַלן, און אָט זענען זיי אַריינגעפאַלן אין דער ריזן־שטאָט, אין אַ טומל, אַ רעש, און קיינער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט. נאָך גוט וואָס יאַכוועט האָט באַצייטנס באַהאַלטן ביי זיך אַ פּאָר פראַנק, און וואָס עס האָבן זיך אָפּגעפונען גוטע מענטשן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן זיך אַריינצו־זעצן אין צוויי טאַקסיס, אָנגעשטאָפּט מיט האַק און פּאַק, זענען זיי פאַר־פאָרן צום „פּאַלאַץ" וואָס דער טאַטע האָט זיי צוגעגרייט, די דירה פון פינף שטיבן מיט אַ קיך...

די טאַקסיס האָבן זיי געבראַכט ביזן אויפגעשריבענעם אַדרעס. זיי האָבן זיך אַלע אַרײַנגעשאָטן אין אַ הייפל מיט רעש און געפּילדער. אויף שטים־לשון האָט יאַכוועט זיך צונויפגערעדט מיט דער קאָנסיערזשקע (די הויף־דינערין). דורך אַ פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ גערטנדל, זענען זיי אַראָפּ אין אַ קעלער, ווײַל די טיר איז געווען פאַרמאַכט. דער לאָדן איז געווען צעבראָכן, אָפּגעשפּאַרט, אָבער דאָס אַראָפּקריכן אין קעלער אַרײַן איז דער חברה קינדער נישט שווער אָנגעקומען.

ס'איז געווען אַ קעלער, מיט קליינע שטיבלעך, קאָרידאָרן. די ווענט — מיט פלעקן פון פײַכטקייט, נאַקעטע. יאַכוועטן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. זי איז געבליבן שטיין אָן אומבאַהאָלפענע. די עלטערע קינ־דער זענען געבליבן מיט אָפענע מײַלער. בלויז דאָס קליינוואַרג האָט זיך דאָ באַלד גענומען שפּילן אין באַהעלטעניש, אַרויפגעדראַפּעט זיך דורך דער צעבראָכענער שויב, דורכן האַלב־פאַרמאַכטן לאָדן, צוריק אין הייפל אַרײַן און זייערע פריידיקע געשרייען האָבן הײַטערע אָפּגעהילכט.

די עלטסטע טאָכטער, יענטעלע, האָט דערזען אין אַ ווינקל, לעבן אַ רונדיק אייוועלע, ליגן עטלעכע פאַרברענטע קאַרטאָפל, האָט זי זיך צע־וויינט: דער „רײַכער" טאַטע אירער האָט זיי גאַרנישט געשריבן ווי אַזוי ער לעבט, מיט וואָס ער דערנערט זיך. אין אַ פינצטער צימערל, אויף דער ערד, איז געלעגן אַ צעריבענער מאַטראַץ, עטלעכע אַלטע קאָלדרעס. דאָס איז געווען דעם טאַטנס „געלעגער". אַ לאַנגער טיש, מיט בלויז דרײַ פיס, איז געשטאַנען אָנגעלענט בײַ אַ גרין־געלער אָפּגעבליאַקעוועטער וואַנט.

נאָר דאָס קליינוואַרג, אָן אויסגעהונגערטס, האָט זיך דערווײַל צוגעכאַפּט צום קיישל מיטן עסנוואַרג, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון וועג. די עלטערע קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דר'ערד און פאַרביטערט געשוויגן. די מאַמע יאַכוועט איז געזעסן אויפן לאָמען בענקל, אַ צערויטלטע, מיט שטאַרע בליקן, און האָט נישט געוווסט וואָס מען הייבט דאָ אָן צו טאָן.

שפּעטער, אַז דער טאַטע איז געקומען און האָט אָן עפּן געטאָן די אויס־געדרייטע טיר, וואָס האָט געסקריפּעט אויף די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס, און זיי אַלעמען דערזען, האָט ער צענומען די הענט פאַר פרייד און חידוש:

— גאָט צו דאַנקען. אַבי איר זענט שוין אַלע דאָ... — און האָט זיך צעוויינט פאַר פרייד. — איצט וועט לײַכטער זײַן, אַלע צוזאַמען. דאָ איז אַ וויסטע פרעמד. נאָר נישט געזאָרגט קינדערלעך. דאָ איז נישט ביעלאַני.

דאָ עסט מען חלה אין דער וואָכן. דאָ טרינקט מען וויַין ווי בײַ אונדז באָרשטש.

צומאָרגנס, מיטן טאָג צו גלײַך, האָט דער טאַטע איבערגעלאָזן אַ פּאָר קופּערנע מטבעות דער מאַמע יאָכעוועטן, צו קויפן די פּאַריזער „חלות", און עפּעס אויף אָפּצוקאָכן.

יאָכעוועט האָט זיך דערפילט אומגליקלעך, עלנט, פרעמד. אָן אַ שפּראַך אין מויל. נישט צו וויסן וווּ אַ פוס צו שטעלן, האָט זי זיך געזען ווי אַ פּאַר־בלאָנדזשעטע. זי איז אַרויס פון איר זײַנוואלס וווינונג, די „פינף צימערן מיט אַ קיך", צו דער גאַס און ס'האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויף זיך אַליין. אַזאַ אויסטערלישע פרעמדקייט, אַפילו דער אייגענער מאַן איז איר איצט פרעמד. עפּעס איז ער דאָ צו פּראַנטיש אויסגעפּוצט, זײַנוואל קליין. צו זײַנע פּאַרלאַטעטע קליידער טראָגט ער נאָך אַ שניפּס, אַ שטרוי־ענעם הוט.

און דאָס שווערע לעבן האָט זיך אָ נ גע הו י ב ן פאַר דער מאַמע יאָכוועט אין פּאַריז.

ווידער איז אויפגעשווומען אַן ענין מיט „פּאַפּירן": אַרבעטס־פּאַפּירן. כדי די גרויסע קינדער זאָלן קאָנען גיין אַרבעטן דאַרף מען האָבן פּאַפּירן. זי האָט געמוזט אָנקומען צו אַ יידישער שכנה, זי זאָל מיט איר מיטגיין אין דער פּרעפעקטור, אויפן סיטע־אינדזל, אין דער ברייטער צעלייגטער קאַ־מעניצע, באַוואַכט פון פּאָליציי, אין דער אָפּטיילונג פאַר אויסלענדער. דאָרט איז זי אָפּגעזעסן שעהען לאַנג, ביז מ'האָט אויסגערופן איר נאָמען. בײַם פענצטערל האָט איר עפּעס אַ בייזע דאַמע געשטעלט פאַרשיידענע קשיות: הלמאַי זי איז געקומען צופאָרן גראָד קיין פּאַריז און נישט אין אַן אַנדער שטאָט? פאַר וואָס האָט זי מיטגעבראַכט אַזוי פיל קינדער? ווער וועט זיי געבן צו עסן? וואָס וועלן זיי דאָ טאָן? קוים פאַרענדיקט די אַלע אויס־פרעגענישן, האָט זי גענומען בלעטערן פּאַפּירן (ווידער פּאַפּירן!), צע־דרייט דעם פאַמיליע־נאָמען אירן, די נעמען פון די קינדער, וואָס האָבן במילא דאָ, אין פראַנקרײַך, געקלונגען פרעמד. דערנאָך האָט יענע בייז פאַרמאַכט די טעקע, עפּעס אויף איר אויפגעשריבן און איר אָנגעזאָגט זי זאָל קומען אין צוויי טעג אַרום. יאָ זי זאָל מיטברענגען נאָך צוגאָב־דאָקו־מענטן: אַ באַשטעטיקונג וווּ זי וווינט, אַז די קליינע קינדער זענען שוין

אײַנגעשריבן אין אַ שולע, און נאָך און נאָך, אַזש בײַ יאַכוועטן האָט זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ און נישט געזען וווהין זי גייט...

אָבער יוכבד איז נישט איין מאָל געלאָפֿן נאָך איבער די הויכע טרעפּ פֿון דער פּרעפֿעקטור־געבײַדע, ביז זי האָט אַלץ דערליידיקט. דער טאַטע איז געווען צעחושט, בייז און האָט איר געהייסן נעמען מיט זיך אַלע קינ־דער און אײַנגעחזרט מיט איר און מיט זיי וואָס דאַרטן צו טאָן: אַזוי ווי זיי וועלן נאָר אַרויפֿקומען צו דער בייזער דאַמע אין דער פּרעפֿעקטור, זאָל איין קינד נעמען וויינען, אַ צווייטס — הוסטן, אַ דריטס — ניסן, אַנ־דערע זאָלן שפּרינגען איבער די בענק ווי ווילדע קאָזעס און יאַכוועט זאָל פֿאַלן אין חלשות...

האָט די מאַמע יאַכוועט אַזוי געטאָן: זי האָט געחלשט, נאָר נישט ווײַל דער מאַן האָט איר אַזוי געהייסן. אין חלשות האָט זי געהערט — „עטראַנזשע"... פּרעמדע... און נאָך אומפֿאַרשטענדלעכע רייד. לסוף איז טאַקע געווען ווי דער מאַן האָט פֿאָרגעזאָגט — מ'האָט דאַרט געוואָלט וואָס גיכער פֿון איר פּטור ווערן, האָבן זיי איר אויסגעשטעלט די פּאַפּירן ווי ס'האָט זיך געלאָזט, אַרײַנגעשטופּט זיי אין דער מאַמעס הענט, און דער פּאָליציאַנט מיט די לאַנגע וואָנצעס האָט זיי פֿון דאַרט משלח געווען.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אײַנשרײַבן דאָס קליינוואַרג אין שולע, אין „עקאָל", ווי עס הייסט דאָ, איז דאָס אויך אָנגעקומען מיטן טויט. אויך דערצו דאַרף מען האָבן דאָקומענטן. ווו זאָל מען זיי גיין נע־מען? די שולן ווידער זענען שוין איבערפֿולט מיט קינדער, דאַרף מען וואַרטן אויף פֿרײַע פּלעצער. די קינדער קענען קיין וואָרט פֿראַנצוי־זיש נישט. נאָר גאָט איז גרויס און אויף יענער זײַט ביטשאָמאָן־פּאַרק איז פֿאַראַן אַ שולע, געשאַפֿן דורך דער „פֿונדאַסיאָן ראָטשילד", פֿאַר ייִדישע קינדער, האָט מען דאָרט זיי אַרײַנגענומען.

אַז די קינדער האָבן שוין געלערנט אין אַ שולע, פֿלעגן זיי מיטברענ־גען אין קעלער אַרײַן אויך אַנדערע קינדער, יתומים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין היים. האָט די מאַמע זיי געגעבן אַ טעלערל וואַרעמס, אַ שטיקל ברויט, און — זיך געווישט די אויגן. ס'פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז איינס פֿון די קינדער־יתומים האָט איבערגענעכטיקט בײַ זיי אין אַ ווינקל. האָט יוכבד געבעטן בײַ גאָט ס'זאָל אַרײַנקומען אַ ברכה אין אירע אָרעמע טעפּ. וואָ־רעם זי האָט געקאָכט טעפּ מיט פּערל־קאַשע, מיט בעבלעך, באַשמאַלצן מיט

שטיקלעך פעט פלייש. פעט פֿלייש האָט אין פּאַריז געקאָסט זייער ביליק. האָט זי געהאַט פּאַר אַלעמען. פּאַרן לייגן זיך אין בעט אַריין, שפּעט בײַ נאַכט, איז זי געגאַנגען מיט אַ ליכטל אין האַנט, זען צי די קינדער זענען גוט צוגעדעקט. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם אַ שטיקל שמאַטע, אויף דעם אירס אַ מלבוש וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון די אַקסלען, און אַלעמען באַזאָרגט. האָבן זיך די גרעסערע קינדער געלאָזט וואָס גיכער איבער דער שטאָט, כּדי צו זוכן אַרבעט. צוויי זענען אַוועק אין דער שמאַ־טע־פאַבריק, און סוף וואָך האָבן זיי שוין אַהיים געברענגט דער מוטער אין האַנט אַרײַן זייער ערשטן לוין. האָט זי אײַנגעקויפט כּלים צו דער באַלע־באַטישקייט, בלעכענע לעפל, גאָפּלען, אַ קרוג אויף צו שעפּן וואַסער פון פּלומפּ וואָס אין עק הייפל, אַ שיסל צום וואַשן זיך, און אַ צוויי־דרײַ שטיק־לעך פּראָסטן זייף. און די טעג זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט די זאָרג און דאגות.

אין איינעם אַן אָוונט איז דער טאַטע נישט אַהיים געקומען צו דער צײַט. ס'איז שוין געווען אַכט אַ זייגער, ס'ווערט שוין בײַן — און ער איז אַלץ נישטאָ. די מאַמע איז אומגעדולדיק געלאָפן אַלע מאָל פון דער טיר צו דעם פענצטער, פון פענצטער צו דער טיר. וואָס האָט געקענט פּאַסירן מיט אים? די קינדער זענען שוין לאַנג געווען אין דער היים, יעדער פון זײַן אַרבעט, און האָבן זיך געחידושט:

— דער טאַטע איז נאָך נישטאָ?

ערשט שפּעט אין אָוונט איז זײַנוול אַרײַנגעקומען אַ מידער, אַ צעבראָ־כענער, בייז אויף דער גאַנצער וועלט — אויפן ווײַב, אויף די קינדער, אויף אַלע פּראַנצויזן, וואָס זענען אין אים שטענדיק אַ פרעמדן, אַן „עט־ראַנזשע". אָבער דעם גאַנצן כּעס האָט ער אויסגעלאָזן צו איר, צום ווײַב זײַנעם. וואָס האָט ער געהאַט צו יאַכוועטן? זי איז נאָך ווייניק געווען פאַרהאָרעוועט און פאַרזאָרגט? האָט זי זיך געבעטן בײַ אים, בײַ דעם ווילדן כּעסן:— זאָג, וואָס איז געשען? זי האָט אָבער נישט באַלד געקענט אַרויס־קריגן בײַ אים אַ וואָרט, ביז די קינדער האָבן מיט גוטע רייד זיך אַרײַנגע־מישט און ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— און אַז מײַן טאַטע האָט מיך נישט געשיקט אין די קלאַסן צו לער־נען לייענען און שרײַבן, אַז מײַן גאַנץ לעבן איז מיר געגאַנגען מיט דער

פוטער אַראָפּ... מ׳האָט דאָך מיר נאָך אַלס יינגל צוגעגעבן דעם שיינעם נאָמען — זייַנוועלע שלימזל... בין איך שולדיק?

— אָבער וואָס איז געשען? — האָבן זיי אַלע געוואָלט וויסן.

— כ׳בין אין דער פרי, ווי שטענדיק, געפאָרן צו דער אַרבעט, צו דעם לאַנדאָ אין דער שמאַטע־פאַבריק, מיט דער מעטראָ. כּדי צו וויסן וווּ כ׳דאַרף אַראָפּשטייַגן, האָב איך זיך געמאַכט אַ סימן: — דער שיינער גרויסער פּלאַקאַט, וווּ מען זעט דרייַ גענדזועלעך, איינס הינטערן צווייטן, קומען צו צום פּושקעלע, וואָס איז האַלב געעפנט, פול מיט גענדזענע לעבערלעך... כ׳הייב אָן זוכן מייַנע דרייַ גענדזועלעך און זיי זענען נישטאָ. טראַכט איך בייַ זיך, אפשר בין איך שוין אַריבערגעפאָרן די סטאַציע, פּרווו איך פאָרן צוריק, דערנאָך ווידער צוריק, אַ מעטראָ אַהין, אַ מעטראָ אַהער. כ׳האָב זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז איך האָב שוין מער נישט געוווּסט וווּ איך בין אין דער וועלט. בין איך צוגעגאַנגען צו אַ שמייכלענדיקן פראַנצויז, גע־רעדט צו אים מיט מייַן לשון, האָט ער מיך אויסגעהערט, געמאַכט עפּעס מיט די הענט, געוויזן אַהין, אַהער, נישט איך האָב פאַרשטאַנען, נישט ער האָט מיך פאַרשטאַנען. האָב איך זיך פּלוצים דערפילט אַזוי עלנט און אומ־גליקלעך און — אַלע האָבן געקוקט אויף מיר נאָר ווי אויף אַ פרעמדן...

זייַנוול האָט טיף אָפּגעאָטעמט און ווייַטער דערציילט:

— ווּעט איר דאָך פרעגן, ווי אַזוי בין איך פאָרט אַהיימגעקומען? פאַר „פרעמדע" איז, זעט אויס, דאָ אַ גאָט אין הימל, אַפילו פאַר אַזאַ שלימזל ווי איך. אַ שטאָט מיט אַזוי פיל „פאַמניקעס". ווען כ׳בין אַרויס פון מעטראָ און דערזען דעם אייפל־טורעם, האָב איך שוין געוווּסט אַז איך בין פאַר־פאָרן קיין בויבעריק. מילא, פאַרפאַלן. האָב איך גענומען גיין לענגאויס דער סען. דער טייַך מיט די בריקן, וואָס יעדערע פון זיי האָט גאָר אַן אַנדער אויסזען. אַז כ׳האָב זיך דערקליבן צום טריומף־טויער (עטואַל) איז מיר שוין געוואָרן אַ ביסל לייַכטער אויף דער נשמה, ווייַל פון דאַנען איז שוין נישט אַזוי ווייַט ביזן פּלאַס קאָנקאָרד. כ׳האָב זיך געמאַכט אַ צייכן, אַז פון איין זייַט דאַרף זייַן די קירכע „לאַ מאַדלען", פון דער צווייטער זייַט — דער פּאַרלאַמענט. דאָ האָט מיר געגעבן אַ שווינדל פאַר די אויגן: כ׳בין גאָר פאַרקראָכן צום יוסטיץ־פּאַלאַץ און דערקענט פון דער ווייַטנס די קאַ־טעדראַלע „נאָטרע דאַם". בין איך ווייַטער געלאָפן, זיך געדרייט. פּאַריז איז אַ פאַרפּירערישע מדינה. אָט געפין איך זיך גאָר בייַם דענקמאָל, וווּ עפּעס אַ

בחור, אָדער אַ מלאך אַזאַ, שטייט אויף איין פוס אויף אַ הויכער קאָלאָנע. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָס מוז זײַן דער פּלאָס דעל לאַ באַסטיל. כ'האָב שוין נישט געקענט גיין, אַזוי מיד בין איך געווען, געשלעפּט זיך, גע־פרעגט בײַ דעם און בײַ יענעם:

— ווי אַזוי קומט מען אויף רי דע בעלוויל?

אַלע האָבן געוווסט, נאָר יעדער האָט מיר געהייסן גיין אין אַן אַנדער ריכטונג. ביז איך האָב שוין דערזען דעם דענקמאָל פון דער גראָבער דאַמע מיטן „בעזים" אין דער האַנט, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר. דאָ בין איך שוין אויף אַ וועג. דאָס איז דאָך דער פּלאַס רעפּובליק, וואָס פירט גלײַך אַרויף צום בעלוויל. כ'בין נאָך טאַקע נישט אין דער היים, אָבער — שוין נישט אַזוי ווײַט. איך האָב געוואָלט דאָ נעמען דעם אויטאָ־בוס נומער „נ", וואָס פאָרט אַרויף צום בעלוויל, ביז נישט ווײַט פון אונד־זער שטוב. האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט בײַ אַ סטאַציע און געוואַרט. ס'האָבן געוואָרט נאָך מענטשן. אַ שטופּעניש, אַן אײַלעניש, שטופּ איך זיך אויך. נאָר ווען ס'איז געקומען מײַן ריי, שטופּט מיך דער קאָנדוקטאָר אַראָפּ, בייזערט זיך אויף מיר און שרײַט: „קאָמפּלעט"... „קאָמפּלעט"... דאָ האָב איך זיך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן; מיט מײַנע אָרעמע קליידער בין איך אים, זעט אויס, נישט געפעלן געוואָרן. כאָטש גיי און קויף דיר אַ נײַעם אַנצוג, וואָס זיי רופן אויף פראַנצויזיש „קאָמפּלע"... ווען די מאַמע וואָלט געבליבן אין בעליאַני, וואָלט איך אָוועק צו דער באַן, כ'וואָלט אַנטלאָפן פון אַזאַ וועלט, ווו מען איז אומעטום אַ פרעמדער.

זײַנוול איז שטיל געבליבן, אַ טרויעריקער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זײַן אַלטן, לאָמען פאָטעל, דעם אײַנגעהאַנדלטן אויפן „פליי־מאַרק".

די מאַמע יאַכוועט האָט דערווייל געשטעלט אויפן טיש די טעלערס, וואָס איינער איז נישט ענלעך געווען צום צווייטן. די טאָכטער, וואָס האָט זיך שוין דאָ גערופן צעלאַ און נישט דינה, און האָט צוביסלעך שוין גע־רעדט פראַנצויזיש, געקומען צווישן דער יוגנט, אַן אָנגעשטעקטע מיט רע־וואָלוציאָנערע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס, האָט זיך איצט אַרײַנגעמישט:

— נישקשה מאַמע, וועסט זען, פון די אַלע צרות וועלן מיר אויסגע־לייזט ווערן ווען די וועלט וועט ווערן איבערגעקערט...

אַרום גרויסן שנײַדער־טיש פלעגן זיך זייער אָפט אויסזעצן די היי־

שעריקן, ווי זיינוול, דער טאַטע זייערער, האָט זיי כּעסדיק אָנגערופן: די דריי טעכטער און די פיר זין, חוץ וואָס יעדער פון זיי פלעגט זייער אָפּט מיטברענגען זיינס אַן אורח אין שטוב אַריין — ווער אַ חברטע פון פאַבריק, ווער אַ חבר פון דער „קולטור ליגע", ווער פון „בונד", פון „פועלי־ציון", און — ווי עס וואָלט אַ וווּנדער געשען — ביי דער מאַמע יוכבד איז תּמיד געווען אַן איבעריקער טעלער זופּ, אַ שטיקל ברויט, אַ צעבראָכן בענקל צו־צוזעצן זיך, אַ פאַטעלעכל, אַן איינגעקויפּטס אין אַ געשעפט פון געניצט מעבל. זיי האָבן זיך דאָ אַלע מחיה געווען מיט אירע פּאַטראַוועס, וואָס האָבן געהאַט טויזנט טעמים. דאָס פלעגט צום מערסטנס טרעפן אין די שבת־צו־נאַכטסן. די קעלער־שטוב האָט אויסגעזען יום־טובדיק צוגערוימט. דער רעש און געפילדער — ווי אויף אַ שׂימחה אין שטעטל, נאָר דער אומעט האָט נאָך אַלץ גענעסטעט אין יאָכוועטס האַרץ. צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן פון קוואַרטאַל האָט מען שוין געקענט יאָכוועטס הויז און זי האָט שוין געקענט עטלעכע ייִדישע שכנות, אָבער פאָרט האָט זי זיך גע־פילט פרעמד, סיי אין מאַרק, סיי אַפילו אין שולעכל, צו מזכיר נשמות. ס'איז נישט געווען דאָס היימישע שולעכל אין ביעלאַני, נישט דער חזן, וואָס האָט דאָרט געזונגען אַזוי מתיקותדיק; נישט די היימישע ווייבער־שול מיט דער פירזאָגערקע. דאָ איז אַבי געדאַוונט, אַן האַרץ, אָן נשמה. און — אַבי געלעבט. ס'האָט איר אַלץ גענאָגט אַ בענקשאַפט, געמישט מיט פּחד: — וואָס וועט דאָ ווערן פון אירע קינדער? וועלן זיי כאָטש בלייבן ייִדן?

זי האָט געמוזט דאָ אויסשטיין פאַרשיידענע צרות און געמוזט זיין אַ מאַמע צו קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן גיין אויף פרעמדע פאַרשיידענע וועגן. פלעגט זי זיך אַליין זאָגן: „אַ מאַמע איז אַן איבערבעט. זי דאַרף פאַרדעקן אַלע דאגות, אַלע עגמת־נפשן". יעדעס קינד באַזונדער איז גע־קומען צו דער מאַמען מיט זיינע דאגות, מיט זיינע פּראָבלעמען. אָט, דער עלטסטער זון, למשל, פּיניע, וואָס רופט זיך שוין דאָ פּיער, איז זינט ר'איז געקומען קיין פּאַריז שלעפּט ער זיך אום מיט אַ וואַליזקע.

פרעגט אים די מאַמע:

— פּיניע־לעבן, פאַר וואָס טראָגסטו זיך שטענדיק אַרום מיט דער וואַ־ליזקע?

ענטפערט ער איר:

— מ'ווייסט קיין מאָל נישט וואָס עס קען טרעפן מיט אַן אימיגראַנט,

אַ פּרעמדן... אָבער מיט אַ וואַליזקע, ביסטו היינט דאָ, מאָרגן — דאָרט. אַז די פּאָליציי ווייזט דיך אַרויס פון לאַנד, האָסטו אַ לייכטן באַגאַזש. אַגב, אין דער וואַליזקע ליגט שוין מיין מזל. וועט זיך מיר איינגעבן, וועל איך נאָך אפשר ווערן אַ גביר אויך, זיך אַרויפאַרבעטן.

און טאַקע, אין דער וואַליזקע איז געלעגן זיין גאַנץ האָב־און־גוטס. מיטן טאָג צוגלייך פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין גאַס מיט דער וואַליזקע און זיך שפּעט אין אָוונט אומגעקערט צו דער קעלער־היים. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַן אַרבוז, אַ מאָל אַ שטינקענדיקן קעז, אַ „קאַמעמ־בער״, אַלט־געבאַקענע קיכלעך, אַלטע, צעקנאַדערטע הויזן, אַן אויסגעריי־בענע מאַרינאַרקע, לאַכעס פון כל המינים. (ער פלעגט עס אויפקלייבן באַ־גינען אין די מיסט־קוישן, וואָס מען שטעלט אַרויס פאַר די טירן). אָט די לאַכעס האָט ער אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט, פאַרריכט, צוגעפּרעסט, און איז זונטיק אין דער פרי אַוועק אויפן „פליי־מאַרק״ אויף סענטואַן, פאַרקויפט און אַהיימגעבראַכט עטלעכע פראַנק.

די וואַליזקע איז געווען זיין באַגלייטער טאָג און נאַכט. ביים טיש איז ער געזעסן אויף איר. באַכן עסן זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אין אַ וויב־קעלע, אָנגעצונדן אַ ליכטל, אַרויסגענומען אַ בוך, אַ ספרל און געלייענט. אַלץ אויף דער וואַליזקע. די יינגערע ברידער און שוועסטער האָבן אים דערפאַר גערופן: וואַליזקע־מאַן... די מאַמע האָט זיך געמוזט איינשטעלן פאַר אים, שטראָפן, טענהן:

— קינדער, פאַרגעסט נישט אַז דאָ אין פּאַריז האָט איר נישט קיין שום משפּחה און פריינד. כ׳בעט אייך, זייט געטריי איינער דעם צווייטן, קריגט זיך נישט אַרום. איין גאָט זאָל אייך באַשירעמען פון כל הבייז.

פישל, וואָס רופט זיך דאָ שוין פעליקס, איז געוואָרן אַ גאַנצער טוער ביים „בונד״. ער רעדט נאָר יידיש, כאָטש דעם נאָמען האָט ער פאַרפראַנ־צייזישט.

אַנומלט האָט פעליקס זיך באַשטימט צו טרעפן מיט זיינס אַ חבר ביי דער מעטראָ „רעפּובליק״. קומט צו אַ מיידל, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, און פרעגט אים:

— ווי אַזוי גייט מען אויף רי דע פּרעסואַר?

קוקט זי פעליקס אָן, רויטלט זיך און וויל איר זאָגן, אַז ער פאַרשטייט

נישט, „זשע נע קאָמפּרענד פּאַ", פאַרפּלאָנטערט זיך אים די צונג און ער טוט איר אַ זאָג: „פּורקואַ" (ס'הייסט, נאָך וואָס?). צעשמייכלט זיך נאָך מער דאָס מיידל, דאָס חן־גריבעלע אויף איר באַק צעטאַנצט זיך, בייגט זיך צו צו אים ווי זי וואָלט אים וועלן אָנפאַרטרויען אַ סוד, און זאָגט אים:

— כ'האָב דאָרט אַ קרובה, דער מאַמעס אַ קרובה. האָב איך איר צוליב געטאָן און צוגעזאָגט, אַז היינט וועל איך זיין ביי דער קרובה אירער. ווייס איך נישט ווו די גאַס געפינט זיך.

פעליקס האָט זיך צוגעהערט, וואָס דאָס שיינע מיידל דערציילט אים, ער האָט אָבער זייער ווייניק דערפון פאַרשטאַנען, און ווידער איר אַ פרעג געטאָן:

— פּורקואַ?...

אוודאי ווידער געוואָלט זאָגן: „זשע נע קאָמפּרענד פּאַ", האָט זי זיך ווידער צעשמייכלט, שוין ממש שיין זיך צעלאַכט. און ער? אים איז פּשוט ליב געווען צו הערן ווי שיין זי פּלאַפּלט. זי האָט איבערגעחזרט מיט איר צאַרטער שטים דאָס וואָרט פון פעליקסן „פּורקואַ" און געפּרוּווט אים געבן צו פאַרשטיין, ווי וויַיט מעגלעך אין אַ פּשוטן פראַנצייזיש, אַז זי מוז דאָרט אַהין צו גיין, ווייל — וואָס טוט מען נישט פאַר אַן אַלטער מאַמען?

זי האָט דערביי אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל און פעליקסן איז שוין אַ שאָד געווען, וואָס זי איילט זיך אַוועקצוגיין. ער איז אָבער געווען אומבאַהאָלפן און אין גרויס פאַרלעגנהייט. ער איז יונג, מיט אַ שוואַרצער שעוועליורע, אין זיינע ברוינע אויגן איז דאָ פאַרוווּנדערונג און תמימות, און דאָ זעט ער גאָר, אַז דאָס מיידל איילט זיך גאָר נישט, אָט האָט זי זיך אָנ־געשפּאַרט אין אַ פאַרענטש, און ווי פאַר זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דאָס וואָרט „פּורקואַ", נאָר באַלד ווידער גענומען רעדן צו אים, שנעלער, מיט אימפּעט, צו געבן אים צו פאַרשטיין, דעם פרעמדן, אַז זי מוז גיין אויף דער רי דע פרעסואַר. איצט האָט זי אים געקוקט מילד אין די אויגן אַריין און מסתמא דערפילט אַזוינס, וואָס מען קען מיט ווערטער נישט באַצייכענען. האָט פעליקס אויסגעפּאַקט אַלע געציילטע ווערטער וואָס ער האָט געקענט אין פראַנצויזיש:

— בעל. — שיין... אַמור — ליבע... און זיך שוין געוואָלט אַנטשול־דיקן פאַר איר הלמאַי ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט. נאָר דאָ האָט דאָס מיידל זיך צערויטלט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דר'ערד, ווי אויך זי וואָלט האָבן

דערפילט אַז פון דעם פּלאָנטער קאָן עפּעס אַרויסקומען, האָט זי צוזאַמען מיט איר רחמנות אויף דעם פרעמדן וואָס פאַרשטייט נישט איר לשון, דער־פילט אויף זיך זײַן הייסן בליק. און ער, פּישל־פעליקס, האָט אַרײַנגעקוקט אין אירע ליכטיקע בלויע אויגן ,זיך אײַנגעקוקט אין אירע בלאָנדע האָר, אין די פולע ליפּן אירע, וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען רײַפע קאַרשן. דער ווינט האָט אים געשושקעט אין אויער: „פּישל, ס׳איז דאָס גאָלדענע פישעלע פון בלויען שטילן טײַך"... אירע רייד האָבן געקלונגען ווי געזאַנג, און זײַן האַרץ האָט אין אים אויפגעצאַפּלט.

ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר ווײַס שמאָל הענטל און געפילט ווי איר וואַרעמקייט גיט זיך אים איבער. ער האָט געשטאַמלט „סינעמאַ" און געוואָלט זי זאָל אים פאַרשטיין.

דעם אָוונט האָבן זיי ביידע פאַרברענגט אין סינעמאַ. ער האָט גאָרנישט געזען וואָס אויפן עקראַן טוט זיך. ער איז געזעסן צונויפגעפּרעסט מיט דעם פרעמדן ליבן מיידל. אַרויסגייענדיק האָט ער נאָך מיט האַלבע ווערטער און מיט האַנט־צייכנס איר געבעטן זיי זאָלן זיך מאָרגן ווידער טרעפן.

האָט די מאַמע געמוזט אויסהערן דעם גאַנצן רירנדיקן ראָמאַן, וואָס קאָן נאָר געשען מיט איר פּישלען אין אַ פרעמד לאַנד.

— כ׳בין פאַרליבט, מאַמע, האָט ער זיך געפרייט ווי אַ קינד — מען רופט זי עמאַ. זי איז שיין ווי די וועלט. כ׳וויל זאָלסט מאָרגן מיטגיין מיט מיר צו דער ראַנדעוווּ. דו קאָנסט דאָך רעדן פראַנצייזיש בעסער פון מיר.

האָט זיך יאַכוועט גוטמוטיק צעלאַכט:

— איך, אַ מאַמע, מיט מײַן צעבראָכענעם פראַנצייזיש, וועל גיין מיט אַזאַ פײַערדיקן בחור ווי דו, מיסיע פעליקס, צונויפּפּאָרן דיך מיט אַ שיקסע... שיינע צײַטן דערלעבט.

עמאַ האָט אָנגעהויבן קומען צו זיי אין קעלער אויפן בעלוויל און זיך מיט דער צײַט צוגעבונדן צו דער משפחה.

ס׳איז געווען אַ גרויסע, היימישע משפחה. יעדער איינער מיט זײַן דענקען, טראַכטן, מיט זײַנע אידעען, אָנגעהעריקייט צו באַזונדערע פּאַר־טייען. זיי זענען וואָס אַ מאָל מער געגאַנגען זיכערער אויף דער פראַנצייזישער ערד, כאָטש די פרעמד האָט געדריקט און געשטערט. און די מאַמע

יאָכוועט האָט נישט פאַרשטאַנען, נישט געקאָנט פאַרשטיין זייערע אייביקע דיסקוסיעס.

איין פישעלע איז געבליבן אין זײַן ראָמאַנטישן צושטאַנד. ער איז גע־ווען באַהערשט פון זײַנע הייסע געפילן צום פראַנצייזישן מיידל עמאַ. ער פלעגט צו איר שרײַבן בריוו, לאַנגע, וואַרעמע בריוו, מיט דער הילף פון אַ ווערטערבוך און פון דער מאַמען. האָט זיך די מאַמע איבערגענומען מיט זײַנע איידעלע געפילן און עס האָבן איר געקלונגען זײַנע ווערטער ווי געזאַנגען.

פישל פלעגט אויפציטערן ווען ער האָט דערהערט עמאָס שטיל קלאַפּן אין טיר. זי פלעגט קומען אַ מאָל צו אָונט־ברויט, געבראַכט בלומען פאַר דער מאַמען און אַנדערע קליינע מתנות. זי האָט אַפילו ליב באַקומען דער מאַמעס מאכלים. און אַז זי איז מיט אַלעמען געזעסן בײַם אָרעמען מאָל־צײַט און פאַרגרעסערט די משפחה, איז אַרום טיש געווען פריילעך, היימלעך.

נאָר דער טאַטע, זײַנוול קליין, דער כּעסן, איז אָפּט אַרײַנגעפאַלן אַ צעשויבערטער, בייז צוליב זײַנע שלימזלדיקע דורכפאַלן. ער איז געווען אַן אַרבעטער בײַ יענעם, האָט אָבער אויך אַ ביסל אונטערגעהאַנדלט מיט אַלטע פאַרלאַטעטע קליידער. נאָר די „געשעפטן" זענען אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. און נישט וועלנדיק פאַרלירן זײַן אָנזען בײַם אייגענעם ווײַב, בײַ די קינדער, האָט ער געזידלט, געשאָלטן, זיך געקריגט איבער אַ ליאַדע וואָס; זיך באַרימט, אַז ער נאַרט אָפּ די גאַנצע וועלט מיט זײַן אָרעמען הולך, ווײַל אין דער אמתן איז ער אַ באַהאַלטענער עושר, נאָר ער וויל קיינעם נישט אויסזאָגן, ווו ער באַהאַלט זײַן אוצר...

יוכבד, דער מזג־טוב, די גוטע נשמה, ווי די קינדער האָבן זי גערופן, האָט אַלץ געוואָלט פאַרדעקן, פאַרווישן. זי האָט געהאַלטן אין איין דער־ציילן פריילעכע מעשׂיות, שטיקלעך. די קינדער און זייערע חברים אַרום טיש האָבן געלאַכט, זיך געווײַלט און אַלץ מער זי ליב באַקומען. אָט האָט זי דערציילט וועגן אַ שמועס וואָס זי האָט אַנומלט געהאַט מיט אַ פרוי אויפן בעלוויל:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, זשענטאַל ? — האָט זי אָפּגעשטעלט איינע אַ ידענע, וואָס אין דער היים האָט זי געהייסן געלע.

— וואָס הייסט ? מײַן פּיסל (מײַן זון פּישל) גייט אין עקאָל אַרײַן.

כ׳קויף פאַר אים די שענסטע שפּילצײַג, איר ווייסט ווו? אויפן גרויסן בול־וואַר שבת־טעפּל...

— כ׳פאַרשטיי נישט, געלע טײַערינקע. וואָס פאַראַ שבת־טעפּל?...

— אויפן בולוואַר סעוואַסטאָפּאָל... ס׳איז מיר לײַכטער אַזוי אַרויסצו־רעדן. — לאַכט זי — און אַ גוט שטיקל יידישן ווורשט קויף איך אויף רייזעלעס גאַס...

— פאַרדרייסט שוין ווידער די יוצרות. ווו האָסטו אַ רייזעלעס גאַס?

— נו, אויפן „פּלעצל״, בײַ גאָלדבערגן. אויף רי דע ראָזיע...

די געלעכטערן האָבן געהויבן די סטעליע פונעם קעלער.

יאָכוועטל האָט אַלע מאָל פאַרגעפּילט אַ צרה, אַן אומגליק.

די מיטלסטע טאָכטער, יענטל, וואָס מען רופט זי דאָ זשערמען, איז איין מאָל געבליבן אין דער היים, געקלאָגט זיך פּלוצים אויף קאָפּ־ווייטיק. האָט די מאַמע זיך תּיכּף איבערגענומען. שפּעטער, אַז זיי זענען געבליבן אַליין, האָט זיך זשערמען גענומען טוליען צו דער מאַמען, ווי זי וואָלט זײַן אַ פּיצל קינד. האָט איר די מאַמע שווײַגנדיק אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן און ביידנס בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן, זיך פאַרשטאַנען.

— קינדס מײַנס — האָט די מאַמע אויסגעשריגן — וואָס קלערסטו אַצינד צו טאָן?

— פּטור ווערן דערפון... — האָט יענטל געזאָגט.

איז די מאַמע ערשט רעכט בלאַס געוואָרן, דערנאָך איר געזאָגט:

— ניין, טאָכטער, טאָרסט נישט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט. איינס פון די ביידע: אָדער קענסט דעם בחור און ער וויל מיט דיר שטעלן אַ חופּה, אָדער — אויף אײַער מאָדערנעם שטייגער — גיין ווינען צוזאַמען אויף וויפל ס׳וועט זיך לאָזן און פּטור... און אויב נישט דאָס און נישט יענץ, בין איך אַ מאַמע, כ׳וועל פאַרקאַטשען די אַרבל, העלפן דיר ווערן אַ מאַמע, און כ׳וועל דאָס קינד אויפהאָדעווען.

זשערמען איז געפאַלן דער מאַמען אין די אָרעמס, געשלוכצט, איז אַוועק אין פינצטערן אַלקערל, אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן צעבראָכענעם אויפ־לייג־בעטל.

האָט זיך די משפּחה קליין פאַרגרעסערט. ס׳איז מיט מזל געבוירן גע־

וואָרן דאָס קינד — אַ מיידעלע, חנהלע — און פּיער אַבראַמטשיק, דער יונגער טאַטע, איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער אָרעמער און פריילעכער משפּחה.

צווישן זײַנוולס פאַנטאַזיעס און באַרימערײַען, כּדי זיך נישט צו פילן אָפּפאַליק, האָט ער אויך זיך בײַ יעדער געלעגנהייט באַרימט, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר „ספּראַוועס". נאָך אין ביעלאַני האָט ער תּמיד דער־ציילט, האָט ער איין מאָל אַפילו אויסגעפּאַטשט אַ זשאַנדאַר. ער איז טאַקע נאָך דעם פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן צען טעג אין „קאָזע", נאָר וואָס האָט ער געטאָן ? ער האָט אויף זײַן אָרט געשיקט אָפּזיצן צוויי קינדער זײַנע און — פּטור אָן עסק. בײַ אַלע אַנדערע קליינע „ספּראַוועס" איז ער אַלע מאָל אַרויס דער זיגער, צוליב זײַן שטעל, זײַן דרייסטקייט. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין „סאָנד", פאַר קיין משפּט.

אַנדערש אָבער איז עס אין פאַריז, ווו מען איז אַ פרעמדער, און ער קאָן נישט די שפּראַך. מוז ער תּמיד אָנקומען צו זײַן ווײַב יאָכוועט. קריגט ער זיך אַרום מיט איר צוליב נאַרישקייטן. און די „נאַרישקייטן" מערן זיך. טרעפט אָפּט, אַז זי איז אַזוי פאַרביטערט און בעט גאָט, אַז דער מאַן אירער, דער שלימזל, זאָל גיין אָפּזיצן אַ צען טעג, וועט ער שוין וויסן, דער גאַנ־צער קנאַקער, וואָס עס הייסט אַ היים, אַ ווײַב, קינדער. און אַ פרעמד לאַנד דערצו.

האָט זיך געמאַכט אַז ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז ער האַנדלט אָן אַ פּאַטענט אויפן „פּליי־מאַרק" אויפן סאַנטואַן, און ער האָט זיך נאָך דער־בײַ אויסגעלאַכט פון פּאָליציי־קאָמיסאַר. די „ספּראַווע" איז פאַרגעקומען אין יוסטיץ־פּאַלאַץ, אין אַ ציוויל־קאַמער. זײַנוול איז דאָרט געשטאַנען אַ ביסל צעטושט, זיך אײַנגעקוקט אין דעם וואַנט־געמעל, ווו איין צינגל פון דער גערעכטיקייט־וואָגשאָל וועגט אַריבער דאָס צווייטע. וואָסער צינגל וועט בײַ זײַן „ספּראַווע" איבערוועגן ? די געטין טעמיס, וואָס קוקט אַראָפּ פון דער פאַדערשטער וואַנט, איבער דער טריבונע, אַ שטרענגע, אַ קאַלטע, אַ גלײַכגילטיקע, האָט איצט געקוקט אויף זײַנוולען און זײַנוול האָט זיך געפילט אי דערשראָקן־מוראדיק, אי שטאָלץ און זיכער בײַ זיך. יאָכוועט אָבער איז געווען שטאַרק אומרויִק, זיך געשראָקן. דער ריכטער האָט פאַר־געלייענט דעם באַשולדיקונג־אַקט, אַז זײַנוול קליין, געבוירן אין פּוילן, אַ

פ ר ע מ ד ע ר דאָ אין לאַנד, האָט געהאַנדלט מיט אַלטע פּאַרלאַטעטע קליי־דער אויפן „פּליי־מאַרק״ אָן אַ דערלויבעניש. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קרי־גערײַ צווישן אים און די איבעריקע הענדלערס אַרום. זיי האָבן אים פאַר־געוואָרפן, אַז ער פאַרקויפט צו ביליק זײַן סחורה, אַז ער איז אַ געפערלע־כער קאָנקורענט. ס׳איז דערגאַנגען ביז אַ געשלעג. קומט אָן פּאָליציי, מען אַרעסטירט אים, ווײַל ער האָט נישט קיין פּאַטענט. אַ פּאָליציאַנט פירט אים אַוועק אין קאָמיסאַריאַט. קודם האָט זײַנוול דאָרט אָפּגעלייקנט, אַז ער איז אַ הענדלער. פרעגט אים דער קאָמיסאַר:

— איז וואָס זשע טוט איר?

— איך בין אַ צענטער צום מנין... — ענטפערט זײַנוול.

— וואָס איז עס אַזוינס?

— דאָרט ווו ס׳איז דאָ נײַן, בין איך אַ צענטער...

לאַכט דער קאָמיסאַר:

— געזען אַ חכם? אַזעלכער קען איך אויך זײַן. דאָ ווו נײַן בין איך אַ צענטער.

לויפט זײַנוול צו צום קאָמיסאַר, וויל אים אַרומכאַפּן און קושן:

— מיסיע קאָמיסאַר, אַ געזונט אין אײַך, כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט אויך אַ ייִד...

דער קאָמיסאַר האָט ווילד אָנגעקוקט דעם ייִד, וואָס וואַרפט זיך אויף אים קושן. ס׳איז אים אויסגעקומען אַז דער ייִד לאַכט פון אים, און לאַכן פון אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר איז נישט קיין פשוטע זאַך.

וואַרט איצט זײַנוול אַז זײַן יוכבד, וואָס רעדט שוין אַ ביסל פראַנצייִ־זיש, זאָל דאָ אַלץ אויפקלערן. די גאַנצע צײַט בעת דער ריכטער האָט גע־לייענט די באַשולדיקונג, האָט זײַנוול צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אין אַלץ מודה געווען. האָט זיך יוכבד געגרייט צו בעטן רחמים בײַם ריכטער, אַז זי האָט קליינע קינדער, אַז זיי זענען אימיגראַנטן און האָבן אַ טרויעריק און שווער לעבן, איז אָבער געשען אַ נס און דער ריכטער האָט אויסגעפירט:

— אײַער ענין וואָלט זיך געקענט פאַרענדיקן מיט אַ געלט־שטראָף, אפשר אויך מיט תפיסה. נאָר אַזוי ווי מיטן אויסוויילן דעם נײַעם מלוכה־פּרעזידענט איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע...

דאָ האָט זײַנוול שוין מער גאָרנישט פאַרשטאַנען און האָט אַ שטאָרק געטאָן זײַן ווײַב:

— וואָס מיינט עס? נו, זאָג שוין, גיב דיבורים!

האָט זי אים שטיל אײַנגערוימט אין אויער, אַז ער געניסט פון דער אַמנעסטיע.

נעמט זײַנוול שרײַען אויפן ווײַב:

— וואָס פאַר אַן עמנעסטיע אויף זייער קאָפּ. כ׳וויל גערעכטיקייט, וויל איך, כ׳וויל געווינען די „ספּראַווע"...

מ׳האָט אים געהייסן גיין און ער איז אַוועק ווידער אַ מאָל אַ ברוגזער, וואָס פונקט אים איז באַשערט געווען אַזאַ אָנשיקעניש: אַן אַמנעסטיע.

די היים פון דער מאַמע יאָכוועט איז אויך געווען אַ היים פאַר פרישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו איבערצושלאָפן אַ נאַכט, צוליב פּחד פאַר דער פּאָליציי; פרעמדע, אָן פרײַנד, אָן משפּחה. יעדער פון די קינדער האָט זיך מיטגעבראַכט אין קעלער אַרײַן אַ חבר. לייזער־לואי וואָס איז צוזאַמען מיט זײַן שוועסטער דינה־צעלאַ, געקומען אין דער קולטור־ליגע, צווישן דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, האָט תּמיד געהאַט וועמען מיטצוברענגען. דאָס זעלביקע פּיער־פּיניע און די שוועסטער געלע־זשאַנעט, וואָס האָבן געהערט צו לינקע פּועלי ציון, און האָבן מיטגעבראַכט זייערע חברים. בלויז איין פישל איז שוין דאָ געווען אַ גאַנצער פּאַצעט, מיט אַ קאַפּעלושל אין אַ זײַט אָנגערוקט. ער האָט קיינעם מיט זיך נישט געברענגט, אויסער, — פון צײַט צו צײַט — עמאַן. ער איז יעדן שבת־צונאַכטס אַוועק טאַנצן אין אַ טאַנץ־זאַל אויפן בעלוויל מיט עמאַן אָדער מיט אַנדערע שיקסעס, — ווײַ דער מאַמען. אויך ס׳קליינוואַרג וואָס איז נאָך געגאַנגען אין דער ראָט־שילד־שולע, האָט פאַרפירט מיט זיך אין שטוב אַרײַן קינדער, אָרעמע יינג־לעך און מיידעלעך. די מאַמע האָט זיי אָנגעהאָדעוועט, צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט, אַ טעלער געקעכטס. בײַ נאַכט איז די קעלער־היים געווען איין גרויסער געלעגער, מיט אויסלייג־בעטלעך, שלאָף־זעק, שעניקעס, קויקעס.

צווישן דער יונגער חברה זענען אָפט פאָרגעקומען הייסע, שטורמישע דיסקוסיעס, און די מאַמע יאָכוועט האָט זיך תּמיד געמוזט אַרײַנמישן:

— וואָס קאָכט איר זיך אַזוי ווי די קאָנקורענטן אויפן „פּליי־מאַרק"

פון אַלטוואַרג ?... פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט דאָ פרעמדע, עמיגראַנטן, אַ סך פון אײַך האָבן אַפילו נישט קיין אַרבעטס־פּאַפּירן, קיין וווין־רעכט. אייגענע ברידער און שוועסטער. קומט אַדורך, לינק—רעכט, זאָל זײַן שלום...

דער עלטסטער זון, פּיניע־פּיער, איז באַלד ווי די משפּחה איז אָנגעקו־מען קיין פּאַריז אַוועק אַרבעטן ווי אַ שנײַדער אין אַ שמאַטע־פאַבריק. דאָרט האָבן געאַרבעט בײַ אַן אַכט הונדערט אַרבעטער בײַם פּוצן און וואַשן אַלטע קליידער, בײַ לייגן לאַטעס, און ווי טרעגערס און פּעקל־מאַכערס. די פרויען ווי האַנט־נייערינס — בײַם אַרויסענדיקן, בײַם פּרעסן. איין מאָל איז דאָרט געשען אַן אומגליק, ס'איז אומגעפאַלן אַ הויכער שטויס מיט פּעק אַלטע מלבושים און אַ בחור איז פאַרשאָטן געוואָרן. מען האָט אים נישט געקענט אָפּראַטעווען. איז אויסגעבראָכן אַ שטרײַק אין דער שמאַטע־פאַבריק, ווו מען האָט געצאָלט קלאָגעדיקע לוינען און דאָס געזונט און לעבן פון די אַרבעטער איז נישט געווען פאַרזיכערט.

פּיניע־פּיער, דער „גרינער״, דער פריש־געקומענער, האָט נישט גע־וווסט אַז אַן אויסלענדער טאָר זיך נישט באַטייליקן אין אַ דאָרטיקן שטרײַק, און גראָד אים האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף פּיקעטירן און אָפּהיטן, אַז עס זאָלן זיך נישט אַרײַנרײַסן קיין שטרײַק־ברעכערס. איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די שטרײַקנדיקע און די שטרײַק־ברעכערס. פּיניע־פּיער, מיט יונגן ברען, האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אינעם געשלעג, פּונקט דעמאָלט ווען ס'איז אָנגעפלויגן די פּאָליציי. איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעס־טירט געוואָרן.

אַז די מאַמע יאַכוועט איז דערפון געוווירער געוואָרן, האָט זי נישט גע־קענט איינרוען. געלייגט זיך שלאָפן, איז זי אַ האַלבע נאַכט געלעגן מיט אָפענע אויגן אויפן געלעגער. דערווײַל האָט זי גוט געהערט ווי אַ טעכטערל אירס קריכט אַרײַן דורכן פענצטער, כּדי קיינעם נישט איבערצוּוועקן.

האָט נישט געהאָלפן דאָס אַרומלויפן זוכן פּראָטעקציע. צוזאָגענישן פון גוטע פרײַנד מען זאָל פּיניען באַפרײַען. פּיער האָט באַקומען אַן אויסווײַז און די פּאָליציי האָט אים אַרויסגעשיקט צו דער בעלגישער גרענעץ. האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קריגערײַ צווישן מאַן און ווײַב. זײַנוול איז געווען

אויפגעבראַכט, ער האָט געשריגן אַז ר׳האָט פּײַנט פּאָליטיק. האָט אים יאַכ־וועט געענטפערט:

— דו מיינסט, אַז איך האָב יאָ ליב פּאָליטיק? כ׳האָב אָבער ליב מײַן קינד, מײַן זון, מײַן אייגן בלוט און פלייש.

איז די מאַמע געפאָרן צו דער פראַנצייזיש־בעלגישער גרענעץ אַפּזוכן דאָרט אַ געוויסן ייִד און דורך אים צוריקגעברענגט איר זון קיין פּאַריז. ווײַנען אין דער קעלער־שטוב האָט ער שוין מורא געהאַט, טאָמער קומט מען אים זוכן. האָט זי ווו אויסגעפונען אַ בוידעם־שטיבל, פון וואַנען דאָס פענצטערל האָט אַרויסגעקוקט צו דער קירכע „סאַקרע קער", און דאָרט אים באַזעצט. זי האָט, פאַרשטייט זיך, געזען ער זאָל נישט הונגערן און אַפילו געפונען פאַר אים אַ ביסל אַרבעט — ער זאָל נישט אַרומגיין ליידיק.

די קעלער־היים, וואָס די קינדער האָבן זי איצט אָנגערופן „עמיגראַנטן־היים", איז מיט דער צײַט געוואָרן צו ענג פאַר אַזאַ גרויסער כאַליאַסטרע, קיין עין־הרע. האָבן די גרעסערע קינדער זיך אָפּגעזוכט וווינונגען. פישל מיט עמאַן האָבן אויך אויסגעפונען עפּעס אַ ווינקל בײַ פאַרט די לילאַ, און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך דאָרט אויך אויפגעהאַלטן די שוועסטער יענטל־זשערמען מיט איר קליינער משפחה.

פאַרבליבן אין שטוב זענען נאָר די קלענערע קינדער. זיי זענען געגאַנגען אין דער ראָטשילד־שולע אויף אַוועניו סעקרעטאַר.

יאַכוועט האָט אַלץ גענומען פאַר ליב, האָט אַלץ פאַרדעקט און צו די קינדער האָט זי געזאָגט:

— אײַער מאַמע דערזעט אַלץ מיט אָפענע אויגן... אָבער אָפענע הענט זענען נאָך אַ גרעסערע מעלה... און כאָטש זיי האָבן זיך פון קעלער אַרויס־געצויגן, פלעגן אָבער די קינדער ברענגען פרייד אין שטוב אַרײַן און אויך פאַרשיידענע עגמת־נפשן, קאָפּ־פאַרדרייעניש. ,אָט זענען זיי פאַרקאָכט אין מאַניפעסטאַציעס, באַריקאַדן־קאַמפן, שטרײַקן, פּראָקלאַמאַציעס, ראַנגלע־נישן. אָט איז אַ געשיכטע מיט יידישע צוגאָב־שולן; פּיאָנערן־אָרגאַניזאַ־ציעס, חלוצים, וואָס חלומען אַוועקצולאָזן זיך צו די ברעגן פון אַלטן היים־לאַנד, קיין ארץ ישראל. יעדעס קינד מיט זײַנע אידעען; איינער וויל גאָר ווערן אַ זינגער, אַ טאָכטער — אַ טענצערין. אָבער זי איז אַ מאַמע פאַר אַלעמען.

אין איינעם אַ טאָג זענען אַרונטערגעקומען אין קעלער צוויי פאַרשוי־נען, געוויזן אַ בלעכל אונטער דער קלאַפּע: פּאָליציי.

— וואָס ווילן זיי פון מײַנע יאָרן האָבן? פאַר וואָס שיקט מיר דער אייבערשטער אַלע טאָג אַנדערע צרות?

— אײַער ייִנגל — זאָגן זיי — האָט אין דער שולע פאַרשפּרייט קאָ־מוניסטישע אויפרופן. אויב איר וועט אים נישט צוימען — ווײַל איר זענט דאָ אַ פרעמדע — וועלן מיר אָננעמען מיטלען...

בײַם אָוונט־ברויט, ווען אַלע זענען געזעסן אַרום טיש, האָט זי די קינ־דער דערציילט וועגן דעם באַזוך פון דער פּאָליציי. גראָד זענען חוץ די אייגענע בײַם טיש געווען עטלעכע יונגעלײַט און מיידלעך, וואָס די קינ־דער האָבן געהאַט מיטגעברענגט. יאָכוועט האָט זיי אַלע דערלאַנגט, ווי איר שטייגער איז, טעלערס גרויפּן־זופּ, און ס'האָט זיך, ווי תּמיד, צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע, אַ שפּאַרערײַ אין פּאָליטישע ענינים. האָט זי, פאַרענדיק זיך בײַ די טעפּ, זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים און אַרײַנגעוואָרפן איר וואָרט:

— קליינע קינדער לאָזן נישט שלאָפן, גרויסע — לאָזן נישט לעבן...

איז אין אָט דעם טומל און רעש, צווישן די אָ פּײַכטע קעלער־ווענט, נישט אַלע מאָל געווען פריילעך. פאַרקערט, ס'האָט תּמיד עפּעס געטראָפן, עפּעס געשען, וואָס האָט צעטומלט און צעטרייסלט אָט די אָרעם־פריילעכע נעסט, און די מאַמע יוכבד האָט געהיילט, געגלעט און אַלץ אויסגעגלעט. אָט איז לייזערל אירער קראַנק געוואָרן אויף אַן אויער. מ'האָט געמוזט אָנקומען צו אַ באַקאַנטן, ער זאָל מיטגיין אין ראָטשילד־שפּיטאָל, ווײַל ס'איז דאָרט שווער געווען זיך אַרײַנצובאַקומען, זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן. מען שיקט דעם קראַנקן פון איין אָפּטיילונג אין דער אַנדערער. דער גוטער לייזערל איז בלייך, ער לײַדט גרויסע ווייטיקן. אין זײַנע בלויע אויגן ברענט אַ פיבער. די מאַמע האָט זיך געווונטשן קראַנק צו זײַן אויף זײַן אָרט. לייזער־לואי, מיט זײַן שיינעם, שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, איז איר ליבלינג. כאָטש ליב האָט זי אַלע. אין יענעם מאַנטיק אין דער פרי, באַלד נאָך פּסח, האָט מען איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף אים אָפּערירן. די קראַנקן־שוועסטער האָט זי באַרויִקט:

— מאַדאַם, אַלץ וועט צוגיין ווי אַמבעסטן. גייט רויִק אַהיים.

דאָס ייִנגל האָבן די קראַנקן־שוועסטערס אַרײַנגעפירט אין אַ קליין

צימערל, געוויזן אים ער זאָל זיך לייגן און אים דערלאַנגט אַ טערמאָמעטער, וואָס האָט תּיכּף געוויזן אויף 40 גראַד פּיבער.

די אָפּעראַציע אויפן אויער איז געווען זייער אַ שווערע. עטלעכע טעג איז דאָס יינגל געלעגן אָן באַוווסטזיין. נאָר ס'איז אים געווען גוט, ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז מען האָט אים אַרונטערגעלייגט אַזאַ ביכעלע, אַז ווען ער וועט אויפקומען פון שלאָף, וועט ער שוין קענען גוט רעדן פראַנצייזיש...

אַהיים געקומען אָן אָפּגעשוואַכטער, האָט אים די מאַמע געקאָרמעט ווי מען קאָרמעט אַ זייג־קינד. מיט אירע ווערטלעך האָט זי אים געמאַכט אַ ביסל הייַטערער, כאָטש אירע רייד זענען געווען אומעטיקע:

— דאָס הויז איז ליידיק, נאָר דער זייגער גייט ווייַטער...

און אַזוי איז טאַקע געווען. די קעלער־היים בייַ דער מאַמע יאַכוועט איז ליידיקלעך. די קינדער זענען זיך ביסלעכווייַז צעקראָכן פון דער וואַ־רעמער נעסט. די גרויסע זענען אַוועק ווינען מיט זייערע באַשערטע. בלויז די עלטערע טאָכטער האָט מען חתונה געמאַכט לויט די אַלטע יידישע מנהגים — אַ חופּה, קלעזמאָרים. יאַכוועט האָט אַפילו געטאַנצט אַ מצווה־טענצל. די געסט האָבן געברענגט דרשה־געשאַנק. יאַכוועט האָט זיך דערבייַ פאַר־באָרגט אויף לאַנגע חדשים.

אין איינעם אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען צו דער מאַמען דודל אַ צעהיצ־טער, אַ צעטראָגענער. דאָס האַרץ דער מאַמעס האָט פאַראויסגעפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט צום גוטן, נאָר יאַכוועט שווייַגט. וואָס דען זאָל זי טאָן?

דודל איז געווען פאַרקאָכט אין דער חלוצים־באַוועגונג. איז ער געקו־מען צו דער מאַמען און איר דערציילט, אַז ער קלייַבט זיך אַוועקצופאָרן מיט אַ גרופּע יוגנט קיין פּאַלעסטינע. אַלע נייטיקע דאָקומענטן זענען שוין גרייט. ער גלייבט אַז די מאַמע וועט נישט זייַן קעגן דעם, ווייַל פאַר וואָס זאָל זי זייַן קעגן?

איז זי טאַקע נישט געווען קעגן, נאָר איר האַרץ האָט זיך געצאַפּלט.

און אַזוי איז אין קעלער־שטוב געוואָרן אַלע מאָל שטילער, ליידיקער. דער טאַטע האָט אָפּט געקרענקט, איז אָפּגעלעגן אין בעט וואָכן־לאַנג. כאָטש פרייַטיק־צו־נאַכטס, ווען די קינדער זענען געקומען צו דער מאַמען עסן די היימישע שבתדיקע מאכלים, איז דער טאַטע אַראָפּ פון געלעגער אָן אויסגע־בלייכטער צו מאַכן קידוש. ער האָט זיך אָבער קוים געהאַלטן אויף די פיס.

אין איינעם אַ פּרײַטיק־צו־נאַכטס, בעת אַלע זענען שוין געזעסן אַרום טיש, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז איין שטול איז געבליבן ליידיק. דאָס האָט דאָס ייִנגסטע ס׳שטילע מיידעלע מיט די בלאָנדע האָר, דינהלע, געפעלט. מען האָט לאַנג געוואַרט און אַז זי האָט זיך נישט באַוויזן, האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט איר געשען, אָבער די מאַמע יאָכוועט האָט זיך ווי פאַרענדערט — זע האָט גלײַך באַקומען שלעכטע פאָרגעפילן...

זי האָט שוין יענעם פרײַטיק־צו־נאַכטס אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגע־טאָן קיין אויג. זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, איר האַרץ איז גע־ווען פאַרקלעמט: וואָס איז געשען מיטן מיידל?

דינה איז נישט געקומען צו מאָרגנס, נישט אין די נאָענטסטע טעג. ביז מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דינה, קוים 17 יאָר אַלט, איז אַנטלאָפן מיט אַ בחור, וואָס איז מיט 12 יאָר עלטער פון איר, קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרטן וועט זי בויען דאָס גליק פאַר די מענטשן, דאָרטן וועט זי נישט זײַן מער קיין פ ר ע מ ד ע, דאָרטן וועט דאָס ייִדן־פּראָבלעם פולשטענדיק געלייזט ווערן... אַזוי האָט איר דער חבר אירער, משה׳קע, אויפגעקלערט.

יאָכוועט האָט זיך עס נישט געקענט מוחל זײַן. זי, די מאַמע וואָס האָט דינהלען אַזוי שטאַרק ליב, איז תּמיד גרייט פאַר איר זיך מקריב צו זײַן. האָט זי זיך וועגן דעם געדאַרפט דערוויסן ערשט בײַ אַנדערע, בײַ פרעמדע? און מ׳דערציילט נאָך, אַז אין די בריוו רעדט זי שלעכטס אויף איר מאַמען — דאָס קומט איר, יאָכוועטן, דער אַזוי שטאַרק איבערגעגע־בענער מאַמען? זי האָט אַרײַנגענומען איר פאַר דער צײַט גרוי־געוואָרע־נעם קאָפּ אין די הענט אַרײַן, זיך אויסצוווייַנען. דערנאָך האָט זי טיף אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— דאָס גאַנצע לעבן לערנט מען זיך צו זײַן קלוג און — מען שטאַרבט אַ נאַר...

זינט דעם לעצטן קלאַפּ מיטן טעכטערל, האָט יאָכוועט דורכגעמאַכט אַ שווערע קרענק און איז אָפּגעלעגן העכער צוויי חדשים אין בעט. און אַז זי איז געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אירע בני־בית: „אַ מאַמע צו צען קינדער איז אַ מאַמע, נאָר אַז צען קינדער דאַרפן העלפן איין מאַמען, איז זי פאַר זיי אַ צו שווערע לאַסט״...

אין אירע שלאָפלאָזע נעכט האָט זי גוט־גוט אַרײַנגעטראַכט דערין.

אָבער דערוויַיל האָט זיך די משפחה צעצוויַיגט. יעדער איז געגאַנגען זײַן אייגענעם וועג: חתונה געהאַט, אַריַינגעוואָקסן אין זייערע נײַע משפחות. מען איז געגאַנגען אויף בריתן, אויף בר־מצוות, אויף חתונות, און לײדער, לײדער, אויך אויף לוויות.

אין פריִען נײַ־יאָר פון 1934 איז אין לאַנד געווען זייער אומרויִק. די „ברוינע" האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט. ס'האָט זיך שוין שטאַרק געפילט די השפעה פון היטלער־דײַטשלאַנד, וואָס האָט געקלאַפּט אויף די טויערן פון פראַנקרײַך. איז די מאַמע יאַכוועט שוין ווידער נישט געשלאָפן קיין נעכט. אַלע אירע קינדער האָבן געהערט צו אַנטי־פאַשיסטישע באַוועגונגען. קיין פאַריז זענען יענעם יאָר אָנגעקומען אַ סך פּליטים פון דײַטשלאַנד, ס'רוב ייִדן. אין דער נאַכט פון 6טן פעברואַר האָט די מאַמע באַגלייט צו דער טיר צוויי זין אירע. זיי זענען אַוועק קעמפן קעגן די פאַשיסטן. אַ טאָכטער און אַ שנור, קראַנקן־שוועסטערס, זענען אַוועק טראָגן הילף די פאַרוווּנדעטע. די קאַמפן זענען פאָרגעקומען אויף פּלאַס דע לאַ רעפּובליק און אויך אויפן סאַמע בעלוויל, אויף רי דע ל'אָריאָן.

ווער ווייסט, האָט זי זיך געזאָגט, וואָס פאַראַ נײַע מהומות מיר גייען אַנטקעגן. זי האָט גענומען אויף זיך צו פאַסטן דעם טאָג. אירע טרערן־תּפילות וועלן אפשר העלפן אָפּהיטן כאָטש אירע קינדער. דער מאַן אירער, זײַנוול, איז אַרומגעגאַנגען בייז אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט די קינדער נישט פאַרשטאַנען, נישט געקאָנט פאַרשטיין:

— פרעמדע — האָט ער געשריגן — דאַרפן זיך נישט מישן דאָ אין דער פּאָליטיק זייערער. מיר האָבן אונדזערע אייגענע צרות, און קיינער וועט זיך פאַר אונדז נישט אָננעמען. וואָס שטופּן מיר זיך אַרײַן אומעטום?!

איז די מאַמע געשטאַנען אויף די שטיגן, אין פינצטערן פּאָדערהויז, און געוואַרט אויף די קינדער, זיי זאָלן וואָס גיכער צוריקקומען. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אַז זי איז שוין אַ פאַרצווײַפלטע, אַן אויסגעשעפּטע געלעגן אין בעט, האָט זי דערהערט אַ שאַרפן סקריפּ פון דער שווערער טיר. זי האָט אויפגעציטערט, אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ קאַץ. יאָ, ווי דער מאַמען, — מ'איז געקומען אָנזאָגן די פינצטערע בשורה, אַז איר זון פּיִער איז געפאַלן אויף דער באַריקאַדע פון מעגילמאָנטאַן.

די לוויה פון די געפאַלענע איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע טעג שפּע־טער, דעם 12טן פעברואַר. עס זענען געווען צען געפאַלענע. צווישן דער גרויסער מאַסע פּראָנצוויזן, יונג און אַלט, האָט זיך מיטגעשלעפּט אַ צעבראָ־כענע יידישע מאַמע, באַגלייט פון עטלעכע איריקע, פון קיינעם נישט באַ־מערקט, פאַר אַלעמען פרעמד, אין אַ פרעמדער וועלט, זי האָט דאָס גע־ברענגט אַ קרבן — איר זון...

יאַכוועט איז אַלץ מער און מער אַריין אין אַ קלעם נישט אַרויסצו־קריכן. איר וויינען, איר טרויעריק לאַכן און ווערטלען זיך האָבן זי נישט באַפרייט פון אָט דעם ביטערן קלעם. זי האָט נאָר געוואָלט פאַרשטיין, און ס'זאָל איר ווער זאָגן, פאַר וואָס קומט עס איר אַזאַ שווער לעבן?

ביי נאַכט, אָן אויסגעמאַטערטע, ליגנדיק אין בעט, האָט זי שטיל גע־וויינט אין קישן אַריין, קיינער אין הויז זאָל נישט הערן. צו מזכיר־נשמות, יום־טובים־צייט, איז זי אַוועק אין שול וויינען און קלאָגן נאָך איר אומגע־קומענעם זון. די ווייבערשע געוויינען און די תפילות האָבן צעפלעמלט די אָנגעצונדענע ליכט נאָך די הייליקע נשמות, און אין אירע פאַרטרעטע אויגן איז זיך אַלץ צעשוומען. זי האָט קוים געפונען די טיר אַרויסצוגיין און וואָס מער זי איז געלאָפן אַוועק פון אָט די פלאַמען אַלץ מער האָט זי געבלאָנדזשעט.

זענען די טעג געוואָרן איר אַלץ שווערער, און נאָך שווערער — די נעכט. די אָרעמע היים, אין קעלערל אויף בעלוויל, איז געווען האַלב ליידיק, פּוסט ווי אַ חורבה. די פענצטער מיט די צעבראָכענע שויבן האָבן געשראָקן. מייז האָבן געגראַבלט אין די נעכט. און זי, די מאַמע, איז געווען באַלאָדן מיט צרות, מיט קלאָפּאָטן, און מיט שטענדיקע פּראָגעס ווי צו שלעפּן דעם שווערן יאָך פון איר לעבן.

אין אַ פרימאָרגן האָט דער פּאָסט־טרעגער איר געבראַכט אַ בריוו. ווען זי האָט דערזען דעם קאָנווערט, האָט עס איר באַלד אַ זעץ געטאָן אין האַרצן: אַ בריוו מיט סאָוועטישע מאַרקעס... אַ בריוו פון איר דינהלען פון מאָסקווע! שוין מער ווי צוויי יאָר ווי זי האָט נישט געלאָזן פון זיך הערן, ווי אין וואַסער אַריין.

יאַכוועט האָט דעם בריוו קודם פאַרשטעקט אין בוזעם. מ'קען קיין מאָל נישט וויסן וואָס אַ בריוו קאָן אַ מאָל אָנזאָגן... זי וועט אים לייענען שפּע־

טער. אויב אַפילו גוטס קאָן זי זיך אויך נישט פאַרגינען מיט איין מאָל. זי האָט אָבער נישט געקענט זיך באַהערשן, אַרויסגעכאַפּט אים צוריק און געעפנט מיט ציטערדיקע פינגער דעם קאָנווערט. פאַר אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן די לאַשטשענדיקע ווערטער: „טײַערע מאַמע".

„דער וויסטער גורל אונדזערער, דאָס ביטערע לעבן אונדזערס זאָל דיך נישט דערשרעקן. מאַמע. דערווײַל בין איך שוין אַליין אויך אַ מאַמע פון אַ יינגעלע, וועמען כ'האָב אַ נאָמען געגעבן פ י נ י ע. ער איז שוין אַלט אַ חודש. אין מאָסקווע איז אַ שווערער ווינטער. מיר לעבן אין קעלט און אין דחקות... און ווײַל מיר זענען פרעמדע, האָט מען אונדז גערופן אין דער פּאָליציי און געגעבן אונדז בלויז עטלעכע טעג אויף צו פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד. פאָרן מיר דורך וואַרשע. מען קען אונדז אָבער דאָרט, געקו־מענע פון ראַטנפאַרבאַנד, אַרעסטירן, פאַרהאַלטן. ווער ווייסט?"

„מאַמע טײַערע, זע, ראַטעווע אונדז. מיר ווילן צוריק אַהיימקומען, כאָטש ווידער ווי פרעמדע, אָבער צוזאַמען מיט אײַך, מיט דיר, ליבע מאַמע. אונדז איז זייער ליב און טײַער די פראַנצייזישע סביבה, די פראַנצייזישע מענטשן און די משפחה. אוי, די משפחה!" — — —

נאָכן איבערלייענען די אַ ווערטער האָט זיך בײַ יאַכוועטן צעעפנט אַ נײַער קוואַל פון טרערן. זי האָט זיך מיט איין מאָל דערפילט שולדיק, פאַר־לוירן, צעפּײַניקט. זי איז טאַקע דאָ אַ פרעמדע, אָבער — זי טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט, נישט פאַרלירן די האָפענונג. מיט אַ ביטער שמייכעלע האָט זי זיך דערמאָנט דאָס אַלטע ווערטל: „געלט איז נאָך נישט אַלץ, נאָר די האָפענונג נישט פאַרלירן". זי מוז לויפן ראַטעווען אירע קינדער, און אויך דאָס נפשל, איר נײַ־געבוירן אייניקל, פּיניעלע, דער הייליקער נאָמען נאָך איר זון, דעם קדוש. נאָר וווהין לויפט מען, צו וועמען גייט מען, וואָס טוט מען?

און זי איז נישט מער ווי א י י ן מאַמע.

זי האָט אויך שטאַרק ליב די מיטלסטע טאָכטער אירע, זשאַנעט, וואָס וווינט מיטן פידלער חיים קלינגמאַן. ער איז זייער אַ פעיִקער פידלער, באַרימט אין דער מוזיקאַלישער וועלט. אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן קאָן ער קיין קאָץ דעם עק נישט פאַרבינדן. אין דער מאַנסאַרדע, אויפן

זעקסטן שטאָק, ווו זיי ווױנען, האָבן זיי צוויי קעצעלעך, אַ הינטל און אַ זינגפייגעלע אין אַ שטײַגל. איז זשאַנעט, אין חיימס געבוירן־טאָג, געגאַנגען און אים געבראַכט אַ מתּנה אַ קליין, לעבעדיק הינדעלע. ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק ליב בעלי־חיים, האָט דאָס אים זייער געפרייט.

ס׳איז געווען אין אַ הייסן זומער־טאָג, איז חיים אַראָפּגעגאַנגען און געפירט מיט זיך דאָס הינדעלע אויפן שפּאַציר אין גאָרטן. ער האָט אָנגעבונדן אַ לאַנג שטריקל צום הינדעלעס אַ פיסל און עס געפירט מיט זיך ווי מען פירט אַ הינטל. פון מידקייט איז דאָס הינדל געפאַלן, האָט ער עס אַהיימגעבראַכט צום בוידעם־שטיבל און אַז ס׳הינדל איז שוין געווען פאַרחלשט און חיים האָט געכאַפּט אַ קרוג וואַסער און עס אָפּגעגאָסן, האָט דער גאָס וואַסער דאָס הינדעלע דערטרונקען און חיים איז געבליבן אַ טרויעריקער און צעחושטעטער. אַז דער ענין איז דערגאַנגען צו יוכבדן, האָט זי געלאַכט און געוויינט אויף איר ביטערן גורל.

ס׳איז געווען אין דעם זומער פון פאָלקס־פראָנט, אין יאָר 1936. שטרײַקן, מאַניפעסטאַציעס, אומרוען. די קינדער אירע זענען מיט לײַב־און־לעבן פאַרקאָכט געווען אין קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן אויפשטײַגנדיקן היטלעריזם. וועלכער ייִד איז דען נישט געווען קיין אַנטי־פאַשיסט ? אַפילו זײַנוול, דער טאַטע, איז אומגעריכט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין קאַמף, אין פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט בײַ אַלטע קליידער, וואָס מ׳האָט אויספאַרריכט, געוואַשן און טראַנספּאָרטירט אין די קאָלאָניעס. ער האָט זיך דאָרט געפילט באַעוולט, זײַנוול. אַ גוטער שנײַדער, מיט אַזוי פיל יאָרן פּראַקטיק הינטער זיך, און פאַרדינט קוים אויף חיונה. אָבער צוליב זײַן עלטער האָט ער שוין מער נישט געקאָנט געפינען קיין לײַטישער אַרבעטס־פּלאַץ, איז ער אַזוי פאַרבליבן אַ לאַטוטניק זײַן גאַנץ לעבן. בעת די גרויסע שטרײַקן אין דעם זומער פון פאָלקס־פראָנט איז זײַנוול מיטגעריסן געוואָרן און געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון די מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן פאַרפולט די פּאַריזער גאַסן, פון פּלאַס רעפּובליק ביז צו פּלאַס דע לאַ באַסטיל.

כאָטש פאַרפאָרעט אין דער באַלעבאַטישקייט, האָט יאָכוועט דאָך מיטגעלעבט מיט די אַלע קאַמפן און זיגן פון פּאַריזער פאָלק. זי האָט זיך געפרייט ווען מען האָט אויסגעקעמפט די סאָציאַלע פאַרזיכערונג פאַר די

אַרבעטער, די 40־שעהעדיקע אַרבעטס־וואָך. דאָס מיינט דאָך, אַז שבת וועט מען נישט אַרבעטן, וועט מען קאָנען פאַרברענגען אויף דער פרישער לופט אויסער דער שטאָט.

אין יענע טעג זענען די קינדער געקומען אין קעלער־שטיבל פול מיט מוט, אויפגעהייַטערט, אויפגעלייגט. האָט אַפילו איינער פון זיי דערציילט דעם וויץ וואָס שטאַמט זיכער פון אַ יידישן קאָפּ:

— מען וואַרט — האָט ער דערציילט — אויף אַ דריטן ייד, מען זאָל שוין אויך נישט דאַרפן אַרבעטן מאָנטיק. דער ערשטער ייד, „יאָסעלע פּאַנ־דריק" — יעזוס, האָט אייַנגעפירט מען זאָל נישט אַרבעטן זונטיק. איז גע־קומען דער ייד לעאָן בלום און אייַנגעפירט דעם אָפּרו־טאָג שבת. נו, וואַרט מען איצט אויף נאָך אַ ייד, וואָס זאָל אייַנפירן מאָנטיק אויך ווי אַן אָפּרו־טאָג. טאַקע, פאַר וואָס נישט ?...

ס'האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

שנעל האָט זיך פאַרצויגן אַ גרויער וואָלקן אויפן פריילעכן זומער פון פלאָקס־פראָנט. ס'איז אין דעם זומער אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע. סאָציאַליסטיש־געשטימטע מענטשן האָט עס דערמאָנט, אַז דאָס מיינט די פאַרשטאַרקונג פונעם פאַשיזם אין אייראָפּע, און די יידן — די פאַרערגערונג פון זייער אַזוי אויך ביטערער לאַגע.

האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין דער נאַר־וואָס אויפגעקומענער אינ־טערנאַציאָנאַלער בריגאַדע יונגע מענטשן פון אומעטום, און צווישן זיי — פיל יידישע יינגלעך, און אַפילו מיידלעך. זיי האָבן זיך פרייַוויליק אָרגאַני־זירט צו גיין קעמפן קעגן פאַשיזם, וואָס רוקט זיך אָן אויף אייראָפּע. אויך יאָכוועטס אײדעם, דער אויסגעוויזענער פון רוסלאַנד, משהקע, וואָס איז צוזאַמען מיט דער טאָכטער אירער, מיטן פיצל קינד, געקומען דורך פוילן אומלעגאַל צוריק קיין פאַריז, אויך ער האָט זיך צווישן די ערשטע מאָבילי־זירט צו פאַרן קעמפן אין שפּאַניע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

איז די מאַמע יאָכוועט אַרייַנגעפאַלן אין אַ נייַער צעטומלעניש. נישט גענוג וואָס זי האָט זיך דאָ נאָך אַלץ געפילט ווילד־פרעמד, האָט זי זיך געראַנגלט מיט איר ייאוש, מיט די בלאָנדזשענישן פון אירע אייגענע קינ־דער. זי האָט ווידער געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, פול מיט פחד און שרעק.

אין די טעג פלעגט זי פּרוּוון פאַרלייַכטערן זיך אַליין מיט אַ ווערטל, מיט אַ וויץ, אַ געלעכטער. זי האָט אַלע מאָל געזוכט עפּעס אַ נס, וואָס

זאָל ברענגען אומגעריכט די דערלייזונג, די גאולה. דאָס איז געווען איר כוח. דערמיט האָט זי געלעבט איר טאָג־טעגלעך לעבן, מיט דער שטענ־דיקער זאָרג פֿאַר די קינדער און די דאגה פֿאַרן שטיקל ברויט. איר האָט אַלץ אינטערעסירט, האָט איר אַזוי שטאַרק דערפֿאַר געטראָפֿן דאָס וואָס דער סאָציאַליסט און ייִד לעאָן בלום הייסט זיך נישט מישן אינעם בירגער־קריג אין שפּאַניע.

— סטייַטש?

— ווי אַזוי וועלן זיי זיך דאָרט אָן עצה געבן מיט די וועלט־גזלנים? האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען, און אויסגעדריקט עס אויף איר פּשוטן שטייגער, מיט אַ קרעכץ, מיט אַ זיפֿץ, מיט אַ פֿאָלקס־ווערטל, מיט וועלכע זי איז געווען אַזוי רייַך.

כאָטש זי האָט זיך נישט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען אין דער גאַנצער פּאָ־ליטיק, האָט זי אָבער אַרויסגעפֿילט וואָס ס׳איז גוט און וואָס ס׳איז שלעכט... זי האָט אַלץ געוווּיגן מיט איר פּשוטן שׂכל. איר מאַמע־הארץ האָט זיך כּסדר געשראָקן, פֿאָרויסגעפֿילט, אַז ס׳וועט זיך נישט אויסלאָזן גוט. דער מלחמה־שד האָט שוין געפּאַכעט מיט זייַנע פֿליגל איבער דער וועלט, דאָס האָט זי געפֿילט, דאָס האָט זי גוט פֿאַרשטאַנען.

איין טרייסט האָט זי כאָטש געהאַט, וואָס פֿון איר זון דודל, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועק קיין פּאַלעסטינע, האָט זי אָפּט באַקומען בריוו. אַוודאי האָט ער דאָרט נישט געלעקט קיין האָניק, דודל, ער האָט אָבער יעדעס מאָל געשריבן, אַז ער פֿילט זיך דאָרט ווי אַ פֿיש אין וואַסער. אין קיבוץ אַרבעט מען שווער, ס׳פֿעלט אַ ביסל מילך, אַ קאַפּיטשקע האָניק. נאָר ס׳וועט זייַן גוט.

די מאַמע האָט דאָס אַלץ, אין גוטן מוט, אַרום פֿריילעכן טיש, דער־ציילט אירע קינדער, זייַנע ברידער און שוועסטער, די שוועגערינס, די חברים זייערע. מ׳האָט געלאַכט און הנאה געהאַט פֿון דודלס חכמות מיט וועלכע ער פֿילט אויס זייַנע בריוו, און אים אַפֿילו שטילערהייט מקנא געווען.

דערווייַל איז אויף די שפּאַנישע שלאַכטפֿעלדער געגאַנגען וואָס אַ מאָל ערגער. די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרנומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. ס׳האָט זיך אונטערגערוקט דער סוף פֿון העלדישן קאַמף קעגן פֿאַשיזם. קיין פֿראַנק־

רײַך האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די רעשטלעך פֿון די צעקלאַפּטע אינטער־נאַציאָנאַלע בריגאַדעס, צוזאַמען מיט אַ שטראָם הימלאָזע פּליטים. ס'איז געווען דאָס 1938טע יאָר, נאָכן טרויעריק־באַקאַנטן מינכען־אָפּמאַך. יידן האָבן דערפֿילט, אַז עס רוקן זיך אָן שווערע וואָלקנס. דער פּחד פֿאַר אַ נײַער מלחמה איז שוין געהאָנגען איבער אַלעמענס קעפּ.

די מאַמע יאָכוועט, אַ נישט־אָפּגעגליקטע, האָט אָנגעהויבן אונטער־ציִען אַ שטיקל סך־הכּל. אמת, זי האָט צו ביסלעך נחת פֿון די קינדער. די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור, אַן אויסטויגער אין די געשעפֿטן, געהערן זיי צו די אויפֿגעקומענע גבירים, וווינען אויף די גרויסע בולוואַרן. מען האַלט אַ דינסט אין שטוב, מען האָט זיך אײַנגעקויפֿט שיין מעבל, אָריענטאַלישע טעפּיכער. דערפֿאַר מוז יאָכוועט, ווען זי קומט צו דער טאָכטער, כאַטש זייער זעלטן, אויסטאָן די שיך פֿאַר דער טיר... אויך משהקע, דער אײדעם אירער איז, אַ דאַנק גאָט, צוריקגעקומען פֿון שפּאַ־ניע אַ גאַנצער, אַ געזונטער און דינהלע האָט צוריק איר מאַן.

די איבעריקע קינדער מיט זייערע פֿאַמיליעס זענען האָרעפּאַשניקעס, אַרײַנגעטאָן אין דער פּאָליטיק, אין דיסקוסיעס, וואָס הערן גאָר קיין מאָל נישט אויף; זענען זיי טאַקע אימיגראַנטן, פֿרעמדע, וואָס זיצן דאָ שטענדיק אויף דער וואַליזקע, אָבער איר דודל איז אַ חלוץ אין פּאַלעסטינע. אויף אים, דוכט זיך איר, ליגן אַלע אירע האָפֿענונגען: — וועלן טאַקע ייִדן האָבן אַן אייגענע היים?

אָט האָט זי באַקומען פֿון אים אַ לאַנגן בריוו פֿול מיט האָפֿענונג און מיט גוטן הומאָר. ער חוזקט אָפּ פֿון אַמעריקאַנער טוריסטן און פֿילט זיך דאָרט מעשה באַלעבאָס. זאָל זי נישט האָבן דערפֿון קיין נחת? און אַז ער שרײַבט אַרײַן אין זײַנע בריוו אָן אַ שיעור וויצן, בעת זי אַליין, די מאַמע יאָכוועט, איז אַ וויצלערין, זאָל זי זיך נישט פֿרייען? האָט איר טאַקע שטאַרק געפֿרייט דודלס שרײַבן וועגן דער יונגער חברה. ווי זיי פֿלאַנצן, זייען, בויען, שנײַדן דורך וועגן, שאָסייען, טריקענען אויס זומפּן, באַוואַ־סערן פֿעלדער אין מיטן זאַמדיקן מידבר.

— מאַמע — שרײַבט ער — ווי שווער דאָס לעבן זאָל דאָ נישט זײַן, פֿיל איך זיך דאָ ווי אַ ייִד, נאָר נישט ווי קיין פֿרעמדער. כ'בין בײַ זיך אין

לאַנד! אויס פ ר ע מ ד ע ר. דאָס שווערע געפיל וואָס האָט דיך און אונדז אַלעמען שטענדיק געפּײַניקט, איז דאָ פאַרשוווּנדן. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען מײַן מאַמע זאָל דאָ זײַן!

האָט דאָס פּנים פון דער אויסגעפּײַניקטער מאַמען פריידיק געלויכטן. טרערן פון פרייד זענען געפאַלן אויפן בריוו. כאָטש איין זון, אַ געראַטע־ווער פון דער פרעמדער וועלט.

דודל, מײַן זון, איז נישט מער קיין פרעמדער אויף דער וועלט.

# אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה

אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה.
די מעשׂה איז גאָרנישט פריילעך,
די מעשׂה הייבט זיך אָן
מיט אַ ייִדישן...

דאָס לעצטע וואָרט, דאָס וואָרט „מלך", איז געבליבן שטעקן פאַר־שעמט און נישט דערזאָגט אין יצחקס הייזעריקן גאָרגל.

אָבער כאָטש יצחק שוסטערס גאָרגל איז געווען אַ הייזעריקלעכער, איז גאָר קראַנק געווען זײַן האַרץ. מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געהאַט אַ האַרץ־אַטאַק און געמוזט אויפהערן אַרבעטן. „פּענסיאָנירט", גלײַך ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ גענעראַל, אָדער אַ גאָר הויכער באַאַמטער.

— אַ מעשׂה — רופט זיך אָפּ חנה, יצחקס ווײַב, מיט אַ שטים, וואָס הערט זיך גלײַך ווי אויך זי וואָלט געקומען פון דער דאָזיקער אַמאָליקער מעשׂה.

— יצחק, דערמאָן זיך, ווי דו פלעגסט מיך וועלן אויפעסן, אַוועק־הרגענען, יעדעס מאָל ווען איך פלעג דיר זאָגן, אַז די צײַטן זענען שוין נישט מער די וואָס אַמאָל, אַז מען ווערט שוואַכער און עלטער. „נישט אמת, — האָסטו מיר געזאָגט — אַז מען פילט זיך יונג, פאַרבלײַבט מען יונג ביז אין טיפן עלטער אַרײַן".

— אמת, חנה, אמת — טוט יצחק אַ טיפן זיפץ — ווייסטו פאַר וואָס? ווײַל איך האָב געהאַלטן מײַן שוסטער-העמערל אין דער האַנט; כ׳האָב געמאַכט שיך, פאַרראָכטן שיך, געאַרבעט און פאַרדינט אויף אונדזער אויס־קומעניש. פון אַרבעט ווערט מען טאַקע נישט רײַך, אָבער צו וואָס דאַרף מען זײַן רײַך? ווער וויל דען זײַן רײַך, מען דאַרף קענען געזונטערהייט

הנאָה האָבן פון דעם וואָס מען פאַרדינט מיט דער אייגענער פּראַצע, אָבער אַז מען אַרבעט נישט מער...

— דו ווייסט דאָך אַליין, אַז דו טאָרסט נישט מער אַרבעטן. די דאָק־טוירים האָבן דיר דאָך פאַרבאָטן צו אַרבעטן. און צו וואָס דאַרפסטו עס גאָר? ביסט דאָך אַרויס אין פּענסיע, קריגסט אויסגעצאָלט גענוג מיר זאָלן קאָנען ווי נישט איז אויסקומען. וויפל דאַרפן מיר דען בכלל האָבן אויף צום לעבן? אין די סינעמאָס און אין די טעאַטערס, אפילו ווען מען זאָל אונדז אַרײַנלאָזן אַהין בחינם, וואָלטן מיר דאָך ביידע נישט געוואָלט גיין, זינט אונדזער טײַערער משהלע איז...

זי ווײנט זיך פונאַנדער: זיך דערמאָנט אָן איר זון משהלע, וואָס איז דורך די דײַטשן דערשאָסן געוואָרן, אַ ווידערשטאַנדלער.

יצחק שטערט איר נישט. ער לאָזט איר זיך אויסוויינען: „אפילו פאַר־גיסן טרערן איז אויך בעסער ווי גאָרנישט, אויך בעסער ווי נישט האָבן וווּ זיך אַהינצוטאָן מיט די פיס, מיט די הענט, מיט די אויגן“... וואַרט ער צו ביז זי וועט אָפּווישן פון איר צעקנייטשט פּנים די לעצטע טרער און ער וועט ווידער קאָנען זיך צעזינגען „אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה“.

חנה וויל איר מאַן נאָך עפּעס דערמאָנען. — נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זײַן אימשטאַנד צו פאַרקירצן דעם מהלך צווישן דעם אַמאָל און דעם הײַנט, וואָס זאָל אים אויפמונטערן. אָבער דאָס האַרץ אירס איז פאַרקלעמט. זי קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. מורמלט זי פאַמעלעך, עקשנות־דיק ווי צו זיך אַליין:

— איך וויל דיר נאָך עפּעס דערמאָנען... נאָך עפּעס.

— קיין מאָל האָסטו זיך נישט באַקלאָגט אויף דײַן מזל. „בטחון דאַרף מען האָבן“ — פלעגסטו מיר שטענדיק זאָגן. ביסט געווען אַ גוטער מאַן פאַר מיר. אַ געטרײַער פאָטער פאַר אונדזערע קינדער, אַן אויסגעצייכנטער חבר, אַ האַרציקער פרײַנד.

— יאָ, יאָ, חנה! אַמאָל, אַלץ אַמאָל. איך בין געווען גליקלעך, ווײַל כ׳האָב געניייט שיך. אָבער נישט וויניק שיך מײַנע זענען דעפּאָרטירט גע־וואָרן אין איינעם מיט די ייִדישע פיס וואָס האָבן זיי געטראָגן. אין די „וואַרטצימערן“ פון די קרעמאַטאָריעס זענען זיי פאַרבליבן ליגן קופּעס־ווײַז. טויג איך הײַנט נישט מער, קיינער דאַרף נישט מער מײַנע שיך. אויס מלך בין איך, אויס שוסטער.

— ניין, יצחק! — טרייסט אים חנה — עפּעס איז דאָך פאַרבליבן פון אַמאָל.

— פאַרבליבן? אַש איז פאַרבליבן! אַ בערגעלע אַש.

— אונדזער טאָכטער רייזעלע! איר מאַן רופט זי טאַקע „רענע״, אָבער בײַ אונדז הייסט זי נאָך אַלץ רייזעלע. און אירע צוויי ליכטיקע קינדער. איר מאַן — מילא, אַבי ער איז נישט קיין שיכּורניק, נישט קיין קאָרטן־שפּילער... וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַ ז אַ אײדעם?

— איך האָב גאָרנישט קעגן רייזעלען, אַפילו נישט קעגן אים, איר מאַן. אָבער מיר און זיי זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. נישט איך פאַרשטיי מײַן אײדעם, נישט ער פאַרשטייט מיך. יעדעס מאָל האָב איך חרטה, וואָס איך האָב זיך מיט אים אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס. צוליב וואָס? ווער דאַרף דאָס? און איצט — ווו זענען אונדזערע אַמאָליקע פרײַנד? פאַר וואָס זעט מען זיי אַלץ זעלטענער און זעלטענער? אַלע האָבן זיי אונדז פאַרגעסן, גלײַך ווי מיר וואָלטן שוין מער נישט געווען אויף דער וועלט. פאַרגעסן...

— דו פלעגסט דאָך מיר תּמיד זאָגן: שטענדיק דאַרף מען געבן און קיין מאָל נישט וועלן נעמען, קיין מאָל גאָרנישט מאָנען פון אַ צווייטן, אַפילו נישט פון דעם בעסטן פרײַנד.

— ווער בעט? ווער מאָנט? אָבער פאַר וואָס פרעגט זיך קיינער נישט נאָך, אַפילו נישט די אייגענע טאָכטער? איך זע דען נישט ווי דו לײַדסט ווען רייזעלע מיט אונדזערע אייניקלעך באַווײַזן זיך נישט חדשים־לאַנג בײַ אונדז? און טאָמער כאַפּט זי זיך שוין יאָ אַ מאָל אַראָפּ אויף אַ פערטל שעה, מאַכט זי אַ מינע, גלײַך ווי זי וואָלט אונדז גליקלעך געמאַכט. איך וויל נישט קיין נדבות. האָט זי נישט קיין פאַרלאַנג צו קומען צו גאַסט פאַר איר אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, מעג זי, פון מײַנעטוועגן, בכלל נישט קומען.

— גענוג, גענוג, יצחק! באַרויִק זיך. דו רעגסט זיך אויף אומזיסט און אומנישט. דו פאַרגעסט, אַז דו דאַרפסט שאַנעווען דײַן האַרץ...

— מײַן האַרץ, מײַן האַרץ... חוץ אַ האַרץ פאַרמאָגט אַ מענטש נאָך עפּעס. אַ קאָפּ, נערוון.

— דו ווייסט דאָך אָבער אַליין, אַז זי איז נישט שולדיק. ע ר שטערט איר צו קומען צו אונדז, איר מאַן.

— ס׳פֿאַרדריסט אָבער פֿאָרט, וואָס פֿאַרבליבן איז מען אַזוי עלנט, אַזוי פֿאַרלאָזן.

— און איך, מיינסטו, פֿיל דאָס נישט? מיך, מיינסטו, פֿאַרקלעמט נישט דאָס האַרץ ווען אונדזערע אייניקלעך גיבן אַ זאָג צו מיר: „דו, גראַנדמער! דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. דו קענסט דאָך נישט רעדן פֿראַנצויזיש".

— זעסט דאָך, חנה, איך בין גערעכט.

— געוויס ביסטו גערעכט. אָבער מיר וועלן די וועלט נישט איבערמאַכן.

— זעסט דאָך, אַז דאָס ליד וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו זינגען: „אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה", איז טאַקע אַמאָל, וואָס אַמאָל הייסט: אַ געשאַכטענער, אַ דערוואָרגענער, אַ דערשטיקטער א מ א ל, און די מעשׂה איז אויך אַ מעשׂה וואָס איז גאָר נישט פֿריילעך...

# מײַן מאַמע די אַלמנה

דער וועג אַהין, ווו עס רוט מײַן מאַמע, דער וועג צו מײַן אַמאָליקער הײם, איז אַ ווײַטער און אַ לאַנגער. מען קאָן אים אַפּילו נישט מעסטן מיט דער מאָס פון יאָרן, וואָס זענען פאַרגאַנגען; אויך נישט — מיט דער מאָס פון מײַלן וואָס טײלן אונדז פונאַנדער. דאָס איז אַ וועג וואָס פירט אין ערגעץ נישט. און צוריק? — נישטאָ קײן צוריק. אומענדלעך לאַנג איז אָט דער וועג.

מײַן געבוירנטאָג פאַלט זיך גראָד צונויף מיטן יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמען. איצט ווידער, דער טאָג ווען איך בין אַלט געוואָרן נײַנצן יאָר, איז דער טאָג ווען מײַן מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט. איז אָט דער צופאַל אײַנגעקריצט טיף טיף אין מיר. אײן מאָל אין יאָר — דאָס איז זיכער! — עפנט זיך אין מיר אויף די נישט־פאַרהײלטע וווּנד. ס׳איז אַ טאָג — אַ שײדוועג, ווו עס טײלן זיך פונאַנדער די דרײַ צײַטן: די פאַרגאַנגענהײט, די קעגנוואַרט און די צוקונפט.

בעת איך זאָג הײם, בעת איך זאָג מאַמע, זע איך נאָך אַלץ די צניעותדיקע פלעמלעך פון די ליכט, וואָס מײַן מאַמע פלעגט אָנצינדן אין די געזילבערטע לײַכטער לכבוד שבת. איך אָטעם נאָך יענע מנוחה, יענע שלווה, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע בײַ אונדז אין שטוב.

אַז דער טאַטע איז פּלוצים געשטאָרבן, האָט מײַן יונגע שײנע מאַמע אָפּגעוואָרפן אַלע שידוכים וואָס מען האָט איר גערעדט. עס האָבן זי גע־וואָלט, ווי כ׳האָב דאָס שפּעטער פאַרשטאַנען, נישט נאָר יונגע אַלמנס, יונ־גע גרושים, נאָר אויך בחורים. נאָר זי האָט מער נישט געוואָלט חתונה האָבן.

— מײַן קינד — האָט זי געזאָגט — איז שוין גענוג געשטראָפט, ער

איז אַזוי יונג געוואָרן אַ יתום, ווייל איך אים נישט ברענגען אין הויז אַריין אַ שטיפּטאַטן...

זי איז געווען אַ גרויסע בריה, מיין מאַמע, האָט געהאַנדלט, געוואַנדלט, געקויפט־פאַרקויפט און האָט, כאָטש שווערלעך, זיך אַן עצה געגעבן מיט דער חיונה. כ׳בין געגאַנגען אין חדר; און אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַ טאָג און אין שטוב איז נישט געווען וואָס צו עסן, האָט די גרויסע ליבע פון מיין מאַמען פאַריאָגט אַלע זאָרגן, אַפילו דעם הונגער.

מיר זענען אָבער נישט געווען עלנט. מיין זיידע איז געווען רב אין שטעטל. כ׳האָב געהאָט פעטערס, שיינע יידן, למדנים, חסידים. כ׳האָב אי־בערגעלעבט פייערלעכע שבתים און יום־טובים. מ׳איז געגאַנגען צו גאַסט פון איין פעטער צום אַנדערן. און עס זענען געווען שוועסטער־קינדער, ווער קאָן זיי אַלע איבערציילן? היינט די וואַרעמקייט און די ליבשאַפט פונעם זיידן!

אַן אָרעם, אָבער אַ שיין לעבן איז דאָס געווען. פול מיט בטחון. ווי גוטע מלאכים האָבן די אַלע ליבע היימישע געשטאַלטן באַגלייט מיינע קינדער־יאָרן; און זיי זענען לסוף פאַרשוווּנדן, פונקט ווי מיין מאַמעס געשטאַלט.

ווי טויבן וואָס פליִען אַוועק פון זייער טויבנשלאַק אין דער ווייטער וועלט אַריין, פאַרלירן זיך אין וועג, בלייבן הענגען ערגעץ־ווו צווישן הימל און ערד מידע און פאַרלוירענע, אַזוי צעפליִען זיך מיינע יאָרן און כ׳בלייב שטיין מיט וואַקלדיקע קני, מיט אַ פאַרלוירענעם בליק.

איך קוק אַריין אין מיין זכרון, זוך, נישטער, און זע תמיד, קודם כל — די מאַמע. דוכט זיך, אַז נישט איך, נאָר זי קוקט אַריין אין מיין געמיט און ס׳איז נישט קיין ווונדער: אַזוי פיל בשותּפותדיקע טעג!

זאָגט מען דאָך, אַז כ׳זע אויס ווי מיין מאַמע — דער זעלביקער בלוי־גרינלעכער בליק, דער זעלביקער קנייטש אַרום די מויל־ווינקלען, דאָס זעלביקע קול אַפילו.

געדענק איך טאַקע איר שטימע, כמעט איטלעך וואָרט געדענק איך, אַפילו איר צניעותדיק זינגען, וואָס איז געפלאָסן אַזוי שטיל, ווי אַ שטיל טייכל; אַן רייד, נאָר חלומות, האָפענונגען, גלויבן.

און עס גיט זיך פון זיך אַליין אַ מיש אַ בלאַט:

מען איז געקומען מיך רופן אַהיים. עפּעס איז מיר באַפאַלן אַ שווער געפיל. דער שליח האָט זיך באַמיט מיך צו באַרויִקן, צו טרייסטן:

— יוגערמאַן — האָט יענער גערעדט — נעם זיך אָן מיט מוט... זײַ שטאַרק, בחור... דײַן מאַמע איז זייער קראַנק. נאַר, ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: כּל־זמן אַ מענטש האַלט אָפּן די אויגן איז פאַראַן אַ האָפענונג...

בין איך געלאָפן אין איין אָטעם. דער ייִד איז געבליבן הינטער מיר. ער האָט מיך נישט געקאָנט אָניאָגן. איך בין געלאָפן. די מאַמע מײַנע. די מאַמע... ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, האָט מײַן טײַערע מאַמע שוין גע־האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם.

ביז איצט קאָן איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי כ׳בין דעמאָלט פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין, אין אַ קאַלטן שטיין. דאָס האָט אפשר די גרויליקע קאַלטקייט פון איר פאַרגליווערט פּנים מיך אַזוי פאַרגליווערט. אין מײַן אויג איז נישט געווען קיין טרער. אַלע טרערן מײַנע האָבן אויס־געטריקנט.

נאָך הײַנט אַפילו, ווען אַלע מײַנע געדאַנקען גליווערן אין מײַן מוח, ווען כ׳קלײַב זיך צו גיין אויף קבר אָבות צו מײַן מאַמעס אויסגעטראַכטן קבר — וואָרעם דער בית־עלמין וואָס ליגט אין אַ ווײַטן פּוילישן שטעטל, פון וואַנען כ׳שטאַם, עקסיסטירט נישט מער — קען איך מײַן אויג נאָך אַלץ נישט געבן קיין לאָגל טרערן, אויף צו פאַרלײַכטערן מײַן פּײַן.

חדר־יאָרן. עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט האָבן אַ גאַרמאָשקע. אַ סך ייִנגלעך האָבן שוין געהאַט פאַרבאַהאַלטענע גאַרמאָשקעס. כ׳האָב ממש דערוועגן געחלומט. האָט אַ ייִנגל מיך אָנגערעדט כ׳זאָל זיך צושאַרן צום אָרט וווּ מײַן מאַמע פאַרשטעקט איר געלט — אַ מאַמע מוז האָבן ערגעץ געלט! — וועל איך האָבן פאַר וואָס צו קויפן זיך אַ גאַרמאָשקע. כ׳האָב געוווּסט אַז צווישן די שופלאַדן אין דער גרויסער שאַפע איז פאַראַן איין שופלאַד וווּ עס ליגן קופּערנע מטבעות, וואָס די מאַמע לייגט אַוועק. האָב איך אין איינעם אַ פרימאָרגן אָפּגעוואַרט ביז די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק, זיך אַרויפגעדראַפּעט ביז צום העכסטן שופלאַד, וווּ דאָס געלט איז געלעגן, און ווײַל די מאַמע האָט גראָד עפּעס פאַרגעסן, האָב איך איי־דער וואָס־ווען דערהערט ווי די מאַמע זאָגט צו מיר:

— יאָסעלע, קינד מײַנס, פּאַמעלעך! קאָנסט נאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן

און זיך צעמזיקן. דער שופלאַד איז צו הויך. לאָז, אָט וועל איצט אַרײַנלייגן דאָס געלט אין אַ שופלאַד נידעריקער, וועסטו קאָנען נעמען וויפל דו דאַרפסט...

זי האָט מיר דערבײַ אַ קוש געטאָן און איז אַרויס פון הויז.

כ׳האָב שוין מער נישט אָנגערירט קיין איין מטבע. דעם חלום וועגן אַ גאַרמאָשקע האָב איך פאַריאָגט פון מיר. אָבער די פאַרשעמונג איז מיר פאַרבליבן.

אַן אַנדערש מאָל האָט די מאַמע מיר אַרײַנגעשטופּט אין האַנט אַרײַן אַ בײַטעלע מיט געלט, געגעבן מיר אַ קאָשיק, כ׳זאָל גיין עפּעס אײַנקויפן אין מאַרק. ס׳איז געווען אַ יאַריד אין שטעטל. עס זענען זיך צונויפגעקומען פויערים פון גאַנצן קאַנט. דער מאַרק איז פול געווען מיט קולות, מיט מו־קען פון בהמות, מיטן הירזשען פון פערד, מיטן כניוקען פון חזירים, מיט געשוואַשטש פון פייגעלעך. פויערטעס האָבן געטראָגן קוישלעך מיט קראַ־ליקלעך און הינדעלעך.

כ׳בין שטיין געבליבן ווי צוגעשמידט לעבן אַ הילצערנער קלאַטקע און געזען ווי געפאַנגענע פייגעלעך שפּרינגען אַרום אין שטײַגן. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז איינס פון די אָרעמע פייגעלעך, מיט אַ גרין אייגל, האָט מיך אָנגעקוקט און זיך געבעטן בײַ מיר רחמים, כ׳זאָל עס אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ, כ׳וועל אין דעם האָבן אַ מצווה...

כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה: די מאַמע האָט דאָך מיך געשיקט עפּעס אײַנקויפן, זי וואַרט דאָרט אויף מיר, וואָס גיי איך דאָ טאָן? אָבער דאָס געלע פייגעלע האָט געפאָכעט מיט די פליגעלעך, מיך אָנגעקוקט מיטן גרינעם אייגל, געקוקט אַזוי נעבעכדיק, כאָטש כ׳בין שוין געווען ווײַט אַוועק. האָב איך זיך אומגעקערט, אויסגעליידיקט דאָס בײַטעלע און האָב אײַנגעהאַנדלט דאָס שטײַגל, אָנשטאָט דאָס וואָס די מאַמע האָט געשיקט קויפן. דאָס פייגעלע האָב איך באַלד אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ. כ׳האָב זיך צוגעקוקט ווי דאָס האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופטן און איז גליקלעך אַוועקגעפלויגן. אויך איך בין געווען גליקלעך. איך בין אָבער תיכּף געוואָרן אומגליקלעך, טראַכטנדיק: וואָס וועל איך דערציילן דער מאַמען? און מײַן טײַערע מאַמע, שטאָט זי זאָל זיך בייזערן אויף מיר, האָט זי מיך גאָר אַרומגענומען, געדירקט צו איר האַרצן, אין אירע אויגן

האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ פּײַכטקייט, און אירע ליפּן האָבן פרום געמורמלט:

— קינד מײַנס, האָסט אַ גוט האַרץ...

הײַנט בין איך פּונקט אַזוי אַלט ווי מײַן מאַמע איז געווען אין דעם טאָג ווען זי איז נפטר געוואָרן. טראַכט איך וועגן מײַנע קינדער, און טראַכט וועגן מײַן אייגענעם פאַרשווינדן.

כ׳בין שוין דאָן געווען אין די רײַפע יאָרן, געהערט צו די אַרבעטער־קרײַזן, געפירט וויכוחים איבער סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן. די חברים פון שטעטל האָבן מיך געשיקט אין וויכטיקע שליחותן קיין וואַרשע. איך בין לאַנג אַרומגעגאַנגען מיטן סוד, וואָס מײַנע חברים האָבן מיר פאַר־טרויט און נישט געוואָלט דערציילן דער מאַמען, כּדי זי זאָל זיך נישט ערגערן צוליב די געפאַרן וואָס עס שטייען מיר פאָר. האָט מיך געעקבערט דער געדאַנק: וואָס זאָל איך פאָרט טאָן, ווי אַזוי זאָל איך זיך נוהג זײַן כּדי דער מאַמען נישט פאַרשאַפן קיין צער און עגמת נפש. און אַז עס איז געקומען דער טאָג פון פאָרן, האָב איך שטיל פאַרפּאַקט מײַן רענצל, זיך בסוד אַרויסגעכאַפּט פון הויז די מאַמע זאָל דאָס נישט זען און איבערלעבן. ווי אַזוי די מאַמע האָט זיך דערוווּסט דערפון איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד ביז הײַנט. כ׳בין אַרויס צום פעראָן ווען דער צוג איז שוין געווען גרייט צום אָפּפאָרן. און בעת מײַן האַנט האָט שוין געהאַט אָנגע־נומען די קליאַמקע פון דער וואַגאָן־טיר האָב איך פּלוצים דערפילט דער מאַמעס האַנט אויף מײַן אַקסל. זי איז געווען אין גאַנצן פאַרענדערט, פול מיט רחמים און אַנגסט. אָן איין וואָרט אויסצורעדן האָט זי מיר דערלאַנגט אַ פּעקעלע און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— דאָ האָסטו קאָנווערטן, מיטן אָנגעשריבענעם אַדרעס... כ׳וויל דיך בלויז בעטן, זאָלסט וואָס אָפטער אַרײַנוואַרפן אַ בריוו אין אַ וועלכן ס׳איז פּאָסט־קעסטל, אַפילו ווען דו וועסט נישט האָבן קיין צײַט עפּעס צוצו־שרײַבן, וועט אויך גוט זײַן. כ׳וועל כאָטש וויסן אַז דו ביסט נאָך אויף דער פרײַ.

איר שטים האָט זיך אָנגעפילט מיט דער פײַכטקייט פון טרערן. זי האָט אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן, אײַנצוהאַלטן אַ טרער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין געפײַפט, געסאָפּעט. דער גערויש פון די רעדער האָט דערנאָך לאַנג פאַרטויבט אין מיר דעם ווייטיק פון דער צעשיידונג.

טויכט נאָך אויף, פון צײַט צו צײַט, פאַר מײַנע אויגן מײַן מאַמעס לעצטער שמייכל. איך פיל נאָך איר הייסן אָטעם.

*

זינט עטלעכע טעג האָט דער גאָרטן הינטער מײַן פענצטער זיך צע־בליט. די גרינע בלעטער זענען אַזוי יונג און פריש און ציִען זיך צו דער ליכטיקער זון.

נעכטן בין איך אַוועק אויף אַ היגן בית־עולם.

כ׳ווייס דאָך אַפילו נישט צי איז נאָך געבליבן אַ װעלכער ס׳איז זכר פון מײַן מאַמעס קבר אויף דער שינאהדיקער פוילישער ערד. די אַרומיקע שיינ־קייט פון די דערוואַכטע גראָזן, בלומען,ביימער און בלויער הימל האָט מיר וויי געטאָן. האָב איך פאַרזשמורעט די אויגן, נישט צו זען די וועלט אַזוי ליכטיק יום־טובדיק ווי זי איז. און גייענדיק צווישן די ביימער־שורות, וואָס פאַזע זיי האָבן זיך געצויגן פאַרשיידנגרייסיקע מצבות, האָב איך שטיל גע־מורמלט:

מאַמע... מאַמע...

## מײַן פֿאַרברענטע היים

א װוּנדערלעכער מענטש איז זי געװען מײַן מאַמע, װוּנדערלעך אין איר פּשטות, אין איר ליבשאַפֿט צו מענטשן. זי האָט געלעבט בשלום מיט איר גורל, זיך קיין מאָל נישט געקריגט נישט מיט לײַט און נישט מיט גאָט; אַלע מוצאי שבת פֿלעגט זי זיך צו אים װענדן און בעטן ער זאָל איר צושיקן אַ גוטע װאָך, אַ געזונטע װאָך, אַ װאָך פֿון פּרנסה פֿאַר איר, פֿאַר איר מאַן און פֿאַר זײערע קינדער.

איך האָב קיין מאָל נישט געהערט זי זאָל אויף עמעצן פֿאַראיבל האָבן, זי זאָל װעמען מקנא זײַן, אָדער אין עפּעס חושד זײַן, כאָטש עס פֿלעגט זײער אָפֿט טרעפֿן, אַז אירע שכנים, די הענדלערס און הענדלערקעס, און אַפֿילו דער װאָס לעבט אײביק, אַלײן, פֿלעגן זי באַװולען, זי אָפּשטופּן אָן אַ זײַט, אַרױסרײַסן דאָס ביסל בידנע פּרנסה פֿון אירע הענט, פֿון זינט זי איז געװאָרן די אײנציקע פּרנסה־געבערין פֿון שטוב, — נאָך דעם װי דער טאַטע איז דערהרגעט געװאָרן דורך אַ באַנדע פּױלישע כוליגאַנעס, — אַ שטוב מיט דרײַ פּיצלעך קינדער.

— װאָס זאָל איך טאָן ? — פֿלעגט זי זיך אַלײן פֿרעגן — יענער דאַרף דאָך אויך לעבן.

אײַ „יענער" איז נישט געװען גראָד אַזאַ װיסטע אַלמנה װי זי, און „יענערס" מאַן איז נישט פֿאַרפֿירט געװאָרן אין אַ װעלדל הינטערן שטאָט דורך פּאָליאַקן כּדי אים צו באַרױבן און דערהרגענען ? דאַרף י ע נ ע ר אַרױסשלעפּן פֿון איר געװעלבל דעם פּױער, צי די פּױערטע, װאָס האָט שױן געהאַלטן בײַם קױפֿן אַ קאָפּטיכל צי אַ שטיקל שטאָף אויף אַ קלײדל ?

— אַזױ איז עס. עס האָט געהײסן, אַז מײַן מאַמע איז אַ שװאַכע אױסטױ־גערין אין קױפֿן און פֿאַרקױפֿן... אין שטוב זענען געװען דרײַ שװאַכע קינדער, צװײ שװעסטערלעך און איך, דאָס ברודערל. די שװעסטערלעך

האָבן שוין וואָכן לאַנג געפּאַכעט מיט זייערע נשמהלעך — ווי אַזוי זשע האָט מײַן מאַמע געקענט זײַן אַן אויסטויגערין אין אַ געוועלבל?

אירע קאָנקורענטן האָבן זיך פאַרענטפערט פאַר זייער כלומרשטן גע־וויסן, אַז... אָט די ריווע, נעבעך, איז אַ שלים־מזלניצע. וואָלט זי זיך אַנט־קעגן געשטעלט, וואָלט זי זיי אפשר אַ מאָל אָנגעזידלט, וואָלט זי נישט תּמיד פאַרשוויגן די עוולות וואָס מען באַגייט קעגן איר, וואָלט מען זיך געמוזט אַ ביסל רעכענען, פאַרט אַ וויסטע אַלמנה, מיט דרײַ עופעלעך. נאָר ווער איז איר שולדיק? — אַ באַקאַנטע זאַך: אויף אַ נידעריקן בוים שפרינגען די ציגן!

יאָ, אַ נידעריקער בוים איז זי געווען מײַן מאַמע ריווע. אַ קליינגע־וואוקסיקע, אַ צאַרטע און אַ שוואַכע. דער היפוך פון מײַן טאַטן, עליו השלום, וואָס איז געווען אַ הויכגעוואוקסיקער, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ייִד אַ גבר.

איך האָב פון מײַן טאַטן געירשנט דעם וואוקס, אָבער פון מײַן מאַמען שטאַמען מײַנע שמאָלע פּלייצעס. ווער ווייסט, אפשר ווען מײַנע ביידע שוועסטערלעך וואָלטן ענלעך געווען צו מײַן טאַטן, אפשר וואָלטן זיי בײַ־געקומען די טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין אונד־זער שטאָט, און וואָלטן געבליבן לעבן.

מײַן מאַמעס ברודער האָט געוווינט אין ווין. ער איז נישט געווען קיין גרויסער עושר, אָבער ער איז אויך נישט געווען אומפאַרמעגלעך, מײַן פעטער. געהערט וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט געטראָפן מיט זײַן שוואָגער און מיט זײַנע צוויי ייִנגערע פּלימעניצעס, און אַז זײַן איינציקע שוועסטער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן נישט מיט איר אָרעמען שטיקל שניט־קרעמל, און נישט מיט מיר, איר באַגאַבט מוזיקאַליש ייִנגל, ווי מ׳האָט דעמאָלט וועגן מיר גערעדט, איז מײַן פעטער געקומען צו פאָרן, האָט איינס־צוויי געהאָלפן מײַן מאַמען ליקווידירן דאָס געוועלבל, פאַרקויפן דאָס הײַזל און האָט אונדז אַראָפּגענומען צו זיך קיין ווין.

מײַן פעטער האָט געפונען פאַר אונדז אַ דירהלע. איך האָב זיך גע־גרייט אַרײַנצוטרעטן אין אַ גימנאַזיע, און צו גלײַכער צײַט גענומען לער־נען פּיאַנע. מײַן מאַמע, אַ נײַ־באַקליידטע און אַ נײַ־באַשוכטע, איז גע־וואָרן אַ פאַרקויפערין אין מײַן פעטערס קאָסמעטיק־געשעפט.

עס איז קוים צו גלייבן ווי אַזוי אַ ייִדישע פרוי פון אַלטן שניט איז אין איין יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן שיער־שיער אין אַ גאַנצער ווינערין. צוויי און דרײַסיק יאָר איז מײַן מאַמע אַלט געווען, ווען זי האָט גענומען זיך פונאַנדערקלײַבן אין די פּלערליי קאָסמעטיק־אַרטיקלען אויף אַזוי ווײַט, צו וויסן וועלכער פּאַרפיום און וועלכער פּודער עס פּאַסט זיך פאַר אַ ברו־נעטקע, וועלכער פאַר אַ בלאָנדינקע און פאַר אַנדערע. אויסגעזען האָט זי נישט מער ווי פון אַ יאָר פיר־פינף און צוואַנציק, און מײַן פעטער פלעגט זיך וויצלען:

— ריוועלע! דו ווערסט דאָך פון טאָג צו טאָג יינגער. מיט דער צײַט וועסטו שוין דאַרפן אָנהייבן גיין אין אַ „טעכטער־שולע״.

וואָס שײַך מיר, היות ווי איך האָב אין חדר זיך געהאַט אײַנגעלעבט אין תורה לערנען, אָבער אין וועלטלעכע לימודים בין איך פאַרבליבן הינ־טערשטעליק, האָט זיך מײַן עלטער אויסגעגלײַכט מיטן אויסזען. כ׳האָב אויסגעזען אַזוי אַלט ווי איך בין אין דער אמתן געווען און אפשר — נאָך עלטער.

מוזיק האָט, זעט אויס, געשטעקט אין מײַן בלוט. קודם כּל, ווײַל סײַ מײַן טאַטע און סײַ מײַן מאַמע האָבן געהאַט גרויסע מוזיקאַלישע פעיִקייטן. וואָלטן זיי געווען געלערנט, וואָלטן זיי אַוודאי געוואָרן מוזיקער. מײַן טאַטע האָט אייגנטלעך געזאָלט ווערן אַ חזן, און נאָר על פּי צופאַל איז ער גע־וואָרן אַ שניט־קרעמער. פלעגט ער זיך אָוועקשטעלן דאַווענען פאַרן עמוד אַ שבת צי אַ יום־טוב, איז געווען וואָס צו הערן. אַ סך חסידישע ניגונים וואָס מען פלעגט זינגען בײַם רבינס טיש זענען געווען זײַנע קאָמפּאָזיציעס, און זיי זענען געווען פאַרשפּרייט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

איז נישט קיין וווּנדער וואָס איך, זײַן יורש, האָב געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין דער מוזיק־שול.

מיט דער צײַט האָב איך אויך אָנגעהויבן קאָמפּאָנירן, שאַפן מוזיק־שטיק, אָבער איך האָב קיינעם מײַנע קאָמפּאָזיציעס נישט געוויזן, ווײַל איך האָב זיך אַליין געשראָקן פאַר פריצײַטיקער באַרימטקייט, וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ און ס׳קומט קיין גוטס פון דעם נישט אַרויס. איך האָב זיך דער־מאָנט וואָס מײַן טאַטע פלעגט זאָגן ווען מען פלעגט אים, נאָך אַן אויסגע־צייכנטן דאַווענען זײַנעם פאַרן עמוד, פאַרשיטן מיט קאָמפּלימענטן:

— איר זײַט דאָך גאָר עפּעס אַ גאַנצער סיראַטע, אַ הערשמאַן, אַ ווי־נאַגראַדאָוו. מיט איין וואָרט: אַ יאָסעלע ראָזנבלאַט.

— הע, כאַפּט נישט, כאַפּט נישט — פלעגט ער זיי אָפּהאַלטן — נישט אַזוי גיך. וואָלט איך געווען כאָטש אַ צענטחלק פון יעדן איינעם, וואָס איר האָט דאָ אויסגעערכנט, וואָלט איר ערשט געמוזט גיין מיך הערן דאָ־וועגן אויף בילעטן; איר וואָלט געדאַרפט פאַרקויפן אײַערע בעבעכעס כדי צו קענען אַרײַנכאַפּן בײַ מיר אַ קדושה; צווייטנס, וואָלט איך געדאַוונט אין בערלין, צי גאָר אין ניו־יאָרק, אין אַ כאָרשול אָדער אין אַ טעמפּל, ווי עס הייסט בײַ זיי דאָרטן. איר וואָלט סײַ־ווי נישט געקענט מיטזינגען מיט מיר אַ „לכה דודי", אַ „השיבנו אליך ונשובה", ווײַל איר וואָלט דאָך געווען דאָ און איך — דאָרטן; דריטנס, וואָלט איך דאָך געווען אויס בעל־תפילה און וואָלט מגולגל געוואָרן אין אַ מין טענאָר, וואָס נעמט אויס בײַ לײַטן אָבער בשום אופן נישט בײַם אייבערשטן, וואָס האָט ליב השתפּ־כות הנפש, האָט ליב מען זאָל אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אים, און נישט זיך ציקלען ווי אַ באַק, סתם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

האָט זיך מיר אויך געדוכט, אַז מען טאָר נישט כאַפּן. קודם דאַרף מען שפּילן ווי געהעריק אַ זעקס־אַכט שעה אַ טאָג, און טאַקע יאָרן לאַנג, דער־נאָך ערשט באַרימט ווערן. איך האָב צײַט, איך דאַרף נאָך אַ סך לערנען ביז איך וועל קענען אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. איך בין מענדל דעם בעל־תפילהס זון, דאַרף איך זיך האַלטן אין מײַן שטייגער און וואַרטן.

איך האָב ווײַטער קאָמפּאָנירט פאַר מײַן פאַרגעניגן וועגן און דער עיקר — פאַר מײַן מאַמעס פאַרגעניגן וועגן. איר צוליב, און אויך מײַן פעטער צוליב, האָב איך געשריבן אַ סויִטע אויף דער טעמע „דאָס חסידל" און עטלעכע סאָנאַטעס אין מינאָר און נאָך עטלעכע קלענערע זאַכן. ס'איז פאַר מיר קיין גרעסערער תענוג נישט געווען ווי צו זען מײַן מאַמעס פרייד, ווי צו הערן מײַן פעטער אונטערברומען: „איַי, איַי, איַי!"

זענען זיי ביידע, מײַן מאַמע און מײַן פעטער, געווען די אָקושאָרן פון מײַן מוזיק, און זיי האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס וואָס איך האָב גע־קאָנט נישט בלויז זיך פאַרטיפן אין דער קלאַסישער מוזיק, נאָר אויך זיך אָפּגעבן מיט ייִדישער.

כ'האָב אָבער געמוזט נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון מײַנע געוועזענע לערערס, גוטע פרײַנד און תלמידים — און מסכים זײַן אַרויסצוטרעטן מיט

מײַנע אײגענע קאָמפּאָזיציעס. די צוגרײטונג צו דעם דאָזיקן ערשטן קאָנ־צערט מײַנעם האָט צוגענומען בײַ מיר אַ סך צײַט און מער ווי אַ חודש בין איך כמעט נישט אָפּגעטרעטן פֿון דער פּיאַנע. אַפֿילו אין שלאָף, אַפֿילו אין חלום האָבן מײַנע פֿינגער אַרויסגעלאָקט פֿון די קלאַווישן פֿונקען־טענער, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאָר דעם חלל פֿון מײַן פֿאַנטאַזיע.

מײַן מאַמע פֿלעגט כּסדר זיצן אין אַ ווינקל חדר און פֿלעגט נישט בלויז מיר נישט שטערן, נאָר אַדרבה, זי פֿלעגט די דאָזיקע פֿונקען־טענער עפּעס ווי צונויפֿכאַפּן און זײ אײַנזאַמלען אין איר שויס. זי האָט זײ גע־טוליעט צו זיך און מער ווי אײן מאָל האָט זי זיך צעוויינט פֿאַר פֿרייד און פֿאַר נחת.

דער אָפּקלאַנג פֿון מײַן מוזיק אין מײַן מאַמעס געמיט איז געווען גאָר אַ גרויסער. אין דעם דאָזיקן אָפּקלאַנג האָט אַוודאי אויך געשטעקט אַ ניצוץ פֿון מײַן טאַטנס נגינה. וואָלט ער, אין אָט דער צײַט ווען איך האָב זיך געגרייט צו מײַן קאָנצערט געלעבט, וואָלט ער אין מײַנע קאָמפּאָזיציעס, באַזונדערס אין דער דריטער סאָנאַטע מײַנער, דערקענט זײַן אײגן קול, זײַן אײגענע שטים, זײַן אײגענע תּפֿילה. דערפֿאַר טאַקע האָב איך זי אים געווידמעט.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך פֿאַרפֿאַסט נאָך אַנדערע מוזיקאַלישע ווערק. צוויי פֿון זײ האָב איך געהייליקט מײַן מאַמען ע״ה, וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

אוישוויץ. וואָס קאָן מען וועגן דעם זאָגן, דערציילן? איז שוין דען געבוירן געוואָרן דאָס וואָרט, די שטים, דער קינסטלער וואָס זאָל מסוגל זײַן אויסצושרײַען דעם ווײ־געשרײ פֿון אומגעבראַכטע מיליאָנען נפֿשות, אַזש עס זאָלן זיך אַ טרייסל טאָן די זײַלן פֿון דער ערד? נאָר בײַ מיר און בײַ מײַן מאַמען האָט זיך אָנגעהויבן די שׂרפֿה נאָך אין יענעם אָוונט, ווען איך האָבן געשפּילט אין גרויסן שטאָטישן קאָנצערטזאַל. אַ שׂרפֿה האָט אויס־געבראָכן אין אונדזער דירה און אַלץ וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען, אַרײַנ־גערעכנט אַ גרויסע צאָל פֿון מײַנע ווערק, איז אַוועק מיטן פֿײַער.

פֿאַרברענט געוואָרן איז אונדזער היים אין ווין דרײַ יאָר פֿאַרן אַנשלוס.

שולדיק אין דער שׂרפֿה איז געווען, ווי עס ווײַזט אויס, מײַנער אַ נישט־אויסגעלאָשענער סיגאַרעט. כ׳האָב זיך געפֿילט שולדיק. כ׳בין געווען זיכער

אַז מײַן מאַמע ווייסט דערפֿון. אָבער מײַן מאַמע האָט מיר קיין שום פֿאַר־וווּרף אויף דעם נישט געמאַכט. עס האָט געדויערט לאַנגע חדשים ביז מיר האָבן, אַ דאַנק מײַן פֿעטער, געקענט אויפֿשטעלן אַ נײַע היים און זיך אײַנשאַפֿן אַ נײַעם קלאַוויר. די מאַמע מײַנע האָט קיין מאָל נישט אויס־גערעדט קיין וואָרט וועגן אָט דער שׂרפֿה. נישט דערמאָנט.

נאָך אַ שׂרפֿה ווערט מען רײַך ? —

אָ, מיך האָט די שׂרפֿה באַרײַכערט. באַרײַכערט מיט אַ נײַער קאָמפּאָ־זיציע, וואָס איז שטאַרק געליבט געוואָרן דורך דער מוזיק־קריטיק.

אָבער איצט, ווען איך גיב אַ טראַכט פֿון יענעם אָוונט, וואָס איז דורך מיט גרויס דערפֿאָלג פֿאַר מיר, ווייס איך נישט וווהין ווײַטער צו קערעווען מײַנע געדאַנקען: צום קאָנצערט־זאַל, אָדער צו אונדזער צווייטער חרובער היים ? נאָר זיי קירעווען זיך אַליין, מײַנע געדאַנקען, צו אַלע דרײַ חרובע היימען פֿון מײַן יוגנט: צום פּוילישן ייִדישן שטעטל פֿון מײַן קינדהייט, צו ווין און צו... אוישוויץ, ווו מיליאָנען ייִדן, און צווישן זיי מײַן טײַערע מאַמע, זענען פֿאַרברענט געוואָרן, בײַם גוטהייסן פֿון איין טייל מענטשן און בײַם שטילשווײַגן פֿון דעם אַנדערן טייל. און גאָר אַ סך פֿון אָט די צוויי טיילן האָבן הנאה פֿון מײַן מוזיק...

# צוויי מאַמעס

מ׳זאָל נישט געפּרוווט ווערן, צו וואָס מ׳קאָן געוווינט ווערן! — האָט איינע געזאָגט דער צווייטער. דער עיקר אָבער — ווען מ׳וואָלט געקאָנט פאַרגעסן דעם אַמאָל און לעבן מיטן איצט, וואָלט אפשר די לאַגע געווען אַן אַנדערע.

ס׳טרעפט אַז אַ מענטש וועקט זיך פּלוצים אויף פון חלום, דערשרעקט זיך פאַרן געזעענעם, גיט זיך אַ ריס ווי צום אַנטלויפן. האָט עס גראָד גע־טראָפן מיט דער פרוי פייגל, וואָס האָט שוין נישט קיין כּוח צו לויפן.

פרוי פייגל האָט שטאַרק ליב אירע קינדער. דאָס גאַנצע אַמאָליקע לעבן זינגט פון איר אַרויס דורך אָט דער ליבע. עס זינגען אַרויס פון איר די שטילע סעדער, דער ברונעם ווו עס קומען שבת די געליבטע פאָרלעך טרינקען פריש וואַסער. דאָס דאָרף אין פוילן פון וואַנען זי שטאַמט. די ברידער, די שוועסטער, טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע, פעטערס, מומעס. די לאָנקעס, די וועלדער, ס׳קליינע טײַכל מיט די זילבערנע פישלעך; די פריִע האַרבסטן מיטן געשמאַק פון צײַטיקע פרוכטן וואָס שוועבן אין דער מיל־דער לופט, אַרום די כאַטעס מיט די שטרוי־געדעקטע דעכער. דער טאַטע און די מאַמע זענען תּמיד פול מיט זאָרג און מיט דאגות. די מאַמע אירע, די פּרנסה־געבערין, אַ פּראָסטע שנײַדערין, נייט פאַר די פויערטעס קליי־דער צו זייערע חתונות. און דער טאַטע? ווי אַלע ייִדישע טאַטעס.

נו, מילא. אָבער איר וועלט זענען אירע קינדער, שוין חתונה געהאַטע. זי האָט שוין אויך מיט מזל אייניקלעך, געלויבט השם יתברך, און ז י י זענען איר לעבן.

די פרוי מרים איז שוין גאָר אַן אַנדערע. זי איז אַ ביסל אַ ייִנגערע. אויך געקומען פון אַן אָרעמער היים. קיין פּאַריז געקומען נאָך זייער יונג; אויפגעהאָדעוועט זיך אין די שמאָלע געסלעך אויפן בעלוויל, צווישן קינדער

פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם. איז זי אַ שטאַרקע, אַ זשוואַווע, קאָן אַלץ בײַקומען. מ'רופט זי טאַקע: די אויסטויגערין. זענען אירע חלומות אַנ־דערש? אפשר.

האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן מחמת שכנהשאַפט און פון זיך אַליין האָבן זיי זיך צעשמועסט מכוח דעם אַז... מ'זאָל נאָר נישט געפרוווט ווערן צו וואָס מ'קאָן געווינט ווערן.

זאָגט פייגל צו מרימען:

— זעט איר, אַ מאַמע דערקענט מען אין בליק. אינעם ליד איבער איר קינדס וויגל. צי זי זינגט פון אַמאָל, צי פון איצט. פון ברויט צי פון פרײַ־לינג. פון צער צי פון ליבע.

ענטפערט איר מרים:

טײַערע פייגל, ווי זאָגט מען דאָרט בײַ אונדז? — „מען דערקענט אין די באַקן, ווי די צײַנער קנאַקן". איר חלומט, פייגל, און אַ מענטש דאַרף זײַן וואַך. נישט תמיד און נישט אַלץ זענען די קינדער.

פייגל:

ריכטיק. אָבער אַלץ איז אָפּהענגיק פון פיצעלע מזל. און, גאָט צו דאַנ־קען, דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט, כ'האָב באַקאַשעם טײַערע קינדער. בין איך צופרידן. וואָס נאָך דאַרף איך? —

מרים:

דאָס וואָס איר ווילט דווקא אַזוי זיך רימען מיט אײַערע קינדער — דאָס איז אײַער זאַך, אָבער וואָס האָט עס צו דער מאַמעס בליק, אָדער גליק? אַזוי גליקלעך זענט איר טאַקע?

פייגל:

די קינדער האָב איך ליב, און דאָס איז פאַר מיר אַלץ.

מרים:

כ'האָב נאָר מורא, אַז איר חלומט אין מיטן העלן טאָג.

פייגל:

כ'וויל איר זאָלט וויסן, מרים, אַז איך ווייס וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: דער מענטש ווערט געבוירן מיט אַ יצר הרע, אָבער ער מוז נישט אייביק בלײַבן בײַ דעם. ער מוז קאָנען באַהערשן די שלעכטע זײַטן. דערפאַר פלעגט מײַן טאַטע, ר' איטשעלע ז"ל, אַלע יאָרן זײַן אַרײַנגעטאָן

אין תּורה, אין מעשׂים טובים און געהאָלפֿן דעם מענטש מיט וואָס ר׳האָט געקאָנט.

— איך זע — זאָגט מרים — אַז איר ווילט אַפֿילו זיך אַליין איינ־רעדן, אַז איר זענט גערעכט. זאָל עס אײַך ווויל באַקומען.

פֿייגל:

אוי, טײַערינקע, כ׳האָב פּונקט ווי איר ליב דאָס לעבן, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער.

מרים:

זעט ווי איך זע אויס — כ׳בין נאָך גענוג יונג, כ׳געפֿעל אַלעמען. מען רופֿט מיך מרים די אויסטויגערין. אַוודאי טויג איך זיך אויס. כ׳האָב גענוג געלט. און מיט געלט קויפֿט מען די וועלט. כ׳האָב אַ טאָכטער מיט אַ זון, ביידע זענען נאָך אין ליציי. מיינט איר אַז איך פֿאַרנעם זיך צו פֿיל מיט זיי? בײַ מיר אין שטוב איז פֿאַראַן אַ דינסט־מיידל זי זאָל זיי אָפּהיטן. איך צאָל פֿאַר אַלעם. קלייד זיי אויס. און טאָמער גייט עס זיי שווער־לעך אין לערנען, נעם איך אַ לערער זיי צוצוהעלפֿן. אַז זיי וועלן ווערן זעלבשטענדיק, וועלן זיי סײַ־ווי מער נישט געדענקען זייערע טאַטע־מאַמע, וועלן ווערן היפּיס, לינקיסטן, מאַאָ־איסטן, טראָצקיסטן, אָדער גאָר אַרומשלעפּן זיך. ווער מיט אַ שיקסע, ווער מיט אַ שייגעץ. ס׳איז זייער זאַך. איך וועל זיי אַפֿילו גאָר נישט זאָגן, און זיי וועלן מיך במילא נישט הערן. פֿרעג איך אײַך אַליין: נאָך וואָס ברעכן זיך דעם קאָפּ פֿאַר זיי?

פֿייגל, אַ ביסל געפּלעפּט, פֿרעגט טאַקע בײַ זיך אַליין: — נאָך וואָס די אַלע רייד? אַרויסגעוואָרפֿן... נאָר — הערט מיך אויס, מרים. איך האָב אויך נישט קיין גרויסע אײַנרעדעניש וועגן מענטשן, נאָר איך זע עס גאָר אַנדערש. אויב איר וועט מיך לאָזן רעדן, וועל איך אײַך פּרוּוון דערקלערן: דער מענטש איז טאַקע ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספֿרים: כּי יצר לב האדם רע מנעוריו. און קעגן אַ נסיון איז קיינער נישט פֿאַרזיכערט. נאָר אַז ס׳איז דאָ דאָס ביסל מזל, וואָס איז נישט געגעבן גע־וואָרן יעדן איינעם, איז גוט. וואָס שייך די קינדער, איז עס אַ קייט מיט רינגעלעך. יעדער באַזונדער האָט זיך זײַן לעבן. כ׳האָב אויסגעהאָדעוועט מײַן טעכטערל, איר געהאָלפֿן. זי איז גוט, חנעוודיק, מיט אַ מענטשלעך ייִדיש האַרץ, אַ מאַמע פֿון דרײַ קינדערלעך, האָט אַ ווילן מאַן. ביידע אַרבעטן זיי. אלא איך, אַ מאַמע? וואָס איז שוין פֿאַר זיי אַן אַלטע מאַמע?

ס'איז אמת, כ'וואָלט געמעגט האָבן אַ ביסעלע מער וואַרעמקייט פון דער טאָכטער, נאָר מילא... אָבער איך געפין אַלע מאָל אויס אַ זכות, איר צו אַנטשולדיקן. מײַן האַרץ איז אָפט פאַרקלעמט, ווײַל חוץ די טאָכטער און דעם זון פאַרמאָג איך נישט קיינעם מער אויף דער וועלט. מײַן מאַן איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

דאָ האָט זיך מרים ברייט צעלאַכט:

זעט איר שוין, וואָס פאַראַ פאַנאַטישע מאַמע איר זענט. אָפּגעגעבן ס'גאַנצע לעבן אויסצוואַרעמען זיי, ווי אַ הון אירע הינדעלעך, און ווי נאָר זיי באַקומען פעדערן פליִען זיי אַוועק. אויס מאַמע.

האָט איר פייגל איבערגעריסן:

איר ווייסט דאָך אַליין וואָס מען זאָגט אין אונדזער פּשוטן לשון: „קיינער ווייסט נישט וועמען דער שוך קוועטשט"... ס'איז אמת. נישט אַלע מאָל איז דאָס לעבן צווישן די קינדער און אַן אַלטער מוטער אַזוי פּשוט. ס'איז אַסיען־צײַט. שוין נאָכן שניט. עס קומען ווינטן, רעגנס, ווי דער הימל וואָלט צעריסן געוואָרן, ווי דער מאַמעס האַרץ. כ'בין אָבער אַ מאַמע, כ'מוז אַלץ פאַר ליב נעמען, פאַרדעקן אַלע עוולות. איר מיינט, פרוי מרים, אַז איך וויל אַנטלויפן פון אמת? בײַ אײַך מיינט זײַן אַ גוטע מאַמע — אַ מאַמע וואָס איז בלינד, וויל פון גאַרנישט וויסן, און רעדט זיך אײַן אַז די קינדער גייען פאַר איר אויס, זאָג איך אײַך, אַז איך רעד זיך גאַרנישט ניט אײַן. נאָר זיי זענען מײַנע קינדער, מײַן לײַב און לעבן און בין זיי מוחל בײַ טאָג און בײַ נאַכט פאַר די עוולות וואָס זיי באַגייען קעגן מיר, אויב זיי באַגייען.

— אוי, פייגל, פייגל, זאָגט צו איר מרים, וואָס האָט איר פון אַלע אײַערע שיינע ווערטער? קוקט אײַך כאָטש אָן אין שפּיגל — אײַער פּנים איז צעקנייטשט, די קליידער וואָס די קינדער האָבן אײַך צוגעוואָרפן, נאָך דעם ווי זיי האָבן בײַ אײַך באַצײַטנס אויסגענאַרט די ירושה, אַלע אָפּ־שפּאָרונגען אײַערע, אײַך אַפילו געצוווּנגען צו פאַרקויפן די דירה וווּ איר האָט פאַרבראַכט אַ גאַנץ לעבן, אײַך אַרײַנגעשטופּט אין אַ בוידעם־שטיבל, אויפן זעקסטן שטאָק, אָן אַ ווינדע, אָן באַהייצונג. איך ווייס, זעט איר, וועגן אַלץ.

די מאַמע פייגל האָט איר איבערגעריסן:

ס׳איז אמת. כ׳ווייס אַ סך פון טרויער און פון געוויין, אָבער איך לעב מיט אַ שטענדיקער האָפענונג.

פייגל איז פּלוצים שטיל געבליבן, ווי זיך געשטיקט מיט אַ נישט־דערזאָגט וואָרט. אָבער מרים האָט זיך געוואָרפן אויף איר מיט בייזע רייד:

— ווען מײַנע קינדער דאַרפן געלט, וועל איך זיי נישט אָפּזאָגן, אָבער ס׳זאָל מיר אַליין נישט שטערן אין מײַן לעבן צו גיין אין רעסטאָראַנען, מאַכן אַ קערטל, טראָגן שיינע קליידער, פוטער־מאַנטלען. אויב איך קאָן זיי מיט עפּעס העלפן העלף איך זיי, אָבער מער? און וועגן אײַך: קודם כּל זענען מיר שכנים און אַ ביסעלע קרובים אויך, און כ׳ווייס, כ׳ווייס ווי שווער אײַך איז אין די פּרייטיק־צו־נאַכטסן. איר זענט די גוטע און שטאָלצע מאַמע. איר באַרימט זיך מיט אײַערע קינדער, איידעמס און שנור וואָס קומען צו אײַער טיש. איר גרייט אָן פון שענסטן און פון בעסטן, אָבער זיי קומען נישט, די קינדער. ביסלעכווײַז האָבן זיי אײַך פאַרלאָזן מיטן אויסרייד: „פאַרשטייסט, מאַמע, מיר האָבן אַליין אויך קינדער, דאַרף מען זײַן מיט זיי. אוועקגיין יעדע נאַכט קען מען נישט. מיר זענען באַלאָדן מיט אַרבעט, מ׳דאַרף גיין אין אַ טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט... זײַ מוחל, מאַמע, מיר וועלן קומען". און אויפגעהערט צו קומען, זיך באַנוגנט מיט אַ קלונג אין טעלעפאָן: „מאַמע, ביסט אַליין?... וואָס מאַכסטו" און איר ענטפערט מיט אַ צאַרטער שטימע: „ס׳איז מיר אַזוי גוט צו וואַרטן אויף אײַך... אַ דאַנק וואָס איר געדענקט נאָך אַ קלונג צו טאָן צו דער מאַמען, זאָגן איר אַ „גוט שבת", אַ „גוט יום־טוב"...

— מילא — זאָגט פייגל — בין איך אַליין. איך בין אָבער זיכער, אַז זיי וועלן קומען, די קינדער מײַנע. מיר וועלן צוזאַמען רעדן, לאַכן, זינגען. געבענטשט זאָלט איר זײַן, קינדער מײַנע. און איר, מרים, וואָס בײַ אײַך איז דער עיקר אײַער פאַרברענגעכץ און דאָס גוטע לעבן, מעגט אויף מיר האָבן כאָטש אַ ביסל רחמנות. קריכט נישט אַרײַן אין מײַן נשמה, אין מײַן האַרץ. כ׳בין אַן איינפאַכע פרוי, אַ פּשוטע מאַמע. לאָזט מיר איבער דאָס ביסעלע גלויבן וואָס כ׳האָב. דאָס ביסל האָפן צוזאַמען מיט מײַן בענקשאַפט, כ׳וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון מײַנע קינדער, חלילה וחס.

פייגל האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרבראָכן די הענט. די אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיקע מאַמע־הענט האָבן אין זיך געטראָגן די ברכה פון גוטס־

קייט, פון ליבע. צו זײַן אַזוי איינזאַם בײַ דער זײַט פון אירע קינדער און דאָס האַרץ זאָל נישט פּלאַצן — דאַרף מען טאַקע האָבן אײַזערנעם כּוח.

ביז —

זי איז אין איינער אַ נאַכט — און אפשר נאָך אַט דעם שמועס — אײַנגעשלאָפן. און אין חלום האָט די טיר זיך געעפנט. זי האָט דערזען איר זון, ווי ער אײַלט צו איר מיט ברויט אין האַנט, אַ ברויט פאַר דער מאַמען. אָבער ווי נאָר זי האָט געוואָלט זיך דערנענטערן צום זון, איז אויסגעוואַקסן איר שנור און האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג...

זי האָט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס און אַנטקעגנגעגאַנגען דעם זון, איר אויסגעבענקט קינד, געוואָלט אים אַרומנעמען, דריקן צום האַרצן. אָבער ווידער האָט די שנור זי אָפּגעשטופּט. פייגל איז אומגעפאַלן. זי איז געבליבן ליגן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. די שנור האָט אַרויפגעטראָטן אויף איר מיט די פיס, אַרויסגענומען פון איר פּײַנעם קראָקאָדיל־טאַש אַ שפּיציקע אָל און איר אויסגעשטאָכן ביידע אויגן, און — די מאַמע פייגל איז בלינד געוואָרן...

ווען פייגל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם פינצטערן קאָשמאַר, האָט זי זיך דערזען ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, אין דעם אויסגעבליאַקעוועטן נאַכט־העמד. זי האָט זיך קוים אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעוואַשן, געזאָגט מודה־אַני, אויסגעבײַטלט דעם בייזן חלום אויף אַלע ווייסטע וועלדער, אײַבערגעשיקט ברכות צו די קינדער און אייניקלעך, זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן פון אַלדאָס בייז, נאָר דערפילט אַז די אויגן זענען איר פאַרטונקלט. עס שווינדלט איר פאַר די אויגן, ווי פּײַערדיקע פליגעלעך וואָלטן אַרום זיי אַרומגעשוועבט. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט און אַרײַנגערופן אַ שכנה, האָט אויסגעקראַצט די לעצטע גראָשנס און געבעטן דער שכנה זי זאָל גיין קויפן בלומען, און מען זאָל זיי שיקן צו איר שנור, וואָרעם זי האָט זיך דערמאָנט, אַז גראָד הײַנט איז דער שנורס געבורטסטאָג...

## דער רעטראָוויזאָר

עס טרעפט, אַז אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין אַן אויטאָ־שפּיגעלע, וואָס הענגט אַנטקעגן דעם שאָפער, און רופט זיך „רעטראָוויזאָר״, ס׳הייסט — צוריקבליק. און טאַקע אין אָט דעם שפּיגעלע וואָס איז געהאָנגען פאַר מײַנע אויגן, האָב איך אַנטדעקט אַ קאַמיאָן־שאָפער, ס׳הייסט אַ שאָפער מיט אַ שווערן לאַסט־אויטאָ, אַן אָנגעלאָדענעם מיט פלעשער. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ רוי, פאַרהאַרטעוועט פּנים, אויסגעשמיסן פון ווינטן און רעגנס, פון זײַנע שטענדיקע אוטערוועגנס.

כ׳האָב אַ דערזע געטאָן אָט דאָס פּנים און אַ מאָדנער טראָשטש איז מיר אַ דורך דורכן לײַב, ווי אַ שלעכטער אָנזאָג, ווי אַ וויסטע בשׂורה. וואָס וויל עס אָט דאָס פּנים פון מיר און פון די קינדער מײַנע וואָס פאָרן מיט מיר? גיי וויס.

און עס קאָן גאַנץ מעגלעך זײַן אַז ער האָט אַפילו גאָרנישט געוווּסט, נישט געאַנט, נאָר ס׳האָט אים אַ בלינדער גורל באַפוילן מיך נאָכצויאָגן, מיך דעריאָגן, מיך איבעריאָגן? ווער קען דען אַצינד דערגיין דעם אמת? פאַראַן מאָמענטן, ווען דער מענטש דערזעט פּלוצים אין אָט דעם קליינעם אויטאָ־שפּיגעלע, אין דעם אַ „רעטראָוויזאָר״, דעם געראַנגל פון לעבן און פון טויט.

און —

אָט פליט אַ מאַמע, ווי זי וואָלט זײַן באַוואָפנט מיט צוויי גיגאַנטישע פליגל. זי פליט איבערן אָקעאַן, און אַלע שטורמישע ווינטן קלאַפּן צוזאַמען מיט איר האַרץ אין די טויערן פון רחמים, וואָס זענען גראָד איצט געשלאָסן, אין די הימלען וואָס מ׳קען צו זיי נישט צוקומען, אָבער זי רײַסט זיך מיט אַלע אירע כּוחות אַז איר תּפילה זאָל דערהערט ווערן. שוין איצט. ווײַל

איר זון, יעקב, איר איינציקער זון, אירע צוויי ליבע אייניקלעך, מיט איר טײַערער שנור רחל, וואָס איז זיכער די שענסטע שנור וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט, זענען געפֿאָרן קיין אַמעריקע אין באַגלייטונג פֿון דער שנורס עלטערן, און אָט אָ דער, פּונקט דער אָ שאָפֿער פֿון אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ מיט פּלעשער, איז זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און זײַנער אַ שטויס האָט זיי אַראָפּגעשלײַדערט אין אַ טיפֿן ראָוו אַרײַן.

פֿליט זי, די מאַמע, פֿון פּאַריז צו איר זון, אין אַן אַמעריקאַנער שפּיטאָל אַרײַן, וווהין מען האָט אים נאָכן אויטאָ־פֿאַרפֿאַל געבראַכט צופֿירן, מער טויט ווי לעבעדיק און זי פֿלאַטערט דאָרט מיט תּחנונים אַרום זון אירן. זי בעט זיך בײַ אים: „שווײַג, קינד מײַנס, רעד נישט, זון מײַנער. זאָג מיר נאָר ווי אַזוי קען איך דיך ראַטעווען? דאַרפֿסט בלויז וועלן לעבן, צוליב דיר אַליין, צוליב דײַן פֿרוי און דײַנע צוויי קינדערלעך, און מײַן לעבן הענגט דאָך אין גאַנצן אָפּ פֿון דײַן לעבן".

צי איז עס עס טאַקע אַזוי געשען, אָדער אַלץ איז בלויז אַ וויסטער חלום פֿון אַן אומגליקלעכער מאַמען, וואָס דוכט זיך איר אַז זי לויפֿט איבער פֿעלדער און וועלדער, איבער בערג און ימען, כּדי צו ראַטעווען, אַרויסרײַסן פֿון די אָרעמס פֿון טויט אירע קינדער? —

עס זענען אָבער דאָ טעלעפֿאָנען אויף דער וועלט און אין יענעם טאָג האָט אַ דרינגענדיקער טעלעפֿאָן־געשפּרעך אָנגעזאָגט דער מאַמען וועגן דעם אומגליק און ביז זי איז אַהין דערפֿלויגן האָט זי געלעבט צווישן שרעק און האָפֿענונג. ווי אַזוי איז עס געשען? זענען זיי לײַכט פֿאַרוווּנדעט, צי שווער? גאָט אין הימל, אַ מגושמדיקער לאַסט־אויטאָ, מיט אַ מגושמדיקן פּנים פֿון אַ שאָפֿער וואָס האָט זיך צו איר זון באַוויזן דורכן „רעטראָוויזאָר", איז אָנגעלאָפֿן ווי אַ שד און זיך געוואָרפֿן מיט זײַן גאַנצן כּוח אויף זייער לײַב־און־לעבן.

דאָ איז פּאַריז און די קינדער זענען אַזוי ווײַט, אין אַמעריקע אַזש, ווײַט פֿון דער היים, וווּ זי האָט דעם זון אירן אויסגעכאָוועט מיט אַזוי פֿיל צערטלעכקייט, ביז זי האָט זוכה געווען אַז איר בן־יחיד יעקב איז אויסגעוואָקסן אַ וויסנשאַפֿטלער און זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פֿון אַן ערנסטן פֿאָרשער, און מ'האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק אים צו שיקן אין אַ וועלט־באַרימטן אוניווערסיטעט, כּדי זיך דאָרט צו פֿאַרפֿולקומען... האָט פּאַסירט דער אומגליק.

און עס קומען זיך צונויף וואָר מיט קאָשמאַר, מיט וויסטער אויס־טראַכטעניש. דאָס געשריי פון די קינדער, דאָס שטום־שווייַגן פון דער שנור. דער באַלדיקער אומקום פון איר מאַמען. רייַסט זיך די מאַמע אסתּר די האָר פון קאָפּ; עס איז בייַ איר איצט ווי ס׳וואָלט אַ שטורעם אויס־געבראָכן, עס דונערט, עס בליצט, ווי די ערד וואָלט באַדעקט געוועזן מיט ברענענדיקע וואָלקנס. נאָר זי אייַנצושלינגען. אויס וועלט! אויס מענטשן!

זי פליט אין עראָפּלאַן און עס שוועבן דורך די אַלע ליבע פּנימער: דער זון, די אייניקלעך, די שיינע שנור רחל, וואָס זי האָט אַזוי ליב. און זי לויפט מיטן עראָפּלאַן קעגן ווינט, קעגן שטורעם. דער רעגן פּאַטשט איר אין פּנים. די טרערן שטיקן אין האַלדז.

אויף אַ פרעמדער ערד, אין ווייַטן אַמעריקע, האָט זי דאָרט אַהין פּאַרבלאָנדזשעט, די מאַמע, און טרינקט דאָרט די געזאַלצענע טרערן בייַ די בעטן פון איר זון, פון אירע טייַערע אייניקלעך און פון דער ליבער שנור.

אסתּר, די מאַמע, די אָנגעפּלויגענע פון פּאַריז, שטייט בייַם בעט פון איר פאַרוווּנדעטן זון, בייַם בעט פון דער טייַערער שנור, וואָס ליגט כּמעט אין גסיסה, בייַם אייניקל דודל, וואָס איז מער טויט ווי לעבעדיק. אַ גליק נאָך וואָס דאָס עלטערע קינד, ס׳מיידעלע ריוועלע וואָס מ׳רופט אין פּאַריז ריימאָנד, איז אַרויס פון געפאַר און דאַרף בלויז אַ לייַכטע היילונג. אָבער — אויף וועמען זאָל זי אָנהענגען איר האָפענונג?

אמת, די מענטשן זענען צו איר גוט. זיי פירן זי מיט זייערע אויטאָס פון איין שפּיטאָל אין אַנדערן, היטן אָפּ זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרייַן, נישט זייַן אייַנזאַם און עלנט. און פרעמדע פרויען קומען מיט איר אין די שפּיטעלער צו פאַרברענגען מיט אירע קראַנקע. שמייכלט בלאָס דער זון אירער, יעקב, צו איר שטענדיקער באַגלייטערין, מרס. דזשעקסאָן. אַ יונגע, שיינע פרוי. זי איז אַן אמתער מליץ־יושר אין זייַן שווערן געראַנגל פאַרן לעבן. בלויז איר פאַרכאַפּנדיקע אויסגעטאָקטע פיגור, איר באַצויבערנדי־קער שמייכל און אירע גוטע מאַנדל־ברוינע אויגן רופן צום לעבן. בעט ער בייַ דער מאַמען, פאַר איר אָוועקגיין, זי זאָל צוריקקומען דעם זעלביקן טאָג, אים דערציילן וואָס עס מאַכט זייַן זון, זייַן מיידעלע און זייַן געליבטע ווייַב רחל.

צווערשט האָט ער אין זייַן האַלב־באַוווּסטזייַן צושטאַנד דערזען אין דער פרוי עמאַ — זייַן רחל. עס זענען מיט אַ מאָל ווי דורך אַ כּישוף־

שפּרונג צוריקגעקומען יענע גליקלעכע טעג, ווען זיי האָבן ביידע געשפּינט דאָס גליק־בילד פון לעבן. ס'איז געווען אַ פרילינג־אָוונט. דער גאָרטן איז געווען איינגעטונקען אין ראָז־וויסן בלייעכץ. אויף אַ נאָענטן בוים האָט זיך אַ פויגל זינגענדיק געזעגנט מיטן זוניקן טאָג. און ס'איז טאַקע באַלד געוואָרן נאַכט, אַ לבנה־נאַכט ביי אַן אָפן פענצטער. פון רחלען, פון איר יעדן שריט און באַוועג, האָט זיך אַרויסגעהערט מוזיק, ווי אַ פאַרכּישופטע פלייט וואָלט געשפּילט, און צוזאַמען האָבן זיי זיך געפרייט און באַגייסטערט מיטן לעבן, וואָס האָט געגרינט און געשעשט אין זייערע פולע הערצער, ווי עס רוישט דער טייך מיט זילבערנע פישעלעך.

ער דערזעט איצט פּלוצים דאָס חן־גריבעלע אירס אויף דער לינקער באַק; די רויטע, פולע ליפּן, די ווייסע ציינדלעך, די בלויע הימל־אויגן. אים האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז אירע אויגן באַקומען יעדעס מאָל אַן אַנדער קאָליר אינעם פאַרגייענדיקן טאָג: אַ גראָ, ווי דער פאַרנאַכט, אַ גרין ווי די ביימער און גראָזן און אַ טונקל־בלוי ווי דער פרי־זומערדיקער אָוונט. שפּעטער, אַז איר לייב האָט געשמעקט מיטן ריח פון די ווייטע לאָנקעס און פון די אַרומיקע סעדער, זענען זיי ביידע פאַרפלאָכטן געוואָרן צוזאַמען. ערשט דער פּיקער אויפן בוים האָט מיט זיין מודה־אני־געזאַנג זיי אויפגעוועקט בעת ס'האָט געשפּראָצט אויף טאָג.

די מאַמע איז ווידער געקומען און פרוי עמאַ איז צו צו יעקבס בעט, אים אָפּגעווישט די טראָפּנס שוויס פונעם פּנים. אַ ווייטיק האָט אים גע־מאַכט צוריק וואַך, אים צוריק געבראַנגט צו דער גרויער ווירקלעכקייט. ס'האָט אין אים דערוואַכט דער ווילן צו וויסן:

— פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט עס אים? פאַר וואָס האָט דער צוויג־טיקטער שאָפער פון דעם גרויסן און שווערן לאַסט־אויטאָ אַריינגעקוקט אַזוי פאַטאַל אין זיין רעטראָוויזאָר?

ער פּרוּווט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי ער האָט מיט אַלע זיינע כּוחות און רעפלעקסן זיך באַמיט אויסצומיידן דעם אויטאָ־צוזאַמענשטויס. וואָס האָט ער דען נישט געטאָן כּדי צו פאַרמיידן די זיכערע קאַטאַסטראָפע? ערשט ליגנדיק אין גראָבן, כּמעט באַוווסטלאָז, האָט ער געפּרוּווט זיך קלאָ־מערן אין היינט, אין נעכטן, אין אַלץ וואָס איז געווען און איז שוין פאַר־ביי. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויב ס'איז נאָך פאַראַן פאַר אים אַ שטיקל האָפענונג, ליגט זי נישט אין דער צוקונפט, נאָר דווקא אין דעם, וואָס איז

פאַרבײַ און אַז נאָר זי, זײַן טײַערע רחל, איז ביכולת אים אַרויסצושלעפּן פון דעם אָפּגרונט. אָבער זי אַליין איז דאָך אויך פאַרזונקען אין קאָמאַ, אין איבערערדישע חלומות. דערמאָנט ער זיך איצט, אַז גערופן צו הילף אין אַ שפּראָך אַ נישט־גערעדטע, האָט ער די מאַמע:

— מאַמע! ווו ביסטו, מאַמע מײַנע?

און פאַר וואָס נישט? —

יעדן טראָט אין זײַן לעבן האָט זי דאָך באַגלייט מיט ליבשאַפט, מיט צאַרטקייט, מיט קלוגע ווערטער. דאַרף ער זי ווידער האָבן לעבן זיך, זי זאָל אים העלפן אויפשטיין, שטעלן ווידער דעם ערשטן טראָט, ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד און געלעגן אין אירע אָרעמס. אָ, ווען זי ווייסט כאָטש וואָס פאַר אַן אָרט זי פאַרנעמט אין זײַן טראַכטן, אין זײַן פילן, אין זײַנע חלומות.

אַ נײַער שווייס האָט ווי אַ שפּרײַרעגן אים באַגאָסן און די אַמעריקאַנערין עמאַ האָט מיט באַזונדערער געטרײַשאַפט דעם שווייס אים געווישט, געווישט.

ער האָט אַלץ געוואָרט די מאַמע זאָל צוריקקומען פון יענעם שפּיטאָל, נײַנציק מײַל ווײַט פון דאַנען, ווו עס ליגט זײַן קליינער זון דודל — פלעגט ער אים רופן... אָבער, צי וועט ער אים נאָך רופן? ער וואַרט אויך, אַז מיט דער מאַמען זאָל מיטקומען די פרוי וואָס באַגלייט זי, די פרוי עמאַ. זי איז אים געוואָרן ווי אַ ליבע שוועסטער, לעבן איר פילט ער ווי ער וואָלט אַוועקגעשווומען, אַ פישעלע אין וואַסער, צו די בלויע ווײַטע אָקעאַנען. דאָרט, אין די טיפענישן, ליגט באַהאַלטן דער סוד פון פרויען־רייץ, פון זײַנע באַגערן — זײַן רחלע.

די גוטע מאַמע זײַנע פרוווט אים אײַנרעדן, אַז זײַן רחלע לעבט, אַז זי פרעגט זיך נאָך אויף אים; אַז מיט יעדן טאָג ווערט די האָפענונג גרעסער, אַז זײַן דודל וועט אַרויס פון דער געפאַר, און ריוועלע — אָט־אָט קומט זי דיך באַזוכן.

— כ׳בין דיר שולדיק אַ גרויסן חוב, מאַמע — רעדט ער צו דער מאַמען מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, כאָטש ער ווייסט נישט, צי זי שטייט בײַ זײַן בעט — זינט ביסט געקומען אויף די פליגלען פון ווינט פון פּאַריז מיך מבקר חולה זײַן, אין איין ציטער איבער מײַן לעבן און איבערן לעבן

פון מײַנע טײַערסטע, פֿרעגסטו מיך אַלץ שטומערהייט די פֿראַגע, וואָס צאַפּלט אין דײַן בליק — ווי אַזוי איז עס געשען מיטן אויטאָ־פּאַרפּאַל? איך האָב דאָך אַליין אויך געוואָלט אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן, כּדי צו באַפֿרײַען זיך פֿון דעם וואָס שווערט אויף מײַן מוח, אויף מײַן האַרץ. כ׳קאָן דאָס אָבער נישט אַרויסברענגען. אַפֿילו נישט פֿאַר מיר אַליין. ס׳איז דאָך געווען אונדזערע אוניווערסיטעט־פֿעריען, האָב איך צוזאַמען מיט רחלען געוואָלט באַווײַזן אירע עלטערן, וואָס זענען מיט עטלעכע טעג צוריק גע־קומען פֿון פּאַריז אונדז צו באַזוכן, וואָס פֿאַראַ רײַכע שיינקייטן אַמעריקע פֿאַרמאָגט; אַז חוץ וואָלקנקראַצערס, פֿאַבריקן, אוניווערסיטעטן, קאַמפּוסן, וואָס זעען אויס ווי גאַנצע שטעט, לאַבאָראַטאָריעס, גענגסטערס, קאָסמאָ־נאַוטן, וואָס פֿליִען אין אַלע הימלען, שוואַרצע פּאַנטערן, היפּיס און סתּם אַנפּאַלערס אויף יעדן טריט און שריט, איז אַמעריקע אַ רײַך און שיין לאַנד, צום באַוווּנדערן און פֿאַרגאַפֿט צו ווערן.

און שוין ליגנדיק אויפֿן שפּיטאָל־בעט האָב איך זיך נאָך אַלץ געיאָגט צו אַנטלויפֿן, אויסצומײַדן דעם שווערן לאַסט־אויטאָ, וואָס וויל מיך צע־קוועטשן, דערהרגענען; כ׳האָב דאָך דאָס אַלץ געזען דורכן רעטראָוויזאָר. — דעם פּרצוף זײַנעם, די גרייס פֿון דער מאַשין זײַנער, און בין אַרײַנגע־פֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף, אין צושטאַנד פֿון נישט אַהער און נישט אַהין.

ער האָט געזוכט זיך צו קלאָמערן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אים אַ גאַנץ לעבן געוואַרעמט, צו געפֿינען כּוח אַרויסצורײַסן זיך פֿון זײַן איצטיקן צושטאַנד. און שטאָט צו דער מאַמען האָט ער איצט געשעפּטשעט זײַנע רייד צו רחלען:

— געדענקסט, רחלע, ווען דו ביסט געקומען צו מיר אין יענעם ערבֿ־זומערדיקן טאָג, דו אַליין ביסט געווען אַזאַ וווּנדערלעכער פֿרילינגטאָג, האָסט זיך צו מיר געטוליעט. אונדזערע הערצער האָבן געקלאַפּט אין זעלביקן ריטעם. באַגינען, ווען דאָס פֿייגל־געזאַנג האָט אונדז אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, האָט דײַן ווײַסע האַנט זיך אַ הייב געטאָן איבער אונדז און געוויזן צום פֿענצטער. דער טאָג קומט אָן! מײַנע אויגן האָבן זיך אין דײַנע געשפּיגלט. אין שטילקייט פֿון אויפֿגייענדיקן טאָג האָסטו צו מיר געזאָגט: „ס׳פֿאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן. מ׳דאַרף צולענען דאָס פֿענצ־טער"... מיר האָבן זיך דערנאָך צוגעהערט ווי די טראָפּנס קלאַפּן אין די שויבן, ווי די קנאָספּן פֿון די פֿאַרשיידנקאָלירקע רויזן פֿאַרן פֿענצטער

עפענען זיך. דערנאָך זענען מיר געשטאַנען בײַם פענצטער און געזען דורכ־פליִען ווײַסע טויבן.

דער שפּיטאָל וועקט זיך זייער פרי פון דער שווערער נאַכט, פון די קראַנקעס קאַשמאַרן. די פרימאָרגנס זענען שטענדיק צערודערטע. די קראַנקן־שוועסטער פלאַטערן אַרײַן און פאָרען זיך אַרום די חולאים שמייכלענדיק און באַרמהאַרציק. האָט זיך הײַנט דער שפּיטאָל אויפגעכאַפּט אין אַ בלייכער בלויקייט. קיינער פאַרשטייט נישט: פאַר וואָס אַזאַ אײַ־לעניש? עס גייען פאַרבײַ די דאָקטוירים אין זייערע ווײַסע כאַלאַטן. די פּנימער פון די קראַנקע — בלייכע, געלע, פיבערדיקע, פון די בײַנאַכטיקע יסורים און פון אָן אַ שיִעור חלומות.

אין פרי מאָרגן האָט יעקב צוריק דערכאַפּט דעם פאָדעם פון זײַן פּײַן, פון זײַנע איבערלעבענישן. וואָס קומט מיט אים פאַר? ער דער־מאָנט זיך געענוי, אַז עפּעס ענלעכס צו אַ שאָטן פון אַ ספק האָט אים באַ־אומרויִקט. כ׳ווייס — האָט ער געפּרוווט טראַכטן — איידער וועלכער ס׳איז געדאַנק ווערט געדאַנק, איידער דער געדאַנק גופא ווערט געבוירן, איז פאַראַן עפּעס אַזעלכס וואָס קאָן געגליכן ווערן צו אַ שאָטן, די באַדער־פעניש קומט בײַם מענטשן צום באַוווסטזײַן ערשט שפּעטער.

איז וואָס זשע, דאָס טראַגישע איז שוין פאַרבײַ? און וואָס וועט זײַן איצט — רחלע, די קינדערלעך, און ער אַליין? —

נאָך יעדן באַזוך פון דאָקטער וואָס קומט אַרומגערינגלט מיט די קראַנקן־שוועסטערס, שאַרט זיך אַרײַן פאַמעלעך ווי אַ גוטער מלאך, די מאַמע זײַנע, לאָזט זיך אַראָפּ שטיל, אָן מינדסטן רעש, אויף דער שטול לעבן זײַן בעט, וואַרטנדיק ער זאָל עפענען די אויגן. נאָר ער איז נאָך אַלץ נישט אַרויס פון זײַן יסורים־צושטאַנד, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט בײַם איבערוויקלען די ווונדן, נאָכן באַקומען די אײַנשפּריצונגען, בײַם אויס־גלײַכן דעם אַפּאַראַט, אויף וועלכן ס׳איז געהאָנגען זײַן לינקער פוס, זײַן צעבראָכענע האַנט אין גיפּס. די מאַמע אסתּר, אַז ווײַ צו די אויגן, זיצט און קוקט און אַלץ קאָכט זיך בײַ איר איבער פון דאָס נײַ. און ער, ער ראַנגלט זיך אין אַ תּוהו־ובוהו, טונקט זיך ווי אין געדיכטע נעפּלען וואָס באַהאַלטן אויס די סודות פון זײַן צעבראָכן לעבן.

אין אַזעלכע שעהען האָט איין מאָל זײַן מחשבה פאַרבלאָנדזשעט צו

זײַן רחלען און געפּרוווט בײַ איר געפינען כּוח אויף ווײַטער צו לעבן. אָבער ער האָט געפילט אַז ער איז נאָך טיפער פאַרזונקען.

— וווּ ביסטו אַצינד? — האָט ער געמורמלט — ווען כ׳בייטיק זיך אַזוי אין דיר, זיך צו קלאָמערן אין דעם אויסזען פון דײַן לויטער געשטאַלט? כ׳קען זיך אַפילו דײַן פּנים נישט אויסמאָלן, דײַן אויסזען, דײַן מינדסטן באַוועג. לעבסטו נאָך כאָטש? דערציילט מיר מײַן מאַמע דעם גאַנצן אמת, צי...

ס׳איז געשען בלויז עטלעכע מינוט דערנאָך, ווי יעקב מיט זײַן משפּחה האָבן זיך געלאָזן מיט זייער אויטאָ אין וועג אַרײַן. דער פּראָצעס האָט זיך בלינד און שנעל אָנגעהויבן אין טיפן גראָבן, וווּהין זיי זענען אַרײַנגעשליידערט געוואָרן, לעבן פאַרבלוטיקטן פּלאַטאַן־בוים. דערנאָך האָט ער זיך געפונען אויפן אָפּעראַציע־טיש.

אויך די מאַמע האָט זיך נישט אָריענטירט, פּונקט ווי איר זון, וועראון וואָס. אַלץ איז בײַ איר פאַרגעקומען ווי אַ ווילדע אויסטראַכטעניש. זי האָט איבערהויפּט נישט געקענט פאַרשטיין דעם גאַנצן אומגליק־פאַל.

— וואָס און ווי אַזוי איז עס געשען? — פרעגט זיך יעקב און קען נישט באַנעמען וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען. וווּ זענען די קינדער, די פרוי, אירע עלטערן — וווּ זענען זיי?

און די מאַמע? זי וויל נאָר ראַטעווען אירע קינדער, זי איז גרייט אָוועקצוגעבן איר בלוט, איר לײַב־און־לעבן.

ווי קאָן מען איצט טראַכטן וועגן יענעם טאָג, וועגן יענער פאַטאַלער מינוט, אויפן שאָסיי, אונטערן אומשולדיק־בלויען הימל, אין דער מיט פון דער שלווהדיקער האַרבסט־לאַנדשאַפט, וואָס די אַמעריקאַנער רופן אָן „אינדיאַנער זומער״?

אַצינד איז די מאַמע אסתּר געלאָפן אַ צעטומלטע פון איין שפּיטאָל אין צווייטן. איר האַרץ איז געווען צעקלעמט. איין שטאַרקער ווילן האָט איר באַהערשט ביזן מינדסטן צאַפּל פון דער נשמה — ראַטעווען די קינדער. נאָר דאָס האָט זי געבעטן בײַ די גוטע אַמעריקאַנער מענטשן, וואָס האָבן איר געהאָלפן מיט אַלעם וואָס נאָר מעגלעך. זי איז בײַ זיי געוואָרן דער סימבאָל פון אַ מאַמע, וואָס איז גרייט צו גיין אין אַלע פײַערן, כּדי צו ראַטעווען אירע קינדער, דערפאַר האָבן זיי אַזוי אין איר געקלעפּט.

זי האָט געטראָפֿן דעם זון פֿאַרזונקען אין אַ שווערן שלאָף. זײַן פּנים איז געווען רויִק און מילד. ער האָט פֿון שלאָף געמורמלט:

„רחלע, ביסט געקומען אַזוי אומגעריכט, ווי אין יענעם אָוונט, ווען דער לעצטער זונשטראַל האָט פֿאַרבלענדט דײַן ליכטיק פּנים. עפּעס גלאַנצט פֿון דײַנע אויגן אַ גלי וואָס צויבערט און רייצט. איך פֿיל דעם אומרו פֿון דײַנע ציטערדיקע פֿינגער וואָס צערטלען מיך"...

ער האָט אַ צאַפּל געטאָן און ווײַטער געמורמלט:

„ס'איז עפּעס פֿאַרנעפּלט געוואָרן אין „רעטראָוויזאָר", אין שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען פֿאַר מײַנע אויגן. ווי איז עס מעגלעך צו וויסן וועגן אַ „שפּעטער" און אַ „פֿריִער"? אַ ברעקל „דאָ", אַ ברעקל „דאָרט". איך ליג בײַ אַ שאָסיי, אין אַ טיפֿן גראָבן, אָן באַוווסטזײַן, אָבער מײַן הינטער־באַוווסטזײַן איז, זעט אויס, וואַך. איך האָב זיך צוגעהערט צו אַלץ, צו מײַן עבר. דער באַוווסטזײַן, אָט דער פֿאַרעקשנטער צענזאָר, באַהאַלט אַלץ בחדרי חדרים, און גראָד דאָ איז אַלץ אַרויסגעשווומען אין מײַן הינטער־באַוווסטזײַן...

אַזוי אָ האָט ער געפּרוווט דערציילן דער מאַמען אין די לאַנגע מאַ־טערנדיקע שפּיטאָל־שעהען וואָס קריכן אַזוי לאַנגזאַם מיט אַזעלכע דראָבנע טריט:

— קיין ווייטיקן האָב איך צוערשט גאָרנישט געפֿילט. מיר האָט זיך נאָר געדוכט, אַז אין די צעווייטיקטע צעלן פֿון מײַן גוף האָבן זיך אָנגע־זאַמלט כּלערליי דערמאָנונגען בנוגע מיר גופֿא, ווי פֿון מײַנע קינדער, מײַן פֿרוי און פֿון דיר, מאַמע. ס'איז מיר געווען עפּעס גוט וואָס איך לײַד פֿאַר אײַך אַלעמען; כ'האָב אײַך אויסגעלייזט פֿון אַלעם בייז און שלעכטס. ווי איר אַלע וואָלט זיך באַמיט דורך אַ גוט וואָרט, דורך אַ וואַרעמען בליק, מיט היילנדיקן גלעט צו דערוויַיטערן אַלע ווייטיקן פֿון מײַן צע־בראָכענעם גוף. אויפֿן שיידוועג צווישן דעם באַוווסטזײַן און הינטער־באַ־וווסטזײַן בין איך פֿול געווען מיט צעטומלטע געדאַנקען; אויפֿן שיידוועג צווישן לעבן און עפּעס אַזוינס וואָס איז שוין נישט לעבן, אָבער נאָך נישט טויט...

— חלילה, זון מײַנער, חלילה! וואָס רעדסטו?.

זאָל קיינער נישט טראַכטן, אַז דער גאַנג פֿון לעבן איז אַזוי איינפֿאַך

ווי, למשל, געמאָלן אויף אַ ליַיוונט. מעג דער מאָלער זיַין דער גרעסטער קינסטלער, דער סוד מיט זיַין מיסטישער פאַרפלאָנטערטקייט איז פיל מער קאָמפּליצירט, מיט פיל מער שטרויכלונגען אויפן וועג צום טאָג־אויפגאַנג ווי עס דוכט זיך. עס פרעגט זיך נאָר ווי איז עס מעגלעך, אַז פּלוצלונג ווערט דער מענטש פאַרבלאָנדזשעט אין אַזאַ אַ לאַבירינט. אָט קיַיקלט ער זיך, דער מענטש, באַרג־אַראָפּ, קאָן זיך אין גאָרנישט נישט אָנכאַפּן, אַלץ גליטשט זיך אַרויס פון זיַינע הענט און ער זינקט און זינקט.

ער פּרווט זיך אָנהענגען אין האַלוצינאַציעס; ער טרינקט זיך אין אָפּגרונט פון דעפּרעסיע, און דאָך קלאַמערט ער זיך אין כּישוף פון חלומות. זיַין וויזיע שליַידערט אים אין פאַרשיידענע גילגולים, נאָר די ליבע צו דער פרוי זיַינער, וועלכע שוועבט איבער אים, גיט אים כּוח גובר צו זיַין דעם שטן וואָס לויערט אויף אים. אָבער די מאַמע פאַרשטעלט דעם וועג צו אַלדאָס בייז.

די האַלוצינאַציעס מאַטערן... אַלע זעקס זענען אַריַינגעשליידערט געוואָרן אין טיפן גראָבן, און האָבן מיטגעשלעפּט אַ שטיק הימל, אַ שטיק לאַנדשאַפט, אַ שטיק לעבן, פּראָיעקטן, האָפענונגען, בענקענישן, זכרונות.

אַלע אַרום פרעגן מיך, אָבער איך האָב קיין ענטפער נישט. איך הער וואָס מען רעדט צו מיר, אָבער איך מיין, אַז נישט א י ך קען אַלץ פאַרענטפערן, וויַיל איך עקסיסטיר נישט מער. דער אָטעם שטיקט, כ'קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פון מויל. אָבער, פאַר וואָס קאָן איך אויסשריַיען — וואָס איז פּלוצים מיט מיר געשען ? !...

אַזאַ אויפגעלויף... אויטאָמאָבילן... וועג־פּאָליציי... אַ דאָקטער... די סירענעס פון אויטאָ פון דער „גיכער הילף"... כ'האָב געבעטן אָן אויפהער מען זאָל מיר זאָגן וואָס ס'איז געשען מיט מיַין פרוי, מיט מיַינע קינדער, מיט מיַינע שווער און שוויגער ? איך ליג אויפן שיידוועג, צווישן ז יַ י ן און נ י ש ט ־ ז יַ י ן, צווישן איין עק וועלט און צווייטן. די וועלט וואַקלט זיך, אַ שטיק שוואַרצע כמאַרע פאַרשטעלט אַלץ. און פון דעסטוועגן האָב איך געדענקט : — די מאַמע... אויף יענער זיַיט ים... אויף איר לעבן לויערט אַ גרויסע סכּנה.

*

איך האָב פאַרנומען רייד, די אויסרופן אַרום מיר, אָבער איך

האָב קיינעם נישט געזען, אויסער דאָס פּרצוף אינעם רעטראָוויזאָר.

עפּעס אַ גוטע האַנט פירט מײַן גוף אַרויס פון דער פאַרפּײַניקטער וועלט. אפשר האָט זי מיך באַגלייט אויך אין דער ווייטיק־וועלט און מיך געראַטעוועט ?

כ׳האָב געוואָלט אויסשרײַען :

— יעדער מענטש מוז זײַן טראַגישן גורל אַליין אויסטראָגן !...

און כאָטש כ׳בין אַצינד זיכער געווען, אַז ס׳איז לײַכטער צו שטאַרבן ווי צו לעבן, האָב איך דערהערט מײַן אייגן קול :

— מאַמע. כ׳וויל לעבן !

מײַן קאָפּ הוידערט זיך. עס שווינדלט פאַר די אויגן. די וועלט האָט זיך איבערגעקערט, די ערד האָט זיך אָפּערגעשאַרט פון אונטער מײַנע פיס. מאַמע, ראַטעווע !

## אַ צעבראָכענער שפּיגל

מיט די לעצטע כּוחות באַמיט זיך בערנאַרד צונויפצוקלײַבן זײַנע געדאַנקען און זיי קאָנצענטרירן אַרום איין פּונקט, אַרום „דאָס וואָס מיט אים איז געשען". אָבער ווי נאָר עפּעס אַ מחשבהלע שטעלט זיך אָפּ אין זײַן זכרון, כּדי עס צו באַזינען, כּדי עס צו באַטראַכטן, ווערט עס תּיכּף דורך זײַן ווייטיק אָפּגעשטויסן אָן אַ זײַט מיט אַזאַ רוגזה, אַז ער ווייסט נישט מער ווו זיך אַהינצוטאָן, וווהין צו אַנטלויפן פון זיך און פון זײַנע יסורים.

אַנטלויפן, — ווי אַזוי? פון וואַנען? וווּאַהין? — בערנאַרד ליגט צוגעשמידט דורך זײַנע ווייטיקן צו אַ שפּיטאָל־בעט און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. אַפילו דעם קאָפּ קאָן ער נישט אויפהייבן, זײַן גוף ליגט שווער און אומגעלומפּערט.

דורך די פאַרנעפּלטע געדאַנקען דערזעט ער זיך ליגן ערגעץ אויף אַ שאָסיי אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעהרגעטער. אַרויסגעשלײַדערט איז ער געוואָרן פון זײַן אויטאָ, מיט צעבראָכענע גלידער און אַ באַגאָסענער מיט בלוט. ווי אַזוי לעבט ער נאָך? ווי אַזוי איז אים געראָטן זיך צו דערוויסן אַז ער לעבט נאָך? ווי אַזוי?

נישט אַנדערש ס'איז געשען אַ נס. אָבער אַ נס איז נישט בלויז דאָס וואָס ער איז פאַרבליבן לעבן, נאָר דאָס וואָס ער פאַרמאָגט נאָך אַ לעבעדיקן געדאַנק, וואָס טראַכט פון לעבן און וויל לעבן; אַ נס וואָס ער דערמאָנט זיך אין דעם פײַערדיקן זון־אונטערגאַנג אויפן ווײַטן צי באָענטן האָריזאָנט, וואָס ער הערט די פייגעלעך צוויטשען, וואָס איין געדאַנק פלעכט זיך מיט אַ צווייטן און, דער עיקר, וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן הינערפלעט־צושטאַנד. אַלץ איז נס. אַפילו זײַנע ווייטיקן. וואָרעם אַדאַנק זיי ווייסט ער דאָך, שפּירט ער דאָך בחוש, אַז ער לעבט, אין זײַן גוף אַזוי

גוט ווי אין זײַן געדאַנק. ווען נישט די ווייטיקן וואָלט ער גאָרנישט מער געוווּסט, גאָרנישט מער פאַרשטאַנען, גאָרנישט מער דערמאָנט, גאָרנישט מער געהערט און געזען. עס קומט אים אויס, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע אייגענע יסורים.

דער דאָזיקער געדאַנק פאַריאָגט אַלע אַנדערע געדאַנקען, וואָס שטעכן אים ווי גלײַענדיקע שפּיזן. ער דערמאָנט זיך... יאָ, ער דערמאָנט זיך אין דעם שטיישפּיגל זײַנעם, וואָס איז פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון דעם טואַלעט-טישל אויף דער ערד, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיך ראַזירן.

ווען איז דאָס געשען? טאָקע מיט דרײַ טעג צוריק. ווײַזט אויס אין דער פרי. אַ שעה שפּעטער איז געשען דער אויטאָ-צופאַל, בעת ער איז געפאָרן צו דער אַרבעט. ווען דער שפּיגל האָט זיך צעבראָכן, געדענקט ער, האָט ער זיך גאַנץ גוט דערשראָקן. כאָטש ער איז אַ מאָדערנער מענטש, ווײַט נישט קיין אַבערגלויביקער, האָט ער צונויפגעקליבן די שערבלעך אויפן דיל, גענומען יאָגן און טרײַבן פון זיך זײַן שרעק, מוסרנדיק זיך: וואָס איז דער רעש, בערנאַרד? אַבערגלויבעריש ביסטו געוואָרן? אַ שפּיגל האָט זיך צעבראָכן, איז וואָס? עלעהיי אַ גלאָז אָדער אַ טעצל פאַלט אַראָפּ אויף דר׳ערד און ווײַטער גאָרנישט. נאָר פון דעסטוועגן... אַ שפּיגל, טראַכט ער איצט, איז פאָרט נישט קיין טעצל, פאָרט נישט קיין גלאָז. ניין, אַ שפּיגל קאָן פאַרגליכן ווערן צו אַ ים, יאָ, צו אַ ים. בערנאַרד דערמאָנט זיך אין אַ פּסוק פון קהלת: „אַלע טײַכן שטראָמען אַרײַן אין ים און דער ים ווערט קיין מאָל נישט פול״. אַ שפּיגל איז אויך אַזוי. אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין אים און ער ווערט קיין מאָל נישט פול, גייט קיין מאָל נישט אַריבער זײַנע ברעגעס. ער זאַפּט אין זיך אַרײַן אַלע בילדער, ער שלינגט זיי אײַן אין זיך און דאַך פאַרבלײַבן זיי אויף זײַן אייבערפלאַך, און גייען אַוועק וווּהין זיי דאַרפן אָדער ווילן גיין. יאָ, אַ שפּיגל איז אַ וווּנדערלעכע כּלי. וואָרעם ער נעמט אויף מער ווי זײַן פאַרנעם וואָלט וועדליק די נאַטור-געזעצן געדאַרפט אַרײַננעמען אין זיך.

אַ קליינער שפּיגל, שפּינט ווײַטער זיך דער זעלביקער געדאַנק, באַווײַזט נאָך גרעסערע וווּנדער ווי אַ גרויסער שפּיגל, וואָרעם ער שנײַדט דאָך צו, אַזוי צו זאָגן, די בילדער וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין אים, לפי זײַן מאָס און ער היט אָפּ זייער פּראָפּאָרץ מיט דער גרעסטער גענויקייט.

אַט פּאַר וואָס מען דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן אויף אַ שפּיגל ער זאָל נישט אַרויספאַלן פון די הענט, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אויף דר׳ערד און ער זאָל נישט צעבראָכן ווערן, חלילה, אַניט...

אַניט, אַט זעט ער דאָך וואָס מיט אים איז געשען! אַט זעט ער דאָך ווי אַזוי ער איז באַשטראָפט געוואָרן!

אָבער דאָס איז דאָך פּאָרט אַ שטיק אָבערגלויבן, כאַפּט זיך בערנאַרד און ווערט מלא־חימה אויף זיך אַליין. פּאַסט זיך דאָס פאַר אים? פּאַסט זיך דאָס פאַר אַ וועלטלעכן מענטש, פאַר זײַן שׂכל־הישר אויף וועלכן ער איז ביז איצט געווען אַזוי שטאָלץ, זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזעלכע ווילדע אײַנרעדענישן, וואָס קומען מען ווייסט נישט פון וואַנען און וואָס לאָזן זיך נישט אַרויסטרײַבן פון די געדאַנקען?

בעסער שוין גאָרנישט צו טראַכטן איידער דער פאַרשטאַנד זאָל זיך לאָזן פאַרגוואַלדיקן דורך אַ ליאַדע נאַרישן אָבערגלויבן. זײַן שפּיגל האָט זיך צעבראָכן? וואָס איז דאָ דער מער? אַ צופאַל, ווײַטער גאָרנישט. אַ צופאַל ווי אַלע צופאַלן. נישט כּדאַי זיך אַרײַנצוטראַכטן אין דעם.

בערנאַרד, נעם זיך אין די הענט אַרײַן! שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דעם שפּיגל דײַנעם וואָס האָט זיך צעבראָכן! וועסטו געזונט ווערן וועסטו קויפן אַן אַנדער שפּיגל. פאַראַן מעטאַלענע שפּיגלען וואָס צעברעכן זיך קיין מאָל נישט. פאַראַן אויך הײַנט גלעזערנע שפּיגלען, געשליפענע וואָס לאָזן זיך נישט צעברעכן. הער אויף צו טראַכטן וועגן דעם אויב דו ווילסט נישט פאַלן אין מײַנע אויגן, אויב דו ווילסט איך זאָל האָבן אַ ביסל אָפּשײַ פאַר דיר. — טענהט איין געדאַנק צום צווייטן. דאָס לעבן גופא איז דאָך אין גרונט גענומען אויך נישט מער ווי אַ צופאַל. הער שוין אויף זיך צו גריב־לען אין דעם צעבראָכענעם שפּיגל. ס׳האָט נישט קיין זינען.

בערנאַרד איז פול מיט צאָרן אויף זיך אַליין, אָבער וואָס מער ער כּעסט זיך, וואָס מער ער אַמפּערט זיך מיט זײַנע געדאַנקען, אַלץ מער פּלאָנטערט ער זיך אַרײַן אין דער נעץ, וואָס זיי האָבן אויסגעשפּרייט אין זײַן טראַכטעניש. דער שפּיגל האָט זיך צעבראָכן, דוכט זיך אים, נישט אויף דער ערד, ווי ער האָט מיט אַ רגע צוריק געטראַכט, נאָר טאַקע אין זײַנע געדאַנקען. מען קאָן אָננעמען, אַז זיי, די געדאַנקען זײַנע, זענען דאָס די שערבלעך פון דעם דאָזיקן צעבראָכענעם שפּיגל. געדאַנקען־שערב־לעך, געדאַנקען־פּיצלעך. בערנאַרד קלײַבט זיי צונויף פאַרזיכטיק, פאַמע־

לעך. איין ברעקל געדאַנק און נאָך אַ ברעקל געדאַנק. ער וועט זיי סאָר־טירן שפּעטער... שפּעטער...

די גאַנצע נאַכט סאָרטירט בערנאַרד די ברעקלעך געדאַנקען זײַנע, די שערבלעך פון דעם צעבראָכענעם שפּיגל. ניין, ער כּעסט זיך נישט מער, ער פאַררופט זיך נישט מער אויף זײַן ראַציִאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם. דאָס אַלץ איז געווען גילטיק פריִער, מיט דרײַ טעג צוריק איידער דער שפּיגל איז צעבראָכן געוואָרן. דאָ אין שפּיטאָל, דאָ אין דער נאַכט, וואָס פויזעט פון ווינקעלע צו ווינקעלע אַ פאַרשלייערטע, אַן אײַנגעהילטע אין געהיימנישן, איז ער נישט מער דער זעלביקער וואָס געווען; ניין, נישט מער דער זעלביקער.

פלעגט ער אין די פריִערדיקע טעג אַרײַנקוקן אין זײַן קליינעם רונדן שטיישפּיגל אָדער אין אַ וואַנטשפּיגל — ווי אַזוי פלעגט ער זיך זען, זיך גופא? ווי אַזוי פלעגט ער זיך אָנקוקן? אויבערפלעכלעך, פּאַסט זיך צו זאָגן, פון דרויסן: צי זענען זײַנע האָר גלאַט פאַרקעמט? צי איז זײַן שניפּס אין אָרדענונג? זעט ער אויס פריש, מונטער, זיכער אין זיך? אַן אָפּטימיסטישן גלאַנץ אין די אויגן, אַ צילזיכערן בליק?

טאָמער פלעגט דאָס שפּיגלבילד, דערמאָנט ער זיך, אים צושושקען, אַז וואָס שייך זײַן אויסזען, מעג ער זיך פאַרלאָזן, און אַז ער וועט אין אַלץ מצליח זײַן, פלעגט אַ שמייכעלע זיך באַווײַזן אויף זײַנע ליפּן — אין דעם שפּיגל גופא טאַקע — און עס פלעגט זיך אים דוכטן, אַז פאַראַן איז עמעצער וואָס שיצט אים און באַגלייט אים אויף טריט און שריט.

טאָמער אָבער — זעלטן פלעגט עס טרעפן — איז עפּעס וואָס אין זײַן אויסדרוק אים נישט געפעלן געוואָרן און האָט אים פאַרשאַפט זאָרגן, צי ווײַל ער האָט געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, צי ווײַל, פאַרקערט — ער האָט געהאַט פאַרשלאָפן אַ וויכטיקע געשעעניש, האָט ער גאָר די שולד אַרויפ־געוואָרפן אויפן שפּיגל און האָט אים שטילערהייט געמאַכט פאַרוווּרפן. קיין מאָל איז אים נישט אײַנגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז שולדיק איז ער, נישט דער שפּיגל וואָס שפּיגלט בלויז אָפּ דאָס וואָס מען טוט אין אים אַרײַן. דאָ העלפט נישט קיין חנופה און אויך נישט קיין קריגערײַ. גאָר־נישט, גאָרנישט — ווי מען בעט זיך אויס אַזוי שלאָפט מען; ווי מען קוקט אַרײַן אין אַ שפּיגל אַזוי קוקט ער צוריק.

אויב מען ווערט אין כּעס אויף אים קאָן פּאַסירן ער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד, דער שפּיגל, ער זאָל אַראָפּפּאַלן אויף דר׳ערד און צעבראָכן ווערן אויף פּיץ־פּיצלעך, ווי דאָס איז געשען מיט דריַי טעג צוריק. מיט דריַי טעג צוריק? ווי איז דאָס מעגלעך?

צוויי מוראדיקע געשעענישן זענען געשען, טראַכט בערנאַרד, אין איין טאָג, איינע נאָך דער אַנדערער. די ערשטע וויַיזט אָן אויף דער צווייטער, אַ פּאַרקערטער סדר, וואָרעם אַ שפּיגל, און אַלץ וואָס פּאַסירט מיט אַ שפּיגל, וואָלט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט אָפּשפּיגלען אַ דרויסנדיקע פּאַסירונג. דער צופאַל וואָס איז געשען מיטן שפּיגל, דער צופאַל וואָס האָט אים צעבראָכן, האָט דאָך על־פּי־שׂכל געדאַרפט געשען שפּעטער נאָך דעם אויטאָ־אומפאַל.

צופאַל... אומפאַל... אַנפאַל... צעפאַל... אָט די אַלע ווערטער האָבן איין שורש, ווען נישט דאָס ווערטעלע פ אַ ל וואָלטן זיי אפשר נישט עקסיס־טירט און ממילא וואָלט נישט פּאַסירט מיט בערנאַרדן דער אויטאָ־אומפאַל, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער אין שפּיטאָל אַריַין.

זיַינע געדאַנקען פיבערן. אים קומט אויס ווי זיי וואָלטן אַרומגע־בלאָנדזשעט אין זיַין גוף. וואָס זוכן זיי? זיי זוכן אַרום זיַינע ווייטיקן כּדי זיי צו שטילן. טויבע ווייטיקן. טויב זענען זיי געוואָרן דורך די מאָרפיום־איַינשפּריצונגען, וואָס מען האָט אים געמאַכט. שערבלעך־געדאַנקען, פּיצלעך־ווייטיקן... דער שפּיגל האָט זיך צעבראָכן.

און די נאַכט, די שפּיטאָל־נאַכט, פּויזעט אַרום אין דעם צימער וווּ ער געפינט זיך, פּויזעט אַרום אויף זיַין בעט, אויף זיַין קערפּער.

בערנאַרד קוקט אָן די נאַכט ביַים שיַין פון דעם בלויען עלעקטרישן לעמפּל. ער האָט מורא, בערנאַרד, אַז אָט־אָט וועט זי אַריַינפאַלן אין עפּעס אַן אָפּגרונט, זי וועט צעבראָכן ווערן פּונקט אַזוי ווי דער שפּיגל זיַינער איז צעבראָכן געוואָרן. זאָל ער קלינגען צו דער קראַנקן־שוועסטער און ציִען איר אויפמערקזאַמקייט אויף דעם גרויסן אומגליק־צופאַל, וואָס קאָן פּאַסירן אויב מען וועט נישט אויפפּאַסן אויף דער נאַכט? ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און אַ דריק טאָן אויפן קנאָפּ וועט די קראַנקן־שוועסטער באַלד קומען צו לויפן. אָבער ער קאָן נישט באַשליסן, ער האָט מורא אַז ר׳וועט נישט וויסן ווי אַזוי איר געבן דאָס צו פאַרשטיין. איבע־ריקנס קומט זי דאָך סיַי־ווי־סיַי אַריַין אַלע וויַילע אַ קוק טאָן וואָס ער

מאַכט, וועט ער צוּוואַרטן נאָך אַ רגע. אפשר וועט אים אין צווישן אײַנ־פאַלן אַ וואָרט, אַ געדאַנק, אַ באַווײַז וואָס וועט באַקרעפטיקן זײַנע רייד.

אָבער די ווערטער זײַנע מישן זיך אויס, זײַנע געדאַנקען פאַרפּלאָנ־טערן זיך און פון אַלע באַווײַזן וואָס ער קלײַבט צוזאַמען פאַר דער קראַנקן־שוועסטער כּדי זי זאָל זיך איבערצײַגן, אַז ער רעדט נישט פון היץ, ווערט איין גרויסער קנויל, איין גרויסע וווּנד.

ער פילט די וווּנד אין זײַן גוף, פאַרשטייט זיך, אָבער אויך אין די שערבלעך פון דעם צעבראָכענעם שפּיגל, גלײַך ווי זײַנע פאַרוווּנדעטע גלידער וואָלטן זיך אין זיי נאָך אַלץ געשפּיגלט, ער ווייסט אַז ער דאַרף זיך צואײַלן, וואָרעם ווי לאַנג די נאַכט וועט דויערן וועט זיך דאָך סוף־כּל־סוף פאַרט אַרויסטיילן דער באַגינען און די זון וועט זיך באַווײַזן און אויפנעמען וועט ער דעם נײַ־אָנגעקומענעם ליכטיקן טאָג נישט מיט אַ ברכה נאָר מיט אַ קללה אויף די ליפּן. ווײַל אַזאַ טאָג איז גלײַכער ער זאָל גאָרנישט אויפשײַנען.

יאָ, מאָרגן וועט ער ווערן אָפּערירט. מאָרגן וועט מען אים אָראָפּנע־מען דעם רעכטן פוס. לויט דער מיינונג פון די דאָקטוירים האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז קיין אַנדער מיטל ווי אַמפּוטירן זײַן רעכטן פוס איז נישטאָ. דאַרף ער זיך איצט מיט אים געזעגענען. אַ שאָד, טראַכט בערנאַרד, וואָס מען טראָגט צו דעם שפּיגל אויף מבינות בלויז דעם פּנים און קיין מאָל נישט די אַנדערע גלידער.

אָבער אויך אין די פּנים־שטריכן קאָן מען דאָך דערקענען צי אַ מענטש פאַרמאָגט נאָך אַלע זײַנע גלידער אָדער עס פעלט אים אַ פוס, אַ האַנט, אַן אָרעם. פאַראַן אין דעם מענטשלעכן בליק — און ממילא אויך אין דעם אָפּגעשפּיגלטן און אין דעם זיך ווידערשפּיגלדיקן בליק — אַ „מענטשעלע", און דאָס דאָזיקע „מענטשעלע" זאָגט קיין ליגן נישט, נאַרט נישט אָפּ, נישט זיך, נישט יענעם.

וואָלט ער איצט טאַקע וועלן אַ קוק טאָן אין אַ שפּיגל און זען צי דער רעכטער פוס איז נאָך פאַראַן. אפשר האָט מען אים שוין אַמפּוטירט. זאָגט מען דאָך, אַז יאָרן־לאַנג נאָך דעם ווי אַ פוס איז בײַ עמעצן אַמפּוטירט גע־וואָרן, שפּירט מעןׂ אים נאָך. איז טאַקע זײַן איצטיקער ווייטיק קיין ראיה נישט, אַז זײַן רעכטער פוס לעבט נאָך.

נישטאָ קיין שפּיגל אויף זײַן נאַכטטישל און וואָלט אפילו אויף אים

יאָ געשטאַנען אַ שפּיגל וואָלט ער אים אויך נישט גענומען אין דער האַנט אַרײַן, פֿאַר פּחד ער זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פֿון זײַן האַנט. אָבער אַזוי צי אַזוי געהערט שוין נישט אים זײַן פֿוס.

און אפֿשר... אפֿשר איז אַט דאָס אַלץ וואָס ער טראַכט, אָדער וואָס אים דוכט זיך אַז ער טראַכט, בלויז אַ בייזער חלום. אפֿשר איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ פֿון אַווילדער זעונג אַזאַ, וואָס רײַסט שטיקער פֿון אים און פֿון זײַן געדאַנק. נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו דערגיין דעם אמת, וואָרעם אויך די וואָר קאָן דאָך זײַן אַ מין חלום און אומגעקערט: אַ קאָשמאַר קאָן מאַכן דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער וואָך.

פֿון דעסטוועגן שטרענגט בערנאַרד אָן זײַן פֿיבערדיקע פֿאַנטאַזיע, כּדי אַרויסצוטיילן די וואָר פֿון דעם חלום און דעם חלום פֿון דער וואָר. אַלץ דרייט זיך אַרום דעם צעבראָכענעם שפּיגל, אַרום די שערבלעך פֿון דעם צעבראָכענעם שפּיגל. ער קלײַבט זיי אויף, ער קוקט זיך אײַן אין זיי. מען דערקענט נאָך די שפּורן פֿון זײַן בליק אין זיי.

בליקן זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע, בליקן וואָס קומען פֿון דער ווײַט, פֿון דער פֿאַרשוווּנדענער קינדהייט, אָדער נביאישע בליקן, וואָס לויפֿן פֿאָרויס דער צוקונפֿט און זאָגן אָן גוטס אָדער שלעכטס, געווײנטלעך שלעכטס, ווי עס איז געשען בײַ אים.

אַט האַלט בערנאַרד אין זײַן געדאַנק עטלעכע שפּיגל־שערבלעך. אַ לאַנגע צײַט געדויערט, מער ווי אַ האַלבע נאַכט, ביז אים גיט זיך אײַן זיי צו סאָרטירן, זיי פֿונאַנדערצוטיילן: דאָ ליגן שערבלעך פֿון דעם עבר און דאָ שערבלעך פֿון דעם הײַנט. וואָס שייך די שערבלעך פֿון זײַן צוקונפֿט, צו זיי האָט ער מורא זיך צוצורירן. נישטאָ וואָס פֿון דער צוקונפֿט צו דערוואַרטן, נישטאָ וואָס פֿון איר צו האָפֿן, וואָרעם ווער ווייסט צי ער וועט די אָפּעראַציע איבערטראָגן? ווער ווייסט צי ער וועט באַווײַזן זיך צו געזעגענען מיט זײַן רעכטן פֿוס, וואָס מען וועט פֿון אים אָראָפּזעגן? ווער ווייסט?!

און אין דער דאָזיקער מורא, אין דעם דאָזיקן פּחד גייט דורך די צווייטע העלפֿט נאַכט.

נאָך דעם ווי זי האָט בערנאַרדן אָנגעטאָן די כלאָראָפֿאָרם־מאַסקע אויפֿן

פנים, האָט די קראַנקן־שוועסטער פונעם אָפּעראַציע־זאַל אים געהייסן ציילן.

— ציילן ? — פרעגט בערנאַרד אַ דערשטוינטער, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ קאָנטראָל, כדי דער כירורג זאָל וויסן צי דער ציילער איז שוין אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ וואָס טיילט אָפּ זײַן וואַכן פון זײַן שלאָפנדיקן צושטאַנד ; בערנאַרד ציילט, ער ציילט די שערבלעך פון זײַן צעבראָכענעם שפּיגל. איינס... צוויי... דרײַ... פיר... אָט איז אַ שפּיגל־שערבל, וואָס דער בליק אין אים איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַר־ווישט. וואָס באַדײַט ער ? וואָס און ווען זעט ער ? בערנאַרד וויל אים אויספרעגן, אויספאָרשן : פון וואַנען ? וואוהין ? אָבער אָט האָט זיך שוין אָנגערוקט אַ צווייט שערבל. אין אים צאַנקט שוין בערנאַרדס בליק. אָט וועט ער זיך אין גאַנצן אויסלעשן און צוזאַמען מיט אים וועט זיך אויס־לעשן אויך דאָס ליכט אין דעם דריטן שערבל.

בערנאַרד כאַפּט זיך אָן אין דעם פערטן שערבל ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין עפּעס אַ געדאַנק, וואָס הייסט זיך אים ראַטעווען. ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט אַ פוס... אַ מענטשלעך לעבן... נישט קיין... בער־נאַרד הערט ווי עמעץ רופט אים.

אין פינפטן שערבל האָט בערנאַרד דערזען אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, אָט זעט ער זי געניוי — די מאַמע, זײַן מאַמע.

ווי איז דאָס מעגלעך, זײַן מאַמע איז דאָך אַזוי ווײַט פון אים, אויף יענער זײַט אָקעאַן.

אָבער ווער רופט אים ? — דאָס איז דאָך זײַן מאַמע חנה, זי רופט אים דאָס, ער הערט איר שטים, ער הערט וואָס זי זאָגט, געניוי זײַן מאַמעס רייד :

— מײַן טײַערער בערעלע, מײַן ליבער בערנאַרד, האַלט פעסט אין דײַן האַנט דײַן לעצט שערבעלע, דאָס פינפטע, עס איז אַזוי גרויס ווי אַ קרישקע ברויט, אָבער אַזוי טיף ווי דער טיפסטער קוואַל פון אַ מאַמעס האַרץ.

ער הערט די רייד פון זײַן מאַמע :

— ס'טוען מיר ווײ אַלע דײַנע ווייטיקן. איך טראָג דיר איצט ליבע און פרייד, איך ברענג ליכט פאַר דיר ; דײַנע פינגער אין מײַנע האַבן זיך צע־עפנט הײַנט, ווי ס'עפנט זיך אַ קנאָספּ. פאַר דײַן לעבן גיב איך אָפּ מײַן לעבן. בערנאַרד וויל עפּעס זאָגן, ער וואָלט וועלן אַרומנעמען די מאַמע, איר טרייסטן :

—זע , מאַמע מײַנע, איך לעב, איך לעב!

נאָר ווידער איז אים אַלץ אַזוי ווײַט, און ווידער ווערט אים אַלץ אַזוי נאָענט:

— געדענק, מאַמע, דו ביסט פאַר מיר אַלץ, דײַנע הענט שטראַלן מיט גוטסקייט, איך זע אין דײַנע אויגן אַ ים מיט ליכט, אַ ים ליבשאַפט.

ווידער וויל בערנאַרד זיך אויפכאַפּן פון זײַן קאָמאַ. ער וויל אַ בליק טאָן אין דער ווירקלעכקייט, אפשר איז די מאַמע טאַקע געקומען צופליִען... ווו איז דאָס שפּיגעלע וואָס וועט מיר אַ שפּיגל טאָן דער מאַמעס פּנים? דער מאַמעס האַרץ, איר נשמה?

בערנאַרד! מײַן טײַערער טאַטע בערל, ליבער זון, אַבי דו לעבסט, וועסטו לעבן און נאָך גליקלעך זײַן!

מיט די לעצטע כּוחות באַמיט זיך בערנאַרד צונויפצוקלײַבן זײַנע געדאַנקען און זיי קאָנצענטירן אַרום איין פּונקט:

— מאַמע, מאַמע, זעסט איך לעב! איך לעב, מאַמע! זע, איך לעב!...

# דער סופּערמאַרקעט

ברכה איז אַרײַנגעגאַנגען אין גרויסן סופּערמאַרקעט, וווּ זי האָט זיך געדאַרפֿט טרעפֿן מיט איר אייניקל מערי.

ס׳האָבן אַ שווינדל געטאָן פֿאַר אירע אויגן די צענדליקער גענג און דורכגענג, טישן, טישלעך אָן אַ צאָל, אייגנס לעבן אַנדערן, באַלאָדענע מיט כּל טוב, מיט אַלץ וואָס אַן אויג זעט און אַ מויל איז ביכולת אַנצורופֿן בײַם נאָמען. וואָלסטו געהאַט אוצרות בײַ זיך, אַ פֿולן בײַטל מיט גאָלד און באַנקנאָטן — ווער פֿרעגט דיך? קויף און געניס.

זי האָט אויף אַ רגע אַ פֿאַרמאַך געטאָן די אויגן אויף אַ טראַכט צו טאָן, און באַשלאָסן, אַז זי דאַרף גאָרנישט, חוץ פֿיש אויף שבת. דגים, ווײַל בשׂר האָט זי שוין געקויפֿט אין דער כּשרער יאַטקע. טאָ נאָך וואָס די אַלע רעקלאַמעס, די אַלע פֿאַרקויפֿעריננס?

חוץ דעם האָט זי זיך דאָך אָפּגערעדט צו טרעפֿן מיטן אייניקל בײַם פֿיש־שטאַנד — וועט זי זיך פֿאַרנעמען אין דער ריכטונג פֿון די פֿיש. אמת, ס׳איז נישט קיין פֿיש־מאַרק ווי אין איר אַמאָליקן שטעטל, מיט ווײַבער, מיט קולות, מיט קללות. דער־אָ פֿיש־שטאַנד איז אין אַ סופּערמאַרקעט, וווּ ער פֿאַרנעמט זייער אַ קליין אָרט אין פֿאַרגלײַך מיט די איבעריקע שטאַנדן וואָס אַרום אים — דערפֿאַר זענען דאָ דאָ אַקוואַריומס, וווּ עס שווימען אַרום פֿיש, וואָסערע און וועלכע מען וויל נאָר.

די כּלערליי מינים פֿיש האָבן זי דערזען מיט זייערע לעבעדיקע, רונדע פֿישאויגן. זיי האָבן זיך אַ ריס־געטאָן צו איר פֿון די טישן, אויף וועלכע זיי זענען געלעגן פֿאַרפֿאַנצערט אין זייערע שופּן, זיי האָבן אַ צאַפּל געטאָן און האָבן אויף זייער פֿיש־לשון עפּעס וואָס פֿון איר פֿאַרלאַנגט, נאָר די מאַמע ברכה טראַכט, אַז אויב קויפֿן, וועט זי נאָר און בלויז אײַן אייבציקן

פיש, העכסטנס צוויי. וואָס זשע קוקן צו איר און ווונקען אַזוי פיל? כּאילו זי וואָלט געווען איין קויפערין?

און נישט נאָר זיי, די וואָס ליגן אויף די טישן, אויך די פול מיט לעבן אַרומשווימענדיקע אין די גלעזערנע אַקוואַריומס, זיי האָבן צו איר זיך טאַקע נישט געריסן, זיי זענען איר נישט געשפּרונגען אַנטקעגן מיט שטומער חוצפּה, נאָר גענומען טאַנצן, זיך דרייען, זיך שלענגלען, גלײַך ווי זיי וואָלטן גע־כאַפּט אַ מצווה־טענצל, און אפשר גאָר אַ פיש־טענצל? — בכל אופן, עד היום האָט דער טאַנץ זייערער נאָך נישט באַקומען זײַן אייגענעם נאָמען.

ברכהן געפעלט נישט דער פיש־ספּעקטאַקל. וואָרעם וואָס טויגן איר קונצן אין מיטן אַ פרײַטיק, ווען דער שבת איז נאָך נישט געמאַכט. אַפילו דער לענגסטער פרײַטיק איז דאָך קירצער ווי אַ געוויינלעכער טאָג אין מיטן דער וואָך; און בכלל, וואָס האָט זי, ברכה, זיך צו קווענקלען? יאָ, אַ מצווה־טענצל,נישט אַ מצווה־טענצל, קיין אַנדערע דאגות האָט זי שוין נישט, ווי צו גיין זיך שפּילן מיט פיש? וואָלטן זיי געווען גילדענע פישעלעך, וואָס שווימען אַרום אין גלעזערנע סלאָיעקעס, ווי זי האָט געזען בײַ אירער אַ שכנה — מילא, עלעהיי קאַנאַריקלעך אין די שטײַגעלעך, וואָס זינגען און טרילערן. אַ רחמנות אויף זיי... אָבער די פישעלעך זענען דאָך נישט קיין זינג־פייגעלעך.

אָבער, וואָס טוט זיך דאָ מיט איר? געקומען איז זי אױ קויפן פיש, אי זיך טרעפן מיט איר אייניקל מערי, וואָס זשע שטייט זי גאָר און גאַפט? מערי איז נאָך נישטאָ. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אויף אַ באַשטימטער שעה, די שעה איז שוין לאַנג פאַרבײַ. זאָל זי האָבן פאַרבלאָנדזשעט, אָדער זאָל, חלילה, מיט איר האָבן עפּעס וואָס געשען? דער פּאַרקער איז דאָ גרויס, מען דאַרף זיך אויסהיטן פאַר אַן אויטאָ ווי פאַר אַ גזלן...

גנבעט זיך שטילערהייט אַרײַן אין איר אַ פּחד. די פיש, די העכט, די קאַרפּן, די שלײַען האָבן, זעט אויס, זי צעטומלט.

ס'איז נישט קיין וווּנדער. דער סופּערמאַרקעט איז פּונקט ווי אַ בבל־טורעם. זי איז דערווײַל אונטן, און ווי זעט אויס אויף די אייבערשטע שטאָקן? שווימלט און גריבלט דאָ אין אַלע עטאַזשן, נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַ רעש, אַ צוזאַמענלויף אונטער די אַלע שרײַענדיקע ליכטער. אַ שטופּעניש אַרום די כּלערליי אַרטיקלען, וואָס באָטן זיך אָן, מען זאָל זיי קויפן.

ניין, זי וויל נישט שטײַגן אויף די קלעטערנדיקע טרעפּ, וואָס יאָגן זיך אַרויף און אַראָפּ. זי האָט אויבן גאָרנישט וואָס צו זוכן. זי האָט נאָר געוואָלט קויפן פיש אויף שבת, וועט זי נעמען די פיש און גיין זוכן מעריז, איר אייניקל, וואָס האָט זיכער פאַרבלאָנדזשעט.

פון דעם פיש־ראַיאָן פאַרטראָגן זי די פיס צום קעז־ראַיאָן. צענדליקער פאַרשיידנאַרטיקע קעזן; רונדע ווי רעדעלעך, מיטלמאָסיקע, גרעסערע, און גאָר גרויסע קעזן. קעז אין שאַכטלען, באַקלעפּטע און באַצירט מיט פילפאַרביקע צעטעלעך, רויטע, געלע, בלויע, גרינע, פיאָלעטע, כּדי דער קויפער זאָל וויסן זייער אָפּשטאַם, פון וואַנען זיי קומען און וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר; ווי זיי הייסן און וועלכע איז זייער קעזישע נאַטור: צי זענען זיי האַרט אָדער זענען זיי ווייך, צי גאָר האַלב־ווייך, פעט צי מאָגער, מיט סמעטענע אָדער אָן סמעטענע,קעז־צוואָרעך אָדער סתּם קעז. וואָס פאַרא ריח און וואָס פאַרא טעם האָבן זיי?

אָט באַווײַזן זיך די פּירקאַנטיקע קעזן, די לאַנגע, די שמאָלע, די ברייטע. יעדער קעז קומט מיט זײַן פּיזמון, מיט זײַן יחוס. די קאָנקורענץ צווישן די קעזן איז גרויס, אין לשער. איטלעכער קעז שרײַט, אַז ער איז דער בעסטער, דער קליגסטער, דער געשמאַקסטער פון אַלע אַנדערע קעזן און אַז נאָר ע ר פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט פון די קעז־ליבהאָבערס, נאָר ע ר איז אויסגעווײלט געוואָרן דורך דעם קעז־גאָט.

ברכה דרייט אַוועק דעם קאָפּ. זי וויל זיי זאָגן, די קעזן, אַז זיי זאָגן ליגן. שקר וכזב. קיינער פון זיי איז נישט אויסגעווײלט געוואָרן און קיינער פון זיי האָט נישט מיט וואָס זיך צו באַרימען. אַ באַקאַנטע זאַך, אַלע ווייסן אַז ס'איז בלויז רעקלאַמע. ס'איז אויסגעטראַכטע מעשׂיות. און וואָלט עס אַפילו געווען אמת, טראַכט ברכה, וואָלט זי אויך נישט געקויפט קיין קעז, איר געדאַנק איז פאַרנומען מיטן זוכן איר אייניקל מערי.

דרײַ הונדערט דרײַצן פאַרשיידענע סאָרטן קעז זענען פאַראַן אין דעם קעז־ראַיאָן. ס'איז נישט קיין גוזמא. אָט לייענט זי דאָס אויף אַ רעקלאַמעצעטל אין סופּערמאַרקעט, אָבער דאָס גייט איר איצט נישט אָן, זי זוכט מעריז. זי האָט זיך פאַרלוירן, מערי, זי בלאָנדזשעט ווו אַרום. מערי זוכט זי מסתּמא איצט צווישן די פיש און קאָן זי נישט געפינען. זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און קענען זיך נישט געפינען אינעם ליאַרעם, אינעם טומל. אין דער מהומה.

לאָזט זי זיך ווײַטער שווימען מיטן מענטשן־שטראָם, ביז זי פֿאַלט אַרײַן אין אַ יאַטקע, טריפֿהנע יאַטקע, פֿאַרשטייט זיך. דאָ, אין סופּערמאַר־קעט ווערט דער ריח פֿון פֿלייש פֿאַריאָגט דורך אַנדערע ריחות פֿון די וועג־טילאַטאָרס. אָבער ווען מען קוקט זיי אָן, די שטיקער אָקס און די שטיקער חזיר, און די שטיקער שעפּס, ווי זיי הענגען פֿערטלווײַז, און אַכטלווײַז, ווילט זיך פּשוט אַנטלויפֿן. עס קומט איר באַלד אויפֿן זינען, אַז די דײַטשן האָבן געקוילעט נישט קיין בהמות, נאָר יידן; טאַטעס, קינדער, פֿרויען, יונגע מיידלעך און עופּהלעך, זעקס מיליאָן, בלויז פֿאַר זייער פֿאַרגעניגן וועגן; אַ טייל פֿון זיי האָבן זיי צוערשט באַטויבט, ווי מען באַטויבט בהמות אין די גוייִשע שלאַכטהײַזער, באַטויבט, דערשטיקט דורך גאַז, אומגעבראַכט דורך מיתות משונות.

— באַרישע בהמות וואָס איר זענט! — רעדט אין זיך ברכה צו די שטיקער אָקס. — איר זעט דען נישט, אַז איך זוך מײַן מיידעלע, איך זוך מײַן אייניקל? אַ ייִדיש קינד, זי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורכן מענטשן־געווירבל, זיך אַרײַנגעקערעוועט אין אָן אַלייע ערגעץ, פֿון וועלכער דער איינציקער אויסוועג איז נאָר דער אַרויפֿגאַנג צום ערשטן שטאָק. לאָמיר אָקערשט אַ פּרווו טאָן.

ערשטער שטאָק.

שוכוואַרג. מענער־שיך, פֿרויען־שיך, שטיוול פֿאַר מענער, שטיוול פֿאַר פֿרויען, לעצטע מאָדע: שוואַרצע, רויטע, ווײַסע, בלויע, גרינע הויכע שטיוול, ביז איבער די קני, רײַט־שטיוול, קורצע שטיוולעטן; באַל־שיכלעך פֿאַר פֿרויען, פֿאַנטאָפֿל, סקי־שיך, באַרג־שיך, גומי־שיך, קינדער־שיכלעך. גראָד איצט און גראָד דאָ דערמאָנט זי זיך פּלוצלונג, אַז די שיך וואָס זי טראָגט דריקן איר, קוועטשן איר. זי וואָלט געמעגט זיך פֿאַרגינען צו קויפֿן אַ פּאָר נײַע באַקוועמע שיך. זי האָט נישט גענוג געלט בײַ זיך? זי האָט מיטגע־נומען בלויז אַזוי פֿיל וואָס עס דאַרף קאָסטן אַ פֿיש? נאַרישקייטן. ווי באַלד זי איז שוין יאָ אַרײַנגעפֿאַלן אין דער שיך־אָפּטיילונג, וואָלט נישט געשאַדט זי זאָל אויסקלײַבן אַ פּאָר שיך, זי וועט זיי נישט קויפֿן, זי וועט זיי בלויז אָנמעסטן, זען צי זיי פּאַסן איר, דאָס טוען דאָך אויך אַנדערע פֿרויען. אָנ־פּאַסן קאָסט דאָך קיין געלט נישט, קיין איין פֿאַרקויפֿערין וועט איר קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן, אויב זי וועט איצט נישט קויפֿן. אויך מערי וואָלט געקענט אָנפּאַסן אַ פּאָר שטיוועלעך, רויטע אָדער ווײַסע...

ווו איז זי אָבער, מערי?

און ווידער קומט איר אויפן זין דאָס שוידערלעכע בילד פון אַנומלט: בערג מיט קינדער־שיכלעך, אָנגעוואָרפענע אין די נאַצי־לאַגערן. שיכלעך פון יידישע קינדער, וואָס זענען דורך די דײַטשן פאַרגאַזט געוואָרן. — ניין! — שרײַט זי אין זיך אַרײַן — נישט קיין קינדער־שיכלעך. לאָמיר אַנט־לויפן פון דעם באַרג שיכלעך. מערי, ווו ביסטו, טײַער קינד מײַנס!

נאָר מערי איז נישטאָ. צווישן אַט די אַלע קינדער, יינגלעך און מייד־לעך, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, זעט זי אַפילו קיין שפור נישט פון מערין. נישטאָ.

לויפט זי, ברכה, ווײַטער, פליט ווי אַ פויגל.

קליידער! אַ וועלט מיט קליידער. מענער־מלבושים און פרויען־מלבו־שים אין אַלערליי קאָלירן. לעצטע מאָדע, שפּאָט־ביליק. כמעט אומזיסט. אוי. אַ מאַנטל? — זאָל זײַן אַ מאַנטל און פּאָר איינוועגס אויך אַ זשאַקעט, אַ ספּודניצע, אַ יאַקל, אַ סוועדער.

אַ משוגענער מאַגאַזין! — טראַכט ברכה. זיי זענען ממש גרייט צוצו־צאָלן, אַבי קויפט. וואָס טויג זיי צוצולייגן געלט? זיי וועלן דאָך מאַכן באַנ־קראָט און עס וועט זיי אויסקומען צו שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן.

כאַפּט זי זיך אָבער באַלד, ברכה, אַז אַ וועלט איז נישט משוגע, נישט אין גאַנצן משוגע. מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען.

— ברכה־לעבן, — שושקעט איר עמעץ אַרײַן אין אויער, — טראַכט נישט אַזוי פיל אַרײַן אין דעם, ס׳איז אַרויסגעוואָרפן דײַן מי! טראָג זיך בעסער וואָס גיכער אָפּ פון דאַנען, אַניט וועט מען דיך נאָך באַשולדיקן, אַז דו ווילסט גנבענען אַ מאַנטל צי אַ קלייד... דו שפּילסט זיך עפּעס מיט מענטשן אָן האַרץ, אָן געוויסן, אָן נשמה? עס קאָן אויך געמאָלט זײַן — אַזוינס האָט שוין געטראָפן מיט יאָרן צוריק, — אַז מען וועט אויסטראַכטן אויף איר עפּעס אַ שקר־בילבול. למשל, אַז זי האָט געקוילעט אַ קריסטלעך קינד און דאָס בלוט פאַרנוצט אויף פּסח, — און גיי טענה נאָך דעם אַז דו ביסט גאָט די נשמה שולדיק, דו ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן און וואָס מען וויל פון דיר האָבן. ווער וועט דיר גלייבן? אַ וועלט שרײַט: דו האָסט געקוילעט אַ קריסטלעך קינד, גיי באַווײַז זיי נאָך דעם, אַז ס׳איז אַ ליגן... אַנטלויף פון דאַנען וואָס שנעלער, ברכה, אַנטלויף.

לויפט ברכה ווי אַ פײַל אויסן בויגן. זי קוקט זיך נישט מער אום אויף

די איבעריקע שטאַנדן. ווער מיר צאַצקעס? וואָס מיר ליאַלקעס? פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַטן? שפּאַקטיוון? מוזיק־אינסטרומענטן? נישט איר עסק!

מערי! וויינט איר האַרץ, מערי! לאָמיר זיך ראַטעווען! לאָמיר אַנט־לויפן מײַן קינד! פון דעם אַ סופּערמאַרקעט קאָן קיין גוטס נישט אַרויס־קומען.

ברכה לויפט, ברכה פליט... פּלוצלינג גליטשט זי זיך אויס און אין דער זעלביקער רגע ווערט אַ געזעמל אַרום איר. פון אַלע שטאַנדן לויפט מען זיך צונויף: — וואָס איז געשען??!

— גאָרנישט! גאָרנישט! — הערט זיך אַ שטים פון עמעצן, וואָס גייט אָנגעטאָן אין שוואַרצן, גלײַך ער וואָלט געגאַנגען צו אַ חתונה אָדער צו אַ לוויה — שוין! שוין! מען וועט זי אָפּמינטערן... איך האָף אַז עס איז נישט געפערלעך. געחלשט. דאָס פּאַסירט אָפט.

ברכה האָט, ווײַזט אויס, געחלשט. זי האָט אָבער ווי מיט געוואַלד זיך אַרויסגעריסן פון די הענט פון די גוטע לײַט, וואָס האָבן געוואָלט זי אַרויס־פירן פון סופּערמאַרקעט אויף דער פרישער לופט, זי אַרײַנפירן אין אַן אַפּ־טייק, צי אין אַ קאַפע, מאַלע וווהין, כּדי זי זאָל זיך דערפרישן, טרינקען עפּעס וואָס. וויל זי פון גאָרנישט נישט וויסן, נאָר מ׳זאָל איר אָנווײַזן ווו עס געפינט זיך איר אייניקל וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן.

לויפט זי אין סופּערמאַרקעט אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ: מענטשן, מאַגנעקענען, שיך, פיש, וועליסאַפּעדן, טעפּיכער, אַלץ איז אויסגע־מישט, פון אַלע שטאַנדן איז געוואָרן איין שטאַנד, פון אַלע עטאַזשן — איין עטאַזש. עס שווינדלט איר ווידער פאַר די אויגן... זי וועט נישט חלשן מער, באַשליסט ברכה, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען אָפּהענגיק פון איר באַשלוס. זי האָט קיין צײַט נישט צו חלשן. זי דאַרף געפינען מערין נאָך איידער די זון גייט אונטער, נאָך איידער מען דאַרף אָנצינדן די שבת־ליכט.

זי הייבט אויף די הענט צום הימל... ווי קומט אַ הימל אין אַ סופּער־מאַרקעט? גייט זי אַראָפּ פון זינען? ניין, ס׳איז גלאַט נישט גוט אויפן האַרצן, נישט גוט אויפן געמיט. אירע אויגן פינטלען, גלײַך ווי פליגעלעך, מאַסן שוואַרצע פליגעלעך וואָלטן זי באַפאַלן פון אַלע זײַטן און וואָלטן זיך געקליבן אויסצוטרינקען אַלע אירע טרערן וואָס ציִען זיך טראָפּנווײַז פון אירע אויגן.

אין קאָפּ ביַי איר זשומעט, רוישט. פּאַסן, זעט זי, ציִען זיך פאַרביַי, — פּילאָעטע, געלע און וויַיסע, אויף אַ לאַנגן אַספאַלט־וועג.

ס׳איז גאָר נישט! ס׳איז גאָרנישט! — פאַרנעמט ברכה פון דאָס ניַי דאָס קול פון דעם שוואַרצן מאַן, — „איך האָף, אַז עס איז נישט געפערלעך... געחלשט״.

— ווער האָט געחלשט? — פרעגט זיך ברכה, — נישט שוין זשע בין איך עס? אַלץ איז מעגלעך. אַלץ איז מעגלעך. מען דאַרף נאָר קענען אַנטלויפן אין דער פּאַסיקער מינוט... אַלץ איינס ווי אַזוי: צו פוס, מיט דער באַן, מיט אַן אויטאָ. היַינטיקע ציַיטן קאָן מען אויך פליִען מיט אַן אַוויאָן.

פינצטער זענען די נעכט און לאַנג. ווי דערלעבט מען שוין עס זאָל זיך באַוויַיזן דער טאָג? איר שרעק וועט אפשר דאַן זיַין ווייניקער שרעק־לעך.

אָט שפּראָצט שוין טאָקע דער טאָג. געגנוג געלאָפן ביסטו, ברכה־קרוין. אַ גאַנצע נאַכט ביסטו געלאָפן אויסן הויט. ווער האָט דיך געיאָגט? מסתמא האָסטו אַליין זיך געיאָגט... פון וואַנען? וווהין? שונאים אַרום און אַרום. ביסט געראַכט. אָט שטייט אַ בוים — דו זעסט, ברכה? — אין מיטן וועג שטייט ער, מיט אויסגעשפּרייטע נאַקעטע צוויַיגן. דעם בוים האָט מען אויך אָנגעגריפן. אַלע בלעטער האָט דער ווינט צוגערויבט פון זיַינע צוויַיגן. אַ ריזנבוים איז ער, האָט ער זיך פאַרטיידיקט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט, און כאָטש די כוחות זענען אים אויסגעגאַנגען, האָט אים דער ווינט געמוזט לאָזן שטיין אויף אָן אָרט.

דערפאַר אָבער אַ וווּנדער: בעת דעם איבערפאַל פון דעם שטורעמווינט אין מיטן דער פינצטערער נאַכט, האָט זי זיך געפונען לעבן דעם בוים, איז פון אים צעממיתט געוואָרן, און איצט ליגט זי הינטער אַ פרישן בערגל ערד.

ברכה הייבט אויף אירע פאַרווייַנטע צעשראָקענע אויגן צום בוים מיט די נאַקעטע צוויַיגן. זי פרעגט אים צי די סכנה איז שוין פאַרביַי און צי זי מעג זיך אָפּרוען הינטער אים, צי זי ריזיקירט נישט מיטן לעבן נאָך דעם וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט.

דער בוים אָבער שוויַיגט. ער איז שטום, דער בוים, ער בייגט אַראָפּ זיַינע צוויַיגן צו דער ערד און באַטראַכט די רויט־ברוינע בלעטער, וואָס וואַלגערן זיך אים צופוסנס.

דער בוים שוויַיגט. שטום איז דער בוים. ער בייגט אַראָפּ זיַינע צוויַיגן צו דער ערד ווי אויגן און זוכט עפּעס... וואָס זוכט ער, דער בוים, אויפן שיידוועג, ווו דער גורל האָט אים מיט צענדליקער יאָרן צוריק איַינגע־וואָרצלט? וואָס נישטערט ער? זיַינע בלעטער, די אָפּגעפאַלענע?

נעכטן זענען זיי נאָך געווען גרין, אויב נישט נעכטן איז אייערנעכטן, איז געקומען דער שטורעמווינט און האָט אַלע זיַינע בלעטער אַוועקגערויבט און זיי פונאַנדערגעוואָרפן איבערן פריש־אָנגעשאָטענעם בערגעלע ערד, וואָס ליגט אים צופוסנס.

ברכה נעמט אַרויס פון איר בײַטל אַ קליין שפּיגעלע. זי קוקט זיך אָן און זי דערשרעקט זיך. גרוי איז זי געוואָרן, וויַיס ווי אַ טויב. איבער נאַכט איז זי געוואָרן גרוי.

און דער בוים וואָס אויפן שיידוועג קאָן זיך אומקוקן אין אַלע פיר ריכטונגען און קאָן זען וואָס עס קומט פאַר אַרום און אַרום. ער וואָלט גע־האַט געגנוג וואָס צו דערציילן, דער בוים, האָט ער אָבער קיין לשון נישט און קאָן נישט ריידן און קאָן נישט שריַיען.

איז שטיל אַרום, און אפשר, גיט ברכה אַ טראַכט, איז דאָס אַ שטילקייט אַזאַ, וואָס לאָזט זיך געוויינלעך אַראָפּ אויף דער ערד פאַר אַ שטורעם. גע־וויס, געוויס, פאַר אַ שטורעם אין דער נאַטור איז אַזוי גוט ווי אינעווייניק אין אַ מאַמעס האַרץ.

פּלוצלינג לאָזן זיך די פיר אַספאַלטירטע אויטאָסטראַדעס אַוועק אין אַ גאַלאָפּ, אַזש עס נעמט איר, ברכהן, שווינדלען פאַר די אויגן. וואוהין לויפן זיי, די אויטאָסטראַדעס? ווער יאָגט זיי? וואָס קומט דאָ פאָר?

דער אומרו, דער פחד, דער אימפּעט, אַלץ טריַיבט ברכהן פאָרויס. אָבער וווהין זאָל זי לויפן? קאָן מען דען לויפן אין אַלע זיַיטן, אין אַלע פיר ריכטונגען אויף אַ מאָל?

פרעגט נישט, מענטשן, פרעגט נישט! מען זאָל נישט געפּרוווט ווערן צו וואָס מען קאָן זיך דערטראַכטן, צו וואָס מען קאָן געווינטש ווערן.

זי לויפט העגדום־פּעגדום און איר קאָפּ גייט כאַדאָראָם.

נעכטן, דוכט זיך, איז נאָך געווען זומער, און היַינט איז שוין האַרבסט, טיף אין האַרבסט. אָ, היַייאָר איז גאָר שנעל פאַרביַי דער זומער. ווינטן, רעגנס. די פייגל זענען אַוועקגעפלויגן, נישטאָ מער קיין געזאַנג אין די

ביימער. דער ריזנבוים אויפן שיידוועג איז טרויעריק און וואָלט ער געקענט רעדן און וואָלט געהאַט פּאָר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, וואָלט ער דערציילט זאַכן און מעשהלעך פון אַמאָל און פון היינט. ער שטייט דאָך אויפן שיידוועג און זעט און קוקט זיך צו צו די אויטאָ־אומפאַלן, וואָס קומען פאָר טאָג־טעגלעך דווקא לעבן אים, אין זיין סביבה. איין קלייניקייט! קנאַפּ צער, קנאַפּ פּיין, קנאַפּ דראַמעס שפּילן זיך אָפּ אין זיין זע־קרייז?

ברכה הערט זיך צו צו דעם בוימס שטומע באַריכטן און כאַטש דאָס אַלץ וואָס דער בוים דערציילט קומט פאָר אויף דער יבשה פילט זיך ברכה גלייך זי וואָלט געזעסן אין אַ קליין שיפל, וואָס ווערט געשטויסן דורך אַ בייזן ווינט אַהין און אַהער אויפן צעברויזטן ים. ניין, ס׳איז נישט סתם אַ ים אַ צעברויזטער, ווי איר האָט זיך געדאַכט, גיכער איז דאָס אַן אָפּגרונט־לאָזע טויבע שטילקייט, אין וועלכער זי ווערט, ווי דורך אַ מאַגנעט, אַריינגעשלעפּט און פאַלט... זי פאַלט און קיינער קומט איר נישט צו הילף.

ס׳איז ווידער נאַכט. ס׳איז שוין טיפע נאַכט. עמעץ האָט אַרויסגעשלעפּט ברכהן פון שלאָף און זי אַ שליידער געטאָן צום פענצטער: נאַ, קוק אַרויס אין דרויסן, אפשר וועסטו באַמערקן אַ היימישן מענטש, אַ גוטן פריינד. אויב יאָ, רוף אים צו זיך אין שטוב אַריין און בעט אים ער זאָל דיר פּותר חלום זיין. דערצייל אים אַלץ וואָס מיט דיר איז געשען אין דער היינטיקער נאַכט, אין די פריערדיקע נעכט דיינע. פּאַק אויס פאַר אים אַלע דיינע קאָשמאַרן, אַלע ביז איינעם. זאָלסט גאָרנישט נישט פאַרשטעלן, באַהאַלטן, פאַרבאָרגן. געוועזן די נאַכט אַן אויטאָ־אומפאַל לעבן בוים וואָס בייַם שיידוועג און דערנאָך — אַ שפּיטאָל. דאָקטוירים, קראַנקנשוועסטערס, בלוט־טראַנספוזיעס. ס׳איז עפּעס געשען, חלילה, מיט אירע קינדער?! — מיט אַן אויטאָ־אומפאַל טאָר מען זיך נישט שפּילן. ס׳איז נישט קיין לאָטערײ־שפּיל. ס׳איז אַן אמתער ונתנה תוקף. לעבן אָדער טויט!

לייגט זי צו איר פּנים צו דער שויב, קוקט אַרויס אין דער נאַכט אַריין, אירע אויגן נישטערן אין טונקל־בלויען הימל און די ליפּן אירע מורמלען אַ תּפילה צו די צאַנקענדיקע שטערן:

— רחמים! האָט איר כאַטש רחמנות אויף מיינע קינדער!

באַוויַזן זיך אומבאַקאַנטע פּנימער און רעדן צו איר אין אַ שפּראַך

וואָס זי פאַרשטייט נישט. נאָר וואָס איז די נפקא מנה? זי שטויסט זיך דאָך אָן, ברכה, אַז זיי ווילן זי ערגעץ פירן. פרעגט זי זיי נישט וואָס און ווען. זעצט זיך אַרײַן אין אַן אויטאָ און פאָרט מיט זיי. זי פאָרט מיט זיי פון איין שפּיטאָל צום צווייטן, פון איין פּאַלאַטע צו דער אַנדערער, וואָרעם אַ שפּי־טאָל איז דאָך גרויס און דער שפּיטאָל־הויף איז שיער נישט אַ גאַנצע שטאָט מיט גאַסן און געסלעך, קאָן מען נישט גיין צו פוס פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער.

אין יעדער פּאַלאַטע, ווייסט ברכה, וועט זי געפינען אַ זון, אַן אייניקל, אַ שנור, עמעצן פון איר אַמאָליקער ווײַט און ברייט פאַרצווײַגטער משפּחה, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן און שפּעטער אין פּאַריז, און וואָס איז שיער־שיער נישט אומגעקומען: ווער דורך היטלערס מלאכי־חבלה, ווער גלאַט אַזוי אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, ווער אויף אַנדערע אופנים.

מער נישט וואָס? נישט אַלע זין און נישט אַלע אייניקלעך זענען פלייש פון איר פלייש און בלוט פון איר בלוט. איר האַרץ איז צו ענג זי זאָל זיי קענען אַלעמען אָפּגעבן אַן אָרט, זי זאָל אָטעמען מיט זייער אָטעם, שרײַען מיט זייער געשריי, זי זאָל פאַר זיי אַלעמען בעטן רחמים און נישט אָפּטרעטן קיין איין שריט פון דעם שיידוועג, פון דעם בוים ווו עס קרייצן זיך הימל און ערד, האָפענונג און פאַרצווייפלונג, לעבן און טויט, ביז זיי וועלן געהאָלפן ווערן, ביז די טויטע וועלן אויפשטיין תחית־המתים פון זייערע גריבער און וועלן אויף זיך אַרויפנעמען פלייש און הויט, ווי דאָס איז שוין געשען אַמאָל אין יענעם טאָל, ווו יחזקאל האָט זײַן שפּרוך גע־זאָגט און ס'איז געוואָרן.

אמת, זי איז אַ מאַמע ווי אַלע מאַמעס. און דאָס וואָס אַ מאַמע קאָן אויפטאָן מיט אירע געבעטן, מיט אירע תפילות, קאָן אפשר יחזקאל הנביא אויך נישט אויפטאָן. טאָר זי טאַקע נישט אויפהערן, אַפילו אויף איין מינוט, מתפלל צו זײַן פאַר אירע קינדער. זי איז אַן אומרויִקע מאַמע און אַ באָבע דערצו, זי פאַרמאָגט האַרץ, נשמה, און ווייטיק, און רחמנות, אַלץ אין איי־נעם, און טאָר זיך נישט פאַרגינען צו שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און איר זאָגן אַז זיי זענען אין בעסטן אָרדענונג. רעדט זי צו זיי, בעט זי זיך בײַ זיי:

— ליבע! טײַערע! ענטפערט מיר, גיט מיר כאָטש אַ צייכן מיט אַ האַנט, מיט אַ פינגער, אַז איר הערט מיך, אַז איר דערקענט מיך, אַז איר

זעט ווי איך שטיי אַ צעבראָכענע, אַן אומגליקלעכע לעבן אײַערע בעטן. פאַר וואָס שווײַגט איר?

און אָט איז זי ווידער אין סופּערמאַרקעט.

וואָרעם וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן הײַנטיקע צײַטן, מ׳שטייגס געזאָגט, אין די גרויסע שטעט, אויב נישט דער סופּערמאַרקעט? יאָ, טאַקע דער סופּערמאַרקעט מיט זײַנע שטאַנדן און געשטעלן, מיט זײַן געלויף, זײַן הור־האַ און יאַגענישן, מיט זײַנע שווינדלענדיקע טרעפּ, ליפטן, מיט זײַנע שטאָקן איינער איבער דעם צווייטן, מיט זײַנע קעלערן, קאָרידאָרן און אונטערערדישע גענג, מיט זײַנע מאַגעקענען, ליאַלקעס און וואַקסענע גולמס; מיט זײַנע שפּיגלען, די קרומע, וואָס מאַכן חוזק פון מענטשן און פון זיך אַליין.

ווי נאָר מען קוקט זיי אָן, קרימען זיי זיך אויס, פּונקט ווי דאָס פּלעגן טאָן, אין די אַמאָליקע צײַטן, די נישט־גוטע און די לצים. זיי פּלעגן זיך באַהאַלטן אין די הויכע גראָזן, אויף די ברעגן פון די אָזיערעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט איר געבורטשטאָט אין פּוילן ווי אַ גאַרטל. ווי נאָר זיי פּלעגן דערזען פון דער ווײַטנס אַן אָרעמען פּוסגייער, אַ גייער איבער די דערפער, פון די אַרומיקע פּאַראַפּיעס, פּלעגן זיי אויסקרימען אַ גרימאַסע און אים פּאַרנאַרן אין די טאָרף־בלאָטעס, פּלעגן אים אויסקרימען זײַן לײַב־און־לעבן ביז צו זײַן לעצטן אָטעמצוג...

אָבער ניין, ברכה וועט נישט צולאָזן די שפּיגלען, אָט די קרומע, זיי זאָלן פון איר חוזק־מאַכן, זיי זאָלן זי מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט און איר נאָכקרימען. וואָס מיינען זיי? וואָס טראַכטן זיי זיך? ווי אַזוי שעמען זיי זיך נישט, די געשליפענע שטיי־שפּיגלען, אויסצוציִען איר טרויעריק פּנים און נאָך מער באַווײַזן איר צער, איר ווייטיק? און פון וואַנען נעמט זיך בײַ די אַנדערע שפּיגלען די העזה אײַנצושרומפּן איר געזיכט, נאָך מער ווי איר עלטער האָט דאָס געטאָן?

נאָר גיי רעד מיט זיי, מיט די עזות־פּנימדיקע שפּיגלען, וואָס האָבן נישט קיין ברעקל דרך־ארץ פאַר אַ באָבען, וואָס זוכט אַ פּאַרצווייפלטע אַרום אין אָט דעם גאַנצן טאַראַראַם איר אייניקל! זיי וועלן דיר דען הערן? וואָס מער דו וועסט זיך ערגערן, וואָס מער דו וועסט זיך אויף זיי בייזערן, אַלץ מער וועלן זיי דיך אויסלאַכן, אַלץ מער וועלן זיי דיר טאָן צו להכעיס!

בלײַבט איר נישט אַנדערש ווי ווידער לויפן, ווי ווידער אַנטלויפן. אָבער — וווהין ?

ברכה ווייסט שוין וווהין. זי דאַרף לויפן אַהין וווּ איר אייניקל בלאָנ־דזשעט אַרום און זוכט די באָבען.

לײַכט צו זאָגן זיך אַרויסדרייען פון אַט דעם גאַנצן געפּלאָנטער פון שפּיגלען, מענטשן, שטימען, נעאָן־ליכטער, מאַנעקענען און אַלץ וואָס אַ מויל איז אין שטאַנד אויסצורעכענען. לאַנג איז דער וועג און צעדרייט, פאַרפּלאָנטערט, און ביז זי וועט אַהין זיך דערשלאָגן, וועט אפשר איר אייניקל שוין האָבן אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן שטאָק פון דעם סופּערמאַר־קעט, אָדער נאָך ערגער — אַרײַנפאַלן, חלילה, אין איינעם פון זײַנע קע־לערן.

דאַרף זי זיך צואײַלן, ברכה. גיכער! גיכער! ברכה! לויף! פלי!

הייבט ברכה אָן פון דאָס נײַ ביים אָנהייב. געלאָזט האָט זי שטיין איר אייניקל ביים קאַרוסעל, ביים אַרײַנגאַנג פון סופּערמאַרקעט.

— רײַט, מײַן קינד — האָט זי איר אָנגעזאָגט, — רײַט, מײַן אוצר; און אַז דו וועסט האָבן געריטן אויף דײַן ווײַסן קאַרוסעל־פערדל אַ צוואַנ־ציק־פינף און צוואַנציק מאָל, און דער מאַנעזש וועט זיך האָבן אָפּגעשטעלט, זאָלסטו אַרײַנגיין אינעווייניק אין דעם סופּערמאַרקעט און זאָלסט זיך אָפּ־שטעלן ביים ערשטן שטאַנד פון די פיש, דאָרטן וועלן מיר זיך טרעפן.

איז —

אָט איז דער קאַרוסעל, אָט איז דאָס ווײַסע פערדעלע, אויף וועלכן ברכה האָט געהאַט אַרויפגעזעצט איר אייניקל. דער מאַנעזש דרייט זיך, דאָס ווײַסע פערדעלע אויך, אָבער אָן קיין שום רײַטער, קיין איין רײַטערין זיצט נישט אויף אים. די שוואַרצע אָגערלעך, די ברוינע קיזשיקלעך, די שוואַרץ־ווײַס געפלעקטע קאַטשקעלעך מיט זייערע רײַטערס, ייִנגעלעך און מיידעלעך מיט שטראַלנדיקע זיגער־מינעס אויף די פנימלעך, דרייען זיך אין קאַראַהאָד און אין גאַלאָפּ. בלויז דאָס ווײַסע פערדעלע איז,נעבעך, פאַר־בליבן אָן אַ רײַטער.

— ווו איז מערי ? — דערלאַנגט ברכה אַ געשריי אויפן ווײַסן פער־דעלע — פאַר וואָס האָסטו זי געלאָזט זיך אַרונטערגליטשן פון דײַן

זאָטעלע ? וווּ איז זי אַהינגעקומען ? האָסטו זי טאָקע געשיקט צו די פיש, צו דעם פיש־שטאַנד, ווי איך האָב דיך געבעטן ?

דאָס ווײַסע פערדעלע, פאַרשטייט זיך,ענטפערט ברכהן נישט מיט קיין איין פּיצעלע הירזשעריַי אַפילו. עס איז אין גאַנצן פאַרטאָן אין זיך. עס דרייט זיך אַ מאַגעזש, אַ קאַרוסעל, אַ ראָד, און מוזיק דערצו — און ווײַטער איז נישט דעם פערדלס דאגה. אַזוי לאַנג ווי די מוזיק שפּילט וועט עס זיך דרייען, און נאָך דעם ? מיינט איר אפשר אַ טאָרבע האָבער וועט עס עמעץ אָנהענגען אויף זײַן מאָרדעלע, אָדער וועט עס מכבד זײַן מיט אַ בינטל היי ? ביין. קאַרוסעל־פערדלעך עסן נישט, קאַרוסעל־פערדלעך לעבן פון אַ ספּעציעלער קאַרוסעל־מוזיק, וואָס מען האָט פאַר זייערטוועגן קאָמ־פּאָנירט, און קײַען, קײַען זיי לופט און... קינדעריש געלעכטער. אַ באַ־קאַנטע זאַך.

— מערי ! מערי ! — וויינט זיך ברכה פונאַנדער און, איינס־צוויי־דרײַ, שוין האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן ווײַסן קאַרוסעל־פערדל. זי קלײַבט זיך צו רײַטן אַזוי לאַנג ביז זי וועט קומען צו דעם אָרט ווו איר אייניקל בלאָנד־זשעט אַרום.

דערנאָך האָט זיך ברכה ווידער אַרײַנגעכאַפּט אינעווייניק, אינעם סו־פּערמאַרקעט. בײַ דעם פיש־שטאַנד שטעלט זי זיך נישט אָפּ מער, וואָרעם זי ווייסט, אַז די פיש זענען נישט בלויז שטום, נאָר אויך טויב און בלינד און נישט פון זיי וועט זי זיך דערוויסן ווו איר אייניקל מערי איז אַהינגע־קומען.

זי לאָזט זיך צו דער בעקערײַ, צו דער קאָנדיטאָרײַ. אפשר... אפשר... אַ קינד, מערי איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד, אַזוי לאַנג האָט זי אַרומגעריטן אויף פעלדער, דורך וועלדער, אויף אויטאָסטראַדעס, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אין די טאָלן און סטעפּעס, קאָן זיך מאַכן, אַז דאָס הערצעלע האָט איר אַ חלש־געטאָן און איר האָט זיך פאַרגלוסט אַ שטיקל ברויט און אפשר אַ קיכעלע, אַ נאַשערײַ.

איז ברכה אַרײַנגעפאַלן אין אַ וועלט פון ברויט, אַז עס וואָלט געקענט קלעקן פאַר אַלע פינף קאָנטינענטן אַוודאי, אויב נישט אויף איין טאָג, איז כאָטש אויף איין מאָלצײַט. ברויט, אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. לאַנגע לאַבנס און קורצע לעבעלעך ; ברייטע, קײַלעכדיקע, האַלב־רונדע, צעשניטע־נע אין פּענעצן, באַשאָטענע מיט מאָן, מיט קימל און באַפּוצטע מיט כל־

ערליי בלימעלעך, כּדי זיי זאָלן זיך וואַרפן אין די אויגן און זאָלן געפעלן ווערן אויסגעהונגערטע קונים, אַפילו אויך זאַטע, אָנגעזעטיקטע באַלעבאָס־טעס; שוואַרצברויט און וויַיסברויט, בולקעלעך און קיכעלעך — אַבי קויפט און עסט געזונטערהייט!

פּלוצלונג וואַקסט אויס פאַר ברכהס אויגן די טאַנטע יענטע, אָדער ווי זי לאָזט זיך רופן אין פּאַריז מאַדאַם זשעטענט. אַלץ איינס: טאַנטע יענטע אָדער מאַדאַם זשעטענט. אַ שמייכעלע באַוויַיזט זיך אויף ברכהס פּנים:

— אָ, וואָס מאַכסטו עפּעס, מומע יענטע?

— ווי? קאָמאָן?

— אַנטשולדיק מיר — פאַרענטפערט זיך ברכה — איך מיין צו זאָגן: וואָס מאַכט איר מאַדאַם זשעטענט? האָט איר נישט באַמערקט דאָ אַ מאָל פאַרבייַגיין מייַן אייניקל מערי? מיר האָבן זיך אָפּגערעדט. קורץ און גוט, איך זוך זי אַרום שוין מער ווי צוויי שעה און איך האָב זי נאָך אַלץ נישט געפונען.

— אייניקל? מערי? ניין. איך באַדויער שטאַרק. איך ווייס נישט. איך האָב קיינעם נישט געזען.

— אָט אויף דעם וויַיסן פערדעלע, אויפן קיזשיקל, האָט זי געריטן... איר ווייסט שוין וועמען איך מיין, מאַדאַם זשעטענט? — אין דעם קאַרוסעל.

— נו? — מאַכט יענטע־זשעטענט, די גראָבינקע, די פּעטינקע מיט די פולע רויטע בעקעלעך, מיט די קליינע פינקלדיקע גרוי־קעצישע אייגעלעך

— נו? (דער „נו" מיינט: אָפּגערעדט האָט איר זיך צו טרעפן ביַי די פיש?)

— ביַי די פיש? פאַר וואָס עפּעס ביַי די פיש?

— הייַנט איז פריַיטיק, פאַרשטייט איר מיך, בין איך געקומען אַהער קויפן פיש...

— קאַרפּן צי העכט?

— ווי נאָר איך האָב געזען אַז מערי איז נישטאָ, האָב איך שוין פאַר־לוירן דעם חשק, פאַרשטייט איר מיך, און האָב נישט געקויפט נישט קיין קאַרפּן ,נישט קיין העכט און איצט ווייס איך נישט וווּ זי צו זוכן.

— נעמט זיך נישט איבער, ברכה־קרוין, ערגערט זיך נישט, אָט וועט איר זען, איך וועל זי געפינען אין איין אויגנבליק. ביַי מיר איז קיין קונץ נישט עמעצן צו געפינען. קומט וועל איך לאָזן אויסרופן דורך אַלע הויכ־קלינגערס פון מיין סופּערמאַרקעט, וואָס איז איינער פון די גרעסטע און

רײַכסטע אין גאַר דער וועלט — ווײַל אירווייסט דאָך מסתמא, אַז דער דאָזיקער סופּערמאַרקעט געהערט מיר, איך בין איינע פון די הויפּט־אַקציאָ־נערן — וועל איך לאָזן, ווי כ׳האָב געזאָגט, אויסקלינגען דורך אַלע הויכ־קלינגערס: אַזוי און אַזוי, הערט, אַ באָבעס אַן אייניקל איז דאָ פאַרפאַלן געגאַנגען, אַ קליין מיידעלע, זאָל מען זי תיכּף אויפזוכן און מען זאָל זי ברענגען אַהער.

— אַ דאַנק אײַך! אַ דאַנק אײַך, מאַדאַם זשעטענט! מערסי, מערסי באָ־קו, מאַדאַם זשעטענט! לאַנג לעבן זאָלט איר מיר און פאַרמאָגן זאָלט איר הונדערט סופּערמאַרקעטס אַזעלכע און אַ מיליאָן הויכקלינגערס זאָלן אין דער גאַנצער וועלט קלינגען און זאָלן זיי אַלעמען דערציילן פון אײַער עשירות, פון אײַער גדולה, פון אײַער גוטסקייט, פון אײַערע, דוכט זיך, אַ ביסעל דיקלעכע אָבער דאָך זייער איידעלע און דעליקאַטע פינגער, וואָס זענען, אַ לויב דעם רבונו־של־עולם, באַצירט מיט בריליאַנטענע און דיי־מענטענע רינגען!

— און איך, מײַן טײַערע ברכה, איך דאַנק אײַך פאַר אײַערע ברכות, ווײַל איך ווייס אַז איר געהערט נישט צו די נישט־פאַרגינערס, וואָס ווען נאָר זיי זעען, אַז עמעצער פון אחינו בני ישראל, ווי מען פלעגט זאָגן אַמאָל אין אונדזערע מקומות, האָט זיך נאָך לאַנגע יאָרן פראַצע און האָרעוואַניע אַרויפגעאַרבעט, גייען זיי די אויגן אַרויס פון קאָפּ. איך ווייס, אַז איר מיינט עס פון גאַנצן האַרצן.

— וואָס פאַר אַ פראַגע, מײַן טײַערע מאַדאַמעלע זשעטענט; געוויס, געוויס, פון גאַנצן האַרצן, און פון דער גאַנצער נשמה מײַנער. און נישט נאָר אײַך, מומע יענטע, ווי איר רופט זיך הײַנט זשעטענט, ווינטש איך, אַז דער סופּערמאַרקעט און די הויכקלינגערס און די כלערליי שטאַנדן, וואָס זענען אויסגעשטאַט מיט כּל טוב, מיט גאַר דעם גוטס פון דער וועלט, נישט נאָר אײַך, נאָר אויך אײַער ליבן מאַן, וואָס האָט אַוודאי אַ חלק אין אײַער מלוכה און מיט וועמען איר באַראָט זיך מסתמא פון צײַט צו צײַט ווי אַזוי צו קיניגן אויף די פיש, די זייגערס, די שפּאַקטיוון, אויף די קיך־מכשירים, אויף די מעבל און אויף אַלץ וואָס געפינט זיך דאָ.

— אַ געזונט צו אײַך, ברכה! וואָס רעדט איר? מײַן מאַן? אײַך מעג איך דאָך אַנטרויען. מײַן מאַן, מײַן כאַמטשע־יוסף איז אונטער אונדז גע־רעדט אַ גרויסער טויגעניכטס, אַ שלימזל וואָס נישטאָ נאָך איינער צו אים

אין גאַנץ אייראָפּע, אַפילו נישט אין אַמעריקע אָדער אין אויסטראַליע קאָן מען נישט געפינען אַזאַ גאַרנישט, אַזאַ בטלן ווי עס איז כאַמטשע־יוסף, מער נישט וואָס? ס׳איז דאָך מײַן צרה, ער איז דאָך מײַן מאַן, ווי איר זאָגט, מײַן כאַמטשע־יוסף, מוז איך פון אים לײַדן און שווײַגן.

— לײַדן? — פאַר וואָס? ווי אַזוי?

— אָט דאָס אַלץ וואָס איר קוקט דאָ אָן: די מאַנעקענען, די פּאַר־קויפערינס, די קאַסירערקעס, די ראַיאָן־שעפן, די אינספּעקטאָרן; איך רייד שוין נישט פון די מאַסן אַרטיקלען אין אַלע בראַנזשעס: עסנוואַרג איז עסנ־וואַרג, געטראַנקען אַלערליי, אַלקאָהאָליזירטע און נישט־אַלקאָהאָליזירטע, קאָנסערוון און באַקליידונג, און איך רעד אויך נישט פון די ריזן־זאַפּאַסן אין די סקאַלדן — דאָס אַלץ איז מײַן אויפטו, און ער, כאַמטשע־יוסף, אַגב, יאָרנלאַנג האָב איך זיך באַמיט צוצוקלײַבן פאַר אים אַ שיינעם פראַנצייזישן אָדער נאָך בעסער — אַן ענגלישן נאָמען, וואָס איז הײַנט שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע, און האָב נאָך גאָר נישט געפונען, וואָס זאָל צו אים און צו זײַן כאַראַקטער אַזוי גוט פּאַסן ווי זײַן אַמאָליקער היימישער נאָמען כאַמ־טשע־יוסף — ער איז פּשוט אַ שטיק בעני־מעני־קוקוריקו!

— ער איז דאָך אַזוי קלוג, אײַער מאַן! — פּראָטעסטירט ברכה — מען זאָגט דאָך, אַז ער קערט איבער וועלטן מיט זײַן שׂכל, מיט זײַנע קענטע־נישן און מיט זײַן ייִדישן קאָפּ.

— גלייבט מיר, ברכה, — האַלט זיך מאַדאַם זשעטענט בײַ דאָס איריי־קע — די וועלטן וואָס כאַמטשע־יוסף האָט איבערגעקערט שטייען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג. זײַן גליק איז דאָס, וואָס איך שטיי בײַם רודער. ער אַליין ווייסט אויך, אַז בײַ מיר וועלן די שיפן נישט אונטערגיין אַפילו אויך נישט דאָן, ווען דער ים וועט זיך אויסטריקענען. וואָרעם איך... איר קענט מיך דאָך נישט פון הײַנט. איבעריקנס, וואָס קאָן דאָס מיר קימערן, צי ער טויג זיך יאָ אויס אין געשעפטן צי נישט? איך לאָז אים טראָגן די הויזן. אַ גרויסע דאגה האָב איך? גייט אַרויף, טײַערע ברכה, אויפן ערשטן שטאָק צום ראַיאָן פון שפּילצײַג. אײַער אייניקל, אײַער מערי, בין איך זיכער, געפינט זיך אויבן צווישן די ליאַלקעס... צי ווייסט איר כאַטש, ברכה קרוין, וואָס פאַר אַ גרויסן רומל ליאַלקעס מיר האָבן דעם הײַנטיקן זומער אַרײַנבאַ־

קומען? ליאַלקעס וואָס רעדן, רופן: פּאַפּאַ! מאַמאַ! ליאַלקעס וואָס זינגען. און בערעלעך, לייבעלעך, מאַלפּעלעך וואָס לויפן, שפּרינגען, קוליען זיך — אַלץ פאַר די קינדער וועגן.

— איך בין שוין דאָרט געווען, מאַדאַם זשעטענט, מײַן אייניקל איז דאָרט נישטאָ.

— נישטאָ, זאָגט איר? — וווּנדערט זיך מאַדאַם זשעטענט — עס קאָן נישט זײַן! ווּ זענען די הויכקליגנערס? ווּ איז כאַמטשע־יוסף? קראַנק איז ער מײַן מאַן, צו זוכן אַ פאַרלוירן מיידעלע? גיין גייט ער אָגנעטאָן אין עסיק און אין האָניק. אַ ווײַסער קאָלנער און אַ שוואַרצער שניפּס, אַ טונקל־בלויער אָנצוג, ווײַסע זײַדענע שקאַרפּעטקעס און שוואַרץ־לאַ־קירטע שיך. אַ גאַנצן טאָג פּוצט ער זיך ווי אַ פּרימאַדאָנע, פּריזירט זיך יעדן פרימאָרגן און פּיעשטשעט זיך, מײַן זשאַ־זשאַ, און טאָמער בײַ עמעצן ווערט פאַרפאַלן אַ קינד אין סופּערמאַרקעט, זעט מען אים נישט און מען הערט אים נישט...

זעט שוין ברכה, אַז זי האָט פון יענטען גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן, גייט זי ווײַטער, פאַרקערעוועט זיך אַהין, פאַרקערעוועט זיך אַהער, אָבער ווּ נאָר זי דערלאַנגט אַ קוק, אָן וועמען נאָר זי שטויסט זיך אָן: אַ קויפער אָדער אַ פאַרקויפערין, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, דער אַרטיקל אָדער יענער אַר־טיקל, אַלץ איינס אין וועלכער פאַרב ער זאָל דערשײַנען און מיט וואָס פאַר אַ קול ער זאָל רעדן — איז עס די אָפּשפּיגלונג פון כאַמטשע־יוסף אָדער פון זײַן ווײַב — יענטע.

דאָ רעדט ער אַרײַן אין ברכהן, דאָ רעדט זי אַרײַן אין אים. ער רעדט אויף זײַן ווײַב און זי רעדט אויף איר מאַן. זיי פאַרמסרן זיך איינער דעם צווייטן. ברכה האָט שוין מער נישט קיין כּוח אויסצוהערן זייערע ביידנס טענות.

נאָר וואָס איז דער וווּנדער? זי איז דאָך אַרײַנגעפאַלן אין אַ ווײַן־קע־לער, זי טרינקט זיך, זי דערטרינקט זיך אין ווײַסווײַן, אין רויטווײַן, אין שאַמפּאַניער, אין שנאַפּס און אין ליקערן. דער קאָפּ דרייט זיך איר.

די וועגעלעך פאָרן, זיי פאָרן זיך צונויף בײַ די קאַסעס, בײַ די רעכנ־מאַשינקעס. צווישן די פלעשער ווײַן ליגט ברכה אַ שיכּורע. דער סופּערמאַר־

קעט האָט זי אָנגעשיכּורט, גלײַך ווי עס וואָלט געווען פּורים, וואָס איז אַזאַ יום־טוב, ווי מען זאָגט, וואָס מען דאַרף זיך אָנשיכּורן אַזוי שטאַרק, אַז מען זאָל נישט קענען אונטערשיידן צווישן „ארור המן" און „ברוך מרדכי". ווי פּאַסט עס פאַר ברכהן?

— זעץ זיך צוריק אַרויף רײַטן אויף מיר — הירזשעט זיך פונאַנדער דאָס ווײַסע קאַרוסעל־פערדל. לאָמיר ווידער דורכרײַטן דעם סופּערמאַר־קעט צום לעצטן מאָל דורך אַלע שטאַנדן ביז צום העכסטן שטאָק אַרויפ־רײַטן, ביז דעם טיפסטן קעלער אַרונטעררײַטן, אַזוי לאַנג ביז דו וועסט גע־פינען דײַן אייניקל און איך מײַן רײַטערין.

אַ שטורעם, אַ געווירבל, אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ, הימל און ערד, טאָג און נאַכט און נאָך מער: דער הײַנט מישט זיך אויס מיטן נעכטן, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. יענטל, כּאַמטשע־יוסף, זשאַ־זשאַ, אין אַ רויטן ספּאָרט־אויטאָ אָן אַ דאַך קומט אָן מאַדאַם זשעטענט צופאָרן אין איר סופּערמאַרקעט. „ס'איז בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן איידער מיט אַ נאַר צו געווינען" — זאָגט ברכה וועגן איר. דאָס ווײַסע קאַרוסעל־פערדל שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— אָבער — מאַכט ברכה — טײַערינקע, מיט געלט טאָר מען נישט שטאָלצירן, ווײַל מען קאָן עס לײַכט פאַרלירן. הײַנט איז עס בײַ דיר און מאָרגן בײַ איר און גאָר שנעל בײַ אַנדערע פיר. איך וועל דיר דערציילן אַ מעשׂהלע:

— אַמאָל איז געווען אַ קייסער, האָט ער באַגעגנט אַ וווּנדער־שיינע בעטלערין, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, אָבער די אַמאָליקע בעטלערין איז געווען אומגליקלעך און איז אַרומגעגאַנגען אין דעם קייזערלעכן פּאַ־לאַץ אַן אומעטיקע, אַ טרויעריקע.

— אַן אומעטיקע, אַ טרויעריקע — שאָקלט צו דאָס ווײַסע קאַרוסעל־פערדל מיטן קאָפּ.

— איך ווייס, איך ווייס! — איז יענטל מסכּים.

און ווידער געריטן, ווידער מישט זיך אַלץ אויס אין איינעם. ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם דאָזיקן געווירבל?

— מערי, מײַן קינד — שרײַט ברכה װי נישט מיט איר קול.

איר עכאָ קלינגט זיך פונאַנדער אין דעם גאַנצן סופּערמאַרקעט. די שטאַנדן פֿאַלן אײַן, די סחורות צעפּלײַען זיך אין אַלע זײַטן, דאָס ליכט לעשט זיך אויס. חושך. ברכה פֿאַלט אַראָפּ פֿונעם פּערדל. זי פֿאַלט אַרײַן אין אַ טיפֿן אָפּגרונט...

*

אַז זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף האָט די זון שוין הייס אַרײַנגעשׂרפֿעט אין אַרײַנגעשריגן: ס׳איז שוין גרויסער טאָג!

# ב

# העלען

אין די באַגינענס, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָט העלען, ווי געוויינלעך, פאַרנומען איר אָרט אין דער לאַנגער ריי פאַר דער בעקעריַי. די איַינ־ווינער פון דער גאַס האָבן שוין געקענט איינער דעם אַנדערן. כאָטש העלען איז געווען נישט קיין היגע, האָבן זי אַלע באַטראַכט, ווי זי וואָלט געבוירן און אויסגעהאָדעוועט זיך אויף דער זעלביקער גאַס. אַלע מאָל מיט אַ פריַינטלעכן שמייכל, אַ גוט וואָרט פאַר יעדערן; אָט דער שמייכל איז איר אין יענעם באַגינען זייער גוט צוניץ געקומען.

אפשר האָט זיך עמעצער אָנגעשטויסן, אַז זי געהערט צו די, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט קאָנספּיראַטיווע זאַכן. ס'איז אויך מעגלעך, אַז די שכנים האָבן געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדישע, אָבער קיינער האָט איר ייִדישן נאָמען, חנה, נישט געוווּסט; אַז איר ייִנגעלע, איוו, רופט זיך גאָר יצחקל, איז אָוודאי קיינעם נישט איַינגעפאַלן. פאַר וואָס אָבער האַלט זי אים נישט בײַ זיך, נאָר בײַ אַ פראַנצייזישער פאַמיליע אויף דער זעלביקער גאַס, אַ דרײַ־פיר היַיזער וויַיטער? אויף דעם האָט זי געהאַט אַ גוטן תּירוץ: זי אַרבעט וויַיט, אויסער דער שטאָט. אַ שוואַך קינד, טאָר זי אים נישט לאָזן אַליין אין שטוב. זי האָט געהאַט גענוג צרות, ביז זי האָט געשטעלט דעם קליינעם אויף די שוואַכע פיסלעך.

העלענס מאַן, מישעל דעברעז, זעט מען לעצטנס זעלטן. ער איז אַן אַרכיטעקט, אַרבעט ערגעץ אין אַ וויַיטן שטאָט־קוואַרטאַל. היַינטיקע צײַטן איז, איבעריקנס, בעסער און געזינטער נישט צו זיַין צופיל בײַגעריק. ניש־קשה, די פּאַטריאָטן ווייסן וואָס זיי טוען. דער אָקופּאַנט וועט אין גיכן ברעכן דעם קאַרק. ס'איז אפשר אַ פראַגע פון וואָכן, פון טעג. די שכנים האָבן אָבער שטיל באַשלאָסן, אַז זיַין קורץ־געשוירן בערדל, די שמייכלענ־דיקע אויגן, פּאַסן זיך זייער גוט צו דער אַרכיטעקטור און צו דער... ווידער־שטאַנד־באַוועגונג.

שטייענדיק אין איינעם אַ באַגינען אין דער ריי פאַר דער בעקעריי, דערהערט מען מיט אַ מאָל אַ געשריי:

— די געסטאַפּאָ! די געסטאַפּאָ!

דאָס געשריי קומט פון די אָפענע פענצטער אין קעגנאיבערדיקן הויז. אין דער ערשטער רגע האָט העלען נישט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן, וווּ־הין צו לויפן. ראַטעווען איר מאַן, אָדער צוערשט לויפן צום קינד? אָבער איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו באַשליסן, איז זי דורך דער מענטשן־מאַסע אַרייַנגעשטופּט געוואָרן אין דער בעקעריי. דער בעקער האָט איר דערלאַנגט אַ ברויטל און דורך דער הינטער־טיר זי אַרויסבאַגלייט צום דרויסן.

זי האָט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט מיטן ברויטל אין האַנט, ווי מיט אַ פאָן און אין די אויערן האָט נאָך אַלץ בייַ איר געקלונגען דער אויסגעשריי: — די געסטאַפּאָ! די געסטאַפּאָ!

מישעל איז אַ פאַרבינדלער. אַצינד זענען אַלע פאַרבינדונגען איבער־געריסן. קיין רשימה פון נעמען וועט מען בייַ אים נישט געפינען. אָבער צי וועט ער קענען אויסהאַלטן די פּייַניקונגען, די יסורים? ווי אַזוי ראַטעוועט מען אים? אַ סך פּלענער זענען איר אויפגעשווומען אין געדאַנק, אָבער קיין איינער איז נישט רעאַל. זי ווייסט, אַז זי טאָר זיך נישט אומקוקן אויף הינטן. זי דערמאָנט זיך לוטס ווייַב, אַנטלויפנדיק פון סדום... אָבער ווי לאַנג וועט זי זיך נאָך רופן העלען, טראָגן אַ מאַסקע אויפן פּנים? געדאַרפט וואָלט זי זיך אומקערן אַהיים, צו מישעלן, צום קינד. זיי זענען הונגעריק. סייַ־ווי איז דאָך אַלץ פאַרלוירן. און זי קערט זיך לסוף צוריק צום טויער פון איר הויז.

די צוויי געסטאַפּאָ־לייַט וואָס וואַכן בייַם טויער, פאַרצוימען איר דעם וועג. זי איז נאָך אין שלאָף־ראָק, אין שטעק־לאַטשן, אַ סימן, אַז זי אַליין וווינט דאָ. זי איז בלויז אַרונטערגעגאַנגען קויפן אַ ברויט. זיי ווילן אָבער פון גאָר נישט וויסן. אַזוי לאַנג ווי די אונטערזוכונג איז אין הויז, טאָר קיינער נישט אַרייַנגיין און נישט אַרויסגיין פון דאַנען.

צו די צרות שמייכלט זי נאָך. זי איז זיי שיער נישט דאַנקבאַר, וואָס זיי פאַרווערן איר אַרייַנצוגיין. זי טראָגט זיך אָפּ מיט לאַנגזאַמע טריט, אומ־באַמערקט, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט צו איר נישט געהאַט קיין שום שייכות.

דעם גאַנצן טאָג איז העלען געלאָפן פון איין חבר צום צווייטן, אָנצו־זאָגן, אַז מישעל איז אַרעסטירט. איר אָטעם איז געווען אָפּגעהאַקט און זי האָט נאָר געקענט אַרויסברענגען:

— מישעל... געסטאַפּאָ...

מ׳האָט זי געפּרוווט פאַרהאַלטן, זי זאָל זיך צוזעצן אויף אַ רגע, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. זי האָט נישט קיין כּוח אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. זי האָט אַלעמען געוואָרנט. איצט מוז מען אַלעמען פאַרגעסן. פאַרגעסן איז אָבער שווערער ווי געדענקען. זי געדענקט פּנימער, נעמען, געשטאַלטן. יעדער געשטאַלט פאַרבייגט זיך פאַר איר:

— כ׳בין דער און דער. די און די. געדענקסט מיך? אַוודאי דערקענסטו מיך. מיר האָבן זיך געטראָפן...

קאָן זי דען זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס זי זעט און הערט? אַלע קוקן איר נאָך מיט נײַגעריקע בליקן. ווי אַזוי גייט עס אַרום אַ פרוי, אין מיטן העלן טאָג, אין גאַס, אין אַ שלאָף־ראָק, אין שטעק־שיך? אפשר איז זי טאַקע נישט מיט אַלעמען? זי פילט זיך אָפּגעשוואַכט, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט.

אָט זיצט זי אין אַ גערטל, אויף אַ באַנק און דערמאָנט זיך פּלוצים, אַז הײַנט אָוונט דאַרף קומען דער חבר, זיך טרעפן מיט מישעלן. זי בײַסט זיך די ליפּן. יענער ווייסט דאָך נישט וואָס ס׳איז געשען. זי קען אים נישט אָקעגנגיין. וואָס טוט מען? דערקענען וועט זי אים, אַפילו ווען ער זאָל טראָגן וואָנצעס, אַ בערדל. לויטן גאַנג זײַנעם וואָלט זי אים דערקענט פון הינטן. אַלץ קען מען פאַרשטעלן: דאָס פּנים, דאָס קול אַפילו, אָבער נישט דעם גאַנג. וועט זי אים גיין אָפּוואַרטן אויף דער גאַס, וועט זי שטעלן אין געפאַר נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אויך אים און איר קינד. דער קלײנער שפּילט זיך מסתמא אויפן טראָטואַר, צוזאַמען מיט נאָך קינדער.

— מאַמעשי! — וועט ער אַ געשריי טאָן — ווו איז דער פּאַפּאַ? פאַר־וואָס ווילסטו כ׳זאָל אים נישט זען?

ניין, זי טאָר עס נישט טאָן. זי מעג זיך שפּילן מיט איר אייגן לעבן, זי טאָר אָבער נישט אײַנשטעלן דאָס לעבן פונעם קינד. שלאָגט זי זיך אַלץ מיט דער דעה: גיין אָפּוואַרטן דעם חבר, אָדער נישט גיין? זי האָט אַפילו נישט געדענקט מער, אַז זי האָט נאָך גאַרנישט געהאַט אין מויל. איר ברויטל האָט זי ערגעץ איבערגעלאָזן. איר מוח איז פאַרנומען מיט מישעלן.

ער ווערט דאָרט געפּײַניקט דורך דער געסטאַפּאָ. זיי האָבן צוגעטראַכט נײַע, גיהינומדיקע מיטלען און פּאַרטלען ווי צו פּײַניקן. וועט ער עס אַריי־בערטראָגן? ס'קען דאָך זײַן, אַז מען פּײַניקט אים און מ'פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל זיי זאָגן, ווּ זײַן ווײַב העלען געפינט זיך. וועט ער אויסזאָגן? ניין!

אפשר וואָלט זי געדאַרפט גיין און אַליין זיך צושטעלן. זי דערשרעקט זיך פאַרן אייגענעם געדאַנק. איז זי אַראָפּ פון זינען? זיי ווילן דאָך אַוודאי אויך וויסן ווּ איוו געפינט זיך. זיי וועלן אויסראָטן די גאַנצע פאַמיליע, ווי זיי האָבן אונטערגעצונדן דערפער, שטעט. די שכנים ווייסן, אַז איוו, איר קליינער איוו, געפינט זיך בײַ אַ פראַנצייזישער פאַמיליע, אויף דער זעלביקער גאַס. וועלן די שכנים מסרן, ווּ איר קינד געפינט זיך? פון וואַנען ווייסט זי, אַז איינער אַ שכן איז נישט קיין פאַררעטער, קיין פאַרקויפטער מיטאַרבעטער?

זי דערמאָנט זיך אָבער, ווי אַזוי די שכנים, וואָס זענען געשטאַנען מיט איר אין דער ריי פאַר דער בעקערײַ, האָבן זי שנעל אַרײַנגעשטופּט אינע־ווייניק, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט מישעלס געשריי: „געסטאַפּאָ!". נאָר איר איוו איז אין געפאַר. זי וואָלט געדאַרפט לויפן, אים אַרויסכאַפּן, אַוועק־פירן ערגעץ.

העלען שטייט אויף ווי פון אַ קאָשמאַר. הייבט זיך אויף פון דער באַנק. דאָס קומט איר נישט אָן אַזוי לײַכט, וואָרעם זי פילט אַז אַ שווערע מאַסע הויערט אויף אירע פּלייצעס. שטעלט זי פאַמעלעך אַ טראָט, און נאָך איינעם — זי גייט. נאָר וווּהין? צו וועמען? קינדער שפּילן זיך אין גערטל. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער שול. די נאַכט דערנענטערט זיך. ס'ווערט אָוונט. אָ, ווען עס וואָלט זײַן ווינטער צײַט, וואָלט געווען נאָך ערגער. אָבער, ווען ס'איז ווינטער וואָלט זי דאָך נישט אַרויס פון שטוב אין אַ שלאָף־ראָק און שטעק־לאַטשן.

מיט אַ חדשים זעקס צוריק האָט זי זיך אַרײַנגעקליבן אין דעם דאָזיקן ווינקל, קעגן איבער דער בעקערײַ. סײַ דער הויזוועכטער, סײַ די שכנים סימפּאַטיזירן מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ווען די בעקערײַ געפינט זיך אין צווייטן עק גאַס, וואָלט זי מישעלס סיגנאַל נישט דערהערט, און אַלע דרײַ, זי, דער מאַן און זייער קינד, וואָלטן איצט געצאַפּלט אין די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ. אויך דער חבר וואָס דאַרף קומען. קיינער קען

אים אָבער נישט גיין וואָרענען. דאַרף זי עס טאָן. לויף — זאָגט זי צו זיך — לויף, און וואָס גיכער!

ווײַל מענטשן קוקן זיך אום, וווּנדערן זיך: אַ פרוי אין אַ שלאָף־ראָק, אין שטעקלאַטשן — לויפט זי ווי אַ דולע, וויל זי טון אַלץ כדי נישט אַרויס־רופן צו זיך קיין חשד. די שטאָט איז גרויס. זי קען נישט אַלע גאַסן. זי קען נישט אַלעמען וואָרענען. נישט אַלע זענען אין דער היים. ווער ווייסט, וויפל פון זיי וועלן אַרײַנפאַלן. און אפשר גאָר קוקט מען איר נאָך. די געסטאַפּאָ לאָזט זי בכיוון לויפן פון איינעם צום צווייטן און זי ווערט, נישט ווילנדיק, זייער אַרויסהעלפערין?

ניין, זי טאָר נישט גיין באַגעגענען דעם חבר. זי טאָר אין איר גאַנג נישט אַרײַנשמעקן. ס׳קען זײַן, אַז דער חבר האָט זיך שוין דערוווּסט פון מישעלס אַרעסט. אָבער דאָס קינד! זי דאַרף ראַטעווען איר קינד. זי גע־טרויט זיך אַ קוק טאָן היגטערווײַלעכטס, זען צי מען גייט איר נישט נאָך. די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך איר אין מוח. צו וועמען זיך איצט קערן און ווענדן? נעכטן האָט זי נאָך געהאַט אַ הויז, אַ מאַן, אַ קינד, אַ געלעגער.

ווי מישעל וואָלט דערהערט איר רוף, האָט ער פון זײַנע ווייטיקן צו זיך געשעפּטשעט:

— העלען, כ׳וועל זײַן שטאַרק — — ביז דער לעצטער רגע!

מישעל ליגט אַ צעמיתטער אין דער צעל און קאָן נישט רירן מיט קיין אבר. ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז געפאַלן אין חלשות. ער וועט אָבער מיט קיין איין וואָרט קיינעם נישט פאַרראַטן, נישט זיך, נישט אַנדערע. פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ כּוח איבערצוטראָגן די שווידערלעכע פּײַ־ניקונגען? וועט ער אויך ווײַטער בײַשטיין דעם נסיון?

אַ מענטש, ווייסט ער, קאָן לײַדן ביז צו אַ געוויסער גרענעץ, נאָכדעם גייט אים אויס דאָס חיות, ער שטאַרבט, אָדער פאַלט אין חלשות. פאַראַן אַזעלכע וואָס חלשן נישט און לײַדן ווייטיקן ביז דער לעצטער רגע. ער אָבער האָט געחלשט דרײַ מאָל בײַם פאַרהער. צוויי מאָל האָבן אים די געסטאַפּאָ־לײַט אָפּגעמינטערט. דערנאָך האָבן זיי אים אַרײַנגעוואָרפן אין דער צעל.

ער בײַסט זיך די פאַרטריקנטע ליפּן, ס׳ווילט זיך אים וואַיען פון צאָרן. ער הערט אין זיך העלענס געשרייען, וואָס קומען צו אים פון ווײַטנס, און

ביידנס קולות האָבן זיך, זעט אויס, ערגעץ ווו באַגעגנט און זיך צעצוויַיגט. ער איז אַרויסגעשליַידערט געוואָרן פונעם קאָשמאַר און זי איז אַריַינגעפאַלן.

האָבן זי פאַרביַיגייערס אויפגעהויבן אַ פאַרחלשטע.

די שכנים זייערע ווייסן, אַז דער אַרכיטעקט מישעל, מיטן קורץ־געשוי־רענעם בערדל, איז אַרעסטירט. זיי זענען באַגינען געשטאַנען אין דער ריי פאַר דער בעקעריַי און געזען ווי די געסטאַפּאָ האָט פון קעגנאיבערדיקן הויז אַרויסגעפירט דעם אַרכיטעקט. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז ער איז פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, זיי האָבן געזען ווי מ׳האָט אים, אַ צע־שלאָגענעם, אַ צעבלוטיקטן, אַריַינגעוואָרפן אין אַן אויטאָ וואָס האָט גע־וואַרט פאַרן טויער.

די פרויען האָבן געזידלט די דיַיטשן מיט די ערגסטע רייד. ווען זיי פאַרן נישט שנעל אַפּ, די דאָזיקע מענטשן־חיות, וואָלטן זיך די וויַיבער מסתמא אַ וואָרף געטאָן אויף זיי, כּדי אַרויסצוריַיסן דעם פאַרוווּנדעטן פון זייערע בלוטיקע הענט. די נאַציס, אָבער, וואָלטן געשאָסן אין דער מאַסע אַריַין, ווי ס׳האָט שוין מיט עטלעכע טעג צוריק פּאַסירט נישט וויַיט פון דאַנען.

זענען זיי כאָטש צופרידן דערמיט וואָס זיי האָבן באַוויזן העלפנען אַריַינצושטופּן אין דער בעקעריַי — זאָל זי זיך כאָטש ראַטעווען. אַ שטילע אַזאַ, אַ סימפּאַטישע. ווער איז זי? פון וואַנען קומט זי? איז זי טאַקע זיַין אמתע פרוי? אָבער זייער יינגעלע רופט אים פּאַפּאַ! זיי וועלן אים געוויס פאַרפּיַיניקן. מען וואָלט געדאַרפט די פרוי מיטן קינד אויסבאַהאַלטן אויף אַ זיכער אָרט. אָבער קיינער ווייסט נישט ווּהין זי איז פאַרשוווּנדן. דורך דער הינטער־טיר פון דער בעקעריַי איז זי אַרויס. זאָל זי נאָר נישט צוריק־קומען. דאָס הויז איז באַוואַכט. איר קינד איז אין זיכערע הענט. אַלע ווען זיך פאַרנעמען מיטן קינד.

איוו איז געוואָרן פיר יאָר. זיַין געבורטס־טאָג איז געפיַיערט געוואָרן צוזאַמען מיט זיַינע עלטערן. דער פאָטער האָט אים געבראַכט אַ פערדל און אַן אויטאָ און איז באַלד ווידער פאַרשוווּנדן.

פאַרוואָס אָבער האָט ער צוויי מאַמעס? — פרעגט זיך ס׳קינד, אַלע קינדער האָבן בלויז איין מאַמע און איין פּאַפּאַ? פאַרוואָס טאָר ער נישט שלאָפן ביַי זיך אין הויז?

ער האָט לאַנג געוויינט, אַז מ׳האָט אים נישט געקענט באַרויִקן. די מאַמע האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז צו זײַן קומענדיקן געבורטס־טאָג וועלן אַלע זײַן צוזאַמען, דער פּאַפּאַ, די מאַמאַ, דער זיידע, די באָבע. די פּעטערס און די מומעס געדענקט ער נישט, אָבער דעם זיידן געדענקט ער נאָך זייער גוט. ער האָט געהאַט אַ באָרד, אַ לענגערע ווי דער פּאַפּאַ.

די מאַמע זאָגט אים, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער אַליין אַלץ פאַרשטיין. אָבער אים דוכט זיך, אַז די מאַמע באַהאַלט עפּעס אויס פון אים. נישט אַלע קינדער זענען גוט צו אים. ראָבערט וויל אים נישט געבן זײַנע שפּיל־זאַכן. בלויז זשאַן־קלאָד נעמט זיך אָן פאַר אים. ער איז שוין אַ גרויסער, ער גייט אין שול און האָט אַ רענצל מיט ביכער. די קינדער אין גאַס שפּילן זיך אין מלחמה. זיי שיסן מיט ביקסלעך און די פראַנצויזן געווינען אַלע מאָל די מלחמה. זיי האָבן פײַנט די דײַטשן. די דײַטשן זענען בייזע און פינצטערע. זיי רעדן אַ שפּראַך וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. נאָר די אַלטע מאַמע האָט אים אויפגעקלערט, אַז יעדער פאָלק רעדט אויף זײַן אייגענער שפּראַך.

גוטע מענטשן האָבן העלענען אַפּגעמינטערט, געפירט זי אין שפּיטאָל אַרײַן. קיין פּאַפּירן האָט זי נישט געהאַט בײַ זיך, אָבער מ׳האָט זי אויפגענומען אָן פּאַפּירן. אַ מענטש אָן פּאַפּירן איז אַ מענטש אָן אַ זכרון. זי האָט אָבער מורא אַז אין צושטאַנד פון פאַרגעסונג, קען זי אָנגעבן איר אַמאָליקן ריכטיקן נאָמען. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז אין דער שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע זיצן געסטאַפּאָ־לײַט, וואָס קאָנטראָלירן די פּאַפּירן פון יעדן קראַנקן. ס׳איז אַ ריזיקע צו רעדן פון היץ, אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, מיט אַ געדאַנק אַפילו.

און געדאַנקען זענען פאַראַן פאַרשיידענע, אַלערליי: רוישיקע און שטילע, שאַרפע ווי חלפים און טעמפּע ווי האָלצערנע שטעקנס; לײַכט־שוועבנדיקע ווי כמאַרעלעך אויף אַ גרויסן לויטערן הימל און טאַניק־שווערע וואָס מ׳קאָן צעדריקט ווערן אונטער זייער משא. נאָר איר דוכט זיך גאָר, אַז זי טראַכט מיט נישט קיין אייגענע געדאַנקען.

אין בעטל לינקס ליגט אַ שטילע פרוי. זי קרעכצט נישט, כאָטש זי איז געפערלעך קראַנק. זי איז אַ יונגע, אַ שיינע. ס׳לײַכט בײַ איר אַ רויט לעמפּל. ס׳איז טיפע נאַכט אין דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע. העלען זעט דעם

שאַטן־שפּיל אויפן איידעלן פּנים פון דער יונגער פרוי. אויף וואָס לײַדט זי? קען זײַן אַז אויך זי איז אַנטלאָפן פון דער געסטאַפּאָ, באַהאַלט זיך אויס אונטערן אויסרייד פון אַ קראַנקייט? אפשר.

פאַראַן דאָ דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וואָס אַרבעטן־מיט אַק־טיוו אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. איז מעגלעך, אַז אויך די דאָזיקע פרוי... פאַרוואָס נישט?

ס׳איז אַ דערלײַכטערונג פאַר אַ קראַנקן, ווען ער געפינט אויס אַ קראַנקן ר׳זאָל זיך קאָנען מיט אים פאַרטרוילעך דורכשמועסן, ס׳איז בעסער פונעם בעסטן מעדיקאַמענט. אָבער יענע רעאַגירט נישט. אפשר חלומט זי איר חלום?

זי וואָלט אפשר געדאַרפט רופן די דיזשורירנדיקע קראַנקן־שוועסטער און בעטן בײַ איר אַ באַרויִקונג־מיטל, אַ שלאָפמיטל. זי אַליין, העלען, האָט מורא אײַנצושלאָפן. ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן. זי וויל בלײַבן וואַך ביזן סוף פון דער לאַנגער נאַכט. ווען דער באַגינען קומען? דער ליכטי־קער באַגינען, ווען עס וועט זיך ענדיקן די לאַנגע נאַכט פון שרעק און גרויל? אָבער — ווען? ביז דעמאָלט קענען זיי האָבן פאַרפּײַניקט איר מישעלן. און וואָס וועט זײַן מיט אונדזער זונעלע, מיט איוון?

אַ שטומער בליק קען טיילמאָל ברענגען באַקאַנטשאַפט, מער ווי ווער־טער. זיי האָבן קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט דורך דער גאַנצער נאַכט, און פונדעסטוועגן האָבן ביידע פרויען אין באַגינען שוין אַלץ גע־ווּסט איינע פון דער צווייטער. די יונגע פרוי געפינט זיך דאָ, ווײַל אירס אַ זייער נאָענטער איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. כּמעט איר פאַל. הייסט דאָס, ביידע זענען זיי „קראַנק״ אויף דער זעלביקער קרענק...

אַ שפּראָץ אויף טאָג און ביידע האָבן זיך שוין געקענט אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן שוין מער נישט באַדאַרפט רעדן וועגן דעם.

קודם האָט מען געדאַרפט געפינען אַ פאַרבינדונג מיט ביידע, וואָס שמאַכטן אין די געסטאַפּאָ־קעלערן. אפשר וועט פאַרט זיך אײַנגעבן זיי צו באַפרײַען? פון אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף דער געסטאַפּאָ האָט נישט גע־קענט זײַן קיין רייד. אָבער עפּעס מוז מען דאָך צוטראַכטן.

ביז וואָס־ווען, מוזן זיי ביידע פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. דער קליינער איזו טאָר אויך נישט פאַרבלייַבן ביי פרוי דיפּאָן. ער, אין איינעם מיט דער מאַמען, מוזן זיך פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ דאָרף.

איז דאָס געשען נאָך דעם זעלבן טאָג, אָן איבעריקע שוועריקייטן.

*

זיצט העלען בײַם בעטל פון איר קראַנק קינד. דאָס האַרץ קלעמט איר פאַר איר קליין יצחקל. זי רופט אים מער נישט איזו. נישטאָ שוין קיין דײַטשן. דער לאַנגער, פינצטערער קאַשמאַר איז געענדיקט.

פאַרענדיקט, אָבער נישט פאַר איר. איר קינד איז קראַנק. ער האָט פּי־בער, אַ לונגען־אָנצינדונג. זי וויינט נישט, העלען, זי האָט נישט מער קיין טרערן.

זי האָט זיך אַלעמאָל געפּרוווט פאָרשטעלן, ווי אַזוי זי וועט אויפנעמען די באַפרײַונג. מען וועט נישט דאַרפן שרעקן זיך פאַרן מינדסטן גערויש בײַ דער טיר. זי וועט — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט — משוגע ווערן פאַר פרייד. אָבער די האָפענונג צו באַפרײַען מישעלן איז ווײַטער אַלץ שוואַכער געוואָרן, ביז די האָפענונג האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָשן.

זיצט זי בײַם קינדס בעטל און רעדט צום קינד:

— טײַער יינגעלע, טוט דיר עפּעס ווײ?

— אָ, מאַמעשי.

— באַלד וועט דיר ווערן לײַכטער.

— ווען מאַמעשי?

— דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז וועסט באַלד געזונט ווערן. ביסט מײַן לעבן, מײַן טרייסט, מײַן באַפרײַונג...

— וואָס הייסט — באַפרײַונג?

— קענסט עס נישט פאַרשטיין, מײַן יינגעלע. עס זענען געווען דײַטשן, רוצחים. מערדער זענען זיי געווען. מיר האָבן זיי פאַריאָגט.

— ווער האָט זיי פאַריאָגט?

— דײַן פּאַפּאַ. אַלע פּאַפּאַס. איך אויך.

— אַזוי שטאַרק זענט איר? וווּ זשע איז מײַן פּאַפּאַ?

— אַוועקגעפאָרן. ווײַט פון דאַנען.

— ער וועט צוריקקומען? וווּהין איז ער געפאָרן?

— כ׳ווייס נישט, מייַן ייִנגעלע. ער האָט מיר נישט געזאָגט — ווּהין.

— פאַר וואָס ?

— ס׳קען זייַן, אַז אויך ער האָט נישט געוווּסט. ביסט נאָך צו קליין עס צו באַגרייַפן.

— ווען וועל איך ווערן גרויס ?

— צו ערשט ווער געזונט, דערנאָך.

— וואָס דערנאָך ?

— דערנאָך וועסטו גיין אין שול, וועסט זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין. שלאָף, ייִנגעלע. אַז וועסט זיך אויפכאַפּן, וועל איך דיר נאָך דערציילן.

— וואָס ?

— אַ שיין מעשהלע.

— פון וואָס ?

— וועגן ייִדן, וועגן דער באָבען.

— אמת, מאַמעשי ?

— אמת, מייַן ייִנגעלע. אָבער אַצינד — שלאָף, שלאָף. עס היט דיך דייַן מאַמע.

# די „דרײַ שאָטנס" און אַ מאַמע

ס'איז געווען אַ פרילינג־טאָג ווען מיר זענען צוגעקומען צום פּאַריזער מוזיי „ראָדען". די פרוי וואָס כ'האָב באַגלייט, איז געווען גוט גע־שטימט, געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זי וואָלט געווען איצט צעבליט צוזאַמען מיטן פרילינג אין אָט דעם זוניקן באַגינען.

אין הויף, אויף רעכטס, ווו רויזן האָבן באַצירט דעם וועג צו דער באַקאַנטער ראָדען־סקולפּטור „דער דענקער", האָבן מיר פון דער ווייטנס באַטראַכט די ריזן־סקולפּטור פון באַלזאַק, אָבער דערבײַ זיך געקוויקט מיט דעם שײַנעם, געפלעגטן גאָרטן, וואָס איז געווען אויסגעצירט ווי אַ רייצנ־דיקע יונגע פרוי.

מיר זענען שנעל אַריבער אויף לינקס, אָפּגעשטעלט זיך בײַ דעם פּענאָ־מענאַלן דענקמאָל — די גרופּע פּערסאָנאַזשן וועלכע רופן זיך „די בורזשואַ פון קאַלע". דאָ האָט זיך מײַן גאַסט פאַרזאַמט און באַוווּנדערט יעדן פּער־סאָנאַזש באַזונדער; און גלײַך זענען מיר צו צו דעם „טויער פון גהינום". דאָ האָבן מיר זיך גאָר באַזונדער אָפּגעשטעלט אויף די „דרײַ שאָטנס" אין זייער פּלאַסטישער אויספירונג און זייער אינערלעכער קראַפט מיט וועל־כער זיי באַווירקן.

מײַן שמייכלדיקער גאַסט האָט מיך געבעטן זי רופן בײַם פּריוואַט־נאָמען: — מאַרישאַ; דאָס איז איר נאָמען מיט וועלכן זי האָט איבער־געלעבט די טראַגישע יאָרן פון דער היטלער־צייט ביי פּאָליאַקן, אירע גוטע פרײַנד. דער טאַטע אירער האָט זי גערופן מ י ל ק ע — האָט זי שנעל צוגעגעבן.

די „דרײַ שאָטנס" האָבן אַרויסגערופן בײַ מיר אַ געפיל פון שרעק, נאָר מײַן גאַסט, וואָס האָט שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעלעבט דעם גערانגל פון שרעק און פחד, האָט גאָר געמאַכט אַזאַ מין אויספיר: —

שרעק איז בײַם מענטשן דער בעסטער פרײַנד, אָן אים — ווער ווייסט ווי דער מענטש וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען.

האָב איך זיך פאַרקוקט אין אירע ליכטיקע אויגן און דערזען: זיי זענען געווען פריילעך און טרויעריק אין דער זעלבער צײַט.

שטיל, פּאַמעלעך האָבן מיר שפּאַצירט צווישן די ראָדען־סקולפּטורן און געהערט דעם טיק־טאַק פון אייגענעם האַרץ.

מײַן גאַסט מילקע, אָדער מאַרישאַ, איז געווען פון דעם מין פרויען, וואָס זענען אי וועלטלעך, אי פול מיט ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט. זי איז געווען, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אָן אויפריכטיקע, אָן שום שוץ אָדער פּחד פאַר אַ געפיל פון גרינגשעצונג. אַזעלכע אייגנשאַפטן מאַכן דיר נאָענט דעם מענטש, און דער מענטש באַקומט בײַ דיר אַ גרעסערע חשיבות. ס׳האָט פון איר אַרויסגעשטראַלט באַגײַסטערונג צוזאַמען מיט שטילע אָפּקלאַנגען פון אירע הערצישע כּוחות. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ איז אויס־געמישט קוראַזש, אויסדויער און אפשר אַ מין פאַנאַטיזם צו וועלן לעבן.

און ווײַל זי האָט כמעט געהערט וואָס איך טראַכט, האָבן אָט די אַלע געדאַנקען און געפילן אונדז ווי באַהאַפטן מיט ראָדענס שאַפונגען. אָט בלײַבן מיר שטיין אין דער זעלבער צײַט בײַ דעם שעדעווער „די האַנט פון גאָט". אירע אויגן צערטלען אָט די „האַנט" און אירע פינגער שמעקן די אַ פּלאַסטישע פאַרקערפּערונג, ווי זיי וואָלטן דערשפּירט דעם צונויפגוס פון צוויי קערפּערס אין ליבע.

ווען מיר קומען צו צו דער סקולפּטור „די ווייטיק" („דולער") בלײַבט מאַרישאַ שטיין פאַרטראַכט, איר זוניק פּנים ווערט פאַרצויגן מיט טונקעלע וואָלקנס און — ווי כ׳וואָלט קוקן צו אַזאַ הימל, האָט איך באַקומען ס׳געפיל, אַז אָט וועט אויסברעכן אַ שטורעם.

דאָ האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי אַן עלנטער בוים אין אַ שטורעם, און אָנגעהויבן דערציילן: —

— עס איז געווען אין דער סאַמע מיט פון דער היטלער־ממשלה אין פּוילן, בעת אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך שוין אין די געטאָס און קאָנצענטראַציעס געראַנגלט דאָס פּוילישע ייִדנטום צווישן טויט און לעבן.

איבערן לאַנד זענען אַ צאָל ייִדן געווען פאַרשטעקט אין לעכער, אין בונקערס, אין חרובע הײַזער, אויסבאַהאַלטן ווער דורך רחמנות־האָבנדיקע

פּאָליאַקן, אַנדערע פּאָר געלט און גאָר אַנדערע — אפשר צוליב רעליגיעז־מיסטישע אײַנרעדענישן.

די אַלע האָבן ריזיקירט זייער לעבן. האָבן טאַקע אַ סך נישט אויסגע־האַלטן דעם נסיון, זיך אײַנגעבראָכן און אַרויסגעטריבן צום טויט־הפקר די באַהאַלטענע יידן. טייל האָבן זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די ס.ס.־לײַט, טייל האָבן זייערע באַהאַלטענע יידן אַליין דערהרגעט, און טייל האָבן זיך פּשוט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און געהיטן זייערע באַהאַלטענע.

בײַ איינער אַ פּוילישער פרוי וואָס האָט נישט געוואָלט מען זאָל דער־מאָנען איר נאָמען, איז געווען אויסבאַהאַלטן מאַרישאַ מיט איר מאַמען און דאָס דרײַ־יעריקע מיידעלע אירס, רוזשאַ. אירס אַ שוועסטער, סטאַכאַ, איז געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ צווייטן דאָרף, ווו דער גרויסער סאָסנאָווער וואַלד האָט זיי פונאַנדערגעטיילט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מאַרישאַ באַקומען אַן אינפאָרמאַציע, אַז דאָס דאָרף ווו איר שוועסטער באַהאַלט זיך אויס וועט אין צוויי טעג אַרום אונטערגעצונדן ווערן דורך דער געסטאַפּאָ. אין יענער בין־השמשות־שעה האָט מאַרישאַ אָנגעטאָן דעם פּויערישן פּעלץ, אַ טיכל אויפן קאָפּ, זיך געזעגנט מיט דער מאַמען, וואָס האָט זי באַגלייט ביז צו דער טיר מיטן קינד אויף דער האַנט, און שטיל געמורמלט אַ תפילה, אַז איר טאָכטער זאָל מצליח זײַן אין וועג.

די שרעק האָט געפײַפט מיט דעם שניייִקן ווינט, וואָס האָט געוויל־דעוועט איבער דער אומענדלעכער ווײַסער וועלט, אַ פאַרשאָטענע מיט גרויסע שיכטן שניי.

מאַרישאַ איז געגאַנגען בײַם ראַנד פון וואַלד, יעדער טראָט אין טיפן פּוכיקן שניי האָט געסקריפּעט און געשראָקן מיטן פּחד פון טיפער נאַכט.

מיט אַמאָל דערפילט מאַרישאַ ווי עס גייט איר ווער נאָך פון הינטן, זי קוקט זיך נישט אום, — זי דערזעט אָבער אַ שאָטן פון אַ מענטש מיט אַ ביקס אויפן אַקסל; זי ציטערט סײַ פאַר קעלט, סײַ פאַר הונגער, סײַ פאַרשטייט זיך, פאַרן מאַן מיט דער ביקס...

דער שאָטן דעריאָגט זי, — אַ פּויער וואָס האָט זיך אומגעקערט פון זײַן וואַלד־אַרבעט און געטראָגן אויפן אַקסל, אויף אַ שטעקן, אַ פּעקעלע מיט שפּײַז.

ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מאַרישאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אויסדרוק ווי פון דעם מײַסטער־ווערק „דער ווייטיק". דער פויער האָט אַראָפּגענומען ס'פּעקל פון אַקסל, צעבראָכן אויף זײַן קני דאָס לעבל שוואַרץ־ברויט און איר דערלאַנגט. אירע הענט זענען געווען מאַכטלאָז און נישט געקאָנט זיי אויסשטערקן צו אים. זי האָט געפּרוּווט פרעגן צי עס איז די ריכטונג צום דאָרף וואָס זי דאַרף, און צי ער קאָן דאָס הויז פון בראַ־ניאַן. געמיינט האָט זי גאָר דאָס הויז פון אַנטעק, אָבער זי האָט מורא געהאַט אויסצוגעבן דעם נאָמען. און איין הויז איז געווען נאָענט צום צווייטן.

דער פויער האָט לאַנג געקוקט אויף איר. געזען איר צעווייטיקט פּנים, אויסגעשפּיגן, אַ טריט געטאָן פאַר איר, געהייסן איר זי זאָל אים נאָכגיין פון ווײַטנס, און געזאָגט: אַז איך וועל זיך פאַרדרייען אויף לינקס, זאָלסטו גיין אויף רעכטס, עס איז דאָס דריטע הויז פון וועג.

די זאַוויערוכע און דער בײַסיקער ווינט האָבן געביסן דאָס פּנים און פאַרהאַקט דעם אָטעם.

מאַרישאַ איז אָנגעקומען צום הויז לויט די אָפּגערעדטע סימנים, אַ קראַץ געטאָן אין פענצטער. עס האָט זיך באַוויזן דער שאָטן פון איר שוועסטער סטאַכאַ. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיטן זעלבן געפיל פון שרעק.

— אַנטלויף, סטאַכאַ, מאָרגן וועט דאָס דאָרף פאַרברענט ווערן דורך אַן ס.ס.־קאָמאַנדאַ, אַנטלויף, סטאַכאַ, באַהאַלט אויס דײַן לעבן! דאָס האַלבע לעבל שוואַרצע ברויט, וואָס דער פויער האָט איר געגעבן בײַם צעשיידן זיך, האָט זי איבערגעלאָזט פאַר דער שוועסטער, פאַר דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן.

ווען מאַרישאַ איז צוריקגעקומען האָט שוין דער טאָג געשפּראָצט אויפן ווײַטן קאַלטן האָריזאָנט.

די מאַמע איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ דער טיר מיטן קינד אין די אָרעמס. ווען זי האָט זי דערזען אַ לעבעדיקע, האָט זי איר דערלאַנגט דאָס מיידעלע רוזשאַ און אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער סטאַטוע „באַגינען", און שנעל זענען מיר אַריבער צו דער צווייטער — „די פרוי נאַיד". ווען מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן בײַ דער דריטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מעטאַמאָרפאָזע",

האָט זי אַ בלאַסע, מיט אַ ווייטיקפולן שמייכל דערציילט ווי איר טעכטערל רוזשאַ איז איין מאָל אַ פרימאָרגן צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס איז געווען פאַרפרוירן, פאַרצויגן מיט אײַז־בלומען, געמאַכט אַ לעכעלע מיט איר הייסן אָטעם, אַרויסצוקוקן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. זי האָט דערזען אַ הינטעלע, וואָס איז אַרומגעשפרונגען און געדרייט מיטן עק, גע־לאָפן הין און צוריק, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צו איר און אַ זאָג גע־טאָן:

— כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט ווערן אַ הינטעלע, אַ הינטעלע האָט דאָך נישט קיין מורא פאַר קיין דײַטשן; כ׳וואָלט זיך אויך געגורעט אין פוכיקן שניי, געפרייט זיך מיט די אַלע זוניקע שנייעלעך וואָס פאַלן ווי פוך דורך אַ פענצטער פון גאָטס הימל.

ווען די מאַמע האָט זי מיט טרערן אין די אויגן שטום אָנגעקוקט, האָט רוזשאַ אַ כאַפּ געטאָן דער מאַמעס האַנט, זי געקושט, געגלעט און געזאָגט:

— זאָרג נישט, מאַמע, ווי נאָר היטלער וועט שטאַרבן, וועל איך צוריק ווערן דײַן מיידעלע רוזשאַ.

מיר גייען שנעל דורך צענדליקער שאָפונגען. פונעם קאָפּ „פאַרצווייפ־לונג" גייען מיר שנעל אַריבער צו דעם קאָפּ „די סלאַווישע פרוי", די „ווייבערין" און מיר קומען צו צו דער סקולפּטור: „די מאַמע מיטן שטאַרבנ־דיקן קינד". כ׳וויל שנעל פאַרבײַגיין, ווײַל כ׳האָב דערפילט איר סענסיטיוון טרייסל, נאָר מאַרישאַ פאַרהאַלט זיך דווקא דאָ, מיט איין האַנט קלאַמערט זי זיך אין דעם בלאָק פון גראַניט־שטיין און מיט דער צווייטער פאַרריכט זי אירע האָר מיט אַזאַ באַוועג, ווי זי וואָלט וועלן אויסווישן אַ טרער. און ווידער צעמורמלען זיך אירע ליפּן שטיל ווי אין אַן אינטימער תּפילה:

ס׳געטאָ איז שוין געווען ליקווידירט. די לעבנגעבליבענע מענער, פרויען און קינדער זענען פאַרזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ און אַנטקעגן זיי די ס.ס.־לײַט מיט מאַשין־געווער, מיט די אויסגעשטרעקטע לופעס צו דער קופע ייִדן; אַן אָרקעסטער שפּילט וואַגנערס וואַלקיריע און פאַרטויבט די לופט. מיר אַלע וואַרפן זיך אין פּחד, קוקנדיק דעם טויט אין די אויגן אַרײַן. איך, מיט מײַן מיידעלע רוזשקאַ, ווענען כ׳האָב געהאַלטן צווישן מײַנע ציטער־דיקע פיס, וואַרטן, וואַרטן, מסתּמא ווי אַלע. מיט אַ מאָל — קוילן און ווילדע

יללות. אַ פּײַפּנדיקע קויל איז מיר דורך די האָר, אַ ריִץ געגעבן איבערן קאָפּ, מיט מײַנע הענט האָב איך אָנגעטאַפּט דאָס הייסע בלוט, וואָס איז געדונען צווישן מײַנע צעפּלאָשעטע האָר... די מענטשן־קופּע איז געפאַלן מיט „שמע ישׂראל" אויף די ליפּן. און איך, מיט אַ חיִיש געפיל צו ראַטעווען מײַן מיידעלע, בין געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און מײַן דרײַ יעריק מיידעלע צוגעדעקט מיט מײַן נאַקעטן בויך... שטיל האָבן מײַנע ליפּן געשעפּטשעט צו איר: — באַוועג זיך נישט, ליג ווי דו וואָלסט געווען טויט, און איך אויך...

דעם זעלבן נאָכמיטאָג, אונטער אַ גליִענדיקער זון, האָבן פּויערים מיט וועגענער געשפּאַנטע מיט פערד, אַרויפגעלייגט די דורכגעלעכערטע צערײַסענע קערפּערס, צווישן די טויטע — אויך מיך מיט מײַן מיידעלע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין מײַנע פאַרבלוטיקטע פּיס און מײַנע הענט האָבן צוגעהאַלטן איר קעפּעלע.

אַזוי זענען מיר אָפּגעלעגן אויפן בית־עולם ביזן אָוונט. פאַמעלעך האָב איך זיך אַ ריר געטאָן. דערפילט אַז מײַן מיידעלע לעבט נאָך, האָב איך מיט מיינע פינגער גענומען אַ ביסעלע שפּײַעכץ און באַשמירט אירע פאַרטריקנטע ליפּעלעך. כ׳האָב דערזען ווי דאָס קינד באַלעקט זיך דערמיט, האָב איך זי ווידער גענערט מיט מײַן פאַרבליבן שפּײַעכץ, ביז זי האָט געעפנט די אייגעלעך.

די זעלבע נאַכט זענען מיר אַוועק אין וואַלד אַרײַן ווו מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך דעם דאָקטער פון די פאַרטיזאַנער פון יענער געגנט.

מאַרישאַ איז שטיל געבליבן. זי האָט איצט געהאַלטן אירע אויגן פאַרמאַכט, אפשר כדי זי זאָל קענען שטאַרקער זען יענע טראַגישע צײַט.

די קליינע רוזשקאַ איז הײַנט אַ מאַמע פון צוויי קינדער, און הייסט: רייזעלע העלפגאָט.

*

דרײַ עפּיזאָדן, ווי די „דרײַ שאָטנס" פון ראָדען אויפן טויער פון גהינום. לײַכטער צו מאַכן אונדזער שווער געמיט, האָט די יונגע באָבע אַ שמייכלדיקע מיר געזאָגט:

„ס'איז נישט טראַגיש ווען מען ווערט אַלט, שלעכט איז נאָר ווען די נשמה בלייַבט יונג".

ביידע זענען מיר אַרויס אין גאָרטן אַריַין אָפּצואָטעמען.

ווען כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיַין גאַסט בייַם מעטראָ, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז די פרוי מאַרישאַ האָט געלאָזן איר אייגן לעבן שוועבן איבער די פענאָמענאַלע שעדעווערן אין ראָדען־מוזיי, וועלכע מען וועט אייביק געדענקען.

און פון וואַנען ווייסן מיר, אַז אין טויער פון גיהנום זענען נישטאָ קיין סימבאָלן ?

## אין איינער אַ נאַכט

אין מיטן נאַכט און פון אונטערשטן שטאָק רייסט זיך נאָך אַלץ די טאַנץ־מוזיק אַרויף, ביזן בוידעם־שטיבל, אונטערן דאַך. ס׳איז אונטן, אין רעסטאָראַן, געפּראַוועט געוואָרן אַ היימישע חתונה. און כאָטש די דײַטשן האָבן אין די לעצטע טעג באַזעצט אויך די אַזוי־גערופענע „פרײַע זאָנע", די שווערע שטיוול פון נאַצי האָבן אָפּגעהילכט איבער די ברוקן און טראָטוארן פון דער „ראַזער" שטאָט טולוז, איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען ווײַטער. עס זענען געפּראַוועט געוואָרן חתונות, באַנקעטן, מ׳האָט זיך פאַרווײַלט אויף טאַנץ־אָוונטן.

די מוזיק פון אַ צי־האַרמאָניקע האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט אַרײַן. יונגע פּאָרלעך האָבן פאַרפּלאָנטע זיך געוויגט אין טאַנץ, געליאַרעמט, גע־טרונקען. דער נאַצי דרייט זיך דאָ אַרום הינטער די פענצטער, אָבער זײַנע טעג זענען שוין געציילטע. ס׳איז שוין נאָך סטאַלינגראַד, נאָך דער מפּלה פון דער אַפריקע־עקספּעדיציע. מען דאַרף זיך צוקוקן און שווײַגן.

ס׳איז דאָס יאָר 1944, אָבער דער יאַגד אויף ייִדן גייט נאָך ווײַטער אָן. וואָס נענטער זייער מפּלה איז, אַלץ גרעסער איז זייער גרימצאָרן קעגן די אויסבאַהאַלטענע ייִדן. עס ווילדעוועט דער טעראָר פון דער געסטאַפּאָ און פאַר די געפּלאָגטע ייִדן נעמט זיך קיינער נישט אָן.

אינעם בוידעם־שטיבל, איבער דער קאַפע, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע ייִדן.

עריך האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַנע קאָשמאַרן. גייען זיי שוין? קו־מען זיי שוין? קלאַפּן זיי שוין אין דער טיר? צוליב דער מוזיק הערט ער אפשר נישט זייערע שטיוולדיקע טריט. שוין עטלעכע נעכט ווי ער קען קיין אויג נישט צוטאָן, נישט בײַטאָג און נישט בײַנאַכט. ער פילט זיך ווי

אין אַ פּאַסטקע, ווי זײַן האַלדז וואָלט געשטעקט אין דער פּעטליע. קומען זיי שוין, צוצוציִען דעם שטריק אַרום זײַן האַלדז?

דאָס ציט זיך שוין לאַנג, זינט ער האָט זיך פֿאַרקליבן אינעם בוידעם־שטיבל. איז אפֿשר גלײַכער אַליין צו פֿאַרציִען דעם שטריק? אָ, ווען ראַשעל וואָלט זיך נישט געריכט צו ברענגען אַ נײַ לעבן אויף דער וועלט, צו ווערן אַ מאַמע. ניין, קיין פּחדן איז ער נישט, עריך, אָבער די שטענדיקע מורא האָט אים אויסגעשעפּט.

אײַ, מ׳האָט געגלייבט און מען גלייבט נאָך אַלץ, אַז ייִדן וועלן בלויז דעפּאָרטירט ווערן אויף צוואַנג־אַרבעט און נישט — צום טויט, און אויך ער האָט זיך פֿאַרוויגט אין אָט דער אילוזיע, זיך געלאָזט פֿאַרשרײַבן, אַנ־שטאָט געבוירן אין ווין, געבוירן אין בודאַפּעשט! ער איז אַן אונגאַרישער ייִד? ער איז אָבער פֿאַרבליבן אַ ייִד. זײַן אידענטיטעט־קאַרטע טראָגט דעם שטעמפּל „זשוויף״, נאָר... אַז ער און זײַן ווײַב שטאַמען פֿון אונגאַרן. אָבער פֿון דער באַזעצטער זאָנע ווערן אויך דעפּאָרטירט ייִדן פֿון טערקײַ, פֿון דרום־אַמעריקע, פֿון אונגאַרן, אַפֿילו אַלט־אײַנגעזעסענע פֿראַנצייזישע ייִדן, די וואָס האָבן געמיינט, אַז צו זיי האָט עס נישט קיין שײַכות... וואָס זשע זאָל ער טאָן?

ער וויל זי נישט אויפֿוועקן, ראַשעלן. זאָל זי זיך כאָטש ראַטעווען, צוזאַמען מיטן קינד וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ער טאָר זי נישט איבערשרעקן. נאָר ווי אַזוי וועט זי זיך קאָנען ראַטעווען, אויב זיי קומען אָן?

ער באַרירט לײַכט ראַשעלס אַקסל; זי וועקט זיך יאָ און וועקט זיך נישט. ער וויל איר רויִק און געלאַסן לאָזן וויסן, אַז די געפֿאַר איז נאָענט. ער הערט דײַטלעך דאָס קלאַפּן אין טיר.

— קום!... — וועט ער איר רויִק און פֿאַמעלעך זאָגן, זי זאָל זיך נישט איבערשרעקן; ער טאָר דאָך נישט פֿאַרגעסן איר איצטיקן צושטאַנד.

אָבער, וואָס גענוי וועט ער איר זאָגן? זי קאָן דאָך נישט קריכן דורכן פֿענצטער, קלעטערן אויפֿן דאַך. דער דאַך איז משופּעדיק און דער דרויסן איז שוואַרץ און פֿינצטער. ער אַליין מעג גרייט זײַן צו זעלבסטמאָרד, אָבער ער האָט נישט קיין רעכט אויף ראַשעלס לעבן, אויף זײַן קינדס לעבן — אוודאי נישט.

זײַן האַנט ציטערט איבער ראַשעלס אַקסל. ער האַלט געשפּאַנט זײַן

געהער. ער האָרכט. אָבער די פריילעכע טאַנץ־מוזיק אין רעסטאָראַן אונטן פאַרטויבט אַלץ. פּלוצים איז אים אַלצדינג קלאָר געוואָרן. די דײַטשן שפּילן זיך מיט זייערע ייִדן־קרבנות אין קאַץ־און־מויז־שפּיל. זיי דעפּאָרטירן נישט אַלע אויף אַ מאָל, נאָר טראָפּנווײַז, איין קאַטעגאָריע ייִדן ליקווי־דירט, נעמען זיי זיך צו אַן אַנדערער.

אָבער צו וועלכער קאַטעגאָריע געהערן זיי? ער און זײַן שוואַנגערנ־דיקע ווײַב? אַ שאָד זי צו וועקן. אפשר חלומט זיך איר גאָר דער זיסער חלום פון זײַן אַ מאַמע?

פון פאַך אַן עלעקטראָטעכניקער, דרייט ער זיך דאָ אַרום איצט אַר־בעטסלאָז. ער דערמאָנט זיך אין די לייטערס און אין די דעכער, וווּ ער פלעגט קלעטערן. מ׳האָט אים דאָרט, אין עסטרײַך, דעמאָלט קיין מאָל נישט געפרעגט צי ער איז אַ ייִד, צי נישט. בלויז לייטערס... דעכער... ער רירט אָן ראַשעלס אַקסל. זי כאַפּט זיך אויף:

— עריך.

— אָט בין איך, ראַשעל.

ער נעמט זי אַרום, קושט איר אַקסל.

— האָב קיין מורא נישט — זאָגט ער איר.

— זיי גייען טאַקע?...

ער קווענקלט זיך צווישן יאָ און ניין, זײַט אויס צווישן די ציין, אין אַ לײַכטן שוידערן:

— כ׳ווייס נישט, טײַערע. די טאַנץ־מוזיק...

— טאַנץ־מוזיק?...

— הערסטו דען נישט דאָס שפּילן אונטן?

— כ׳הער. אָבער...

— דערפאַר הערט מען נישט ווי זיי גייען. מען מוז זיך ראַטעווען, ראַשעל, וואָרעם באַלד וועט אפשר זײַן צו שפּעט.

— כ׳האָב מורא, עריך.

— שרעק זיך נישט, מיר זענען אונגאַרישע.

— אָבער ייִדן.

— ביסט גערעכט, אָבער...

— וואָס טוען די אַנדערע שכנים?

— זיי וואַרטן אויך.

— דוכט זיך, אַז זיי זענען סלאָוואַקישע ייִדן...

— און דו גלייבסט טאַקע אין זייערע קאַטעגאָריעס? אַלע זענען מיר פֿאַרמשפּט.

ער קוקט זי אָן. זי איז קלוג, זי פֿאַרשטייט מער ווי מען זאָגט איר. ער ציטערט איבער איר לעבן און איבערן לעבן פֿונעם קינד. ניין, זי טאָר נישט קלעטערן אויפֿן דאַך אין דער פֿינצטער.

דרײַ בוידעם־שטיבלעך. דרײַ פֿענצטערלעך קוקן אַרויף צום פֿינצטערן הימל וואָס איז באַזעצט מיט שטערן. און אונטן אין רעסטאָראַן טאַנצט מען.

וווינט אין איינעם עריך און ראַשעל און אין אַנדערן בוידעם־שטיבל וווינט די ייִדיש־סלאָוואַקישע משפּחה מיט זייערע צוויי קינדער. אויך צו זיי רײַסט זיך אַרויף די טאַנץ־מוזיק, און אויך זיי קאָנען נישט דערהערן, צי עס דערנענטערן זיך די שווערע דײַטשישע שטיוול. זיי זענען אָבער זיכער, אַז נישט זיי מיינט מען דערווײַל.

דער ייִד פֿון סלאָוואַקיע האָט אַ שוואַכקייט צו פּאָליטיק. ער זעט פֿאָרויס אַלע טײַוולאָנישע פּלענער פֿון די נאַציס. אָבער די שווערע שטיוול פֿון דער געסטאַפּאָ איז ער זיכער זענען אים נישט נוגע. פֿון דעסטוועגן שטעקט ער אַרויס דעם קאָפּ זייער אָפֿט דורכן דאַך־פֿענצטערל. ווער קאָן וויסן? אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה קאָן מען לויפֿן איבער די דעכער. אָבער — וואָס וועט זײַן מיטן ווײַב און די צוויי קינדער?

פֿון דריטן דאַך־פֿענצטערל קוקט אַרויס דער רומענישער ייִד. ער האָט טרויעריקע אויגן. ער האָט שטאַרק רחמנות אויפֿן ווײַב מיטן קינד. אָבער ער איז אַנטשלאָסן זיך צו פֿאַרטיידיקן. ער איז אַפֿילו גרייט צו שיסן...

עריך האָט אין דעם אַנטשלאָסענעם מאָמענט צוריקגעפֿונען זײַנע אַמאָ־ליקע פֿאַכמענישע באַוועגונגען. ער ווייסט ווי אַזוי מען קלעטערט אויף לייטערס, אויף דעכער. אָבער ער וועט נישט נעמען די ריזיקע, אַז זיין פֿרוי, וואָס גייט ווערן מאַמע, זאָל קלעטערן אויפֿן דאַך. זיי קענען אויפֿ־רײַסן די טיר, נאָכיאָגן איבער די דעכער מיט געלאָדענע רעוואָלווערן.

פֿאַרשט ער דערווײַל דעם משופּעדיקן דאַך, צי געפֿינט זיך דאָרט נישט אַ מעגלעכקייט אַריבערצושפּרינגען פֿון אים אויף אַן אַנדערן דאַך. טאָמער יאָ, וועט ער ראַשעלן פֿאַרזיכטיק אַרויסהייבן דורכן דאַך־פֿענצטערל. אפשר וועט זיך אים דאָך אײַנגעבן.

הינטער אים שטייט ראַשעל און קוקט צום אויסגעשטערנטן הימל. אירע אויגן זענען פײַכט. זי היט זיך אַראָפּצוקוקן, טאָמער פּאַרלירט זי די גלײַכ־געוויכט. דאָס האַרץ פאַרקלעמט איר. זי דערפילט ווי דאָס קינד אין איר באַוועגט זיך, רודערט, שטורעמט.

נאָך עריכן עפענען די פענצטערלעך דער סלאָוואַקישער ייִד און דער רומענישער ייִד און קוקן זיך אַלע אָן. וואָס טוען דאָ דרײַ פּאָר ייִדישע אויגן אין מיטן דער נאַכט, אויף טולוזער דעכער? אומבאַגרײַפלעך. ווי קומען זיי אַהער? ווער האָט זיי דאָ צונויפגעבראַכט? ווײַזט אויס, אַז אַלע דרײַ ייִדן האָבן געטראַכט דאָס זעלביקע. דער דאַך, אונטערן אויסגע־שטערנטן הימל איז זייער לעצטער אויסוועג. דער רומענישער ייִד שלעפּט אַרויס פון עפּעס אַ שפּאַלט אויפן דאַך אַ רעוואָלווער און וויל מיט אים באַ־רויִקן די אַנדערע. איין רעוואָלווער קעגן אַ גרופּע געסטאַפּאָ־היצלעס. איז דאָס נישט חוזק?

פּלוצים שרײַט עריך אויס:

— מײַן פרוי איז אַראָפּגעפאַלן פון בענקל.

מיט איין באַוועג איז דער רומענער פון איין פענצטערל אַרויס און דורכן צווייטן אַרײַנגעשפּרונגען צו עריכן אין צימער.

ער העלפט אויפהייבן די פאַרחלשטע פרוי. זי בלוטיקט. קיין ספק נישט: ראַשעל האָט געמפּלט, אָדער ס׳איז אַ פריִער געבורט. אַלע זענען זיך צונויפגעלאָפן. פאַרגעסן אין דער געפאַר, פאַרגעסן אין אַלץ. מ׳לייגט ראַשעלן אויפן בעטל, נאָר זי קאָן שוין קיין איין וואָרט נישט אַרויסברענ־גען. דער רומענער לייגט צו אַן אויער צו איר ברוסט. ראַשעלס האַרץ קלאַפּט נישט מער... אָבער מיט איר טויט איז געקומען אויף דער וועלט אַ נײַ לעבן — ס׳האָט זיך דערהערט ס׳געשריי פון אַ נײַ־געבוירענעם קינד.

ביידע פרויען, די סלאָוואַקישע און די רומענישע, האָבן זיך גענומען פאַרען אַרום דעם נײַ־געבוירענעם, האָבן צוגעשטעלט וואַסער צום קאָכן, צורעכט געמאַכט ווינדעלעך. אַלץ געטאָן כּמעט אָן רייד. פון צײַט צו צײַט האָט דער רומענישער ייִד אַ וואָרף אַרײַן געטאָן אַ וואָרט, ווי אַ באַפעל. דאָס קינד ווערט געבאָדן, מען לייגט עס אַנידער לעבן דער טויטער מוטער — איר לעבעדיק קינד.

בײַ עריכן רינען די טרערן. שטיקער ווײ־געשריי שטייען אים אין האַלדז, ווערגן. וואָס זאָל ער פריִער טאָן? באַוויינען ראַשעלס טויט, אָדער

זיך פרייען מיטן געבורט פון זײַן קינד ? טרערן פון צער און פרייד בײַ־זאַמען. יאָ, ראַשעל האָט נישט דערלעבט.

איין לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן, אַ נײַ לעבן האָט זיך אָנגעצונדן, ווי עס צינדט זיך אָן אַ לאָמפּ, אַ ליכט.

אין עריכן האָט זיך אויפגעוועקט זײַן ייִדיש געמיט. ער איז נישט געווען פרום, אָבער ראש השנה און יום־כּיפּור פלעגט ער זיך סײַ אין ווין, סײַ אין פּאַריז, און אויך דאָ, אין טולוז, אַרײַנכאַפּן אין שול צו מזכיר נשמות. די פראַגע פון גאָט־עקסיסטענץ האָט אים קיין מאָל נישט געמאַטערט. אָבער איצט...

אַ זונעלע איז אים געבוירן געוואָרן, דאַרף מען אים מל זײַן און אַ נאָמען געבן.

— חיים וועט ער הייסן. ווי זײַן זיידע האָט געהייסן. אויף צו להכעיס די דײַטשישע מערדערס. חיים — לעבן...

ער האָט גענומען ס׳קינד אין זײַנע אָרעמס, זיך אַרונטערגעלאָזן אויפן דיל לעבן בעטל וווּ ראַשעל איז געלעגן מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים:

— דו הערסט, ראַשעל — האָט ער געכליפּעט — דײַן זונעלע וועט הייסן חיים. זאָל ער הייסן ווי דײַן טאַטע האָט געהייסן.

די אַרומיקע האָבן געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן.

ווער פירט עס אָן מיטן גורל ? קען אַ מענטש פאָרויסזען וואָס מיט אים וועט פּאַסירן אין אַ מינוט אַרום ? דאָס גאַנצע לעבן איז מסתּמא אַ קייט פון צופעליקייטן.

— קודם — האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיי — מוז מען ברענגען די מוטער צו קבר ישׂראל. אָבער ווי אַזוי אויסמײַדן די געסטאַפּאָ, מיר זענען דאָך אומלעגאַלע ייִדן ?

ער איז אָבער שטאַרק, עריך. זײַן זונעלע חיים האָט אים צוגעגעבן כּוח אַלץ איבערצולעבן.

— חיים וועט הייסן דײַן זונעלע, ראַשעל, חיים איז — לעבן...

# אַ באַגעגעניש אין מעטראָ

באָך די אַרבעט־שעהען, צווישן זעקס און זיבן אַזייגער, איז די פּאַריזער מעטראָ פול געפּאַקט. באָענט און האַרט צוגערוקט איינער צום צווייטן שטייען די זיך־אײַלנדיקע פּאָרערס, העענט און פּיס פּאַרפּלאָכטן און פּאַרקלאַמערט.

דער עיקר אויף דער ליניע שאַרענטאָן־באָלאַר, און גאָר באַזונדער בײַ דער סטאַציע „פּעראַ", וואָס ליגט כּמעט אין סאַמע מיטן פון אָט דער לאַנגער מעטראָ־ליניע.

נישט געקוקט אויף דעם געוואַלטיק גרויסן מענטשן־צופלוס אין די נאָך־אַרבעט־שעהען, ווען די מעטראָ־וואַגאָנעס זענען אַזוי שטאַרק איבערגעלאָדן, דויערט אָבער פון איין סטאַציע צו דער צווייטער נישט מער ווי אַ קנאַפּע מינוט.

— טאָ, ווי אַזוי זשע קומט עס — האָב איך מיך געפרעגט — אַז גראָד בײַ אַזאַ דריקעניש און יאָגעניש זאָל פּאַסירן, אַז דווקא אַן עלטערע פרוי, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ פּריזור, וואָס דערמאָנט אָן די מאָדעס פון די דרײַסיקער יאָרן, זאָל זיך אַזוי שטאַרק אויסטיילן פון אַלע אַנדערע און זאָל דיר בלײַבן אין זכּרון? — און נאָך עפּעס: מיט וואָס טיילט זי זיך טאַקע אויס פון די אַלע דאַמען און מידינעטקעס, פון די יונגע צי אַלטע, פון די שיינע, לאַכנדיקע און פרישע „העענט", מכּל המינים בײַ די אין דער גאָרער וועלט באַרימטע דאַמענשנײַדערקעס־קינסטלערס, אָדער פון די ווײַניקער יונגע און שוין נישט אַזעלכע פרישע, אָבער דערפאַר זעלבשטענדיקע שנײַדערקעס פון דער אָפּעראַ־געגנט? מיט וואָס האָט די דאָזיקע פרוי אַזוי שטאַרק געצויגן מײַן אויפמערק, מײַן אינטערעס, אַז איך זאָל דווקא וועלן פאָרן מיט איר אין איין וואַגאָן? איך זאָל זיך באַמיִען שטענדיק אַזוי אויסצוקאָמבינירן, זיך צו האַלטן נאָענט לעבן איר? אַוודאי האָב

איך פון דער נאָענט בעסער און גרינטלעכער געקאָנט באַטראַכטן דעם אויס־דרוק פון אירע תּמיד מיט־טרויער־פאַרשלייערטע אויגן. מיר האָט זיך כּסדר געדאַכט — און בין געווען כּמעט זיכער — אַז די דאָזיקע פרוי פאַרט נישט פון דער אַרבעט, ווי אַלע אין די נאָך־מיטאָג־ אַרבעט־שעהען. כ׳האָב אויך זיך אַליין איינגערעדט, אַז זי האָט מיט דער „בעסערער שנײַדעריַי", ווי מען רופט דאָס אין פראַנצייזישן לשון, בכלל קיין שײַכות נישט, אלא וואָס? זי זוכט דאָ אוודאי עמעצן אין די אָוונטן. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט אירע נישטערנדיקע בליקן. זי איז אויך קיין מאָל נישט געבליבן זיצן, אָדער שטיין, בײַ אַ נײַער מעטראָ־סטאַציע, ווען די וואַגאָנעס „שפּײַען אויס" כוואַליעס מענטשן איידער זיי „שלינגען" ווידער אײַן פרישע מאַסן. און אַז עס ווערט אַ ביסל גרוימער, אַ ביסל פרײַער אינעם וואַגאָן, און די פרוי בײַט בליץ־שנעל איר פּלאַץ כּדי צו קענען בעסער אָבסערווירן די נײַ־אַרײַנגעקומענע, ביסטו זיכער, אַז זי זוכט, אַז זי קוקט אויס עמעצן, וואָס וועט אוודאי יעדע רגע אַרײַנקומען.

האָב איך, כּמעט אָוונט בײַ אָוונט פאַרנדיק דאָ, בײַ יעדער נײַער מעטראָ־סטאַציע געביטן מײַן פּלאַץ, נישט פאַרלירנדיק פון אויג די מיטל־יאָריקע דאַמע. ס׳איז מיר ווי געגאַנגען אין לעבן צו קאָנען פאַרענטפערן די רעטעניש, דעם שטאַרקן אינטערעס, וואָס זי האָט אין מיר דערוועקט מיט איר איידעלער דיסקרעטער געשטאַלט און מיט איר האַלטונג.

נאָך מער: מיר האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז מיר וועט זיך אײַנ־געבן איר העלפן באַגעגענען ד ע ם, אָדער טאַקע ד י, וועמען זי האַלט אין איין זוכן. וואָרעם ס׳איז באַשײַנפּערלעך געווען צו זען, אַז אויף מע־נער קוקט זי אַפילו נישט, נאָר אויף פרויען. זיי האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ נישטערנדיקן בליק ווי אַ דעטעקטיוו, אַ זאַך וואָס האָט לגמרי נישט האַרמאָ־ניזירט מיט איר איידל פּנים, נישט מיט איר באַזונדערער באַנעמונג.

דאָך, ווי זי זאָל אויף מענער נישט האָבן געקוקט, האָט זי נאָך אַ גע־וויסער צײַט מסתּמא געמוזט באַמערקן און זען מײַן באַמיִען זיך צו זײַן וואָס נענטער לעבן איר אין וואַגאָן. נאָר קיינער פון אונדזביידע האָט נישט געוואַגט עפּעס וואָס צו באַמערקן, אָדער צו זאָגן איינער דעם צווייטן, ווײַל כ׳האָב זיך תּמיד באַמיט נישט צוצוציִען איר אויפמערקזאַמקייט, אויף ווי ווײַט מעגלעך אָפּצווועגדן מײַן בליק, זי אָבסערווירן פון דער זײַט.

ס׳האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבן צו ווערן אַ מין „רואה ואינו נראה״, אַזאַ וואָס זעט אַלץ און אַלעמען אָבער קיינער זעט אים נישט. אַזוי, בכל אופן, האָב איך געמיינט.

איין מאָל, בעת דער געדראַנג, די שטופעניש ביי די טירלעך פון די מעטראָ־וואַגאָנעס איז געווען זייער גרויס, האָט פון מענטשן־קנויל זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן אַ שאַרפער געשריי. אַ פרוי איז אומגעפאַלן. איך בין צופעליק געבליבן שטעקן אין אַ מענטשן־קנויל, וואָס האָט זיך באַמיט אַריינצושטופן אין זעלביקן וואַגאָן, נאָר — דורך אַן אַנדערער טיר.

אַז אַ מענטשן זאָל ווערן נישט־גוט ביים שטופן זיך אַריינצוגיין אין מעטראָ־וואַגאָן, געשעט נישט איין מאָל, נאָר אַז עמעץ וואָס איילט זיך פון דער אַרבעט אַהיים, זאָל שטיין בלייבן אויפן פעראָן און זיך פאַרנע־מען מיטן אַרויספירן פון מעטראָ אַ געחלשטע און העלפן איר געבן די ערשטע הילף, דאָס טרעפט נישט אַזוי אָפט.

נאָר אַז עס איז געשען, האָב איך זיך באַלד געכאַפּט אַז דאָ העלף איך דער מיר גוט־באַקאַנטער און דאָך פרעמדער פרוי, מיט וועלכער איך האָב אין מיין לעבן נאָך נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, און דאָך איז זי מיר אַזוי נאָענט. אַ מעטראָ־באַאַמטע האָט זי אָנגענומען פאַר די אָרעמס און האָט זי געפירט אין אַן אַפּטייק, ווו מען האָט איר געגעבן עפּעס צו טרינקען.

זי איז געקומען צו זיך, האָט אונדז באַדאַנקט, אַפילו מסכּים געווען אַריינצוגיין מיט מיר אין אַ דערבייאיקן קאַפע כדי זיך אויסצורעדן אַ ביסל. געשמועסט און גערעדט וועגן זייטיקע נישט־באַדייטנדיקע ענינים, וואָס האָבן צו מיין אָבסערווירן זי קיין שום שייכות נישט געהאַט. כ׳האָב איר פאָרגעשלאָגן צו באַשטעלן אַ טעקסי און זי אָפּפירן אַהיים, האָט זי זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. פאַרקערט, זי האָט דאָס געזען ווי נאַטירלעך. מיר געזאָגט איר אַדרעס, איר פאַמיליענאָמען, מיר געוויזן דאָס הויז. כ׳האָב דערפון געלערנט, אַז זי האָט צוטרוי צו מיר, און צו מיינע ריינע כוונות.

מער נאָך: זי האָט מיר געגעבן איר טעלעפאָן־נומער און מיר דער־לויבט צו איר ווען ס׳איז אָנצוקלינגען, דערביי צוגעגעבן, אַז זי האָפט אין גיכן מיך פאַרבעטן צו זיך, ווייל זי וויל ביי מיר בעטן אַ טובה; זי איז טיף איבערצייגט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איך וועל איר נישט בלויז נישט אָפּ־זאָגן, נאָר אַז איך וועל אויך מצליח זיין אין דער אויספירונג פון דער

שליחות, וואָס זי וויל מיר אָנטרויען. איך וועל אַזוי אַרום, האָט זי צוגעגעבן, ממש ראַטעווען איר דאָס לעבן. און הגם מײַן נײַגער איז געוואַקסן: וואָס קאָן אַזאַ פרוי פון מיר דאַרפן, פון מיר פאַרלאַנגען? — האָב איך איר גאָרנישט נישט געפרעגט, גאָרנישט נישט געזאָגט, בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ סימן אויף מײַן גרייטקייט צו טאָן פאַר איר, וואָס עס וועט נאָר זײַן מעגלעך. דערנאָך האָב איך זיך פאַרנייגט, שוין אַ ביסל צו־פיל צערעמאָנירט, און בין מיט דער זעלביקער טאַקסי געפאָרן צו זיך אַהיים.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. כ׳בין צו איר געקומען, כ׳האָב פאַר־געפילט מײַן שליחות און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר דערציילן.

כ׳האָב קיין נײַעס נישט דערוואַרט. ס׳איז שוין יאָרן נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע אין פּאַריז און אַלץ דרייט זיך נאָך אַרום דעם שוידערלעך גע־שעענעם. כ׳האָב געוווּסט פאָרויס, אַז פאַר מיר זיצט אַ דערשלאָגענע פרוי, וואָס האָט זיכער אין דער גרויליקער תּקופה עמעצן פאַרלוירן. זוכט זי. וועמען זוכט זי? און פאַר וואָס גראָד אין די פאַר נאַכטן ווען די אַר־בעטער, דער עיקר, ווײַזט אויס, די אַרבעטער־פרויען און מיידלעך, די מאַ־דיסטקעס, לאָזן זיך אַהיים פון אַ טאָג מי, פון אַ טאָג שאַפן, פון אַ טאָג אַרבעטן. נאָר וואָס האָט עס מיט איר?

זי האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן:

איר איין־און־איינציקן זון זשאַק דעספּואַר האָבן די נאַציס אומגע־בראַכט. פּונקט. איר מאַן וואָס האָט אַליין נישט געוווּסט צי זאָל ער האַלטן מיט דער רעזיסטאַנס, צו וועלכער זייער איינציקער זון האָט זיך אָנגע־שלאָסן, צי זאָל ער גיין מיט פּעטענען און זײַנע מענטשן — האָט נאָכן אומ־קום פון זשאַקן, פאַרלוירן ס׳געזונט, דעם מוט, דעם לעבנסווילן און איז ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז אויסגעגאַנגען.

איז זי געבליבן אַליין?

ניין.

דעם זון אירן האָבן טאַקע די דײַטשן פאַרפײַניקט, אומגעבראַכט, אָבער פאַרבליבן איז דאָך זײַן געליבטע העלען, און — זייערס אַ קינד. אמת, נישט אָפיציעל חתונה געהאַט און קעגן זײַנע עלטערנס מיינונג. אָבער, גאָט אין הימל! — אַן אייניקל, איר איין און איינציק אייניקל!

מיט אַ יאָר פופצן צוריק, ווען דער דײַטשישער שטיוול האָט נאָך גע־טראָטן איבער די גאַסן פון פּאַריז, האָבן זיי געוווּסט, אַז זייער זון זשאַק איז פאַרליבט אינעם פּשוטן פאָלקס־מיידל, העלען פּיערער, אַ מידינעט. ס׳איז אין דער משפּחה געווען קאָנפליקט, צער, פּראָטעסט. דאָס זענען דאָך געווען צוויי ווײַטע וועלטן. האָט זיך טרויעריק פאַרענדיקט מיט איר זון זשאַק, אָבער נאָך זײַן אומקום האָט אים זײַן געליבטע געבוירן אַ זון. איז ווו זענען זיי אַצינד? אַלע שפּורן זענען פאַרשוווּנדן. און דאָס איז געווען די איינציקע טרייסט פון דער מוטער, וואָס האָט פאַרלוירן איר זון, צו געפינען די פרוי מיטן קינד, איר זשאַקס קינד.

ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן געלעבט אונטער אַן אַנדערן נאָמען, אפשר אונטער העלענס מיידלשן נאָמען, פּיעראַר. זי און איר מאַן האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט ווו זיי האַלטן זיך אויף, זיי האָבן אויך נישט געוווּסט אין וועלכן מאָדע־הויז העלען האָט געאַרבעט; און מאָדע־הייזער אין דער אָפּער־רע־געגנט זענען פאַראַן הונדערטער, אויב נישט טויזנטער. צו וועמען זיך קערן און ווענדן? זי האָט שוין אַזוי פיל מאָל דורכגעזיפּט דעם דיקן טע־לעפאָן־בוך, דורכגעזיפּט יעדן פאַמיליע־נאָמען וואָס הייבט זיך אָן מיטן אות „פּ״, איז גראָד אַזאַ פאַמיליע־נאָמען נישטאָ אינעם טעלעפאָן־בוך.

אפשר האָט זי דורך דער צײַט חתונה געהאַט, און איר נאָמען איז שוין נישט מער פּיעראַר? אפשר וווינט זי נישט מער אין פּאַריז, נאָר ערגעץ אין דער פּראָווינץ, אָדער גאָר אין אויסלאַנד, אין קאַנאַדע, למשל, ווו עס וווינען אַ סך פראַנצויזן?

אין דער פאַנטאַזיע רופט זי איר זונס יינגעלע זשאַקי. זשאַקי דאַרף שוין זײַן אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן. איז אין וועלכער שולע גייט ער? מ׳זאָגט, אַז מוזיקאַלישע באַגאַבונג גיט זיך איבער בירושה. איז אפשר ער אויך אַ מוזיקער, פּונקט ווי זײַן פאָטער איז געווען. ווען זי ווייסט כאָטש, אַז איר אייניקל האָט געירשנט פון איר זון די מוזיקאַלישע פעיִקייטן, וואָלט עס אויך געווען פאַר איר אַ שטיקל טרייסט: זי וואָלט זיך דעמאָלט אײַנגע־רעדט אַז איר זון זשאַק איז אַוועק פון דער וועלט נישט אָן אַ זכר, עפּעס פון אים איז דאָך געבליבן.

זײַן קינדערישע פאַרליבעניש אין אַ פּשוט פאָלקס־מיידל, אַ מידיניעט, אָן בילדונג, אָן יִחוס, וואָלט זי אים שוין מוחל געווען. אויך איר, העלע־נען. ווען זי קומט איצט אַהער מיטן זון, גאָט גרויסער! זי וואָלט אים

אַוועקגעזעצט בײַ דער פּיאַנע, וואָלט אַרויסגענומען זײַן טאַטנס נאָטן. זי אַליין איז דאָך אין אירע יונגע יאָרן געווען אַ פֿעיִקע פּיאַניסטקע.

אַט געפֿינט זי זיך אין דער מיט פֿון דער רוישיקער קאָנסערוואַטאָריע. דער זאַל איז אָנגעפּילט מיט אַ יום־טובדיקן עולם. זיי הערן זיך צו מיט גרויס שפּאַנונג צום שאָפּען־קאָנצערט. די עמאָציע איז אָן אויסערגעוויינלעכע. ניין, ס'איז נישט סתּם קיין קאָנצערט, ס'איז אַ קאָנקורס, אַ שאָפּען־קאָנקורס. איר אייניקל, איר זשאַקס קינד, זיצט בײַ דער פּיאַנע. ער שוועבט אין די הימלען, בעת זײַנע פֿינגער לויפֿן אַזוי לײַכט, אַזוי גראַציעז איבער די קלאַווישן. מיט וואָס פֿאַראַ לײַכטקייט ער איז דאָס גובר די טעכנישע פּראָבלעמען! זײַן עמפּינדלעכקייט, זײַן מוזיקאַלישקייט, זײַן געהאַמעוועטער טעמפּעראַמענט ברויזט מיט גרויסן טאַלאַנט. אַ ווירטואָז, אַ שאָפּען־אינטערפּרעטירער!...

איבערן קאָנסערוואַטאָריע־זאַל צעגיסן זיך די ווונדערבאַרע עטיודן, דער גלענצנדיקער אַנאַראַנטע „ספּיענאַטאַ“, דער „גרויסער פּאָלאָנעז“, די ווונדערבאַרע „מאַזורקעס“. דער אָרקעסטער כאַפּט אים אונטער. די אַקאָרדן פֿון דער פּיאַנע פּישופֿן אַרויס פֿון אונטער זײַנע לאַנגע פֿינגער. ס'איז איר זשאַקס זון, איר אייניקל. — די וואַלסן, די מאַזורקעס, דער קאַפּיטאַלער „סקערצאָ“.

אין די ווונדער־קלאַנגען דערזעט זי אויפֿגייענדיקע באַגינענס, אונטערגייענדיקע זונען. ס'איז אַ קאָנצערט פֿון גלאָקן־בלימעלעך; מעשׂהלעך וואָס פֿייגל דערציילן אין מיטן פֿליִען.

און אַט הערט זי:

— מאַמע! מאַמע!... און — באָבע! באָבע!

זי האָט צוריקגעפֿונען איר זשאַקס קינד, לײַב פֿון איר לײַב.

ניין. אַ חלום איז טאַקע אויך גוט, ס'איז ווי מ'זאָגט חיי־שעה, אָבער — העלען פֿיעראַר איז נישט געקומען. איר בן־יחיד זשאַק, דער פּיאַנע־ווירטואָז אין אָפּערע־אָרקעסטער לעבט נישט. אויך איר אייניקל איז צו איר נישט געקומען, דער אויסגעחלומטער ווירטואָז פֿון שאָפּען־קאָנקורס... מסתּמא האָט אים די מוטער זײַנע, העלען, קיין מאָל גאָרנישט אויסגעזאָגט, אַז ער האָט אַ זיידן און אַ באָבע. זי האָט זיך אפֿשר דערמיט אין זיי נוקם געווען, פֿאַר וואָס זיי האָבן מיט פֿופֿצן יאָר צוריק נישט געוואָלט דערלאָזן צום שידוך. זייער זון האָט דערפֿאַר פֿאַרלאָזן דעמאָלט דאָס הויז פֿון זײַנע

עלטערן. ער איז אָוועק מיט זײַן געליבט מיידל וווינען ערגעץ אין אַ מאָנ־סאַרדע.

יאָ. זינט דער מאַן אירער איז געשטאָרבן, איז פרוי דעפּואַר, ווי שוין דערציילט, אָוונט ביי אָוונט געגאַנגען צו דער מעטראָ־סטאַציע „אָפּערע" זוכן, אפשר וועט זי באַגעגענען העלען פּיעראַר, די מידינעט, און דורך איר אויך דערגיין צו איר אייניקל.

זיץ איך און הער זיך צו צו אירע רייד. אָבער בעת מעשׂה מאַטערט מיך אַ געדאַנק, אַז כ׳בין דאָ איבעריק, וואָרעם נישט איך וועל ווען ס׳איז אָפּגעפינען העלען פּיעראַר מיט איר גערעטן יינגל. און מיר זענען דאָך באַקאַנט אַזוי פיל געשיכטעס פון דער אָקופּאַציע־צײַט, אָנגעפּילטע מיט גרויל און שרעק; און אין מיר לעבן דאָך די אומבאַשרייבלעכע יסורים, עינויים פון מיליאָנען יידן, סײַ ווידערשטענדלערס, סײַ פּאַסיווע קרבנות, צווישן זיי אויך מײַנע אייגענע, נאָענטע פרײַנד און קרובים.

האָב איך געקאָנט עמעצן העלפן ? !

פרוי דעספּואַר איז געזעסן אַ שווײַגנדיקע, געקוקט אין דער ווײַט, ווי זי וואָלט עמעצן זען דאָרט. די שטילקייט האָט געגראָבן אין דער טיף. די ווייטיקן פון אַ מאַמעס האַרץ האָבן אָנגעפילט דאָס צימער.

# דער נס

ס'דערציילט זיך: מ'האָט אַ מאָל געטראָפן אין גאַס אַ פאַרבלאָנדזשעט ייִנגעלע, אַ ווייִנענדיקן. אַ גוטע פרוי האָט זיך אָנגעבויגן אים צו באַרויִקן, און אים געפרעגט:

— ווי זעט אויס דײַן מאַמע, ייִנגעלע?

דאָס קינד האָט אויפגעהויבן זײַנע פאַרוויינטע אויגן און געזאָגט:

— מײַן מאַמע איז די שענסטע און די בעסטע פון אַלע מאַמעס.

דער עולם אַרום אים האָט זיך צעשמייכלט. אַלע האָבן אָבער דערפילט דעם גרויסן אמת אין די קינדערישע רייד.

די מאַמע פון ייִנגעלע חיימקע, וואָס איז שוין געוואָרן אַליין אַ טאַטע, איז געקומען פון ישׂראל צום געבורט פון איר ערשטן אייניקל, אַ מיידעלע, וואָס מ'האָט גערופן מרים. די באָבע יוכבד זיצט בײַם וויגל פון איר אייניקל מרימל און זינגט איר אַ ניגון פון אַמאָל.

פלוצים דערשרעקט זי זיך אַליין פאַר די ווערטער, וואָס קומען איר אויפן געדאַנק. די ווערטער זענען אַ ווידערקול פון בלוטיקע צײַטן, ווען די דײַטשן האָבן פאַרגאָסן מיט פײַער און פײַן אַ סך לענדער, און צווישן זיי — פראַנקרײַך. זי זינגט בײַם קינדס בעטעלע:

ניִשט קומען וועלן מער צוריק,
די נעכט, די רוצחישע, צו מיר,
די נאַכט פון 16טן יולי...

ס'האָט דעמאָלט אַ פײַער־פלאַם אַלעמען פאַרשׂרפעט, פאַרקוילט און געזייט טויט אין אַלע ווינקעלעך. בײַ יוכבדן זענען אויפגעגאַנגען אויפן זינען יענע שווערע גרויזאַמע צײַטן, ווען עס האָט אַלעמען געדראָט מיט געטאָס, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מיט קרעמאַטאָריע־פלאַמען.

זי האָט מיט איר צאַרטער האַנט געגלעט דאָס פּנימל פון קינד, און אין איר געמיט האָט זי ווידער איבערגעלעבט די גרוילן, ווען מ׳האָט איר מאַמען צוגענומען אויף דעפּאָרטאַציע און איז מער נישט צוריקגעקומען.

נאָך ביז היינט באַפאַלט איר אָפט מאָל אין די נעכט אַן אומבאַגרייפלעכער פּחד. זי האָט דעמאָלט דאָס געפיל, אַז זי געפינט זיך אויף אַ גרענעץ, וואָס טיילט זי אָפּ פון לעבן. איצט, אַ שפּראָץ אויף טאָג, און זי געפינט זיך ביים בעטל פון איר אייניקל. דער זון מיט דער פרוי זענען אַוועק פון הויז, און זי, יוכבד, געפינט זיך דאָ אַליין. דערשרעקט זי זיך פּלוצים פאַר די אייגענע מחשבות, בעת זי טראַכט וועגן דעם וואָס איז געווען.

ס׳איז אַמאָל געווען דאָ אַ ייִדיש לעבן, היינט איז דער מקור פון ייִדן — ישׂראל. אָבער ס׳זעט אויס, אַז מען פאַרגעסט שנעל דאָס געוועזענע שלעכטס, און מען איז, דוכט זיך, צו לייכט מוחל די מערדער. וואָרעם, ווו זענען טאַקע אַלע אירע אייגענע? און פריינד? און באַקאַנטע?

דאָס אייניקל אָטעמט אַזוי רויִק אין בעטעלע. אַ הימליש שמייכעלע שוועבט איבער איר פּנימל. זיצט זי, די באָבע יוכבד און פילט זיך צוריק אָן מיט פרייד, וואָס זי האָט דערלעבט פון איר טייערן חיימען אַ קינד. וויפל האָט זי זיך דאָס אָנגעליטן, זיך געפּייניקט אין יענע יאָרן, ווען זי האָט איר חיימלען אויסבאַהאַלטן? אָט דערזעט זי דאָס דאָרף, זי זעט די מענטשן, וועמען זי האָט אָנגעטרויט איר חיימקען, און פאַר וואָס? ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד? גליווערט ווידער דאָס בלוט אין אירע אָדערן, אין אירע אויערן רוישן נאָך די געשרייען, ווען אַלע שערי־רחמים זענען פאַר אונדז געווען פאַרשלאָסן.

דאָס איז געווען אין דער געגנט פון אָווערן, ביי דער שטאָט קלערמאָן־פעראַן. אין אַ באַרגיק דערפל האָבן זיי ביי אַ פויער געדונגען אַן אַלט הויז, און געהאָפּט דאָרט איבערצולעבן די ביטערע צייטן. אויפן אייבערשטן שטאָק, איבער זיי, האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָך אַ ייִדישע משפּחה. די פרוי, מיט געפאַרבטע האָר, און דער מאַן האָט זיך פאַרלאָזן אַ באָרד. זיי האָבן אַוודאי געלעבט דאָ אויף פאַלשע דאָקומענטן, ווי זיי. די זשאַנדאַרמען פון דער געגנט זענען געקומען, געזוכט, געפאָרשט, געניׂשטערט.

מ׳האָט זיך אויסגעמיטן צו טרעפן איינער מיטן אַנדערן, געשראָקן זיך פאַר יעדן שאָטן, פאַר יעדן חשד. מ׳האָט זיך געיאָגט נאָך ייִדן, ווי נאָך

ווילדע חיות. אַרעסטירט. איבערגעגעבן אין די הענט פון די דײַטשן. עס זענען שוין דערגאַנגען ידיעות וועגן מאַסן־אַרעסטן אין פּאַריז. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז ייִדן אין פּאַריז מוזן טראָגן די געלע לאַטע, אַז דעם 16טן יולי 1942 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע מאַסן־אינטערנירונג אין וועל ד'היווער.

לאַגערן זענען געווען אומעטום — אין דראַנסי, אין באָן לאַ ראָלאַנד, אין פּיטיוויע, אין קאָמפּיען. פון דאָרט פירט מען די ייִדן אַוועק אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן קיין פּוילן.

ס'איז געווען אַ ביטערער, פראָסטיקער ווינטער. דאָס דערפל אין די בערג איז געווען אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן הויכן שניי. ס'איז געווען חנוכּה. האָבן זיי אָנגעצונדן חנוכּה־ליכטלעך און זיי גוט־גוט פאַרשטעקט, אויף צו דערמאָנען זיך אין דער געוועזענער ייִדישער היים, און אַוודאי אויך כּדי זיך צו דערמאָנען אין די נסים וואָס עס זענען געשען אין אָט די טעג מיט ייִדן אַמאָל, אַמאָל, אין זייער אייגענעם לאַנד און איבער זייער לאַנגער ווייפולער געשיכטע. חנוכּה! אוי, האָט זיך געבענקט נאָך דער אייגענער היים. האָט איצט די באָבע יוכבד געוואָלט אָט די זכרונות איבערגעבן איר אייניקל מרימל, אָבער זי איז נאָך אַ קליינינקע. זאָל זי נאָר אַ ביסל אונטערוואַקסן. זי דאַרף עס וויסן, ווי אַזוי איר פאָטער, דער קליינער חיימקע, איז קראַנק געווען, געפּאַקט, געמאָזלט. מ'האָט אים געדאַרפט צוזען, ער זאָל קומען צו די כּוחות.

אין דרויסן האָבן אַרומגעיאָגט שאַרפע ווינטן צווישן די באַרג־אָפּריסן. די פענצטערלעך פאַרקאָוועט מיט פראָסט־ביימלעך און בלומען. חיימקע איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר, אַ קרענקלעך, אײַנגעדאַרט נפשל. זי, די מאַמע, האָט אים געקאָרמעט מיט אַ לעפעלע, אָבער ער האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען. זי איז געווען פאַרצווייפלט, נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן. און זי האָט דעמאָלט אַזוי גערעדט צום קינד:

— מיר זענען געשטראָפט פון גאָט, מײַן קינד. מיר טאָרן אַפילו נישט שרײַען, נישט וויינען. מיר מוזן זיך באַהאַלטן. די ווילדע חיות פון וואַלד ווילן אונדז פאַרצוקן, אומברענגען, פאַרניכטן.

דער קליינער חיימל האָט זיך צוגעהערט טרויעריק, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען די געפאַר וואָס לויערט אויף זיי.

אין יענעם פרימאָרגן האָט די מאַמע יוכבד אָפּגעקאָכט דאָס לעצטע ביסל מאַנע־קאַשע, אָנצוקאָרמען איר שוואַך קינד. זי האָט מיט צער געבעטן דעם קינד ער זאָל עסן. האָט חיימל געשריגן:

— כ׳וויל סאַרדינען! סאַרדינען!

אויף דער פאַרפרוירענער שויב האָט דער פראָסט, ווי נעכטן און אייער־נעכטן, אויסגעמאָלן בלומען, אין פאַרשיידענע פאָרמען און גרייסן, און אי־בער די בלומען האָט זיך געריירט אַ שטאָן, ווי באַוועגן דורכן ווינט. אין דער שטילקייט האָט מען פּלוצים דערהערט אַ פּויקן אין דער שויב. יוכבד האָט זיך צוערשט דערשראָקן. זי איז צו צום פענצטער, אויפגעפּראַלט עס און — אַ שאַכטל סאַרדינען האָט זיך געשאָקלט אויף אַ שטריקל, אין פראָסט און אין ווינט.

אין דעם פרימאָרגן האָט חיימל געגעסן סאַרדינען, פאַרביסן מיט קאַר־טאָפל און אַ קאַשע. ער האָט געגעסן און פּאַמעלעך זיך גענומען שטעלן אויף זיינע שוואַכע פיסלעך.

ס׳איז געשען אַ נס!

*

דער שווערער ווינטער איז אַוועק. דער פרילינג האָט זיך אַרויסגעריסן מיט זוניקער פרייד צו דער טרויעריקער וועלט. אַ היילנדיקע רויִקייט איז געקומען אויפן קינד חיימקע. דאָס האָט די ייִדישע משפּחה, וואָס האָט גע־ווינט איבער זיי דערהערט דעם קינדס געוויין, און זיין זאָגן אַז ער וויל סאַרדינען, האָבן זיי דאָס לעצטע שאַכטעלע זייערס אָנגעבונדן אויף אַ שטריקל און עס אַראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער, ווי ס׳וואָלט קומען פון הימל.

— ס׳איז געשען אַ נס! — האָט די באָבע יוכבד איבערגעחזרט און האָט שטיל פאַרוויגט איר אייניקל מרימל, דאָס קינד פון איר קינד.

## דער בריוו

באַגינען האָבן זיי פֿאַרלאָזט דאָס קליינע שטעטל מײַראַקאַ, וואָס ליגט צווישן צוויי בערג. איין באַרג איז גאָר אַ הויכער, דער צווייטער אַ ביסל נידעריקער. אָבער הינטער זיי שטאַרצן אַרויס אַנדערע בערג. ווי הויך דער בליק זאָל נישט קלעטערן, וועט ער מסתּמא צו זייערע שפּיצן קיין מאָל נישט דערגרייכן. יענע בערג דעקן זיך צו מיט די וואָלקנס און שווײַגן.

דער טוי וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויף די רויטע שינדל־דעכער הייבט זיך איצט ביסלעכווײַז אויף און שלענגלט זיך און פֿאַרשווינדט. באַלד וועט פֿון אים אויך ווערן אַ וואָלקן און וועט שוועבן אין דער לופֿטן שטיל, געלאַסן, ווי אַלע אַנדערע וואָלקנס. צוויי מענטשן קלעטערן אויפֿן באַרג, זיי קוקן אויס ווי אמתע אַלפּיניסטן. רוקנזעק טראָגן זיי אויף די פּלייצעס און ווי אַלע אַלפּיניסטן זענען זיי קאַרג אין ווערטער. זיי קלעטערן און שווײַגן. זיי ווייסן, אַז אין די בערג פֿאַרלירט זיך דאָס רעדן. דער אַרום איז צו פֿאַרכאַפּנדיק, צו הויך פֿון איין זײַט און צו טיף פֿון דער צווייטער זײַט, מען זאָל קאָנען טראַכטן — און רעדן — פֿון עפּעס אַנדערש. דאָ, אין די בערג, פֿילט מען זיך אי באַפֿרײַט פֿון טאָג־טעגלעכע זאָרגן, אי פֿאַרקלעמט פֿון דעם גאָרן אַרום. נישטאָ קיין לשון אויף וועלכן מען זאָל קאָנען אויסדריקן אין רייד דאָס וואָס מען טראַכט דאָ און מען פֿילט. שווײַגט מען.

קלעטערן בײדע סילועטן באַרג־אַרויף, ווי פֿאַנטאָמען קוקן זיי אויס פֿון דער ווײַטנס, ס'איז שווער אַפֿילו אונטערצושיידן ווער פֿון זיי איז דער מאַן און ווער די פֿרוי.

ביסלעכווײַז שיילן זיך אַרויס די בערג פֿון די וואָלקנס.

די ערשטע זונענשטראַלן צינדן אָן פֿײַערלעך אויף די שפּיצן פֿון די בערג. אַ זונען־שׂרפֿה. אַלץ ברענט אויבן. דער טאָל אָבער ליגט אין שאָטן.

וואָס העכער זיי קלעטערן, אַלץ מער שאָטן ברייטערט זיך אויס אונטער זייערע פיס.

דער טאָל — דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס זיי האָבן אָקערשט פאַר־לאָזט. דאָס שטעטל, ווײַזט אויס, האָט זיך נאָך נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די הײַזקעס טוליען זיך איינס צום צווייטן.

זיי זענען אָנגעקומען אין אַ וועלדל. דאָ איז לײַכטער צו קלעטערן, ווײַל מען קאָן זיך אַלע ווײַלע אָנכאַפּן אָן אַן אַנדער נאָדל־בוים. די רי־זיקע זיך אַרונטערצוגליטשן איז נישט אַזאַ גרויסע.

דאָס וועלדל איז אָבער נישט אַזוי טיף און אין עטלעכע מינוט אַרום געפינען זיך שוין ווידער ביידע קלעטערערס אויף אַ נאַקעטן באַרג־אַרויף, צווישן שטיינער און פעלדזן. אַ פאַנטאַסטישע פּאַנאָראַמע עפנט זיך פאַר זייער פאַרוווּנדערטן בליק.

יאָ, העלען טיסיע וווּנדערט זיך איבער דער ווײַטער בלויער לאַנדשאַפט, וואָס זי אָטעמט אַרײַן אין זיך. זי וווּנדערט זיך אויך איבער זיך אַליין. זי דערמאָנט זיך אָן דעם אַלעם וואָס איז פאַרגעקומען מיט איר. נאָר ווער איז זי אייגנטלעך ?

איינע אַליין איז זי פאַרבליבן אויף דער פרעמדער ווײַטער וועלט. טאַטע־מאַמע — ווו זענען זיי איצט ? ווער ווייסט צי זיי לעבן נאָך ? און אירע ברידער ? אירע שוועסטער ? אויך זיי זענען דאָך דעפּאָרטירט געוואָרן, נישטאָ מער קיינער. זי האָט געהאַט אויך חברים און חברטעס. דער איז דעפּאָרטירט געוואָרן, דער איז פאַרפּײַניקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. איינע איז זי פאַרבליבן. איר קומט אויס אַז זי וואָלט באַדאַרפט צונויפ־קלײַבן אין לעבן די ברעקלעך פרייד, וואָס די מאַרטירער האָבן איבערגע־לאָזט פאַר אירעטוועגן ; איר חוב איז, דוכט זיך איר, צו פּרוּוון פאָרזעצן דאָס לעבן פון אירע טײַערע און נאָענטע אַזוי לאַנג ווי זי גופא איז נאָך פרײַ, אַזוי לאַנג ווי זי גופא קאָן נאָך קלעטערן באַרג־אַרויף. ווען זי וועט אָנקומען אויבן, צו איר געליבטן פּיער פאַבר, וואָס וואַרט מיט אַזוי פיל אומגעדולד אויף איר, וועט זי פּרוּוון דערטראַכטן דעם דאָזיקן געדאַנק ביז צום סוף. פּיער פאַבר הייסט איר אַדלער.

דאָס איז אַ פּאַרטיזאַן, אין דער אמתן איז זײַן נאָמען שמואל גאָלד־בערג, ווייסט זי. אויך זי פאַרמאָגט אַ יידישן נאָמען. רחלע הייסט זי. ווי אַלע פראַנצייזיש־יידישע מיידלעך אין אונטערערד, וואָס גראָבן אונטער

די ערד פון דײַטשישן אָקופּאַנט, האָט זי זיך פֿאַרשטעלט, פֿאַרמאַסקירט און זיך געגעבן אַ „אַרישן" נאָמען.

צו זיי אַלעמען, צו זייער אָדלער־נעסט קלעטערט העלען טיסיע. דער אומגעדולד וואַקסט אין איר. זי וואָלט שוין וועלן אים אָנקוקן. עטלעכע מעטער באַרג־אַרויף טיילן זי פֿונאַנדער פֿון זײַן אָדלער־נעסט. זי קלעטערט, שיכּור פֿון דער לופֿט וואָס זי אָטעמט אין זיך אַרײַן.

זאָל זי זיך נישט פֿאַרגעסן. זאָל זי זיך נישט פֿאַרלירן. ווער ווייסט וואָס דער ווײַטערדיקער טראָט קאָן ברענגען?

— רעד נישט, שווײַג, פּונקט ווי דײַן באַגלייטער וואָס איז צוגעוווינט צו שווײַגן. ער איז אַ פּאַסטעך און הייסט פּאַסקאַל. מיט אים איז מען זי־כער. ער קען דעם וועג וואָס פֿירט צו דער אָדלער־נעסט, צום שפּיץ באַרג, וווּ זײַנע בהמות פּאַשען זיך.

פּאַסקאַל מאַכט דורך דעם דאָזיקן מאַרשרוט איין מאָל אַ וואָך אַהין און צוריק. ער ברענגט אַראָפּ אין שטעטל אַרײַן פּוטער און ציגן־קעז און אַרויף — שטאָטישע פּראָדוקטן.

זײַן פּלאַץ איז אויבן צווישן די בהמות.

איצט מוז ער דאָך אײַנקויפֿן אין שטעטל נישט בלויז פֿאַר זײַן איי־געגעם באַדאַרף, נאָר אויך פֿאַר זיי, פֿאַר זײַנע געסט, די אויפֿשטענדלערס, וואָס האָבן זיך פֿאַרקליבן אויבן. אונטן אין שטעטל, און אין די גרויסע שטעט אַוודאי, איז דאָס לעבן געוואָרן געפֿערלעך. פֿאַראַן דאָרט דער דײַטש, אַ מערדער, אַ רוצח. נישט בלויז זיי ראַבעווען, די דײַטשן, זיי פֿאַרשלעפּן אויך די מענטשן אויף צוואַנג־אַרבעט. אַ סך פֿראַנצויזן אַרעסטירט, פֿאַר־שיקט קיין דײַטשלאַנד אָדער זיי דערשאָסן דאָ אויפֿן אָרט.

פּאַסקאַל הייבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין מיט זײַן פּאַסטעכישן שׂכל וואָס דאָ קומט פֿאָר, אָבער ער האָט פֿײַנט די דײַטשן.

מער ווי אַנדערע האָט אים פֿאַרשטאַנען פּיער פֿאַבר. פּיער פֿאַבר האָט דערקלערט פּאַסקאַלן ווי אַזוי מען דאַרף פֿײַנט האָבן דעם דײַטש — מיט דער נשמה...

פּאַסקאַל האָט אָנגעבאָטן די ווידערשטענדלערס זײַן הילף. ער וויל אויך אײַנשטעלן זײַן לעבן כּדי צו פֿאַריאָגן די דײַטשן. און טאָמער ווילן זיי אים נישט געבן אַ ביקס אין דער האַנט, זאָלן זיי כאָטש זיך נישט אײַנשפּאַרן

און דווקא וועלן אים באַצאָלן פאַר דער מילך וואָס זיי טרינקען, פאַרן קעז וואָס זיי עסן.

ער איז געוואָרן זייער שליח, — אַ פאַרבינדלער.

די באַגעגעניש מיט פיער פאַבר אין זײַן אָדלער־נעסט:

— שמואל! פיער!

— העלען! ראַשעל!

ס׳האָט זיי בײדן פאַרפּעלט אָטעם. ער האָט זי געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס און נאָך אַלץ געמורמלט:

— העלען! רחלע! גוט וואָס ביסט געקומען! איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר!

— איך האָב געקלעטערט באַרג־אַרויף צו דיר.

— דו הייסט דאָך אויך יעקב, אָבער דו דאַרפסט קיין פּאַסטעך נישט זײַן. דו קריגסט דײַן שפּעסעלע אומזיסט. שעמסט זיך נישט?

— געוויס, רחלע מײַנע, געוויס שעם איך זיך, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז קיינער פאַרלאַנגט נישט פון מיר איך זאָל ווערן אַ פּאַסטעך. וואָס פאַר אַ נײַעס ברענגסטו אַרויף פון טאָל?

— שפּעטער, שפּעטער, איך וועל דיר אַלץ דערציילן. ס׳האָט זיך גאָר־נישט געענדערט צום גוטן. די געסטאַפּאָ בושעוועט...

— איצט איז שוין נענטער ווי ווײַטער, רחלע.

— בעלאַן האָסטו געקענט, דוכט מיר.

— וועלכע בעלאַ?

— די רומענישע סטודענטין.

— די בלאָנדע מיט די צעפּ, די וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַריִערין, מיט איר דײַטש רעדן, מיט איר גאַנצער באַנעמונג?

— יאָ.

— וואָס איז מיט איר געשען?

— דאָס וואָס איז געשען מיט אַ סך אַנדערע.

— ווען?

— מיט אַ וואָך צוריק.

— ווי אַזוי?

— בעת אַן אָנלויף האָט מען זי געכאַפּט.

— און איצט ?

— מיט איר איז געשען נאָך אַ מאָדנע זאַך. עפּעס אַ נס. נישט געקוקט אויף אירע פאַלשע פּאַפּירן, האָט מען זי אַרויסגעלאָזט, אָבער גייענדיק פון דער געסטאַפּאָ איז אונטערגעקומען אַן אויטאָ און האָט זי איבערגעפאָרן. זי ליגט אין שפּיטאָל מיט צעבראָכענע פיס.

פּיער איז צוריקגעקומען מיט אַ פּענדל אָקאָרשט אויסגעמאָלקענער מילך און מיט אַ פּעקל קיכעלעך.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף פּיערן אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן. זי האָט זיך אָבער נישט געטרויט אים צו פרעגן פון וואַנען די קיכעלעך קומען צו אים. זי האָט געוווּסט, אַז זײַן מאַמע איז מיט פיר חדשים צוריק דעפּאָרטירט געוואָרן פון דראַנסי. נישט זי האָט אים, הייסט עס, געקאָנט שיקן דאָס געבעקס. טאָ ווער ?

ער האָט פאַרשטאַנען איר פרעגנדיקן בליק און האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפץ :

— מײַן מאַמע איז נישט די איינציקע ייִדישע מאַמע אויף דער וועלט. פאַראַן נאָך אַנדערע ייִדישע מאַמעס וואָס קאָנען אַפילו אין דער הײַנטי־קער צײַט באַקן אמתע ייִדישע קיכעלעך. אָבער די געשיכטע ווי זיי קומען צו מיר — איז זייער אַ טרויעריקע, איך וועל זי דיר דערציילן. עס באַק אַ קיכל, רחלע. אַ ייִדישע מאַמע האָט געבאַקן דאָס דאָזיקע געבעקס.

— אינטריגירסט מיך.

— שטעל זיך פאָר, ערגעץ־ווו איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַן אַלטע גוטע ייִדישע מאַמע. איין־איינציק קינד האָט זי געהאַט, אַ זונעלע. פאַרלוירן האָט זי איר מאַן ווען איר זונעלע איז אַלט געווען אַ יאָר דרײַ ; זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט, האָט אים געשטעלט אויף די פיס, געגעבן לערנען ביז ער איז געוואָרן אַ מענטש. זי האָט געמיינט, געהאָפט אַז זי וועט האָבן בלויז נחת פון אים...

— ווו איז איר זון ?

— חוץ מיר איז שוין קיינער נישטאָ.

— וואָס הייסט ?

— געוועזן זענען מיר זאַלבע זעקס. איצט בין איך פאַרבליבן איינער אַליין.

— ווּ זענען די איבעריקע ?

— פאַרבליבן זענען מיר פיר.

— און די איבעריקע צוויי ?

— איינער פון זיי האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געשטאָרבן מיט אַן אַלפּיניסטן־טויט.

— ווער ? דער זון פון אָט דער מאַמען ?

— ניין, דער איז אַרײַנגעפאַלן צו דער געסטאַפּאָ אין די הענט.

— ווי אַזוי ?

— ווייסט דען נישט ווי אַזוי מען פאַלט אַרײַן ? ער האָט געדאַרפט עמעצן באַגעגענען אונטן אין טאָל. יענעם איז מען נאָכגעגאַנגען ביז צום טרעף־פּונקט. זענען זיי ביידע אַרײַנגעפאַלן.

— און איצט ?,

— ער לעבט נישט מער. ער איז דערשאָסן געוואָרן מיט נאָך פינף אַנדערע פאַרטיזאַנער.

— און זײַן מאַמע שיקט אים נאָך אַלץ אירע קיכעלעך ?

— זי ווייסט נישט אַז איר זון איז טויט. יעדער וואָך שיקט זי דורך פּאַסקאַלן געבעקס פאַר איר זון.

— און דו נעמסט עס אָן ?

— איך קאָן נישט אַנדערש, וואָרעם טאָמער וועל איך די קיכעלעך נישט אָננעמען וועט די אַלטע וויסטע מאַמע פאַרלירן יעדן אָנהאַלט אין לעבן ; וועל איך אירע קיכעלעך נישט עסן, וועט זי זיי מער נישט באַקן. זי וועט בכלל נישט וועלן מער לעבן. אָט פאַר וואָס איך דאַרף עסן אירע קיכלעך אַזוי לאַנג ווי זי דערוויסט זיך נישט וועגן איר גרויסן אומגליק.

— האָט איר פּאַסקאַל קיין מאָל נישט דערציילט, אַז די קיכעלעך עסט אַן אַנדערער, נישט איר זון ?

— האָסט מסתמא באַמערקט, אַז אונדזער פּאַסקאַל איז נישט פון די גרויסע רעדנערס. מיר האָבן אים אָנגעזאָגט, טאָמער פרעגט אים עמעץ צי ער ווייסט עפּעס, זאָל ער שווײַגן, זאָל ער מאַכן אַ מינע ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים. סײַ ווי מאַכט ער נישט דעם אײַנדרוק פון אַ גרויסן חכם.

— דאָס האָב איך פאַרשטאַנען.

— וווּנדערסט זיך אָבער וואָס אַ מאַמע פאַרלאַנגט קיין מאָל נישט קיין בריוועלע פון איר זון.

— געוויס.

— קאָן איך דיר אויסזאָגן אַ סוד. זי באַקומט יאָ בריוועלעך פון „אים"...

— וואָס הייסט, — זי באַקומט בריוועלעך פון איר טויטן זון?

— נישט פון איר טויטן זון באַקומט זי אַלע וואָך אַ בריוועלע, נאָר פון מיר. איך האָב זיך אויסגעלערנט נאָכצומאַכן איר זונס האַנטשריפט. איך שרײַב איר יעדע וואָך אַ בריוועלע און שיק עס איר דורך פּאָסקאָלן. ער ברענגט מיר אויך אָרויף אירע בריוו.

העלען האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט.

— איך ווייס נישט — האָט זי זיך אָנגערופן — וואָס דיר צו זאָגן; איך ווייס נישט וואָס עס איז בעסער פאַר דער אָרעמער מאַמען.

— פאַר דער מאַמען איז אַוודאי בעסער צו גלייבן, אַז איר זון לעבט נאָך. נישט דאָס מוטשעט מיך. מיך מאַטערט די פראַגע צי מעג איך שפּילן טעאַטער? מעג איך אויף אַזאַ אופן צוגנבענען אַ ליבע וואָס געהערט נישט צו מיר?

— איך ווייס נישט וואָס דיר צו זאָגן.

— ווילסט לייענען דעם לעצטן בריוו אירן?

— יאָ.

— אָט איז דער בריוו:

מײַן טײַער קינד!

שוין אַ גאַנצע וואָך ווי איך זיץ און שרײַב דיר דעם בריוו. צום סוף זע איך זיך אָרום, אַז איך האָב דיר אַפילו נישט געשריבן קיין צענטל פון דעם וואָס איך האָב געוואָלט דיר שרײַבן. די וואָך איז אַזאַ קורצע און איך באַוויַיז נישט. דו ווייסט דאָך אַז איך בין נישט קיין גרויסע שרײַבערקע דיר צו זאָגן דאָס וואָס איך לעב איבער. און טראַכטן טראַכט איך נאָר וועגן דיר און דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר, ווײַל מיר דוכט זיך רק אַז דיר פעלט עפּעס, אַז ביסט, חלילה, קראַנק. איך האָב מורא טאָמער האָט עפּעס־וואָס מיט דיר פּאַסירט. איך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן, מײַן קינד! איך וואָלט עס נישט איבערגעטראָגן!

אַ גאַנצע וואָך וואַרט איך מיט אומגעדולד דער פּאָסטעך דײַנער זאָל קומען צו מיר און זאָל מיר ברענגען אַ בריוועלע פון דיר. דו ווייסט גאָר־

נישט וואָס פאַר אַ דערקוויקונג די פּאָר ווערטער וואָס דו שרײַבסט מיר זענען פאַר מיר. וואָלט איך געקענט בעסער רעדן פראַנצייזיש, וואָלט דײַן שליח נישט געווען אַזאַ פאַרשלאָסענער מענטש, וואָלט איך אים אויסגע־פרעגט און איך וואָלט זיך דערוווּסט פון דײַן לעבן מער ווי דאָס וואָס דו שרײַבסט מיר.

אין יעדן בריוו בעט איך דיך דו זאָלסט נישט קאַרגן קיין ווערטער, זאָלסט מיר שרײַבן וואָס מער. דו אָבער ענטפערסט מיר בלויז אויף די פראַגן וואָס איך שטעל דיר. איך פאַרשטיי, אַז דו קאָנסט נישט, אַז דו טאָרסט נישט מיר דערציילן מער ווי דאָס וואָס דו שרײַבסט מיר, אָבער איך וויל דאָך בלויז דו זאָלסט מיר שרײַבן פון דײַן געזונט.

וועגן מיר דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן, מײַן קינד. געוויס וואָלט מיר געווען לײַכטער אויפן האַרצן ווען איך וואָלט געקענט זײַן מיט דיר צוזאַ־מען, ווען איך וואָלט געאָקנט דיך זען יעדן טאָג, רעדן מיט דיר, אַכטונג געבן אויף דיר, ווײַל פאַר מיר ביסטו נאָך אַלץ דער קליינער משהלע וואָס אַמאָל. אַ קרענקלעך קינד ביסטו געווען, נישט פאַר הײַנט געדאַכט, ווי נאָר אַ קראַנקייט האָט זי זיך צו דיר געטשעפּעט.

איך בין אַ מאַמע און דו ביסט מײַן בן־יחיד, ווי אַזוי זאָל זשע נישט ציטערן אין מיר מײַן האַרץ? ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט שרעקן פאַר דײַנעטוועגן?

איך באַוויַיז קיין מאָל נישט צו פאַרענדיקן מײַנע בריוו. די פעדער ציטערט אין מײַן האַנט ווען איך שרײַב צו דיר.

נאָר, זאָגסט דאָך אַליין, אַז דאָס וועט נישט געדויערן לאַנג און ווידער וועלן מיר אַלע זײַן צוזאַמען ווי געווען. אַ פרײַע וועלט אָן דײַטשן, אָן רוצחים, אָן גזלנים... טרערן גיסן זיך פון מײַנע אויגן טראַכטנדיק וועגן אונדזער אָרעמער משפחה אין פוילן.

איין גאָט ווייסט ווי עס זעט דאָרטן אויס. ווי מען זאָגט אין ונתנה תוקף: ווער צום לעבן און ווער צום טויט.

טאַ זע, מײַן זון, היט זיך דאָ און שטעל נישט אײַן אומזיסט דײַן יונג לעבן. וואָלט איך געהאַט אַ סך קינדער, ניין, אויך דאַן וואָלט איך דיך גע־בעטן זיך צו היטן, ווײַל אַ מאַמען זענען אַלע אירע קינדער גלײַך ליב, גלײַך טײַער, בפרט נאָך אַז דו ביסט מײַן איין־אייציק קינד.

וואָס נאָך זאָל איך דיר שרײַבן? איך שיק דיר ווידער די קיכעלעך

וואָס דו האָסט ליב. זאָרג זיך נישט פאַר מיר. איך האָב דאָ אַ שכנה אַ פראַנצויזין, פאַרשאַפט זי מיר ווײַסע מעל און קאַרטן, מעל און פוטער. זי איז זייער אַ ליבע, זייער אַ גוטע, מײַן פראַנצייזישע שכנה.

איך קוש דיך פון דער ווײַטנס און בעט דיך נאָך אַ מאָל: היט זיך און גיב אַכטונג אויף זיך.

דיין מאַמע באַשע.

— יאָ, דו מעגסט — זאָגט רחל — דו מעגסט, יאַנקעלע, עסן די קיכע־לעך וואָס די ייִדישע מאַמע באַקט און שיקט זיי אַרויף צו איר זון אין די בערג!

— און בריוו מעג איך איר אויך שרײַבן?

— אויך בריוו מעגסטו איר שרײַבן.

בריוו פון אַ זון וואָס איז נישט קיין אמתער זון צו אַ מאַמען וואָס איז אין דער אמתן נישט זײַן מאַמע, אָבער אונדזער אַ ל ע מ ע נ ס מאַמע.

## דער הונט און די מאַמע

די דאַטע לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. ס'איז געווען דער 25סטער יולי — דער 25סטער יולי 1944 — ווען דוד איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון די געסטאַפּאָ־לאַפּעס, און ער ווייסט ביזן הײַנטיקן טאָג נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

זײַן ווידערשטאַנד־גרופּע איז בשעתו דורכגעפאַלן און דוד איז אַרעס־טירט געוואָרן. שוידערלעכע פּײַניקונגען... טאָרטורן... אַ געבונדענעם האָבן זיי אים געשלעפּט איבער די גאַסן. אָבער מיט אַ מאָל האָט אים דער ס.ס.־מאַן באַפוילן:

— אַנטלויף!...

מאָדנע און איבערראַשט האָט ער אָנגעקוקט דעם ס.ס.־מאַן, נישט פאַרשטאַנען און — דאָך פּאַמעלעך גענומען זיך דערווײַטערן פון אים. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז מען טאָר נישט סתם אַזוי לויפן. זיי קענען הינטער־ווײַלעכטס נאָכשיסן. האָט ער לאַנגזאַם געשטעלט אַ טראָט נאָך אַ טראָט, בעת די ווייטיקן אין גוף האָבן אים אײַנגעהויקערט, אַראָפּגעשלעפּט צו דער ערד. און אַזוי, ממש ווי אַ נס וואָלט געשען, אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם שטריק פון זיך און געבליבן לעבן.

דער 25סטער יולי איז דעריבער פאַר דודן אַ יום־טוב. איז ער אויפ־געשטאַנען מיטן טאָג צוגלײַך, מיטן זון־אויפגאַנג. ס'האָט אין אים געזונגען עפּעס אַ ניגון אָן ווערטער וואָס האָט אים דערמאָנט דעם שוידערלעכן נעכטן און — אַ לויב־געזאַנג צום מאָרגן. ער איז פול געווען מיט חלומות, קאָשמאַרן פון שלאָפלאָזע נעכט. זײַנע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו די הימלען. זײַנע אויגן האָבן געזוכט דעם האָריזאָנט, ווו עס גייט אויף די ברענענדיקע קויל — די יונגע זון. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיטן באַרג אַרויף, צווישן גראָזן און בלימלעך וואָס האָבן געבליאַסקעט פון געבליבע־

נעם טוי, צעבליטע, פילפּאַרביקע ווי אַ רעגן־בויגן. פון וויַיטן האָט מען געקענט זען ווי די ווילדער גיסן זיך צונויף מיט די בלומען־גערטנער, מיט ראָזע און וויַיסע לאַריע־קוסטן, מיט פיאָלעטע גליצינען, צוזאַמען צו זאָגן גוט־מאָרגן דעם נייַעם טאָג.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ים־ברעג, גענומען אַ שפּאַציר־שיף צו די אינדזלען. דער מילדער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די כוואַליעס, גע־שויבערט זיַינע האָר, געגלעט אים ס׳פּנים.

אויפן וועג צו די היסטאָרישע מאָנומענטן האָט ער דערזען ווי אַ פרוי, אַ טוריסטין, פירט אַ הונט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך דערנעענטערט צו דער פרוי און איר שטיל געזאָגט:

— מאַדאַם, איַיער הונט איז זייער געהאָרכזאַם, באַמערק איך. ער גייט איַיך נאָך טריט ביַי טריט.

די פרוי, אין מיטעלן עלטער, נאָר מיט אַ יונג פּנים, האָט אויפגעהויבן אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, אָנגעקוקט אים שווייַגנדיק. די שטילקייט האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. אים האָט זיך אויסגעדוכט — אַן אייביקייט. ער האָט זיך פאַרלוירן, געשטאַמלט, זיך אַנטשולדיקט.

— ניין, איר דאַרפט זיך נישט אַנטשולדיקן — האָט די פרוי געזאָגט — איך בין איַיך דאַנקבאַר פאַר איַיער מענטשלעכער אויפמערקזאַמקייט צו מיַין הונט, וואָס איז בלינד...

— איַיער הונט איז בלינד? — האָט דוד זי שטיל איבערגעפרעגט.

— יאָ, מיַין הונט איז בלינד געוואָרן פון... עגמת־נפש. — האָט זי שטיל געענטפערט.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין, גענומען דעם הונט אויפן שויס, צוגעדריקט אים צו זיך. אירע לאַנגע פינגער האָבן געציטערט. דוד איז שטיין געבליבן אַ ביסל צעטומלט, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן און וואָס וויַיטער צו פרעגן.

די פרוי וואָס האָט דערפילט זיַין פאַרלעגנהייט, האָט אויפגעהויבן צו אים איר בליק. איר קאָפּ איז געווען פאַרקעמט. אָנגעצויגן אויף היינטן מיט אַ שוואַרץ סאַמעטל. אירע אומעטיקע אויגן האָבן גערעדט, נאָך איידער ער האָט דערהערט איר זינגענדיקע שטימע:

— דאָס לעבן האָט פאַרשיידענע פלאַכן און טיפקייטן, ווי דער ים אויף וועלכן מיר קוקן. ווער ווייסט צי מען וועט אַמאָל דערגיין דעם סוד פון

מענטשלעכן גורל. כ'בין געווען אַמאָל אַ גליקלעכע פרוי, און נאָך מער — אַ גליקלעכע מאַמע.

זי האָט אָפּגעהאַקט. מען האָט געהערט די פּלעסקערײַ פון די ים־כוואַליעס בעת זייער אָנשלאָגן זיך אין די פעלדזן פונעם ברעג, ווי זיי וואָלטן דעם ים־ברעג געשטורעמט.

— כ'האָב געהאַט — האָט זי זיך ווי דערמאָנט — אַ מאַן, אַ קלוגער געווען, אַ מענטש מיט טאַלאַנט, מיט אַ גוט האַרץ; געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער. ביידע זין זענען אַוועק פון מיר אין דער אייביקייט. נישט די אומבאַהאָלפענע מעדיצין, נישט די וויסנשאַפט האָבן נישט געקאָנט העלפן. איינער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איינער — זעכצן. איצט איז איר בליק געפאַלן אויפן ים אַ גלײַכגילטיקער, אַ שוימיקער. די כוואַליעס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די ווײַטע האָריזאָנטן און זי מער נישט געשראָקן.

— מײַן הונט, וואָס איר זעט דאָ, איז נאָך געווען אַ קלייניקער, זייער שטאַרק צוגעבונדן צו מײַנע קינדער. נאָכן פאַרשווינדן פון די קינדער, איז דער הונט קראַנק געוואָרן, האָט באַקומען קאָנוולסיעס. מײַן מאַן איז גע־בליבן פאַרשלאָסן אין זיך, שטום. ער האָט גענומען דעם הונט אויף זײַן שויס, אים שווײַגנדיק געצערטלט. איך בין געווען אין סאַלאָן. און אין איי־איינעם אַ זונטיק, מיר האָבן זיך געקליבן צו פאָרן צו דער טאָכטער אין אַנשטאַלט, ווו זי האָט זיך געפונען זינט דער קאַטאַסטראָפע, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ טעמפּן פאַל אויף דער ערד. כ'האָב נישט באַוויזן צוצו־לויפן, ווי ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. כ'האָב פאַרבראָכן די הענט, לאַנג געשטאַנען און געשוויגן, וויינען האָב איך שוין נישט געקענט. בלויז דער הונט האָט זיך לאַנג און שאַרף צעוואָיעט. פון יענעם טאָג אָן איז דער הונט בלינד געוואָרן. אָט פיר איך אים אַרום, דעם לעצטן עדות פון מײַן צעבראָכן לעבן.

— און די טאָכטער אײַערע ?

— מײַן טאָכטער ליגט שוין יאָרן לאַנג אין אַ הויז פאַר גײַסטיק־קראַנקע, אַ צעבראָכענע צוליבן פאַרלירן אירע ברידערלעך. זי דערקענט נישט מער, אַז איך בין איר מאַמע.

*

די שפּאַציר־שיף, וואָס האָט געפירט צוריק צום ברעג, האָט זיך גע־

הוידעט אויף די שוימיקע כוואַליעס.ביידע זענען געזעסן שווייַגנדיק, גע־קוקט אויפֿן הונט און אויף די בלינדע, אויסגעלאָשענע אויגן זייַנע. דער אומבאַקאַנטער פֿרוי האָט דוד, בייַ זיך אין האַרצן, אָנגערופֿן: די טראַגישע מאַמע און געזוכט וועגן און אופֿנים ווי אַזוי צו באַנעמען, ווי צו פֿאַרשטיין מיטן שׂכל דעם דאָזיקן תּהומיקן אומגליק.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צום האָריזאָנט, זיך געטונקען אין די ווייַטע ברעגן, אייַנגעהילטע אין בלוי־גאָלדענעם נעפּל פֿון אָנקומענדיקן אָוונט.

זיי האָבן זיך געזעגנט.

דוד, דער באַפרייַטער פֿון נאַצישן קאָשמאַר, איז געשטאַנען אַ צערו־דערטער און אויפֿגעטרייסלטער און לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט דער פֿרוי, ביז זי איז פֿאַרשווונדן צוזאַמען מיטן בלינדן הונט, פֿאַר וועלכן זי איז איצט אַ מאַמע.

# דער מאַמעס אויג

מיטן טאָג צוגלײַך איז דער גיכע־הילף־אַמבולאַנס אַרײַנגעפֿאָרן אין שפּיטאָל־הויף. אויף אַ פֿעלד־בעטל האָט מען אַרײַנגעטראָגן אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטן.

דער הויפּט־דאָקטער פֿון שטאָטישן שפּיטאָל אין גרענאָבל האָט, לויט דער פֿאַרטרויליכער ידיעה וואָס ער האָט באַקומען, מיט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט זיך אָפּגעגעבן מיטן דאָזיקן פֿאַל. דער שליח האָט אים שוין באַצײַטנס געהאַט איבערגעגעבן ווער ס׳איז דער פֿאַרוווּנדעטער, וואָס פֿאַראַ געפֿערלעכע שליחות ער האָט אויסגעפֿירט; אַ שליחות וואָס האָט אים שיִער געקאָסט דאָס לעבן.

דער דאָקטער האָט תּיכּף פֿאַראָרדנט מ׳זאָל דעם שווער־פֿאַרוווּנדעטן אָפּגעבן אַ באַזונדער צימערל. ער האָט אים אויך צוגעטיילט אַ קראַנקן־שוועסטער זי זאָל בלײַבן מיט אים די גאַנצע צײַט, אים אָפּהיטן, נישט אָפּטרעטן אויף קיין איין מינוט.

דער פֿאַרוווּנדעטער, ווי נאָר ר׳איז געקומען צום באַוווּסטזײַן, האָט געוואָלט אָנקוקן די פּרוי וואָס באַוועגט זיך אַרום אים. מ׳האָט אים שוין געגעבן אָנצוהערן אַז ער מעג האָבן צוטרוי צום פּערסאָנאַל דאָ, די דאָקטוירים און שוועסטער. אָבער —

דער שווער־פֿאַרוווּנדעטער טעאָ לאַמור האָט גאָרנישט און קיינעם נישט געזען. זײַנע אויגן זענען געווען באַנדאַזשירט. פֿון גאַנצן קאָפּ האָט זיך בלויז אַרויסגעזען די שפּיץ נאָז און די בלוי־פֿאַרטריקנטע ליפּן.

בלינד געוואָרענע, אָדער בלינדע פֿון געבוירן, ווייסן מיר, פֿאַרבײַט אין אַ געוויסער מאָס דער באַריר־חוש דעם זע־חוש. האָט ער פֿון דער שוועסטערס אַ באַרירונג דערפֿילט אַ נאָענטקייט, אַ פֿרײַנדלעכקייט.

ער האָט אָבער געפֿילט דעם ווייטיק נישט בלויז פֿון די קראַנקע אויגן

זײַנע, נאָר אויך פֿון דרויסן. ס'טוען אים ווײ זײַנע טײַערע חברים קלאָד נאָבלע און סימאָן פּיערע, די דאָזיקע וווּנדערלעכע פּרוי, צו וועלכער ער איז אַזוי שטאַרק געווען צוגעבונדן. וועגן זײ טוט אים דער עיקר ווײ. אַוודאי מישן זיך אויס די ווייטיקן מיט דער פּעך־שוואַרצער נאַכט, אַז אַפילו די טרייסטווערטער פֿון פּראָפֿעסאָר און פֿון דער געטרײַער קראַנקן־שוועסטער זענען פֿאַר אים אַ קנאַפּע האָפֿענונג.

און אַז עס וועט געשען אַ נס, וואָס איז אַזוי גוט ווי אוממעגלעך, נישט געקוקט אויפֿן געוואַלטיקן פֿאַרשריט פֿון דער כירורגיע, אויב ס'וועט געשען דער נס, וואָס וועט אים צוריקגעבן די ליכטיקע שײַן, וועט ער קענען צוריק זען זײַנע פֿאַרשווּנדענע קלאָד נאָבלע און סימאָן פּיערע?

צוריק זײ לעבעדיק מאַכן איז די סאַמע ליכטיקסטע שײַן נישט בכּוח. בעסער וואָלט געווען ווען מ'לאָזט אים שטאַרבן. זאָל נעמען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סוף צו זײַנע פֿיזישע און גײַסטיקע יסורים!

אַזעלכע געדאַנקען, שוואַרצע ווי די נאַכט, מאַטערן אים זינט ער איז געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל אַרײַן. דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל מאַטערט זיך אַרום אים, פֿאַרעט זיך אַרום אים טאָג און נאַכט. אין משך פֿון געציילטע וואָכן האָט ער שוין דורכגעמאַכט צוויי שווערע אָפּעראַציעס. פֿאַר, בעת און נאָך די אָפּעראַציעס איז ער געווען ווי באַטויבט. די נאַכט אַרום אים איז געווען שטאָק־פֿינצטער, טויב און שטום.

ליז באַנטע, די צאַרטע קראַנקן־שוועסטער, האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע שעפּטשערײַען, זיך שטיל „צוגעהערט" צו זײַנע געדאַנקען, וואָס זענען געלאָפֿן אין זײַן אָנגעהיצטן מוח. עס האָט איר צוגעהאָלפֿן זײַן טראַכטן אויפֿן קול. ער געדענקט שוין אָבער נישט וואָס ער האָט געטראַכט מיט אַ מינוט פֿריִער. אפֿשר האָט ער איר טאַקע דערציילט, נישט אין געדאַנק, נאָר אויפֿן קול, וועגן קלאָד נאָבלע און סימאָן פּיערע?... איר דערציילט אַלץ וואָס דריקט אים אויפֿן האַרצן?

ליז איז אים דאָ געווען ווי אַ לײַבלעכע שוועסטער. ער האָט איר דערציילט וואָס עס איז געשען אין לעצטן אָפּשניט פֿון זײַן לעבן, און ווי אַזוי עס איז געשען, פֿאַר וואָס ער געפֿינט זיך דאָ מיט פֿאַרוווּנדעטע, פֿאַרבונדענע אויגן.

קאַפּיטאַן לאַמור מומרלט צו זיך אַליין:

— די וועלט איז פאַר מיר אויסגעלאָשן, איַינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער, אין מיר און אַרום מיר. כ׳וועל שוין קיין מאָל מער נישט זען, גאָרנישט און קיינעם נישט; אַפילו ווען ער וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט איך אים שוין אויך מער נישט געקענט זען מיט מײַנע אויגן.

— ווער? פרעגט פּלוצים די קראַנקן־שוועסטער און גלעט אים די האַנט.

— כ׳האָב איַיך נאָך נישט דערציילט וועגן קלאָדן? — וווּנדערט זיך קאַפּיטאַן לאַמור — איך מיין דעם וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן קלאָד נאָבלע, נאָר אין דער אמתן הייסט ער דוד קייטלמאַן.

ער האָט זיך האַלב אונטערגעהויבן. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט וואָס ער האָט איר נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן קלאָדן. דאָס לאָזט דאָך אים נישט צורו, אַזוי לאַנג ווי ער וועט נישט עמעצן אַ נאָענטן פאַרטרויען וועגן דער גרויסער איבערגעגעבנקייט זײַנער צו זײַן ייִדישן חבר.

— יאָ — האָט זי זיך געכאַפּט — איר האָט מיר טאַקע עפּעס געהאַט דערציילט. כ׳ווייס... אָבער באַרויִקט זיך, איר וועט נאָך דערציילן.

— ניין, איר ווייסט זייער ווייניק. וויפל כ׳זאָל איַיך נישט האָבן דערציילט וועגן אים איז נאָך אַלץ נישט דאָס וואָס ער איז געווען פאַר מיר. כ׳מיין, איידער איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן.

ליז האָט נישט געוווּסט אין וואָס לאַמורס העלדישקייט איז באַשטאַנען. בלויז אָפּגעריסענע ברעקלעך, שטיקלעך, אָן צוזאַמענהאַנג, האָט זי געהערט פון אים וועגן אַ קלאָד נאָבלע און אַ סימאָן פּיערע, זי האָט אָבער נישט געוואָלט ער זאָל זיך צופיל אויפרעגן, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זי ווייסט אַלץ. זי האָט זיך באַמיט אים איַינצוגעמען מיט גוטע רייד, ווי מען רעדט צו אַ קאַפּריזנע קראַנק קינד.

ליז האָט געפילט אַ מין קינאה צו אָט דער סימאָן און האָט זיך דאָס אַליין פאַרגעוואָרפן: זייער נישט פיַין פון מײַן זײַט — זאָגט זי צו זיך — וואָס איך לאָז זיך פאַנגען פון אַן אייפערזוכט־געפיל. דערצו נאָך לגבי אַ פרוי, וואָס איז אַזוי טראַגיש, אַזוי העלדיש אומגעקומען. איך קען דאָך אים קוים. זיַינע אויגן זענען באַנדאַזשירט, מען קען אַפילו נישט אַרײַנ־קוקן אין זיי. און ער איז דאָך פאַר איר אַ פרעמדער; זי האָט דאָך אים ביז איצט קיין מאָל נישט געזען. און ווען אַפילו יאָ — וואָס פאַרא שייַכות האָט זי דען מיט אים? די באַציִונגען צו אים דאַרפן זײַן ווי פון אַ קראַנקן־

שוועסטער צו אַ קראַנקן — נישט מער! איז ער דאָך נישט סתּם אַ פּאַר־וווּנדעטער פון אַן אומגליק־פאַל, נאָר אַ קאַפּיטאַן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אמת, אַ שיינער, אַ מענלעכער, לויט זיין סטאַטור, לויט זײַן גאַנצער געשטאַלט. אויך זײַן שטים איז איר ליב: אַ באַפעלערישע שטים, און אין דער זעלביקער צײַט — אַ צערטלעכע, אַ שטים, וועלכער מען קען נישט אַזוי לײַכט אָפּקעגנרעדן.

אַ רגע בלויז האָט אַנגעהאַלטן איר טרוימערישע שוואַכקייט. זי נעמט זיך אין די הענט. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער, נישט מער. אַ גוטע טאַקע, ווי איר נאָמען זאָגט עס, אָבער נישט מער...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נייטיק נאָך אַן אָפּעראַציע, נישט אַזאַ שווערע ווי די צוויי פריִערדיקע. פּירט מען אים אַרויף אין אָפּעראַציע־זאַל. ווידער — כלאָראָפאָרם. ער שרעקט זיך נישט מער, באַקלאָגט זיך נישט. ער ווייסט אַז קיינער, קיינער קען אים מער נישט צוריקגעבן די ראיה, באַ־פרײַען אים פון דער אייביקער נאַכט. ער איז אַ געפאַנגענער פון איר. אַ פאַרלוירענער אויף תּמיד.

אַזוי — איין נאַכט נאָך דער אַנדערער, איין טאָג נאָכן אַנדערן, — הינטער שוואַרצע פאַרהאַנגען. שטיקנדיקע טעג, שטיקנדיקע נעכט. איין טאָג איז אַ נעכטן, דער צווייטער אַ הײַנט. אָבער די ווייטיקן זענען די זעל־ביקע, די געדאַנקען — טרויעריקע, פינצטערע.

פון צײַט צו צײַט טוט ער בײַ איר אַ פרעג:

— ליז טײַערע, זאָג מיר, צי האָט עס דען אַ זין?

נישט אַלע מאָל איז אָבער ליז בײַ זײַן בעט. אויב ס'איז נישט ליז, נאָר אַן אַנדערע וואָס פאַרטרעט איר, ענטפערט אים דאָס מיידל:

— כ'בין נישט ליז באַנטע...

אָבער ער באַקלאָגט זיך ווײַטער און בעט זיך:

— פאַר וואָס מאַטערט מען מיך אַזוי? בלוט־טראַנספוזיעס, אײַנשפּרי־צונגען. נאָך וואָס? כ'דאַרף דאָס נישט מער. ס'איז מיר שוין אַלץ דער־ווידער. ניין, כ'וועל שוין נישט געזונט ווערן. כ'האָב אַלץ פאַרלוירן, פאַר־שפּילט. קלאָד... סימאָן... די אויגן וואָס האָבן זיי געזען צום לעצטן מאָל האָב איך פאַרלוירן צוזאַמען מיט זיי.

אַזוי רעדט ער צו ליז, אָדער צום אַנדערן מיידל. און פון זײַנע אָפּגע־ריסענע רייד באַקומט זיך:

...מיט קלאָד נאַבלע האָט ער זיך געטראָפן אויפן פראָנט, לעבן דער מאַזשינאָ־ליניע, אָנהייב אָקטאָבער 1939. זענען גאָר גיך געוואָרן גוטע פרײַנד, צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, ווי צוויי לײַבלעכע ברידער, בישט צום אָפּטיילן.

— כ׳ווייס נישט גענוי וואָס עס האָט אונדז פאַרבונדן אַזוי נאָענט איינער מיטן אַנדערן. איך בין פון תּמיד אָן געווען אַ צוריקגעצויגענער, געהאַלטן זיך פון דער ווײַטנס פון מענטשן. האָט זיך דער ערשטער, דוכט זיך מיר, קלאָד צו מיר דערנענטערט. ער האָט אָן אַ סיבה געזוכט מײַן פרײַנדשאַפט, געזוכט אין מיר אַ מענטש אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט אַז ער איז אַ ייִד האָב איך זיך גענומען דערווײַטערן פון אים. איך ווייס, איך בין זיך מודה, אַז כ׳האָב אים און זײַן פאָלק, ס׳הייסט: אַלע ייִדן וואָס לײַדן אַזוי פיל אונטערן היטלער־יאָך, געטאָן אַ גרויסע עוולה. כ׳בין אָבער דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה וווּ מ׳האָט געהאַלטן, אַז אַ ייִד איז אַ שווינדלער, אַ כיטראַק, אַ צבועק. זינט צוויי טויזנט יאָר הערשט אַזאַ מיינונג בנוגע ייִדן צווישן אַלע קלאַסן: אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט, אין דער קירך, אין אוניווערסיטעט. נישט אַלע מאָל וואַגט מען דאָס צו זאָגן אָפן און פרײַ. אָבער זייער ווייניק נישט־ייִדן זענען פולשטענדיק באַפרײַט פון דאָזיקן פאָראורטייל. דאָס איז אַ פאַקט.

— און אַצינד, טעאָ לאָמור, זענט איר איבערצײַגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן, אַן אויסטראַכטעניש?

— כ׳ווייס נישט, נאָר קלאָד נאַבלע, אָדער דוד קייטלמאַן איז טיף אײַנ־געבאַקן אין מײַן געמיט. אַצינד, ווען די וועלט איז פאַרלאָשן פאַר מיר, זע איך אים נאָך טיפער. און אויך זי, סימאָן, דיביידע אומגעקומענע, פאַרגאַנגענע געשטאַלטן פאַרנעמען דאָס זעלביקע אָרט אין מײַן זכּרון. טראַכט איך פון אים דערמאָן איך זיך אין איר... און אומגעקערט.

— יאָ, קלאָד איז געווען אַ ייִד.

— „דאָס ייִדישע פאָלק"... דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט טאַקע פון קלאָדן. ער האָט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן פראַנצייזישע ייִדן. זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בעת דער דרייפוס־

אַפּערע. אַז אויך אין דײַטשלאַנד זענען געווען ייִדן. זיי ווערן איצט פאַר־פאָלגט, אויסגעראָטן דורך די נאַציס. פאַראַן אָבער פראַנצויזן וואָס האַלטן, אַז די דײַטשישע ייִדן האָבן דערפירט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה... שוין אין אָנהייב מלחמה האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ שווידערלע־כער ליגן. די קאָלאַבאָראַטאָרן פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן בילבול. דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאָלק ווי ס'איז פאַראַן אַ פראַנ־צייזיש, אַן ענגליש פאָלק. איז געקומען קלאָר נאָבלע און עס אים אויפגע־קלערט.

ער האָט אים דערציילט פון זײַן היים, פון זײַן יוגנט, ערגעץ ווו אין אַ שטעטל אין פוילן. ווי אַזוי ער איז פון דאָרטן אַוועק, ווײַל מ'האָט זיי דאָרט נישט געלאָזט לעבן. איז ער געקומען שטודירן אין פראַנקרײַך. אין פוילן זענען ייִדן נישט צוגעלאָזן געוואָרן אין די אוניווערסיטעטן. די שונאים פון די ייִדן האָבן געווילדעוועט. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער צוגלײַך מיט טויזנטער ייִדן פרײַוויליק אַוועק דינען אין דער פראַנ־צייזישער אַרמיי. „כ'בין אַוועק זיך שלאָגן פאַרן כבוד פון ייִדישן פאָלק" — האָט ער געזאָגט.

און ער האָט זיך דערמאָנט, טעאָ לאַמור, וואָס ער האָט געלייענט אין אַ געוויסער צײַטונג, אַז ייִדן האָבן עס באַווירקט די דעלאַדיע־רעגירונג, זי דערפירט צו דער מלחמה מיט היטלער־דײַטשלאַנד. ערשט קלאָד האָט אים דערנאָך אויפגעוויזן, מיט קלאָרע ראיות, אַז דער נאַציזם איז אויפגע־קומען מיט דער הילף פון די דײַטשע קאַפּיטאַליסטן; און אַז די דײַטשישע ייִדן, אָרעמע ווי רײַכע, זענען געווען פאַציפיסטן, האָבן געקעמפט קעגן די רעוואַנש־גלוסטונגען פון די נאַציס. ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן ייִדן אין דײַטשלאַנד, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער, געוווסט, אַז פאַר זיי וועט זײַן אַן אומגליק אַ נײַע וועלט־מלחמה. און דאָ האָט טאַקע היטלער אַרײַנגעשלײַדערט די וועלט אין דער שווידערלעכער בלוט־באָד. דוד קייטלמאַן, און אַלע ייִדן, האָבן געקעמפט מיטן גרעסטן ייִדן־און מענטשן־פײַנט פון אַלע צײַטן.

האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז דוד קייטלמאַן — דער נאָמען קלאָד נאָבלע איז אים ערשט שפּעטער, אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, געגעבן גע־וואָרן — און ער, טעאָ לאַמור, זענען פאַרבליבן די גאַנצע צײַט פון דער „קאָמישער מלחמה", זײַט בײַ זײַט, אין זעלביקן רעגימענט בײַ דער מאַ־

זשינאַ־ליניע. זיי האָבן זיך אַלץ מער צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, און האָבן דערנאָך ווען די אָפענסיווע האָט זיך אָנגעהויבן, זיך געשלעפּט צוזאַמען אויף די וועגן פון צעשטורעמטן לאַנד.

צוזאַמען מיט די רעגימענטן, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן קעגן שונא, האָבן זיי אַרײַנמאַרשירט קיין בעלגיע. זיי האָבן נאָך אַלץ געגלייבט אַז ס'וועט זיך פּאַרט אײַנגעבן צו צעקלאַפּן די היטלערישע אַרמיי, אַז דאָס נאַצי־דײַטשלאַנד וועט באַזיגט ווערן. אָבער די ענגליש־פראַנצייזישע אַרמייען זענען צעקלאַפּט געוואָרן און אין גרויס בהלה צוריקגעלאָפן ביז דאַנקערק. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע אומגליק.

שפּעטער האָבן זיך געצומען זאַמלען די כּוחות פון ווידערשטאַנד. דוד קייטלמאַן — דאָס מאָל אונטערן נאָמען קלאָד נאָבלע — און דער קאַפּיטאַן טעאָ לאַמור, האָבן זיך צוריקגעפונען אין קאַמף קעגן חיישן אָקופּאַנט.

אָט די אָפּגעריסענע געדאַנקען, זכרונות, פּלאָנטערן זיך אין זײַן אָנגעהיצטן מוח, זיי שלענגלען זיך ווי אַ באַרג־טײַכל, דורך פעלדז און דורך שטיין, ביז זיי פליסן אַראָפּ צום טאָל און וואַרפן זיך אַרײַן אין מעכטיקן שטראָם. ווי אַזוי וועט ער, אַ באַלאָדענער מיט אַזעלכע שווער־דריקנדיקע זכרונות אין דער פינצטערער נאַכט, ווײַטער קענען לעבן? ער איז צווישן איין אָפּעראַציע און דער צווייטער, צווישן איין אײַנשפּריצונג און דער אַנדערער, ווי אַזוי וועט ער פאַר זיך גופא, דערנאָך פאַר ליזן, וואָס איז אים געוואָרן אַזוי ליב און נאָענט, קענען אויסמאָלן, דערציילן דאָס, וואָס עס איז ווײַטער פאָרגעקומען מיט אים, מיט קלאָדן, מיט סימאָנען?

„דאָס איז די פראַגע!” — וואָלט האַמלעט אויסגערופן. דאָס איז אויך טעאָס פראַגע.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט דער שפּיטאָל־הויף אויפגעציטערט פון אַ ווידערקול פון מאַשין־געווער. טעאָ האָט גראָד געהאַט אײַנגעדרעמלט, אָבער די העפטיקע שיסערײַ האָט אים אויפגעריסן פון האַרבן שלאָף. ס'האָט זיך אים מיט אַ מאָל געדאַכט: — ער איז אויפן פראָנט, אין סאַמע פײַער.

— ען אַוואַן!... פאָרויס!... — האָט זיך אינסטינקטיוו אַרויסגעריסן בײַ אים אַ געשריי.

אָבער ליז איז שוין געווען לעבן זײַן בעט. זי האָט אים געגלעט און געקושט און נישט מיט איר קול אויסגעשריגן:

— אַ וווּנדער! אַ נס! און איר זענט רויִק געשלאָפֿן.

— כ'האָב נאָר וואָס אײַנגעדרימלט און ס'האָט מיך אויפֿגעוועקט.

— כ'האָב דערהערט אײַער אויסגעשריי: „ען אוואַן!... פֿאָרויס!... דאָס האָט זיך אײַך אַוודאי געחלומט.

— ס'איז אַ נס, מײַן טײַערער טעאָ. איר געפֿינט זיך טאַקע אין סאַמע פֿײַער. אויפֿן פֿראָנט. די דײַטשן טרעטן אָפּ. די מאַקיזאַרן שיסן פֿון די דעכער, פֿון די שמאָלע געסלעך. די מאַשין־געווער וואָס איר הערט, איז אונדזערס. איר הערט, קאַפּיטאַן טעאָ? איר הערט?

— צי שפּאַסט איר נישט? — האָט ער זיך האַלב אויפֿגעזעצט.

— ס'איז אמת. ס'איז נישט קיין שפּאַס.

— נאָר איך וועל שוין סײַ־ווי די באַפֿרײַונג נישט זען... נישט די באַ־פֿרײַער אונדזערע, מײַנע ברידער, די מאַקיזאַרן. כ'וועל זיי נישט קענען אָנקוקן מיט מײַנע אויגן.

— איר וועט... איר וועט...

ליז האָט מער נישט געקענט פֿאַרענדיקן. איר האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. שטייט זי אַ פֿאַרלוירענע, אַ הילפֿלאָזע בײַ טעאָס בעט, דריקט אים די האַנט און מורמלט אירע אייגענע מורמלענישן:

— לאָמיר האָפֿן. לאָמיר נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג.

— און פּונקט איצט — הערט זי ווי ער כליפּעט ווי אַ קליין קינד — פּונקט איצט מוז איך ליגן מיט אויסגעברענטע אויגן. דורכגעלעכערטע אויגן. כ'ווייס שוין נישט...

— וואָס ווייסט איר נישט?

— צי כ'זאָל זיך אין דער מינוט פֿרייען, אָדער — אין ערגעץ אַנט־לויפֿן.

— פֿרייען זיך, קאַפּיטאַן טעאָ. פֿרייען זיך.

— מיט מײַנע אויסגעברענטע אויגן?

— מיט דער באַפֿרײַונג.

— און ווער וועט מיר צוריקגעבן דאָס ליכט פֿון מײַנע אויגן?

— מיט אײַער העלדישקייט, מוט און קרבן־גרייטקייט האָט איר אַ גרויסן חלק אין דער באַפֿרײַונג פֿון אונדזער לאַנד, פֿון אונדזער אַלעמענס לעבן. ווייסט איר כאָטש, אַז איר האָט מיטן אויפֿרײַס צעשמעטערט אַ גאַנצן דײַטשישן געווער־לאַגער, אומגעבראַכט דעם גאַנצן גענעראַל־שטאַב פֿון

דער געסטאַפּאָ. העכערע אָפיצירן, דעם הויפּטמאַן פון דער „זאָנדער קאָ־מאַנדאָ ?״

— וואָלט איך נישט פאַרלוירן דאָס ליכט פון מײַנע אויגן...

זי כאַפּט אונטער טעאָס טרויעריקן געדאַנק, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אים אַרויסברענגען פאַר די ליפּן:

— איר וואָלט אָבער דעמאָלט נישט געקענט אויך זען, ווי אַזוי איר גופא, אין איינעם מיט אײַערע חברים זענט אומגעקומען.

— בין איך — אומגעקומען ?

— כ׳מיין צו זאָגן, לויטן אָפיציעלן באַריכט פון דער געסטאַפּאָ, זענט איר אַלע אומגעקומען, אָבער אין דער אמתן... דער בעסטער באַווײַז, אַז איר לעבט, איר עקסיסטירט, איז — איך רעד און איר ענטפערט מיר, איר פאַרשטייט מיך און איך פאַרשטיי אײַך.

— דאָס טאַקע באַאומרויִקט מיך, פאַרדריסט מיר, טוט מיר שרעקלעך וויי, וואָס איך לעב, בעת מײַנע חברים זענען אומגעקומען.

אַ נס, אַ וויזיע אָדער אַ פיקציע, וואָס שטײַגט אַריבער דאָס רעאַלע פון מענטשלעכן געדאַנק.

ער זעט פאַר זיך אַ מוטער, וואָס קומט אין שפּיטאָל צו איר פאַרוווּנדעטן זון, ראַטעווען אים. וואָס ווייסט אַ מענטש, אין מיטן פון זײַן טיפער נאַכט, וועגן אַ מאַמעס האַרץ, וואָס קלאַפּט מיט מסירת נפש. זי לויפט, זי שוועבט, זי איז גרייט צו גיין אויף קידוש השם.

אַלע מאַמעס זענען מסתמא ענלעך. זי האָט אים אַ מאָל געזונגען צאַרטע לידער, אים געוווּנטשן זי איבערצולעבן.

ווער קאָן אויסמעסטן דעם גהינום־וויי פון אַ מאַמע, וואָס שטייט פאַרגליווערט און קוקט זיך צו צו דער גסיסה פון איר קינד ?

אַ רעטעניש, אַ נס. פון וואַנען איז זי געקומען, די מאַמע ? ווער האָט איר צוזויסן געגעבן ? ס׳איז דער בלינדער גורל פון אַ מענטש. קיין שום ווערטער קענען עס נישט אַרויסברענגען. ס׳איז דער געשפּענסט צווישן קאָשמאַר און פאַרנעפּלטער ווירקלעכקייט, שווער צו אונטערשיידן, פאַרשטיין, באַנעמען.

אין שפּיטאָל ציִען זיך לאַנגע, שוואַך־באַלויכטענע קאָרידאָרן, אַז מען

קאָן קוים געפינען די פאַרלוירענע טיר פון צימער, ווו ס'ליגט טעאָ לאַמור. ס'איז געווען פונקט אין יענע טעג, ווען דער הויפט־פּראָפעסאָר האָט באַשלאָסן דורכצופירן דעם געוואַגטן עקספּערימענט, איבערצופלאַנצן אַ לעבעדיק אויג פון אַ זעענדיקן מענטשן. מען האָט געזוכט דעם מענטש, וואָס זאָל פרייוויליק וועלן געבן זיינס אַן אויג פאַר אַ בלינדן מענטשן. דער פּלאַן איז מעדיציניש גרייט געווען. מען וועט דאָס צווייטע אויג פאַרבייטן מיט אַ גלעזערן אויג. אויסערלעך וועט עס קיינער נישט באַמערקן.

דערווייל איז אויסגעבראָכן דער שטורעם אין יענע סוף־זומער־טעג. ס'האָט געקראַכט, געדונערט, געבליצט מיט אַרטילעריע־פייערן. די שטאָט איז געלעגן איינגעהילט אין פינצטערניש. נישט געווען קיין עלעקטריש ליכט. די בליצן זענען אַריינגעדרונגען אין שפּיטאָל, אין אָפּעראַציע־זאַל, ווי זיי וואָלטן וועלן מיט זייער טייוול־ליכט אָנוואַרפן פּחד אויף די דאָקטוירים, אַנגעטאָנענע אין מאַסקעס, פון וואַנען בלויז די דערשראָקענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט.

אַלעמענס בליקן זענען געווען געוואַנדן צום אָפּעראַציע־טיש. דאָרט איז געלעגן פאַרטיזאַן טעאָ. אונטער דער ווירקונג פון כלאָראָפאָרם, האָט ער שווער געכאָרכלט. ס'איז אַזאַ מין שטילקייט, אַן איינגעהאַלטענע, אַ פּחדימדיקע. אַ שטילקייט פון געשפּענסט־זעאונגען. וואָס זעט ער? — ער זעט ווי עס טאַנצן ברענענדיקע פלאַמען, דער רויך פאַרשטעלט די הימלען. דער תּוהו ובוהו איז פאַרהילט אין נעפּלען, פון וועלכע מען קאָן נישט אַרויס.

עס גלאַנצן אויף אויגן, פיל אויגן — קינדער־אייגעלעך, כלה־אויגן, שטרענגע טאַטע־בליקן, בייזע, גוטע, בעטנדיקע. און עס שווימט איבער אַלעמען — אַ מאַמע, מיט אירע גוטע צאַרטע אויגן. ווער איז זי? זי איז ווי דער ברענענדיקער סנה. די דאָקטוירים, אין ווייסן, שאַרן זיך לענגאויס די אָפּגעבליאַקעוועטע, גרוי־טונקעלע, געדרייטע קאָרידאָרן.

אין אַ קליינעם זייטיקן זאַל פון שפּיטאָל ליגט אַ פרוי. אַרום איר שושקעט מען זיך. עס לויפן אַריין און אַרויס די קראַנקן־שוועסטערס, די דאָקטוירים, דער הויפט־פּראָפעסאָר. די לאַנגע נאַכט האַלט איין דעם אָטעם.

— ווער האָט מיך גערופן אַהער? — רעדט צו זיך די פרוי — קיינער נישט. כ'בין אַליין געקומען. קיינער האָט מיר נישט געהייסן איינשטעלן מיין לעבן. די כּוחות וואָס געוועלטיקן איבערן באַשאַף האָבן מיך

געשטויסן. כ׳בין אפשר געטריבן געוואָרן פון אַ שגעון, אַ געשריי פון ווײ־טיק פון מײַן קינד. ס׳איז די וועלט פון פאַרהוילעניש, וווּ לעבן און שטאַרבן איז אַ רעטעניש.

*

אין יענעם פרימאָרגן, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט דורך די גרויסע שפּי־טאָל־פענצטער אין אויפנעם־זאַל, האָט זי מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם גע־וואַרט. אַלע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס האָבן זיך געשפּאַרט דורך דעם צענטראַלן אַרײַנגאַנג, מיט קלאַפּנדיקע הערצער. ס׳האָט זיך געעפנט אַ שמאָל טירל פון דער זײַט, וואָס האָט געלאָזן הינטער זיך דעם שווינדל פון שטיגן, ווינדעס, קאָרידאָרן. עס האָט זיך באַוויזן דער פּראָפעסאָר. לעבן אים איז מיט רוּיִקע טריט געגאַנגען דער פּאַרטיזאַן טעאָ.

אין דער פאַרקלונגענער שטילקייט האָבן אַ הילך געטאָן אַלע גלאָקן פון דער קליינער שפּיטאָל־קירכע. דער אָרגל האָט געשפּילט. די קלאַנגען האָבן זיך אַרײַנגעריסן און פאַרגאָסן אַלע פּאַלאַטעס פון שפּיטאָל. ס׳האַרץ האָט געציטערט, אין אויג — אַ געלײַטערטע טרער...

טעאָ האָט צעעפנט די אָרעמס און שטיל, מיט אַ שטיקנדיק קול, אויס־גערופן:

— מאַמע!...

איבערן הייליקן, בלאַסן געזיכט פון דער מוטער איז פּאַמעלעך געפאַלן בלויז איין טרער — פון איין אויג בלויז.

## די מאַמע מישעל

די „מאַמע מישעל" האָט געטראָגן מאַמעשע געטריישאַפט צו די יונגע קעמפערישע זין פון דער „מאַקי". זי איז געווען אַ מאַמע מיט ליבשאַפט צו „אירע" קינדער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מען האָט אומעטום געהערט איר נאָמען. אירע העלדנטאַטן און דאָס וואָרט „מאַמע מישעל" איז געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן. זי איז געווען פאַרבונדן מיט די העלדישסטע טאַטן פון די ווידערשטאַנדלערס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דער געגנט. זי איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער אונטערערד, ווייט מחוץ דעם קרייז אין וועלכן זי האָט געווירקט.

דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער פון ראַיאָן איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „פּיער לע זשוּאיע", — דער פריילעכער שטיין, הייסט עס, בעת זיין ריכטיקער נאָמען האָט אָנגעדייט פּונקט דעם היפּוך — טריסטאַן פּליוויע, דער רעגנדיקער אומעט... ביידע נעמען האָבן זיך געפּאַסט פאַר אים, ווייל אין די צייטן פון שלום, אויב רעגן פאַרט זיך מיט אומעט, איז אָבער רעגן אַן אָנזאָג אויף מזל־ברכה; צו אומעט קאָן אַ מענטש זיך צוגעווינען, פּונקט ווי צו פרייד, צו פאַרגעניגנס.

דאָס איז געווען פּיערס אייגענער אויסטייטש, ווען ער פלעגט זיך אינטים צעשמועסן מיט דער „מוטער מישעל".

— אין יענע צייטן, מיין טייערע — האָט ער נאָך צוגעגעבן — איז געווען נאָרמאַל זיך צו רופן טריסטאַן פּליוויע. היינט אָבער דאַרף מען שעפּן מוט און פרייד פון דעם נישט איבערנעמען זיך, זיין פריילעך און האַרט ווי שטיין.

— אויב אַזוי — האָט אים די „מאַמע מישעל" שטיל געזאָגט — האָב

איך דיר אויך עפּעס צו זאָגן וועגן מײַן נאָמען, וואָס פיגורירט נישט אין מײַנע פאַלשע פּאַפּירן. מײַן אמתער נאָמען איז בערטאַ גרינוואַלד...

געווען איז דאָס אין אַ לינדער זומער־נאַכט, און זי האָט זיך דערבײַ באַפרײַט פון זײַנע אָרעמס. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר מאַן און חבר, וואָס איז געפאַלן ווי אַ מאַרטירער און די געדאַנקען האָבן זי פאַרטראָגן גאָר אין אַן אַנדער וועלט אַרײַן. זי האָט זיך דערמאָנט אין זייערע פריידן און ליידן, און איר מאַנס פּנים האָט פּלוצים אַ שוועב געטאָן פאַר אירע אויגן.

— גרינוואַלד — האָט זי אים דערציילט אין אָט דער וואַרעמער זו־מער־נאַכט — איז אויך נישט געווען מײַן מאַנס ריכטיקער נאָמען. געהייסן האָט ער אין דער אמתן פּאַוועק שטיין, און געווען איז ער איינער פון די „דרײַ און צוואַנציק" דערשאָסענע אין פּאַריז; איינער פון די, וואָס זייערע אמתע אָדער צוגעטראַכטע נעמען זענען באַקאַנט געוואָרן דער ברייטער עפנטלעכקייט דורך דעם פּלאַקאַט, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געלאָזט פונאַנ־דערקלעפּן אויף די מויערן פון פּאַריז, דער באַרימטער „פּלאַקאַט רוזש" (דער רויטער פּלאַקאַט). דאָרט האָט מײַן מאַן און חבר פיגורירט אונטער אַן אַנדער נאָמען. וואָרעם די דײַטשן האָבן נישט געקענט אַרויסרײַסן פון אים דעם סוד פון זײַן אידענטיטעט.

די „מאַמע מישעל" האָט טיף אָפּגעזיפצט און שיִר זיך צעוויינט, בעת זי האָט פּיערן דאָס אַלץ דערציילט.

בערטאַ איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד. נישט אַלץ וואָס איז מיט איר פּאָרגעקומען האָט זי אים איצט דערציילט. דאָס יידישע איבערלעבן איז שעמעוודיק געבליבן באַהאַלטן אין אירע אינגעווייִדן. האָט זי אים צווישן אַנדערס דערציילט, אַז זי איז אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענער שיינער טאָכטער, פּאַלבאַלאַ, כאָטש זי אַליין זעט אויס מיט אַ פּופצן יאָר יינגער ווי זי איז עס אין דער אמתן.

פּיער איז געווען אין גאַנצן אַנדערש ווי איר אומגעקומענער מאַן פּאַוועק, סײַ אין זײַן רעדן, סײַ אין זײַן אויסזען און סײַ אין זײַנע באַווע־גונגען. ס'איז איר אַ גרויסער ווייטיק וואָס עס האָט זיך איר נישט אײַנגע־געבן פּאַוועקן אָפּצוראַטעווען פון די נעגל פון דער געסטאַפּאָ. די ערוב־ניקעס זענען נאָך שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן, ווי די געוויינלעך פאַר־

משפטע צום טויט. אָבער איר חבר פּיער לע זשוּאיע האָט בערטאַ גריג־וואלד יאָ באַוויזן אַרויסצוראַטעווען פון טויט, מיט דער הילף פון דער ספּעציעלער ווידערשטאַנד־קאָמאַנדאָ. ס׳איז געווען אַ ממש לעגענדאַרער אויפטו.

אַצינד קאָן זי אים אָנקוקן, רעדן מיט אים, צערטלען אים, אים ליב האָבן אַפילו, כאָטש ער איז יינגער פון איר; אָבער דאָס אַלץ ווי אַ גע־טרייַע מאַמע. נישט אומזיסט רופט מען זי „מאַמע מישעל״.

אַזוי האָט בערטאַ גרינוואַלד געלאָזט פרייַ אירע געדאַנקען, זכרונות, געפילן, אירע רייד, אין דעם לינדן זומער־אָוונט אין די בערג, זיצנדיק לעבן פּיערן.

ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט. זי און פּיער. שוין חדשים אַז זיי קענען זיך, אָבער ביז דער דאָזיקער נאַכט אין די בערג איז זייער באַקאַנטשאַפט געווען בלויז אַן „אונטערערדישע״. וואָס האָבן זיי דען געוווּסט איינער פון אַנדערן? נישט מער ווי אַן אָנפירער פון אַ רעגיאָנאַלן ווידערשטאַנד־עקזעקוטיוו דאַרף וויסן וועגן אַ מיטגליד. אַלץ איז אין דער ווידערשטאַנד רעדוצירט געוואָרן צו אַ פּאַראָל, אָדער ווי אַזוי צו פירן זיך, צו האַלטן זיך אין אַ „הייסער״ מינוט, אין אָנגריף אויפן שונא, אין צוריקטריט, אָדער בייַם דורכפירן אַן אָנפאַל פון דער באַהעלטעניש; צי מען קאָן אויס־שטיין יסורים, פּייַניקונגען, ווען מען פאַלט אַרייַן אין די נעגל פון דער געסטאַפּאָ, צי מען איז גרייט מקריב צו זייַן דאָס לעבן און נישט אַרויס־געבן, נישט מסרן די קאַמפס־חברים.

פּיער לע זשוּאיע האָט אַרויסגעוויזן העלדישע עקשנות. ווען די גע־סטאַפּאָ האָט אים געפּייַניקט, שיר נישט פאַרפּייַניקט צום טויט. דאָס האָט די „מאַמע מישעל״ אים געראַטעוועט. געהאָלפן אים אַנטלויפן פון זייערע הענט, אַדאַנק איר „פלירט״ מיטן געסטאַפּאָ־מאַן. ווייַל, מיט איר בלאָנדן קאָפּ האָר און מיט אירע הימל־בלויע אויגן האָט זי אויסגעזען ווי אַן אמתע אַרישע פרוי. און איר דייַטש רעדן האָט אויך אַ סך צוגעהאָלפן. האָט זי געוווּנען זייַן צוטרוי, פּונקט ווי זי האָט מיט איר געוואַגטקייט געוווּנען דעם צוטרוי פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, בפרט מיטן באַפרייַען פּיערן.

פּיער האָט נאָכן נס וואָס איז מיט אים געשען, באַקומען אורלויב אויף עטלעכע וואָכן, אַן אָפּרו אין אַ קליין קירכעלע אין אַ פּאַרוואָרפענעם

באַרג־יישוב. ער האָט דאָרט מיט קיינעם נישט געטאָרט זיך טרעפן, ביז ער וועט ווידער „געזונט" ווערן. ביז די געסטאַפּאָ וועט אים אויפהערן זוכן: אָבער די „מאַמע מישעל" האָט געמעגט קומען צו אים. כאָטש זיי האָבן זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק זיכער. נאָר ס'איז געווען ווי דער גורל וואָלט זיי געהאַט צוגעטיילט אַ ביסל אורלויב: עטלעכע וואָכן, עטלעכע טעג, און אפשר נישט מער ווי עטלעכע שעה.

זיי האָבן אויסגענוצט די צייַט פאַר דער פרייַנדשאַפט וואָס זיי האָבן געפונען איינער בייַם אַנדערן, פאַר דער ליבע וואָס האָט זיך אומגעריכט אויפגעוועקט בייַ זייביידן.

האַנט־אין־האַנט, ווי אַ יונג פאַרליבט פּאָרל, האָבן זיי אין די העלע לבנה־נעכט אַרומשפּאַצירט איבערן האַלב־פאַרשלאָפענעם דערפל, ביז דער פייגל־כאָר האָט זיך אויפגעוועקט און די זון האָט אָנגעצונדן דעם האָרי־זאָנט.

אין זייערע פאַרליבטע רייד איז געווען האָפענונג, פליגל פאַר די העכסטע ווונטשן, און קאַמף־מוט אויף לעבן און טויט מיטן אַכזריותדיקן שונא, אָפּצושלאָגן דעם טויט, וואָס לויערט אויף טריט און שריט.

בייַם ברענגען אויף די ליפּן דאָס וואָרט ל ע ב ן, האָט פּיערן אויס־געזען ווי די אויגן פון זייַן באַגלייטערין, די „מאַמע מישעל", צינדן זיך אָן מיט אַ גלאַנציק פייַערל, בעת אירע לאַנגע בלאָנדע האָר אָטעמען מיט לעבן; אויף אירע סענסועלע ליפּן פלאַטערט אַ לייַדנשאַפטלעך שמייכעלע, וואָס דעקט אָפּ די גלייַכגעשטעלטע ציינער אין איר מויל; אירע צאַרטע פינגער גלעטן זייַן פּנים, און זענען אַזעלכע גוטע, אַזעלכע געטרייַע.

אין זייער לאַנגן נאַכטיקן שפּאַציר און לאַנגן שמועסן, איז וויפל מאָל אויך דערמאָנט געוואָרן דאָס שרעקלעכע וואָרט ט ו י ט. נאָר וואָס איז דען טויט, ווען עס רעדט זיך וועגן לעבן, ליבע, קאַמף? בערטאַ האָט נאָך לאַנגע חדשים קאַמף און געראַנגל, אין אָט דער ליכטיקער נאַכט, ווידער געפונען וועמען אָפּצוגעבן איר ליבשאַפט, איר לייַדנשאַפט צו שטילן, און פאַר וועמען זיך צו פאַרטרויען. פּיער לע זשואַיע איז איר געליבטער, אָבער אויך איר קינד. איר אייגענער זון. אָפּראַטעווען אַ מענטש פון טויט איז נאָך אפשר מער ווי ברענגען אַ מענטש אויף דער וועלט... און זי האָט אים געראַטעוועט. אָבער די ליבע אירע צו פּיערן האָט איר נישט גע־שטערט צו טראַכטן אויך פון איר טאָכטער פּאַלבאַלאַ און נישט געקוקט

אויף די עלעמענטאַרסטע כּללים פון פּאַרזיכטיקייט, האָט זי שטענדיק גע־טראָגן בײַ זיך פּאַלבאַלאַס פּאָטאָגראַפּיע, וואָס האָט געוויזן אַ רייצנדיקע יונגפרוי מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל.

זיך דערנענטערט צום פּויערישן הײַזל אויפן שפּיץ פון ווערקאַר־באַרג, ווו זיי האָבן זיך באַדאַרפט טרעפן מיט נאָך צוויי טוערס פון דער ווידער־שטאַנד, האָט זי זיך פאַרהאַלטן אַ רגע, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און נאָך אַ מאָל אַרויסגענומען דאָס בילד פון דער טאָכטער, עס אונטערגעטראָגן פּיערן — זאָל ער זי באַוווּנדערן, זאָל ער זען, אַז זי האָט זיך מיט וועמען צו גרויסן. אָבער פּיער האָט זיך, אין גוטן מוט, אויף איר אָנגעבייזערט, פאַר וואָס זי איז אַזוי אומפּאַרזיכטיק.

— ס'איז גאָרנישט — האָט זי זיך פאַרענטפערט — ס'וועט מיר גאָרנישט געשען, וואָרעם פּאַלבאַלאַס בילד איז מײַן טאַליסמאַן, מײַן קמיע, און דער קוואַל פון מײַן כּוח, מײַן מוט...

ס'האָט זיך אָבער צום אומגליק געמאַכט אַזוי, ווי בײַ אַזוי פיל אַנדע־רע, אַז בערטאַ איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די באַוווסטע דײַטשישע פּײַניקונגען, די שווידערלעכע אויספאָרשונגען. נאָך יעדן אַזאַ פאַרהער פלעגט זי בלײַבן ליגן אין אָנמאַכט, האַלב־טויט — האַלב־לעבעדיק און די ליפּן בלוטיק פאַרביסן און גע־שוויגן...

די ידיעה פון בערטאַס אַרעסט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע מהומה צווישן די ווידערשטאַנדלער אין דער גאַנצער ווערקאַר־געגנט. נישט אויס מורא, אַז זי וועט נישט אַריבערטראָגן די גרויליקע פיזישע פּײַניקונגען, די אומדערהערטע יסורים; אַז זי וועט, חלילה, אויסגעבן די נעמען און די באַהעלטענישן פון די חברים. ניין, דאָס דווקא איז קיינעם נישט געקומען אויפן זינען. מיט איר פאַרהאַרטעוועטן כאַראַקטער, איר מוט, איז זי שוין אויסגעשטאַנען געגנוג נסיונות. מען איז געווען זיכער, אַז זי וועט אויך דעם דאָזיקן נסיון אַריבערטראָגן, וועט גיכער לאָזן זיך פאַרפּײַניקן צום טויט, איידער עמעצן פאַרראַטן. ס'איז אָבער אַלעמען געווען אַ גרויסער שאָד איר לעבן. די לעגענדע „מאַמע" האָט מער נישט באַדאַרפט קיין לע־גענדאַרישע העלדישקייטן פון איר, כּדי דאָס צו באַווײַזן...

פּיער איז אַרומגעגאַנגען אַ פּינצטערער, אַ דערשלאָגענער, האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. דער „פּאַרהאַרטעוועטער שטיין", פּיער, איז מער נישט געווען דער זעלביקער; ער איז מער נישט געווען „לע זשואיע", דער פריילעכער. ער איז צוריק געוואָרן אַ טריסטאַן לע פּליוויע, ווי ער האָט פריִער געהייסן, לויט זײַן ריכטיקן נאָמען, אַן אומעטיקער, אַ פאַררעגנטער...

ער וואָלט אַפילו גרייט געווען צוזשטעלן זיך אַליין אין געסטאַפּאָ און לאָזן זיך פּײַניקן, צוזאַמען מיט זײַן בערטאַן, און אפשר זי אַזוי אַרום אָפּראַטעווען. אַזעלכע משונהדיקע געדאַנקען זענען אים באַפאַלן.

משונהדיקע געדאַנקען? פּיער פאַרגלײַכט זײַנע אייגענע יסורים, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, פון וועלכע ער איז — מיט בערטאַס הילף — באַפרײַט געוואָרן, מיט די פּײַניקונגען, וואָס זי לעבט דאָרט איצט איבער, און די געדאַנקען ווערן בײַ אים צעמישט. קיין לײַדן און קיין פריידן קאָנען נישט פאַרגליכן ווערן בײַ יעדן איינעם.

צו די דאָזיקע אומרויִקע מחשבות איז צוגעקומען נאָך איינע, אַ זייער פּײַנלעכע, וואָס האָט אים שוין אין גאַנצן צערודערט. ווי קומט עס, וואָס דרײַ טעג נאָך בערטאַס אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, איז אויך פאַלבאָלאַ, די טאָכטער אירע, אַרײַנגעפאַלן אַהין? אַרײַנגעפאַלן אומשולדיק, קאָן מען זאָגן, ווײַל זי איז דאָך נישט געווען קיין אַקטיווע ווידערשטענדלערין נאָך מער: קיינער, חוץ פּיערן, האָט אַפילו נישט געוווּסט. אַז „די מאַמע מישעל" פאַרמאָגט אַזאַ יונגע שיינע טאָכטער.

און אָט דערמאָנט ער זיך אין יענעם באַגינען, נאָך אַ נאַכט בלאָנקען אין די בערג, ווי בערטאַ האָט אים געוויזן די פאָטאָגראַפיע פון דער טאָכטער און ער האָט זיך בײַ איר געבעטן, זי זאָל נישט אַרומטראָגן בײַ זיך דער טאָכטערס בילד, ווײַל איר לעבן און דער טאָכטערס לעבן, זענען אין געפאַר, טאָמער פאַלט זי, חלילה, אַרײַן אין די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ — זענען זיי ביידע פאַרלוירן.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געסטאַפּאָ-תּלינים, וואָס האָבן אויף בערטאַן אָנגעוואָנדן אַלע פּײַניקונג-מעטאָדן, האָבן אָבער פון איר נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין איין וואָרט, קיין שום אָנווײַז אויף אַ שפּור פון אַ באַהעלטעניש פון די ווידערשטאַנדלער. שטאַרק איז געווען איר גוף,

שטאַרקער ווי די גרעסטע יסורים, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן, אָבער... נישט שטאַרק גענוג לגבי איר טאָכטער, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט.

די אויספאָרשערס אירע האָבן צוגעטראַכט אַ טײַוולאָניש שפּיצל. אין איינעם אַן אָוונט האָבן זיי פּלוצים אַרײַנגעשלײַדערט אין איר קעמערל די טאָכטער אירע, פאַלבאַלאַ, אַ צעבלוטיקטע, אַ פאַרוווּנדעטע, אַ האַלב־נאַקעטע, אין חלשות.

— קינד מײַנס! — האָט בערטאַ אויסגעשריגן — פאַלבאַלאַ! ווײ איז מיר. ווי קומסטו אַהער? אָ, זײַ מיר מוחל, דאָס איז דאָך מײַן שולד... כ׳האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דײַן בילד. אוי, ע ר איז געכאַפּט געוועזן, ע ר האָט מיך אָבער געוואָרנט.

באַלד האָט זיך אין קעמערל אַרײַנגעריסן דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער געסטאַפּאָ, דער פון דער ספּעציעלער קאָמאַנדאָ קעגן די ווידערשטענדלערס אין דער געגנט גרענאָבל־ליאָן.

ער האָט דאָס מאָל גערעדט שטיל, זייער איידל, ממש פאָטערלעך. ער איז געקומען איר פאָרלייגן, בעטראַן, זי זאָל זאָגן ווו אירע חברים באַהאַלטן זיך אויס, ווו עס זענען די אָנפירערס פון דער ווידערשטאַנד, דער סעקרעטאַר זייערער, און זי, מיט איר שיינער טאָכטער וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פרײַ... אויב זאָגט זי דאָס אָפּ, וועט זי זיכער אומקומען פון די פּײַניקונגען, און די טאָכטער אירע, די הור, וועט אַרײַנגעוואָרפן ווערן אין אַ שאַנד־הויז, און דײַטשישע סאָלדאַטן וועט זי אַוודאי געפעלן ווערן, און וועלן פון איר הנאה האָבן אַזוי לאַנג ווי זי וועט נאָך ווערט זײַן...

בערטאַ, וואָס איז ביז איצט געוועזן שטאַרק, שטאַרקער פון אײַזן, שטאַרקער פון די שטאַרקסטע שמיץ איבער איר נאַקעטן לײַב, האָט בײַ אָט די רייד פון קאָמענדאַנט פאַרלוירן איר מוט, עס איז בײַ איר מיט אַ מאָל צעטרייסלט געוואָרן די נשמה, די נערוון. זי האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט און מסכּים געוועזן.

זי האָט פאַרראַטן זיך, איר לײַב־און־לעבן, די חברים, דעם אידעאַל, אַבי אָפּצוראַטעווען די טאָכטער פאַלבאַלאַ פון אַן אומגליק, וואָס קאָן טרעפן אַ מאַמען, וואָס האָט ליב איר קינד נאָך מער ווי זיך אַליין.

בערטאַ איז געבליבן לעבן. דער קין־צייכן אין איר נשמה און אויפן צעקנייטשט־געוואָרענעם פּנים איז איר געלאָפן פאָרויס. זי האָט נישט גע־האַט ווו זיך אַהין צו טאָן, ווו זיך צו באַהאַלטן. פאַלבאַלאַ, איר יונגע רייצנדיקע טאָכטער, איז ערגעץ פאַרשווונדן, נישט געוואָרן.

*

די אונטערערד האָט נישט געוואָלט זיך רעכענען מיט אירע מאַמע־געפילן, זי פאַרמישפּט צום טויט, און דעם טויט־אורטייל האָט אויסגע־פירט פיער לע זשואַיע, וואָס איז צופעליק געבליבן לעבן.

# טאָניע

כ׳האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַן אַנשטאַלט פאַר קינדער. געלערנט זיי זינגען, שפּילן אַלערליי, דערציילט זיי מעשׂהלעך און זיך צוגעהערט צו דעם וואָס זיי האָבן מיר דערציילט.

איינע אַ מיידעלע צווישן זיי האָט געהייסן מרים און אין פראַנ־צויזיש — מיראַקל.

האָט מרימל־מיראַקל מיר אויסגעזונגען אַ לידעלע וואָס איר טרוים — די מאַמע — האָט איר געזונגען, און כ׳האָב דערהערט:

„לאָז מיך, ווייטיק, אַליין.
איך טראָג אין זיך אַ בענקשאַפט,
וואָס דייַן לעבן האָט מיר געגעבן...״

איר מאַמע האָט מען גערופן טאָניע.

כ׳האָב טאָניען אויסגעפונען.

מיר האָבן יענעם אָוונט שפּאַצירט לענג־אויס דעם סען־מאַרטען־קאַנאַל. אויף אַ באַנק, אַנטקעגן קאַנאַל, האָבן מירביידע לאַנג, לאַנג געשוויגן. דאָס גרויקייט פון איידער־טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן דורכשלאָגן דורכן שוואַרצן שווייַגנדיקן הימל און מיר האָבן ביידע זיך געלאָזט באַהערשן פון דערמאָנונגען און וויזיעס. זי איז געזעסן לעבן מיר ווי בייַ אַ מישפּט, האָט פרייַגעלאָזט אירע האַלוציניאַציעס, ווייטיקדיקע זכרונות פון איר דורכ־געגאַנגענעם לעבן.

טאָניע.

אירע בלויע אויגן, פול מיט אומעט, האָבן לעבהאַפטיק אַרומגעשוועבט און אַ טרער איז געבליבן הענגען אויף אירע לאַנגע שוואַרצע וויִעס. איר בלייך פּנים האָט געטראָגן אַן אויסגעבאָרגטן שמייכל, כדי צו באַהאַלטן פון

מיר איר אומעט. דאָס חן־גריבעלע ביים מויל מיט פערל־ציין, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט און פאַרשוווּנדן צווישן די פולע ליפּן אירע און פאַרביסן ביי אַ נישט־דערזאָגט וואָרט — האָט זיך איצט צוריק אַרויסגעהויבן ווי צו ווייַזן, אַז חן איז נאָך אַלץ אַ טייל פון איר וועזן.

אַ הויכע, אַ וווּקסיקע, מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, פאַרקעמט אַ ביסל באַכלאַזיק און פאַרשפּיליעט אין אַ גרעק — אַזאַ זע איך זי ווען איך מאַך צו די אויגן. אַ הויכער אומבאַוועגלעכער שטערן, און אַ טיפער עלנט ליגט אַרום אירע מויל־ווינקלען. אַז ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פרייש ווינטל, האָבן אירע אויגן אויפגעלעבט. אַזוינע אויגן האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען. אַ בלוילעכער שאָטן איז געזעסן אין זיי. דער קאָליר זייערער האָט זיך כסדר געטוישט און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט זענען זיי שוואַרץ, אָט גרין, בלוי... כ׳געדענק נאָר, אַז אירע אויגן האָבן געזונגען און געוויינט, געלאַכט און ביטער־טרויעריק געוועזן.

צווישן געזאַנג, געלעכטער, געוויין, זענען געווען שווערע פּויזעס. ווי ביי טעאַטער־שפּיל האָט זי צוגעגרייט אירע רעפּליקעס, מיט אַרויסברענגענדיקע עפּיזאָדן פון איר לעבן:

פול־געפּאַקטע וואַגאָנען מיט מענטשן. געשרייען, יללות, מאָוימדיק געוויין. אַ משוגע־געוואָרענער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, שפּייַט מיט שוואַרץ־רויטן רויך און ווי אַ געשפּענסט מיט שוואַרצע פליגל פליט ער מיט אַ מעסער צווישן די ציין.

שטעכל־דראָט. עלעקטרישער טויט פליסט אין זייערע אָדערן. נישט דערנענטערן זיך צו זיי. אָט שטייט אַ שיינער יונגערמאַן און לאַכט מיט אַ חוזק־געלעכטער.

דאָס איז אַ שטרויענער מאַנעקין. ער הערט ווי מען שפּילט בעטהאָווענס אַ סימפאָניע. הערט די קלאַנגען פון טרויער, זעט די סקעלעטן פון נאַקעטע פרויען, מיט אָפּגעדאַרטע בריסטן, אָפּגעליישטע קעפּ, אָן האָר, אָן לעבן, מיט אויגן אויסגעשטאָכענע. אַלע לאַכן, שרייַען, ווילן מיך אַרייַנכאַפּן אין זייער טויטן־טאַנץ.

טאָניע שטאַמט פון אַ קליין שטעטעלע. ייִדן האָבן דאָרט געלעבט אַ רויִק גלות־לעבן. איר מאַמע איז געווען דאָרט די הויפּט־פעלדשערין. אַך, וואָס פאַר אַן איידעלע פרוי איר מאַמע איז געווען. איר טאַטע — אַ ייִד אַ

בונטאַר, — נישט געוואָלט גיין אין בעל־מלאכהשן שולעכל, געהאָרעוועט שווער צו דערנערן די קליינע משפחה. דאָס שטעטעלע איז געלעגן אויף דער שוועל פון צוויי לענדער, אַ גרענעץ־שטעטל. און אָט די דאָזיקע גרע־נעץ־שטימונג איז איר נאָכגעגאַנגען ס׳גאַנצע לעבן.

גרענעץ. בין־השמשות. ליכט — גרין, געל, ברוין־געל, וואָס בלענדט און פאַרבלענדט. זי האָט געגנוי געוווסט, אַז קיין מאָל וועט זי נישט זײַן בײַ זיך, שטענדיק אַן עמיגראַנטקע. זי האָט דאָס פאַרגעפילט. איר פאַרחלומט געמיט האָט זי, ווײַזט אויס, געירשנט פון איר טאַטן. אַ טשעקאַווער ייִד געוועזן. אויסער זײַן שווערער פראַצע האָט איר טאַטע יאָרן־לאַנג געהאָרע־וועט אין די נעכט איבער הייליקע ספרים, אַפילו געשריבן חיבורים.

ער, דער גוטער טאַטע אירער, האָט זי אַ מאָל געטראָפן שפּעט בײַ נאַכט מיט אַ ליכט אין איין האַנט און מיט אַ בוך אין דער צווייטער, און זיך צעשמייכלט:

— זעסט, טאָכטער מײַנע, נישטאָ קיין גרויסער חילוק צווישן מײַן לערנען און דײַן לייענען...

וועגן איר ברודער, דעם רעוואָלוציאָנער, האָט טאַניע נישט געוואָלט רעדן. דער „פרילינג" אין רוסלאַנד איז געקומען נישט ערב־זומער נאָר אין סאַמע ווינטער. אַ לאַנגער, אַ גרויזאַמער, אַ בלוטיקער ווינטער. יעדער שמייכל אויף די ליפּן איז פאַרפרוירן געוואָרן, דער קלונג פון די קייטן האָט דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט, מען האָט אָבער שווער געקאָנט אונ־טערשיידן. מען האָט געשאָסן, מען האָט געהרגעט, געמסרט, פאַרשיקט אין די סיבירער לאַגערן. נײַן, זי וועט וועגן דעם נישט רעדן.

די טײַערע מאַמע אירע האָט געקעמפט פאַר יושר און גערעכטיקייט, האָט מען זי איין מאָל אַרויסגערופן צום רעוואָלוציאָנערן פּראָקוראָר, זי אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה. צו איר פּראָצעס האָט מען געצוווּנגען איר מאַן ער זאָל זאָגן וועגן זײַן פרוי, אַז זי איז געווען אַ פאַררעטערין פון דער רעוואָלוציע. אויך אונדז, די קינדער, האָט מען איבערצײַגט אין דער פאַל־שער ראָל פון אונדזער ליבער מאַמע. האָט זי נישט געהאַט מער קיין כּוח און קיין מוט ווײַטער צו לעבן, האָט מען אונדז צוווּסן געגעבן, אַז די מאַמע אונדזערע האָט זיך אויפגעהאַנגען אין איר טורמע־קאַמער.

אונדזער שטוב איז געוואָרן אײַנגעהילט אין שוואַרצן טרויער. מען

האָט נישט גערעדט, מען האָט נישט געוויינט, אָבער מער קיין מאָל נישט געלאַכט.

איין מאָל האָט דער טאַטע אַרײַנגערופֿן טאָניען צו זיך און איר געזאָגט:

— צוויי אויגן האָב איך געהאַט, איז מיר איין אויג אויסגערונען, איך בין אַלט און בלינד, נעם דעם וועג און לאָז מיך דאָ אַליין. אפשר איז ד י ר באַשערט צו האָבן מערער גליק אין לעבן. ווער קאָן וויסן.

איז טאָניע אַוועק איבער פעלדער, איבער וועלדער, געבלאָנדזשעט איבער גרענעצן און אָנגעקומען אַזש קיין בערלין.

טאָניען איז דאָס לעבן נישט געלאָפֿן אַנטקעגן מיט פרייד. אין איר עמיגראַנטיש לעבן האָט זי געפליקט פעדערן, געשונדן הינט און מײַז, דרעסירט חיות, מאַלפּעס, ביז די גרויסע חיה האָט באַהערשט דײַטשלאַנד און באַלד אַנדערע לענדער.

טאָניע איז אינטערנירט געוואָרן אונטער אַ פאַלשן נאָמען, אין אַן אַרבעטס־לאַגער. וועגן דעם לעבן אין לאַגער איז גלײַכער נישט צו רעדן. אַט שווימט זי אין אַ טײַך בלוט און אַ פינצטערער הימל הענגט איבער איר קאָפּ. בלויז איין אויג פאַרפאַלגט זי, דאָס איז דעם טאַטנס איין־און איינציק אויג, וואָס איז אים פאַרבליבן. אַ שוידער־בײַטש בײַטשט איר לײַב און זי שרײַט נישט, זי שווײַגט.

זי איז פאַרבליבן לעבן, נאָר זי ווייסט נישט ווי אַזוי, זי ווייסט אַפילו נישט פאַר וואָס.

זי געדענקט אָבער —

זי איז געלאָפן, געלאָפן, געלאָפן.

אין אַן אומגעהייערן וואַלד האָט זי באַגעגנט אַ האַלץ־העקער, וואָס האָט איר געגעבן, נאָך אַ לאַנגער הונגער־צײַט, דעם ערשטן ביסן ברויט. מיט אים איז זי פאַרבליבן איבערן ווינטער. זײַנע שווערע הענט פון האַרבער פראַצע האָבן געצערטלט אירע האַלב־פאַרוועלקטע ברוסטן, און זיי זענען געוואָקסן אונטער דעם באַריר פון זײַנע פינגער. די קנאָספּן זייערע האָבן גענומען זיך צעבליִען אונטער די קושן פון זײַנע ליפּן. זײַנע שאַרסטקע הענט האָבן געלאַשטשעט און געהיילט דעם פאַרוווּנדעטן קערפּער אירן, וואָס זעלנער־שטיוול האָבן שוין געהאַט צעטראַטן. און אַז זי האָט דערשפּירט אין זיך דעם גרויסן נס, איז זי אין אַ באַגינען אַוועק וווהין די אויגן

האָבן זי געטראָגן. שפּעטער האָט זי איר מרימלען געזונגען אַט דאָס לי־דעלע:

אָ, לאָז מיך, ווייטיק, אַליין. / איך טראָג אין זיך בענקשאַפט, / וואָס דײַן לעבן האָט מיר געגעבן, / און זי וועט בלײַבן פֿאַרחתמעט אין אַלע מײַנע מאַמע־געוועבן...

דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ פּאַריזער קליניק.

*

אַז דער מאָרגן־שטערן האָט זיך באַוויזן אויפֿן ווײַטן אַראָפּהאַנג פֿון הימל האָבן מיר זיך געזעגנט. מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען אין דעם קינדער־אַנשטאַלט, פֿון וועלכן עס גייט אָפּ דער ערשטער טראַנס־פּאָרט קינדער קיין ישׂראל, צווישן זיי — מרים־מיראַקל, די טאָכטער פֿון אַ ייִדישער מאַמע — ט אָ ב י ע.

# דערמאָנונג

די טוריסטן, וועמען דער אַוויאָן האָט אָנגעבערענגט אויפן לודער פלי־פלאַץ אין ישראל, זענען ס׳רוב אַוועק אין האָטעלן, אָבער אַ טייל פון זיי — צו פריוואַטע מענטשן און אַ טייל צו פרײַנד.

צו די לעצטע, צו די וואָס זענען געפאָרן צו פרײַנד, בין אויך איך געווען. דאָרט, בײַ מײַן פרײַנד, איז דאָס פענצטער פון מײַן צימער אַרויס אויף אַ הויף, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ קינדער־גאָרטן.

אין יענעם פרימאָרגן, בעת די קינדערלעך האָבן זיך געשפילט, געזונגען און צוגעטאַנצט, האָבן זיך פלוצים צעוואָיעט די אַליאַרם־סירענעס. האָט עס מיך אינסטינקטיוו דערמאָנט אין די לופט־אָנגריפן מלחמה־צײַט. האָט באַלד מיך מײַן פרײַנד באַרויִקט און מיר אויסגעקלערט, אַז דער סירענע־אַליאַרם איז דער צייכן אָפצומערקן און צו דערמאָנען די געפאַלענע אין קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פונעם לאַנד.

זענען מיר געפאָרן פון תל־אָביב קיין ירושלים. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפגעשטעלט בײַ די פאַרברענטע אויטאָס וואָס ליגן נאָך דאָ ווי לעבעדיקע עדות פון די שווערע קאַמפן צו באַפרײַען דאָס לאַנד אין יאָר 1948.

די פרוי וואָס איז געזעסן לעבן מיר אין אויטאָ האָב איך באַקענט אין אַוויאָן, שוין אַפילו געוווּסט איר נאָמען: חנה ג. צוערשט האָב איך זיך געטיילט מיט איר שווײַגן פון צײַט צו צײַט מיט אַ קורצן בליק. זי האָט אָבער אַרויסגערופן בײַ מיר נאָכטראַכטעניש. ס׳איז מיר שווער געווען צו באַשטימען איר עלטער. טייל מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי איז נאָך יונג, אָבער אַז כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין איר פנים, האָב איך דערזען קנייטשן אויף איר שטערן, מידע אויגן, כאָטש זי האָט אַזוי יונג געשמייכלט.

דערנאָך זענען מיר צוזאַמען געווען איַינגעלאַדן אויף טיי ביַי פריַינד. די פריַינד האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ביַי דער טאַקסי־סטאַציע. צוריקקומענדיק קיין תּל־אָביב האָבן מיר צוזאַמען שפּאַצירט איבער די יום־טובדיקע גאַסן פון דער שטאָט. ס'איז שוין געווען פריִער אָוונט און מיט אַ מאָל האָבן מיר ווידער דערהערט דעם זעלביקן סירענע־אַליאַרם. מיַין פריַינד האָט מיך אָנגענומען ביַים אָרעם כ'זאָל שטיין בליַיבן. אין דער זעלביקער רגע איז אַלץ אַרום אונדז שטיין געבליבן: דער אויטאָבוס, געפּאַקט מיט מענטשן, טאַקסיס אין געלויף, פּריוואַטע אויטאָס, ראָווערן, מאָטאָרציקלען, פּוסגייערס, מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך, אַ יונג פּאָרל, שטאַרק צוגעדריקט איינס צום צווייטן; אַ מיידעלע וואָס האָט זיך געשפּילט אויפן טראָטואַר, אין שיַין פון נעאָן־ליכט, אין „קלאַסן", האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער מיט פון אַ שפּרונג, מיט איין פיסעלע אויפן נומער 5, דאָס צווייטע אויפן נומער 7.

ס'איז געווען דער סימן פון אָפּשליסן דעם יזכור־טאָג נאָך די געפאַלענע שלאַכטליַיט אין דער באַפריַיונג־מלחמה פון לאַנד.

ס'האָט מיך אַ וואָרף געטאָן צו יענער שוידערלעכער ציַיט ווען עס זענען אומגעקומען אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן און צווישן זיי — כ' ײַ נ ע זעקס מיליאָן און געפרוווט דערפון עפּעס אַרויסדרינגען.

די פרוי חנה ג. האָט מסתּמא דערפילט מיַינע טראַכטונגען האָט זי מיך גענומען אונטערן אָרעם, ווי מיך צוצוהאַלטן, און כ'האָב דערפילט ווי זי ציטערט אין גאַנצן פון איבערלעבונג.

שפּעטער, אַז די עצמאות־פיַיערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, זענען מיר געגאַנגען זען ווי ייִדן טאַנצן און פרייען זיך. די גאַנצע שטאָט, יונג און אַלט, האָט געטאַנצט אין איין גרויסן קאַראַהאָד, אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטערס. אַ פאָלק האָט זיך געפרייט מיט דער באַפריַיונג פון זיַין לאַנד.

ביַי אַ קאַפע־טישל זענען מיר געזעסן, און חנה ג. וואָס איז מיר שוין געווען אַ נאָענטע פריַינדין האָט מיר צוערשט דערציילט צו מיַין גרויס וווּנדער אַז זי איז אַ מאַמע פון פינף קינדער און אירע בלויע אויגן האָבן זיך דערביַי אָנגעגאָסן מיט מאָדנע פיַיערלעך וואָס מען זעט איין מאָל אין לעבן — און מער קיין מאָל נישט.

זי האָט דערציילט:

— סוף 1941 האָב איך מײַן טאַטן געזען צום לעצטן מאָל. ער האָט מיך אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט שטיל איבערגעגעבן אַלע שליסלען פון זײַן און אונדזער לעבן — די מאַמע איז אַרעסטירט געוואָרן בײַם פאַר־טײלן אומלעגאַלע אויפרופן. ער מוז אַוועק פון פּאַריז, ר'איז אַ פּאַרטיזאַן, אַ סאָלדאַט אין קאַמף קעגן די נאַציס, קעגן די וואָס ווילן אונדז אויס־שעכטן.

— ביסט די עלטסטע פון דײַנע דרײַ שוועסטערלעך און צוויי קלײנע ברידער — האָט ער מיר שטיל געזאָגט. — חברים וועלן דיר העלפן אַרויס־צוציִען פון דאַנען. פּאָליציי ווייסט נאָך נישט אײַער אַדרעס. אָבער ס'איז אַ געפאַר דאָ צו בלײַבן. גרייט צו פאַר יעדן קינד באַזונדער אַ פּעקעלע וועש, אַ ביסל שפּײַז. מען וועט קומען אײַך אַריבערפירן אויף „יענער זײַט", אין דער „פרײַער" זאָנע. זײַ מוטיק. מיר וועלן ז י י איבערלעבן.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער מײַן בעט, מיר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און איז אַוועק מיט דער נאַכט.

כ'האָב זיך שנעל אָנגעטאָן, גיך צוגעגרייט פאַר יעדן קינד אַ פּעקעלע, לויטן עלטער, געמאַכט אַ פּעקל קליידער אַ ביסל עסן פאַר דער מאַמען, אַוועקצוטראָגן עס איר אין דער תּפיסה „סאַנטעי". וועגן די געוויינען פון די קינדער, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט און זיי באַזאָרגט בײַ גוטע פראַנ־צייזישע פאַמיליעס, וויל איך אײַך גאָרנישט דערציילן. ס'זענען געווען טראַגישע פרימאָרגנס בעת מײַנע באַזוכן אין דער תּפיסה, בײַ די זעונגען מיט מײַן מאַמען, דורך די קראַטן. די מאַמע איז געשטאַנען פון י ע נ ע ר זײַט און איך, אַ צעבראָכענע, אַ פאַרוויינטע, פון ד ע ר זײַט. בײדע האָבן מיר געשריגן, נאָר גראָנישט געהערט, ווײַל עס זענען דאָרט געווען צענד־ליקער פרויען און יעדע איינע האָט איבערגעשריִען די צווייטע.

איין מאָל, אויף אַזאַ באַגעגעניש, בין איך געפאַלן חלשות. די מאַמע האָט זיך געהאַט אָפּגעזעגנט מיט מיר, איידער מ'האָט זי אַוועקגעפירט קיין דראַנסי. ווען כ'בין געקומען צו זיך, האָט מיך אַ פרוי געהאַלטן בײַם אָרעם. כ'האָב זי געזען צום ערשטן מאָל. זי האָט אָבער — כ'ווייס נישט ווי אַזוי — געוווסט מײַן נאָמען, מיך גערופן מיט מײַן פראַנצויזישן נאָ־מען: אַ נ ע ט. צום ערשטן מאָל האָב איך דערהערט אָט דעם אומבאַ־קאַנטן נאָמען. זי האָט מיך אַרויסגעפירט אין דרויסן און שטיל געזאָגט:

— אַזוי דאַרפסטו הייסן. אַנעט גאַטיע. דאָ האָסטו דײַנע פּאַפּירן, אַ נערונג־קאַרטע. מיך רופט מען נעלי באַרזשיל. די נאַכט וועסטו בלײַבן בײַ מיר. מען וועט דיך אַריבערפירן די דעמאַרקאַציע־ליניע. דאָרטן וועסטו באַקומען די אַדרעסן פון אײַערע קינדער. זיי זענען אויסבאַהאַלטן בײַ פּויערים אַרום ליאָן. דו וועסט בלײַבן אין שטאָט גופא.

אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט ליבשאַפט, מיט צוטרוי.

מײַן וועג איז נישט געווען קיין לײַכטער. שוין בײַ דער דעמאַרקאַציע־ליניע, ווו כ'בין געווען פאַרשטעקט בײַ אַ פּויער פון דער ווידערשטאַנד, האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן שרעקלעכע יידישע טראַגעדיעס: אַ מאַמע האָט פאַרלוירן איר איינציק קינד און איז אַראָפּ פון זינען. אַ יונגער בחור האָט געפּרוווט אַריבערשווימען דעם טײַך, האָבן אים די דײַטשישע פּאַטרולן נאָכגעשאָסן, און ער איז דערטרונקען געוואָרן. די באַן־אַרבעטער האָבן אַ סך צוגעהאָלפן אַריבערצופירן יידן, אויסבאַהאַלטן זיי אין די רעזערוואַרן פון וואַסער, אין זייערע לאָקאָמאָטיוון. אָבער נישט אַלעמען איז געלונגען.

נאָך האַלבער נאַכט איז געקומען אַ יונגער בחור, אַ מאַקיזאַר, מיטן נאָמען מישעל. שטיל האָב איך גענומען מײַן פּעקעלע און בין אים נאָכגעגאַנגען. דאָס בילן פון די דײַטשישע הינט האָט צעריסן די נאַכט־שטילקייט. פון צײַט צו צײַט האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ פון אַ ביקס אַפילו פון אַ מאַשין־געווער. מישעל האָט מיך גענומען אויף די פּלייצעס בעתן קלעטערן צווישן די קוסטעס, בײַ די טײַך־ברעגן. ער איז אַזוי אַריבערגעשווומען, טראָגנדיק מיך אויף די אַקסלען.

אויף יענער זײַט איז געווען די פרײַע זאָנע... ס'האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ יונג מיידל, מיך אַרײַנגעזעצט אין באַן און כ'בין אָנגעקומען קיין ליאָן. דאָרט האָט מען מיר געגעבן די אַדרעסן פון די קינדער. מ'האָט מיך אײַנגעאָרדנט אין אַ האָטעל־צימער, לויט מײַן נײַעם נאָמען: אַנעט גאַטיע. כ'האָב זיך געפרייט צוריקצוגעפינען מײַנע שוועסטערלעך און ברידערלעך. זיי האָבן מיך גאָרנישט געפרעגט אויף די עלטערן. אָבער די קלענערע קינדער, ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק וויינען קודם־כל, אַז זיי ווילן עסן. כ'האָב זיי מיטגעברענגט ברויט, אַ ביסל צוקער וואָס מען האָט מיר געגעבן. דאָס קליינע ברודערל האָט זיך געריבן די אויגן און שטיל, נישט קוקנדיק אויף מיר, געפרעגט:

— דער טאַטע איז אויך אין תּפיסה? וועסטו זײַן אונדזער מאַמע און טאַטע אויך...

כ'האָב זיך פֿאַרלוירן פֿונעם קלײנעמס רייד, אַ ציטער איז מיר אַדורך איבערן גאַנצן גוף.

אין די ווידערשטאַנד־גרופּעס האָט מען מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דעם קאַפּיטאַן זשאַק זשוּאַ. די נענטערע האָבן אים גערופֿן פּשוט — זשאַק. ער איז אַלט געווען אַ יאָר 30. ער האָט שוין געהאַט אויף זײַן קאָנטאָ פֿיל אַטענטאַטן קעגן די נאַציס, מיט אַ סך ענערגיע און מוט. ער איז דער־גאַנגען צום ראַנג פֿון אַ קאַפּיטאַן. זשאַק זשוּאַ האָט מיך אָנגעקוקט. זײַן שײַן געזיכט האָט זיך צעלויכטן שמייכלענדיק:

— געפֿעלסט מיר, אַנעט, זעסט אויס צו זײַן אַ מוטיקע. האָסט זיך שוין אַוודאי געגוג אָנגעליטן. ווילסט נקמה נעמען פֿאַר דײַן מאַמען?

כ'האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ס'האָט מיך געשטיקט אין האַלדז. זשאַק האָט מיר דערלאַנגט זײַן וואַרעמע האַנט — כ'האָב דערפֿילט יענע וואַרעמקייט וואָס דערוואַרעמט אַ פֿאַרפֿרוירן האַרץ.

זשאַק איז דערנאָך געוואָרן די זון פֿון מײַן האָפֿענונג, דער פֿרילינג פֿון מײַן לעבן. כ'בין געוואָרן זײַן פֿאַרבינדלערין, צווישן ליאָן און די אַנדערע שטעט, אַפֿילו מיט די קאַמפּס־גרופּן אין די אַרומיקע בערג.

אין אײנעם אַן אָוונט ווען כ'בין צוריקגעקומען פֿון אַ געפֿערלעכער מיסיע פֿון גרענאָבל, האָבן מיר געטרונקען טיי בײַ אַ קלײן ליכטל אין זײַן בוידעם־צימערל צוגעביסן וואָס ס'איז געווען און געמאַכט פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט. זשאַק זשוּאַ, איז פֿול געווען מיט גלויבן אין דער מפּלה פֿון די נאַציס. ער האָט מיר דערציילט וועגן שרעקלעכע ידיעות וואָס קומען אָן פֿון פּוילן. זײַנע אײגענע עלטערן געפֿינען זיך דאָרט אין געטאָ, ווו מען שעכט זיי אויס... קאָנצענטראַציע־לאַגערן... קרעמאַטאָריעס, ווו מען פֿאַר־ברענט לעבעדיקערהייט. דערפֿון איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז „זשאַק זשוּאַ" איז, הייסט עס, אויך אַ ייִד. זײַן אמתער נאָמען האָט ער מיר געזאָגט, איז מאָטל, מאָטל יחסן. זשאַק־מאָטל איז געווען גליקלעך וואָס מיט יעדן אַטענטאַט ווערט צעבראָכן די היטלער־מאָרד־מאַשין. מיר צאָלן זיי אָפּ טײַער פֿאַר אַלע קרבנות. מיר צאָלן אָפּ דער געסטאַפּאָ, די פֿראַנצייזישע קאָלאַבאָראַטן, די ס.ס.־לײַט...

כ'מוז לעבן — האָב איך צו זיך געזאָגט, — ווײַל כ'בין דאָך אַ מאַמע

און אַ טאַטע צוגלײַך פֿון פֿינף קינדער און זשאַק איז אויך עפּעס. האָב איך זיך געקלאָמערט אינעם לעבן. און זעט אַ גורל: דאָס האָב איך דערנאָך באַדאַרפֿט ברענגען די טרויעריקע ידיעה אַז זשאַק זשוֹאַ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ, אַז ער געפֿינט זיך אין דער תּפֿיסה פֿון פֿאַר־מעלוק.

דורך דער צײַט בין איך דורך זײַטיקע וועגן געגאַנגען זען די קינ־דער, האָב זיי געבערענגט יעדעס מאָל אַ ביסל עסן, וועש. איין מאָל, אין אַ באַגינען, ווען כ׳האָב זיך געגרייט אַרויסצוגיין פֿון מײַן האָטעל, האָבן די לופֿעס פֿון אויטאָמאַטן מיר פֿאַרשטעלט דעם וועג. כ׳האָב דורכגעמאַכט די טאַרטור־קאַמערן פֿון ליאָן, דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ...

ווער וועט דען אַמאָל קענען באַשרײַבן דעם גערויש פֿון די רעדער אין די פֿלאָמבירטע וואַגאָנען? אין יעדן וואַגאָן האָבן זיך געשטיקט איבער הונדערט מענטשן, אַלט און יונג, קראַנקע און טויטע. אין אוישוויץ האָבן מיך געראַטעוועט די פּרוּוען־אויפֿשטענדלערס. דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1944. כ׳האָב קוים קוים איבערגעלעבט. מ׳האָט מיך מיט אַנדערע קראַנ־קע, צוריקגעבערענגט קיין פּאַריז. איך האָב פֿאַר זיך געזען נאָר געשפּענס־טער, אַן אויסגעקרימטע וועלט, אַ פֿאַרלאָשענע זון, מענטשן־חיות וואָס ווילן איינער דעם אַנדערן אויפֿעסן.

און פּלוצים, די טײַערע נעלי באַרזשעל. כ׳האָב זי נישט געוואָלט זען, כ׳האָב זיך געשעמט איר צו דערציילן וואָס כ׳האָב אַלץ איבערגעלעבט. די גוטע נעלי האָט מיט פֿיל געדולד, ביסלעכווײַז, טראָפּנווײַז, צוריק אַרײַנ־געגאָסן אין מיר דעם ווילן צום לעבן. האָב איך איר קודם געפֿרעגט:

— ווו זענען מ ײַ נ ע קינדער?

נעלי באַרזשעל האָט מיך אַרומגעכאַפּט געקושט:

— וועסט זיי געפֿינען, דײַנע קינדער, טײַערע אַנעט, וועסט זיי געפֿי־נען!

האָב איך פֿאַרמאַכט די אויגן, געזען פֿאַר זיך דעם קאָשמאַר פֿון אויש־וויץ; מײַנע אויערן האָבן ווידער געהערט דאָס קלאַפּן פֿון די באַן־רעדער פֿון די פֿלאָמבירטע וואַגאָנען...

נאָך לאַנגע וואָכן ראַנגלען זיך צווישן לעבן און טויט, האָב איך זיך געשטעלט אויף די פֿיס אַוועק אָפּזוכן די קינדער, כ׳מיין: מײַנע דרײַ שוועסטערלעך און די צוויי ברידערלעך. די ייִנגערע האָבן מיך נישט דער־

קענט, מורא געהאַט צוצוגיין צו מיר. די גרעסערע האָבן געוויינט, דערזע־
ענדיק מיך.

חנה איז שטיל געבליבן. איך האָב מער גאָר נישט געפרעגט. גאָר נישט געזאָגט. מיר זענען אַרויס פון קאַפע און אַרײַן אין פריילעכן גערודער פון טאַנצנדיקן תל־אָביב. יוגנטלעכע, קינדער, טאַטעס, מאַמעס, אַפילו אַלטע לײַט, האָבן געטאַנצט, זיך געפרייט מיטן יום העצמאות. כ׳האָב דערפילט אַז זי ציטערט ווי אין פיבער, האַלטנדיק זי בײַם אָרעם.

— פאַר וואָס? האָב איך געפרעגט — פאַר וואָס גראָד הײַנט אָוונט, ווען אַלע ייִדן טאַנצן און פרייען זיך?

זי האָט מיך אָנגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— כ׳בין די מאַמע און דער טאַטע פון מײַנע שוועסטער און ברידער. עס בינדט מיך מיט פאַריז דער מאַרמאָר־טאָוול ווו ס׳איז אויסגעקריצט: „דאָ איז געפאַלן משה ג., דערשאָסן דורך די נאַציס, ערב דער באַפרײַונג פון פאַריז".

— מײַן טאַטע. כ׳וועל מוזן צוריקפאָרן צו זיי און דאָס אַלץ לאָזן פאַר אַנדערע.

## זי וויל נישט פֿאַרגעסן

הער צו, מײַן ליבע מאַדלען. טראַכט נישט כּסדר פֿון אומגליק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דיר מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק.

— אמת, פּיער, העכער דרײַסיק יאָר זענען פֿאַרבײַ זינט יענעם טאָג. אָבער מיר קומט אויס, אַז וואָס ווײַטער דער מהלך, אַלץ טיפֿער מײַן ווונד. מיט יאָרן צוריק האָב איך געטרויערט וואָס איך האָב פֿאַרלוירן אַ קליין מיידעלע, אַ שיינס, דאַרף איך הײַנט באַוויינען דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ דער־וואַקסן מיידל. זי וואָלט אַוודאי געווען אַ מאַמע און איך אַ באָבע.

— איך וואָלט וועלן געפֿינען — זאָגט פּיער — פּאַסיקע טרייסט־ווערטער, אָבער איך געפֿין נישט. פֿאַראַן געשעענישן, מאַדלען, וואָס שטייען איבער אַלע רייד.

— פּיער, איך וויל נישט געטרייסט ווערן! איך וויל פֿאַרבלײַבן מיט מײַן טרויער.

— הער אויס, מאַדלען, מיר האָבן געזאָלט אומקומען צוגלײַך מיט אַזוי פֿיל אַנדערע ייִדן. דײַן לעבן, און אפֿשר אונדזערע ביידנס לעבן, מוז דאָך האָבן אַ זין, אויב מיר לעבן.

— פֿאַר וואָס אַ זין?

— איך ווייס נישט, מאַדלען, איך ווייס נישט. מען דאַרף זוכן.

— ווו? פּיער, ווו זאָל איך אים זוכן, דעם זין? ווו זאָלן מ י ר אים זוכן? דו ביסט מיר אַ גוטער פֿרײַנד, אָבער וואָס איך זאָל נישט טראַכטן און וואָס עס זאָל מיר נישט געראָטן צו באַשליסן הײַנט און אַלע טעג — וועט אַלץ מוזן זיך צוריקקערן צו יענעם טאָג, ווען מען האָט אַוועקגעריסן מײַן קינד פֿון מיר, מײַן פּערעלע.

— ליבע מאַדלען, איך האָב אָבער געמיינט...

— און איצט?

— איצט באַמי איך זיך מיט אַלע מײַנע כּוחות צוזאַמענצוהאַלטן אַלץ, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יענער טראַגישער מינוט. ווײַל וויפל מאָל דוכט מיר, אַז דער אָדער יענער פּרט האַלט בײַם אַרויסגליטשן זיך פון מײַן זיכּרון. לאָז איך טאַקע נישט אַרויס פון מײַנע אויגן יענעם שוידער, אַפילו אויף קיין איין מינוט. עס טרעפט איך רעד צו זיך אַליין ווי אַ משוגענע און בין דאַנקבאַר יעדן מענטשן וואָס איז גרייט מיך אויסצוהערן.

פּיער זעט אײַן, אַז זי וועט אים ווידער דערציילן איר געשיכטע. כאָטש ער קען גוט די טראַגישע געשעענישן, מאַכט ער דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זי געפרעגט צום ערשטן מאָל.

מאַדלענס מאַן איז צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן דעפּאָרטירט געוואָרן פון לאַגער באָן-לאַ־ראָלאַנד. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אים אײַנגעגעבן איר צו שיקן אַ געזעגן-בריוול. ער האָט איר געבעטן צו טאָן אַלץ, אַריבערצושמוגלען זיך מיט זייער פינף-יאָריק מיידעלע, פּאָלין, איבער דער דעמאַרקאַציע-ליניע. דאָרט זענען די שאַנסן זיך צו ראַטעווען געוועזן גרעסערע ווי אין דער באַזעצטער זאָנע פון פראַנקרײַך.

האָט זי אויסגעפונען אַ „מאַכער", וואָס האָט פאַר אַ נישקשהדיקער באַלוינונג זיך אונטערגענומען אַריבערצופירן זיי איבער דער ליניע. אָבער שוין פון דער גרענעץ-סטאַציע אָן, איבעם וועלדל זײַענדיק, האָט זי אָנגעהויבן פאָרויספילן דעם אומגליק.

— איך האָב געדריקט דאָס הענטעלע פון מײַן פינף-יאָריקער מיידעלע אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, האָט אָן ווערטער עפּעס ווי זיך גענומען בעטן בײַ מיר.

— דערנאָך:

— פּלוצלינג האָט דער וואָס האָט אונדז געפירט זיך אומגעדרייט צו מיר. איך הער נאָך איצט זײַן הייזעריקלעכע שטים: „מאַדאַם! די דײַטשן האָבן פאַרשטאַרקט זייערע פּאַטראָלן זינט עטלעכע טעג. גיט מיר אײַער מיידעלע, איך וועל זי קודם אַריבערפירן די גרענעץ צו אַ באַקאַנטער פויערים-פאַמיליע און מאָרגן וועל איך קומען אײַך אַריבערפירן".

מײַן מיידעלע האָט זיך געקלאַמערט אָן מיר, בשום אופן נישט געוואָלט גיין מיט אים. סוף-כּל-סוף, איך ווייס נישט ווי אַזוי, איז מיר געלונ־

גען זי איבערצורעדן זי זאָל גיין מיט אים. ער איז אַוועק מיט מײַן קינד — אויף אייביק.

וואָס מיט מיר איז ווײַטער געשען ווייס איך נישט. נישט געקוקט אויף אַלץ בין איך פאָרט געבליבן לעבן. אין מײַן וויזיע שוועבט נאָך אַלץ די דעמאַרקאַציע־ליניע, די שטעכל־דראָטן, דער פירער מיטן פּנים פון אַ גזלן. די אומענדלעכקייט... ביקסן, דײַטשן, שפּיר־הינט, איבער אַלעם זע איך מײַן טעכטערל פערעלע, מײַן קינד, מײַן מיידעלע, און איך, איך לעב נאָך... לעב נאָך אַלץ.

# מערי און איר מאַמע

די מאַמע העלענאַ, ווי די קינדער פון יתומים־הויז האָבן זי גערופן, בײַ איר האָבן אַלע געזוכט שוץ, אָנשפּאַר.

דער מאַמע העלענאַס געזיכט האָט געשײַנט מיט שטילן טרויער, מיט בענקשאַפט נאָך שיינקייט, נאָך ליבע און פרײַנדשאַפט.

ווען איך בין געקומען אין פּאַלאַץ איז געווען אַ טריב־טרויעריקער פרימאָרגן. דער הימל איז געהאָנגען אַ בלײַענער, אַ שווערער; אויפן האַרצן איז אויך געווען נישט ווייניק שווער, כ׳האָב אָבער דערהערט צום ערשטן מאָל אין מײַן צען־יאָריק לעבן זינגען. כ׳האָב זיך צוגעהערט: עס זינגען קינדער! —

אַן אינערלעכער טרײַב־כּוח האָט מיך שנעל אַרײַנגעברענגט אינעם זאַל וווּ עס זענען געווען אויסגעזעצט קינדער — ייִנגלעך און מיידלעך. אַלע האָבן געזונגען מיט דער מאַמע הלענאַ. כ׳דערמאָן זיך עטלעכע שורות:

שוואַלבן קומען צו שוועבן
מיט מזל און זוניקן שײַן.
מיט ליבן געזאַנג פאַרן לעבן,
וואָס צויבערט די וועלט מיט זײַן חן.

אַ ניגון צוזאַמען וועלן מיר זינגען,
לאַכן ביזן ווײַטן טאָג אַרײַן,
בלומען וועלן הערן און זיך פרייען,
זיי וועלן פאַר אונדז אַ מתנה זײַן.

מײַן נאָמען איז מערי. אַזוי האָט מען מיך דאָ גערופן. כ׳האָב נישט גע־וווּסט פאַר וואָס. ווײַל דאָרטן, וווּ ס׳האָט מיך ווער אויסבאַהאַלטן אין אַ

וואַלד, האָב איך געהייסן מינקאַ, צינקאַ, סטאַכאַ, — ווער געדענקט די אַלע נעמען ?...

דאָ, אין שלאָס פאַר קינדער פון אומגעקומענע עלטערן פון די דעפּאָר־טאַציע־לאַגערן, האָבן די קינדער אַליין געגעבן נעמען. אויך דעם הויז גופא האָבן זיי געגעבן נעמען: „שלאָס פאַר קינדער", „גאָלדענער שלאָס", „דער פאַרכּישופטער שלאָס", אַלץ לויט די קינדערס פאַנטאַזיע.

געווען איז דאָ אַ גרויסער פּערסאָנאַל צו באַדינען די קינדער און די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער פאַרוואַלטונג. כ׳געדענק דעם גוטן שלום — גערופן האָבן אים דאָ די גרויסע: זשילבער — נאָר מיר איז שלום געווען נעענטער. ער איז שטענדיק געווען פאַר די קינדער אַ לאַכעדיקער, אַפילו אַ שטיפער. כ׳האָב אים אָפט געזען פאַרזאָרגט, ווען ער איז געווען אין ביוראָ צווישן זײַנע פּאַפּירן, צווישן וועלכע ער פלעגט נישטערן, שרײַבן.

די מאַמע העלענאַ האָט מיך גענומען נאָענט צו זיך און שטיל מיך געפרעגט צי כ׳האָב אַ מאַמע.

— ניין, כ׳האָב קיין מאַמע קיין מאָל נישט געהאַט. אפשר האָב איך זי פאַרלוירן ווען כ׳האָב נאָך נישט געהאַט געעפנט די אויגן. מ׳זאָגט, אַז קינ־דער זעען נישט דעם ערשטן חודש פון זייער לעבן. אפשר האָב איך פאַר־לוירן די מאַמע און כ׳וועל זי שוין קיין מאָל נישט געפינען.

מערי האָט אָפּגעזיפצט און שטיל אַ זאָג געטאָן: — אוי, מאַמע!

העלענאַ האָט זי אַרומגענומען מיט פיל ליבשאַפט און געלייגט אַ באַ־זונדער אַכט אויף איר, ווײַל מערי איז געווען אַ שוואַכינקע, אַ דאַרע, מיט פיבערדיקע אייגעלעך, וועלכע האָבן שטענדיק געפינקלט מיט שרעק.

אין אָוונט האָט די מאַמע העלענאַ, נאָכן דורכשפּאַצירן די שלאָף־צימערן, כּדי צו זען אַז אַלע קינדער זאָלן רויִק שלאָפן, זיך לענגער פאַר־האַלטן בײַ דעם בעטעלע פון מערי.

די קליינע איז געווען אײַנגעוויקלט אין איר קאָלדרע און מיט אָפענע אויגן געזוכט עפּעס אין דער פינצטער.

— מערי, פאַר וואָס שלאָפסטו נישט ?

— כ׳האָב מורא. ווי כ׳מאַך נאָר צו די אויגן, זע איך ווי שלעכטע מענטשן יאָגן זיך נאָך מיר און ווילן מיך כאַפּן צו דערהרגענען, זיי ווייסן אַז איך בין אַ יידישע. אַ יידיש קינד האָט מען פײַנט.

די פרוי העלענאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעטל און אַרויפגע־לייגט איר רעכטע האַנט אויף איר אָרעם, צו פאַרטרײַבן איר די שרעק פון דער נאַכט.

צו מאָרגנס האָט מען דער קלײנער מערי אויפגעקלערט, אַז דאָ, אין דער קינדער־היים, זענען אַלע קינדער ייִדישע און מען זאָרגט פאַר זיי, מען זינגט דאָ און מען טאַנצט, מען האָט זיי אַלעמען ליב.

מערי האָט אַראָפּגעלאָזט די אײגעלעך און אַ זאָג געטאָן: — אָבער איך האָב דאָך נישט קײן מאַמע.

די מאַמע העלענאַ האָט זי גענומען צו זיך אויפן שויס און לאַנג גע־צערטלט איר קעפּל. מערי האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און געשוויגן.

די קלײנע מערי האָט איר בליק געוואָנדן צו דער שויב, אויף וועלכער עס האָבן נאָך געטריפט די לעצטע טראָפּנס טוי. איר הערצל האָט געקלאַפּט שטאַרקער ווי תּמיד, און זי האָט שטיל געשעפּטשעט: — כ׳וואָלט געוואָלט פאַרשווינדן און ווידער געבוירן ווערן בײַ אַ מאַמען. האָבן אַ מאַמע פאַר זיך אַליין... אין אַלע טעג, בעת מ׳האָט מיך אויסבאַהאַלטן פון די שלעכטע מענטשן, האָב איך שטענדיק געבענקט נאָך אַ וויגעלע, בײַ וועלכן מײַן מאַמע זאָל זיצן, מיר זינגען לידער, מיך הוידען, מיך נעמען אויף איר קני, מיך אָרעמען אין אירע אָרעמס, און איך זאָל הערן דעם ניגון, וואָס איז אַזוי ליב, וואָס מאַכט אַזוי היימיש און זיכער.

אפשר פליִען דאָס אַזוי מײַנע חלומות און זינגען צו מיר, און ווילן נאָך און נאָך? מיר ווילט זיך אָן אויפהער זיך טוליען צו מײַן מאַמען. זאָל זי לאַכן, זאָל זי וויינען, צערטלען מיך צי שטראָפן — מײַן מאַמע!

איצט מישט זיך אויס די שווײַג־שפּראַך פון יענע יאָרן ווען זי איז געוועזן נאָך אַ פּיצל קינד מיט דער שפּראַך פון די לידער, פונעם זינגען, וואָס יעדער איינער פאַרשטייט זיי לויט זײַן אייגן געפיל.

די קלײנע מערי גייט אויף ווי אַ בלום אין פרילינג, ווי אַ שניי־גלע־קעלע צווישן ווילדע גראָזן. עס גייט בײַ איר אויף אַ טרוים מיט נײַ־געבוי־רענע געפילן פון אַן אומגעהייערער בענקשאַפט צו אַ מאַמע, און אָט די געפילן ווערן אויסגעוואָרעמט, ווי קלײנע הינדעלעך, אונטער די פליגל פון דער מאַמע העלענאַ.

מערי דערציילט: — כ׳האָב קיין מאָל נישט געפילט די וואַרעמקייט ביי אַ מאַמעס ברוסט. מיינע ערשטע קינדער־דעראינערונגען זענען זיך צע־פלויגן העט־וויט מיט די פייער־פייגל, צוזאַמען מיט די פלאַמען און רויך פון די גרויסע קוימענס... היינט פיל איך, אַז כ׳האָב פאַרלוירן דאָס וואָס מען קען נישט צוריק אָפּגעפינען. ווי ווויל וואָלט מיר געווען ווען כ׳וואָלט גע־קאָנט דערציילן: כ׳האָב געהאַט ברידערלעך, שוועסטער, משפחה, טאַטע, מאַמע. אוי, ווי גוט וואָלט געווען.

אַ מאָל, ביי נאַכט קומט צו מיר אין דער שטיל אַ פאַרבלאָנדזשעטער חלום: עס טאַנצן אַרום מיר נאַקעטע באַלערינעס, איינגעהילטע אין בלוי־ראָזע וואָלקן־קליידער. זיי שוועבן פאַרביי מיר און זייערע הענט רייצן זיך מיט מיר — אָט שטרעקן זיי זיך צו מיר מיך צו צערטלען, און אָט שטויסן זיי מיך אָפּ. און דאָ קומט אין חלום פאַר אַ מישונג: אַלע וועגן לויפן זיך צוזאַמען און שטופן זיך אַריין אינעם יתומים־הויז, אין אונדזער „פאַר־כישופטן שלאָס״, אין „גאָלדענעם פּאַלאַץ״.

דערפאַר קאָן זי זיך ראַטעווען אין די נעכט פון די שאָטנדיקע וויזיעס און געשטאַלטן, ענלעכע צו ווילדע חיות, וועלכע זענען הונגעריק ווי וועלף אין זייער זשעדנעם געלויף אין דער נאַכט. מיט אַ שרעקנדיקן ברומען און אַליאַרם רינגלען זיי אַרום די היים פון פאַרכישופטן שלאָס און ווילן אויפ־עסן די קינדער וואָס שלאָפן, אָפּווישן יעדן שפור, אַז זיי האָבן אַ מאָל געלעבט. מערי, אין איר פאַנטאַזיע, האָט דאָס גליק זיך אויסצובאַהאַלטן אונטערן בויך פון אַ לייבעכע. די מאַמע העלענאַ האָט דאָס איר דערציילט, אַז די שטאַרקסטע חיה איז אַ לייב און די מאַמע לייבעכע איז זייער גע־טריי אירע קינדער.

די קליינע מערי האָט קיין מאָל נישט געזען קיין עכט־בלויען הימל, ווייל די שוואַרצע וואָלקנס רויך לעבן דעם וואַלד ווו זי איז געווען באַ־האַלטן, האָבן אויסגעשפּיגן ברענענדיקע פייגל וועלכע טראָגן טויט אין זייערע שנאָבלען פאַרשוואַרצן דעם הימל און צינדן אונטער וועלדער, פעלדער. פאַרשטעלן אַפילו דאָס ליכט פון דער זומערדיקער זון.

די מאַמע העלענאַ איז געווען באַלאָדן מיט אַרבעט און געדאַרפט זיין אַ מאַמע צו אַלע קינדער דאָ אין שלאָס. זי איז געווען אַן אידעלע נשמה; דאָס איז געווען אַ פרוי מיט אַ גוט האַרץ און אַ ווייכער נאַטור, האָט זי

געשאָנקען די קינדער איר צאַרטקייט. די מאַמע העלענאַ האָט אירע אייגענע צווייִ זין, וואָס שפּילן זיך דאָ מיט די איבעריקע קינדער, און דער מאַן אירער דערגאַנצט דעם פאַרכישופטן שלאָס מיט זײַן געטרײַשאַפט צו איר און צו די קינדער. איז עס מערין אי ליב אי ווייניק.

מערי האָט פאַרשטאַנען די געהיימע שפּראַך פון די ביימער ווען זיי רוישן און האָט נישט נאָר געזען, נאָר אויך געהערט דעם טאַנץ פון די צווײַגן בעת דער ווינט שפּילט אויף זײַן פאַרכישופטן פלייט די ניגונים זײַנע. אין דעם אַלעמען פאַרשפּינט זי אירע שווערע קינדער־זכרונות. זי איז זיכער, אַז יעדער בלום, יעדער בלאַט, יעדעס ווערמל, מוראַשקע, ווײַס קעצעלע, דאָס ברוינע הינטל, אַלע זיי שפּײַזן איר לעבן און זי איז זיכער אַז יעדערער פון זיי פיבערט־אויס אין ווייטיק אירע טראַגישע קינדער־יאָרן. פון די קנאָכיקע ביימער־צווײַגן, ווי פינגער פון פאַרבראָכענע הענט, הערט זי אַ תּפילה. זיי צאַפּלען צוזאַמען מיט איר און וויינען אויף איר פאַרשניטענער קינדהייט. דאָס ליכט וואָס צאַנקט אין איר קליינעם פענצ־טער צו דער גרויזאַמער וועלט — שווײַגט, און וויל פאַרשווײַגן.

מערי איז געווען באַהאַלטן אונטער אַ באַרג פון צעבראָכן שפּילצײַג, אין סאַמע טיף, און אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, קיינער זאָל נישט הערן אַז דאָ לעבט ווער, בלויז די פאַרבלאָנדזשעטע מײַז און שטשורעס האָבן זיך געשראָקן פאַר איר. האָט זי, אין איר צעהיצטער פאַנטאַזיע, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קליין פישעלע, און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ גרינעם סלאָי מיט מוטנע וואַסער. אָט דעם אַקוואַריום האָט איינע אַ פרוי אײַנגעהאַנדלט און אַוועק־געטראָגן אין איר רײַכער היים ווו פריידיקע קינדער האָבן זיך געשפּילט מיטן רויטן פישעלע, וואָס האָט פאַרלוירן די שופּן פון שרעק.

נאָך אַזאַ חלום פלעגט מערי זיך אַרויסרײַסן פון איר שלאָף, אַ האַלב־נאַקעטע אַראָפּ פון בעטל, לויפן איבער די לאַנגע קאָרידאָרן, האָפּקען איבער שטאָקן, איבער שטיגן, ביז זי האָט דערזען די מאַמע העלענאַ און איז אַרײַנגעפאַלן אין אירע אָרעמס אַ שווײַגנדיקע.

אין איינעם אַ טאָג האָט די מאַמע העלענאַ באַזונדערס אַכט געלייגט אויף דער קליינער מערי. זי האָט זיך דעמאָלט געשפּילט ווי אַלע קינדער, זיך געהוידעט, אָבער די הוידע אויפן ווינט האָט עפּעס אײַנגערוימט אין אירע אויערלעך און עס האָט איר באַהערשט אַ ווילן פון אַנטלויפן. זי האָט

אַ שפּרונג געטאָן: אָט איז זי אַ גרויסע שוין און אָט נאָך אַ פּיצל קינד. מיט קינדערישע הענט נעמט זי אַרום די הוידלקע און וויל וואַרטן דאָ ביז עס וועט קומען איר מאַמע.

די מיידעלעך־גרופּעס, וועמענס עלטערן עס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אָדער דערשאָסן געוואָרן, אָדער אומגעקומען אין די פלאַמבירטע וואַגאָנען אין וועלכע מען האָט זיי אָוועקגעפירט קיין אוישוויץ, טרעבלינקע און אַנדערע פאַרניכטונג־לאַגערן, האָבן איצט, אין אָט דער קינדער־היים, וואָס זיי רופן „דער פאַרפישופטער שלאָס", געזוכט אין דער היים־מוטער העלענאַ, זייער פאַרלוירענע פרייד. דאָס איז אויך געוועזן אַזוי פאַר מערין. נאָר פּלוצים ווילט זיך איר אַנטלויפן. וואָס איז געשען? — זיצט זי איצט אויפן שויס פון דער מאַמע העלענאַ אַ שווייַגנדיקע. זי קאָן זיך אין קיין שום זאַך נישט דערמאָנען. נישט ווען זי איז געבוירן געוואָרן — ווי קאָן מען אַזאַ זאַך געדענקען? — נישט ווען איר מאַמע איז געשטאָרבן. איז איר מאַמע פאַרברענט געוואָרן, דערמאָרדעט געוואָרן? — זי געדענקט נישט, זי ווייסט נישט. אָבער וואָס טוט זי דאָ? ווער האָט זי אַהער געבראַכט?

די פרוי העלענאַ האָט געוווּסט, אַז אַ טאָג קומט און פאַרגייט, די זון שייַנט אויף און ווערט אָפּט מאָל פאַרשטעלט דורך שווערע וואָלקנס, וואָס דער ווינט יאָגט אָן אויפן הימל. זי האָט אויך געוווּסט, אַז קינדער־יאָרן זענען ענלעך צום שפּראָץ אויף טאָג און צום צער פון בין־השממשות, אָבער ווי אַזוי קאָן מען איינפלאַנצן אָפּגעהאַקטע וואָרצלען, כדי ס'זאָל אויפקומען פון זיי נייַ לעבן? מיט וואָס טרייסט מען אַזאַ קינד און ווי רעדט מען איר אויס די פּייַנען, די האַלוצינאַציעס, די בענקשאַפטן און אירע ביטערע פראַגעס? ווער קאָן באַגרייַפן דעם צעווייטיקטן געשריי פון אַ יונגער מאַמע, וואָס איר קינד ווערט דערהרגעט פאַר אירע אויגן, דורך שטיוול פון אַן ס.ס.־מאַן... און ווער — דאָס מיידעלע מערי, וואָס דערמאָנט זיך נישט צי זי האָט געהאַט ווען אַ מאַמע?

און העלענאַ האָט שטום געגלעט מעריס קעפּעלע און טיף אין זיך געוויינט.

אַזוי זענען געגאַנגען טעג און נעכט. מערי האָט געזוכט טרייסט ביי דער פאַרוואַלטערין און די פאַרוואַלטערין, פרוי העלענאַ, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע קינדער, איז געווען אַ מאַמע צו אַלע קינדער, אָבער

קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז צו דער קליינער מערי איז זי גאָר באַזונדער. ס׳האָט אָבער קיינער אויך נישט געוווּסט דעם סוד, אַז די פּאַרוואַלטערין טראָגט אין זיך אַ קרענק פון וועלכער זי וועט נישט אַרויס... די מיטאַרבעטער פון דער לײַטונג פון אָט דעם „הויז" האָבן אָבער יאָ באַמערקט אַז העלענאַ ווערט יעדן טאָג בלאַסער, עס פאַרשווינדט פון איר גוט פּנים זייער אָפּט דער שטענדיקער שמייכל.

האָט מערי אַרײַנגעפלאָכטן אין געדעכעניש דאָס געשטאַלט פון דער מאַמע העלענאַ און אין איר חלום האָט זי פאַרטראַכט אַ פּלאַן: אַז זי וועט גרויס ווערן, וועט זי בײַ נאַכט אײַנשלעפערן די מאַמע העלענאַ מיט דעם צויבער־שטעקעלע, וואָס זי האָט באַהאַלטן אין דער טיף פון גרויסן גאָרטן, זי וועט מיט איר אַנטלויפן אויף אַ פײַערדיק רויטן פערד, ווײַט, ווײַט — וועט זי האָבן אַ מאַמע פאַר זיך אַליין.

אין אַ נאַכט האָט דער ווינט געשמיסן דעם רעגן אין די שויבן פון דער קליינער מעריס פענצטער.

דער באַגינען האָט מיט רויטע גאָלדענע זונען־שטראַלן אָפּגעווישט די טרערן פון דער נאַכט, און אַלע ליאַלקעס פון דער קינדער־היים האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער קליינער מעריס בעטעלע. צוקאָפּנס איז געשטאַנען אַ פערדל פון ליים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַלץ אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין טרויער.

די קליינע מערי האָט געפיבערט און זיך געהוידעט אַרויף און אַראָפּ אין פאַנטאַסטישע חלומות. זי האָט געפילט ווי זי פאַלט אַראָפּ אין אַ פינצטערן קעלער וואָס איז פול מיט שרעק. צו מאָרגנס האָט מען די קליינע אַריבערגעפירט אין אַ באַזונדער צימער פאַר קראַנקע. אירע גלי̇ענדיקע אויגן האָבן געניסטערט און געזוכט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען וועמען די קליינע מערי זוכט.

ס׳איז געווען אַ טרויעריקער פרימאָרגן. אַלץ אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין שאָטנס. איר הערצל האָט האַסטיק געקלאַפּט און ביטער געוויינט. די מאַמע העלענאַ איז פון דער געהיימער קראַנקייט אויסגעגאַנגען.

*

מיט דער צייַט זענען זיך די קינדער צעלאָפֿן, ווי די פֿייגל אין האַרבסט, פֿאַרלאָזט זייערע נעסטן. די צוויי אייגענע זין זענען שוין אויך גרויסע און אַליין טאַטעס פֿון קינדער. דער שלאָס, אַ פֿאַרכּישופֿטער, ליגט איצט אין שווייַגן, אַלץ דאָ איז פֿאַרלאָזט און פֿאַרגעסן.

בלויז מערי, וואָס ווערט גרעסער און שענער פֿון יאָר צו יאָר, קומט דאָ אַהער אין טאָג פֿון דער יאָרצייַט, צינדט אָן אַ ליכט אַנטקעגן בילד פֿון דער מאַמע העלענאַ, וואָס הענגט אין מיטן פֿון אַ ליידיקן צימער.

## די „שטומע" מאַמע

אין איינער פון די ליאָנער זײַטיקע גאַסן איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס האָט פון די איבעריקע הייזער ווייניק וואָס זיך אונטערגעשיידט. דאָך האָט דאָס דאָזיקע הויז מיטן נומער צען געהאַט אַ נאָמען אין דער גאַס.

אין אָט דעם הויז האָט געוווינט די „שטומע" מאַמע. געהערט האָט זי, און פאַרשטאַנען האָט זי אַלץ וואָס מען האָט גערעדט צו איר. און שטום איז זי געווען נאָר דערפאַר, ווײַל די צײַט איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט געדאַרפט זיך היטן אויסצורעדן אַ וואָרט, אויב דאָס דאָזיקע וואָרט איז נישט געווען קיין פראַנצויזיש וואָרט מיט אַן עכט־פראַנצויזישן קלאַנג.

„ס'איז שוין גלײַכער אין גאַנצן נישט צו רעדן", האָבן איר גוטע פרײַנד געגעבן אַן עצה. ס'איז גלײַכער זײַן שטום, איידער צו רעדן אויף אַ פרעמדן צעקאַליעטשעטן לשון...

געהייסן האָט זי מאַכלע, גערופן האָט מען זי אָבער אין דער גאַס „לאַ מער מישעל", וואָס דאָס הייסט אין יידיש: די מאַמע מישעל. זי איז געווען אַן אַלמנה, איר מאַן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקייט, גע־שטאָרבן אין זײַן בעט. וויפל מאָל זי טראַכט פון איר מאַנס טויט, דוכט זיך איר שיִער נישט, אַז ס'איז גוט, וואָס ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַ־טירלעכן טויט, נישט דורך דער האַנט פון די רוצחים.

כּדי צו זײַן גוט איז גאָרנישט נייטיק צו פאַרמאָגן אַ לשון. אַ שטומער מענטש, טייל מאָל נאָך מער ווי אַ רעדעוודיקער, קען אויך טאָן טובות און זײַן איבערגעגעבן, נישט בלויז צו אייגענע אויך צו פרעמדע מענטשן, צו שכנים.

איז טאַקע די „שטומע" מאַמע שיִער נישט געווען די מאַמע פון גאַנצן הויז. בײַ איין שכן האָט זי פאַרוויגט אַ קינד, אַ צווייטן האָט זי געשטעלט באַנקעס, אַ דריטן האָט זי אונטערגעטראָגן אַ ביסל קאָמפּאָט, אַ שטיקל

צוקער, אַ ביסל מאַרגאַרין — וואָס נאָר זי האָט געקענט אָפּשפּאָרן פון איר אייגענעם מויל.

איר גוטסקייט איז געוואָרן איר שוץ און די שכנים האָבן זי זייער ליב באַקומען. זיי וואָלטן זי אויך פאַרטיידיקט, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדישקע, און ווען זיי וואָלטן געווען אין שטאַנד זיך אָנצונעמען פאַר איר. אָבער איר שם וואָלט געקענט אויך ווערן פאַר איר אַ סכּנה. מען דאַרף זיך היטן. פאַר דעם אייגענעם שאָטן מוז מען זיך היטן.

די „שטומע" מאַמע האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו איר „שטומ־קייט", אַז דאָס איז ממש געוואָרן איר צווייטע נאַטור; זי שרעקט זיך אַפילו אויסצורעדן צו זיך גופא אַ וואָרט. ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט צו שפּילן די ראָלע פון אַ שטומער מאַמע, אין אַ צײַט ווען יעדער קער און ריר איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכּנות; ס'איז נישט קיין שפּאַס צו דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן אייגענעם שאָטן.

איטלעך מאָל ווען זי באַטראַכט אירע רעוומאַטיש־אויסגעקרימטע פינ־גער, קען זי טאַקע נישט פאַרשטיין, וואָס זי טוט דאָ אין לאַן. אַ שטומע צונג איז אייגנטלעך אַ טויטע צונג, אַן אָפּגעשטאָרבענע צונג. פאַר וואָס האָט זי מקריב געווען איר לשון? פאַר וואָס מוז דווקא די צונג אירע זײַן אַ קרבן? אפשר וואָלט זי געדאַרפט „טייטן" אויך אירע געדאַנקען? אָבער די געדאַנקען איז שווער אָפּצושטעלן. זיי לאָכן זיך אויס פון אַלץ און זיי טראַכטן וואָס זיי ווילן. אויך די טרערן איז שווער אָפּצושטעלן. אמת, נישט אַזוי שווער ווי די געדאַנקען, אָבער אויך זיי נעמען רינען פון די אויגן, נאָך איידער מען האָט צײַט זיי אײַנצוהאַלטן.

פרײַטיק־צו־נאַכטס, ווען זי צינדט אָן די צוויי ליכט אין די צוויי קאַרטאָפל, אין אירע „לאָנער לײַכטערס", ווי זי האָט זיי אַ נאָמען גע־געבן, לעבט אָפּ איר „שטומע צונג". זי פאַרפירט דאַן אַ שמועס מיטן רבונו־של עולם, און זי האָט אים, דעם פאָטער אין הימל, אַ סך וואָס צו זאָגן. זי דאַרף אים שטעלן אַזוי פיל קשיות, אַז זי ווייסט נישט מיט וועלכער פריִער אָנצוהייבן. געוואָלט וואָלט זי פרעגן אַלץ אויף אַ מאָל:

— רבונו־של־עולם, האַר פון דער וועלט! פאַר וואָס? פאַר וואָס, פאַר וואָס?

זי ווייסט, אַז גאָט אַליין אַפילו קען נישט פאַרענטפערן אירע קשיות. ווער ווייסט, צי זי דריקט זיך גאָר אויס ווי געהעריק? פאַראַן אויף דער

וועלט אַ סך ייִדישע מאַמעס — אומגליקלעכע ייִדישע מאַמעס — וואָס ווענדן זיך צום רבונו־של־עולם, און אַלע ווילן זיי וויסן פאַר וואָס דאָס, פאַר וואָס יענץ — ווי אַזוי זאָל ער זיך צוהערן צו אַלעמען?

אָבער איר אומגליק איז דאָך גרויס ווי די גאַנצע פינצטערע וועלט, מעג זי טאַקע קלאָגן, וויינען, זיך פּיעשטשען פאַר אים ווי אַ קליין קינד. איז ער דען נישט קיין טאַטע? נישט קיין באַרמהאַרציקער גאָט, וואָס נעמט זיך אָן פאַר אַלמנות, פאַר יתומים, פאַר שוואַכע, געפּלאָגטע און פאַר־פּלאָגטע? איז דען ישׂראל נישט זײַן אויסדערוויילט פאָלק?

— גאָטעניו מײַנער — טענהט זי — איז דאָס מעגלעך, דו זאָלסט זיך האָבן אָפּגעקערט פון דײַן פאָלק? ווילסטו טאַקע פון דײַן פאָלק נישט מער וויסן, נישט מער הערן? האָסטו דען נישט געגעבן אים דײַן הייליקע תּורה?

בעת מעשׂה דעקט זי צו די אויגן מיט די הענט, ווי דאָס טוט יעדע ייִדישע מאַמע בײַם ליכט־בענטשן. דורך אירע פינגער־שפּאַלטן זיפּן זיך דורך די צוויי צאַנקענדיקע פלעמלעך פון די שבתדיקע ליכט אין די קאַר־טאָפל, און עס קוקט אויס, ווי זיי וואָלטן זי געמוסרט. ווייסט זי דאָך גאַנץ גוט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט דאָס פאָלק ישׂראל זיך אָפּגעווענדט פון דער תּורה. אירע אייגענע קינדער האָבן אויך קנאַפּ־וואָס געהאַט צו טאָן מיט גאָטס תּורה. כאָטש הערצער האָבן זיי געהאַט דווקא ייִדישע, כאָטש זיי האָבן קיין מאָל פון זייער ייִדישקייט זיך נישט אָפּגעזאָגט, כאָטש זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרלייקנט, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן בײַ ייִדישע טאַטע־מאַמע. גערעדט האָבן זיי ייִדיש און האָבן זיך נישט געשעמט מיט זייער לשון, נישט ווי אַנדערע ייִדישע קינדער, וואָס מיינען, אַז רעדן דאַרף מען נאָר פראַנצויזיש. יאָ, ווױלע קינדער, גוטע קינדער האָט זי געהאַט.

— טאָ פאַרנעם זשע, גאָטעניו אין הימל, דאָס געבעט און דאָס געוויין פון אַ צעבראָכענער מאַמען, וואָס האָט איר ייִנגסטן זון געבראַכט פאַר אַ קרבן. איז וואָס, אַז ער האָט נישט געלייגט קיין תּפילין, נישט געטראָגן קיין ציציות, נישט געדאַוונט און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלויזן קאָפּ? באַשטייט דען אין דעם די גאַנצע ייִדישקייט? האָט דען שלמהלעס לעבן גאָר קיין באַדייטונג נישט געהאַט פאַר דיר? און זײַן טויט, גאָטעניו, איז דען גאָרנישט נישט ווערט? קינד מײַנס, שלמהלע! — שאַרלאָ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אין פּאַריז — דערשאָסן האָט מען אים אין איינעם מיט

די איבעריקע יידישע ערובניקעס. פאַר וואָס? פאַר ווען? נאָך נישט אַלט געווען קיין צוואַנציק יאָר, נאָך נישט געוווּסט וואָס לעבן הייסט.

די טרויעריקע פּלעמלעך פון די ליכט צאַנקען. די „שטומע" מאַמע האַלט נאָך אַלץ די הענט אויף די אויגן, וואָרעם זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זיי אויסצובאַהאַלטן פון דעם שרעקלעכן צער, וואָס קריכט אַרויס פון אונטער די שאָטנס.

געהאַט האָט זי נאָך אַ קינד, אַ טעכטערל. גיטל האָט מען זי גערופן. איז אונטערגעקומען דער פאַרשאַלטענער זעכצנטער יולי און גיטעלע איז פון די היצלעס געכאַפּט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידישע קינדער.

— רבונו־של־עולם! מיט וואָס האָט גיטעלע זיך פאַר דיר פאַרזינדיקט? ביסט דאָך, זאָגט מען אַ פאָטער פון יתומים. פאַר וואָס האָסטו זיך נישט אָנגענומען פאַר מיַין גיטעלען? און פאַר איר קינד, וואָס איז געבליבן אַ יתומהלע? פאַר וואָס האָסטו זיך נישט אָנגענומען פאַר די איבעריקע יידישע קינדער? ווּ איז דיַין הייליקע תורה? דערבאַרעם זיך איצט כאָטש אויף מיַין צווייטער טאָכטער, וואָס זיצט אין תפיסה — נישט, חלילה, פאַר גניבה צי פאַר גזילה זיצט זי, נאָר וויַיל זי איז אַ יידיש קינד. איז דען אַ פאַרברעכן צו זיַין אַ יידיש קינד? פאַר וואָס ענטפערסטו מיר נישט? צו וועמען דען זאָל איך מיך ווענדן, אויב נישט צו דיר? פאַר די מענטשן בין איך שטום, מוז איך דאָך רעדן צו דיר, שריַיען צו דיר, וויינען צו דיר...

וואָלט די „שטומע" מאַמע נישט געהאַט אַ שטיקל האָפענונג, אַז איר טאָכטער וועט זיך ראַטעווען, וואָלט זי גערעדט צו גאָט האַרבערע דיבורים, אָבער זי האָט מורא פאַר זיַין גרימצאָרן. נישט פאַר איר אייגענעם לעבן האָט זי מורא, פאַרקערט: וויפל מאָל ווינטשט זי זיך גאָר דעם טויט; זי שרעקט זיך פאַרן לעבן פון איר אברהמלען — פיער רופט מען אים איצט — וואָס געפינט זיך מיט איר צוזאַמען אין אָט דער פרעמדער שטאָט ליאָן. שוויַיגט זי און שרעקט זיך...

עטלעכע שיכטן שרעק האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דער „שטומער" מאַמען. אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי בליַיבט אַליין, באַמיט זי זיך אָפּצו־

שטופּן איר שרעק פאַר איר אַברהמלס גורל. אָבער דאָס גיט זיך איר זייער זעלטן איַין.

אַברהמל אַרבעט קעגן די דייַטשן, האָט זי מורא, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, וואָס ער טוט. אומזיסט דרייט ער זיך אַרויס פון איר און וויל איר נישט דערציילן, ווי ער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און נעכט. ער מיינט, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט. אין דער אמתן וויל זי טאַקע נישט פאַרשטיין; זי קען אַפילו קיין טענות נישט האָבן צו איר זון, טאָמער ער ענטפערט איר נישט, ווען זי פרעגט אים עפּעס. מיט האַלבע ווערטער פרעגט זי אים און בעט זיך עפּעס ביַי אים בעת־מעשׂה:

— נאָר מיך אָפּ, אַברהמל, קינד מייַנס! זאָג מיר נישט אויס, וואָס דו טוסט וואָרעם ווער ווייסט וואָס עס קען נאָך, חלילה, געשען, טאָמער די דייַטשן וועלן זיך דערוויסן וואָס דו טוסט? גאָט זאָל שומר ומציל זייַן! טאָמער — די שעה זאָל נישט זייַן — כאַפּט זיך אַרויס פון מיר אַ וואָרט, וואָס טויג נישט פאַר דיר — ווי וואָלט איך עס אויסגעהאַלטן? ווי וואָלט איך עס אַריבערגעטראָגן?

האָט זי זיך פון איר זון גאָרנישט נישט דערוווּסט — און דאָס האָט זי דאָך אייגנטלעך געוואָלט, דאָס איז זי דאָך אויסן געווען. אין דער זעל־בער צייַט אָבער איז איר אומרו געשטיגן. אייגנטלעך האָט ער איר גאָר־נישט נישט דערציילט, גאָרנישט פאַרטרויט. נאָר הינטער יעדן פאַרשוויי־געגעם וואָרט לויערט סכּנה. און פאַרטרויען זיך האָט זי נישט פאַר וועמען. זי איז דאָך שטום, אַ „שטומע" מאַמע איז זי, טאָ וואָס זאָל זי טאָן? וווהין זאָל זי זיך קערן און ווענדן?

זי פּרוּווט אַ שמועס טאָן מיט איר שנור, מיט לאהלען, כאָטש אויך פון איר, ווייסט זי, וועט זי פּונקט אַזוי פיל דערגיין, ווי פון איר זון. מאַכלע האָט זי ליב, ווי זי וואָלט געווען איר אייגענע טאָכטער, שיִער־שיִער נישט אַזוי שטאַרק ווי די, וואָס די דייַטשן האָבן פאַרשלעפּט און זי ווייסט נישט וווהין.

— לאהלע, לואיז, טאָכטער מייַנע! זאָג מיר, איך בעט דיך, אָבער ניין, זאָג מיר גאָרנישט...

— וואָס, מאַמעשי?

— גאָרנישט, סתם אַזוי! איך פריי זיך, אַז איך האָב כאָטש מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, וואָרעם אַברהמל — פּיער, ווי איך דאַרף זאָגן...

— וואָס איז דער אונטערשייד פּיער צי אַברהמל. פאַר דער מלחמה האָט ער זיך אויך נישט גערופן אַברהמל.

— ריכטיק, אַלבערט האָט מען אים גערופן.

— זעט איר שוין. טאָ וואָס איז דער אומגליק, אַז מען רופט אים איצט פּיער? איז מען שוין אָבער זיכער מיט אַזאַ נאָמען? אָט האָט מען דאָך דאָ אַרעסטירט פראַנצויזן מיט פראַנצויזישע נעמען. מסתמא האָבן זיי עפּעס געטאָן קעגן די דײַטשן.

— לאהלע, איך בעט דיך, זאָג מיר, העלפסט מײַן אַברהמלען, ווי ער זאָגט, נקמה נעמען... זאָג מיר גאָרנישט, איך האָב אַזוי מורא.

— עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן, איר וועט זען, מיר וועלן זײַן פרײַ ווי פריִער, און ס׳וועט אונדז ווידער גאָרנישט פעלן.

יאָ, אויב די „שטומע״ מאַמע טענהט זיך אויס פון צײַט צו צײַט מיט איר זון און מיט איר שנור, איז עס נאָר זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן; נישט זי וויל עפּעס וואָס דערגיין פון זיי, נישט זי וויל, פּאַסט זיך צו זאָגן, נישט דערגיין; אי זי האָט מורא פאַרן אמת, אי זי שרעקט זיך פאַר זייער שווײַגן. זי שרעקט זיך פאַר אַלץ, פאַר דעם, וואָס איז שוין געשען, און פאַר דעם, וואָס קען נאָך, חלילה, געשען; זי האָט מורא, זי ציטערט אי פאַרן הײַנט, אי פאַרן מאָרגן. אויך פאַרן נעכטן ציטערט זי, הגם זי ווייסט, אַז דאָס וואָס איז געשען, קען מער נישט ווערן בעסער, נישט ערגער.

אַ סך מאָל דוכט זיך איר, אַז זי לעבט שוין נישט מער. נאָך גוט, טראַכט זי זיך, וואָס די גלידער ברעכן איר, וואָס די הענט שטעכן איר, וואָס דער רוקן דרייט איר. אָט די ווייטיקן דערמאָנען איר אַז זי לעבט נאָך. אַ סך מאָל דאַכט זיך איר, אַז זי ווערט משוגע, און שרײַען טאָר זי נישט, ווײַל די שכנים קענען נאָך דערהערן אירע געשרייען. שרײַען קען קאָסטן דאָס לעבן, און לויטן יידישן דין טאָר מען זיך נישט אומברענגען. קיינער טאָר זיך נישט נעמען דאָס לעבן. אַפילו דאָס ערגסטע לעבן איז נאָך אַלץ אַ לעבן.

זי וויל דערלעבן צו זען איר גיטעלען; זי וויל דערלעבן צו זען פריי־דעלען. יאָ, זי וויל לעבן, מיט אַלע אירע כוחות וויל זי לעבן; זי וויל כאָטש דערלעבן צו זען איר טייער אייניקל, דודלען, וואָס מען רופט אים — זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס — מיטן קאָמישן נאָמען רענע. ער איז

שוין אַלט פֿינף יאָר, און ביי אַ פֿראַנצויזישער פֿאַמיליע געפֿינט ער זיך. שוין צוויי יאָר, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט אים איר זון אוועקגעפֿירט אַהין. אַ ביסל איז דאָס די שולד פֿון דער באָבען, וואָס דאָס קינד איז דערוויַיטערט געוואָרן פֿון איר און פֿון זיַין טאַטע־מאַמען. אַ קינד, וואָס רעדט, טאָר נישט בליַיבן לעבן ביַי אַ „שטומער" באָבען, וואָרעם ער קען נאָך אַ מאָל דערציילן די שכנים, אַז זיַין באָבע איז גאָרנישט אַזוי שטום, ווי זיי זיך דוכט זיך. אַז זי שפּילט זיך גאָר אין שטומקייט... וואָס פֿאַר אַ גרויסן חורבן די רוצחים האָבן אָנגעמאַכט אין דער וועלט! ווו איז דאָס געזען און געהערט געוואָרן, אַז אַ באָבע זאָל זיך דאַרפֿן היטן אויסצורעדן אַ וואָרט — אַ יידיש וואָרט, וואָרעם פֿראַנצויזיש קען זי דאָך סיַי ווי סיַי נישט רעדן — וויפֿל זי קלערט נישט אַריַין אין דעם, קען זי עס פֿאַרט נישט באַגרייפֿן, נישט פֿאַרשטיין.

ביַי טאָג גיט זיך נאָך איַין דער „שטומער" מאַמען נישט צו דער־טראַכטן ביז צום סוף, אָבער ביַי נאַכט אויף איר געלעגער באַפֿאַלן איר די געדאַנקען פֿון אַלע זיַיטן.

און עס דוכט זיך איר, אַז זיי שטאַמען נאָך פֿון דער קעלער־שטוב אין דער שמאָלער מילע־גאַס אין וואַרשע. איר מאַן משה איז געווען אַ ייִד אַ לערנער, אויף אירע דאַרע פּלייצעס איז געלעגן דער גאַנצער יאָך פֿון חיונה. זי האָט געהאַנדלט מיט בייגל אויף די ראָגן פֿון די וואַרשעווער גאַסן. געלעבט האָט זי מיט האָפֿענונג און בטחון. זי האָט רק געהאָפֿט, אַז עס וועט געשען אַ נס און איר פּעטער שלמה וועט אַראָפּנעמען איר גאַנצע משפּחה קיין פּאַריז, ביז אין אַ טאָג זענען אירע האָפֿענונגען טאָקע מקויים געוואָרן.

געקומען קיין פּאַריז, האָט זי ווי נישט איז, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פֿראַנצויזיש איז איר בשום אופֿן נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריַין, דאָך אַרויסגעשלאָגן איר חיונה אין יידישן קוואַרטאַל בעלוויל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָרט קען מען האַנדלען מיט בייגל. שפּעטער זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן און זיי האָבן געפֿונען אַרבעט. זי האָט מער נישט געדאַרפֿט שטיין מיט בייגל אין גאַס. איר מאַן האָט אויך אין פּאַריז געקענט זיצן און לערנען, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן אין וואַרשע, איז ער געשטאָרבן דאַן ווען ס'איז געקומען די שרעקלעכע מלחמה — און פֿון אַלץ איז געוואָרן אַ תל.

אַ גרויסע משפּחה האָט זי איבערגעלאָזט אין וואַרשע. ווער ווייסט, וואָס עס איז פון זיי אַלעמען איצט געוואָרן?

איר טאַטע עליו השלום קומט איר צו חלום. אין טלית און תּפילין לויפט ער אַרום און פאָכעט מיט די הענט. איז דאָס מעגלעך, אַז ער, דער פרומער ייִד, זאָל פאָכען מיט די פויסטן צום הימל?

אירע אומגעקומענע קינדער, זעט זי, העלפן זייער זיידן פאָכען מיט די פויסטן צום הימל. עפּעס שרייַען זיי, עפּעס רופן זיי.

— קינדערלעך, קינדערלעך! — הערט זי איר אייגן קול — צו וועמען שרייַט איר? בייַ וועמען מאָנט איר? ווער וועט אייַך הערן אין הימל? איר ווייסט דען נישט, אַז איר זענט ייִדן? די גאַנצע וועלט ווייסט, ווער איר זענט און ס'וועט אייַך נישט העלפן קיין שרייַען, קיין בעטן, סייַדן אַ נס וועט געשען...

— וואָס איז מיט דיר מאַמעשי? — לויפט אַברהמל צו צו איר בעט — פאַר וואָס האָסטו אַזוי געשריגן פון שלאָף?

— גאָרנישט, גאָרנישט, אַברהמעלע. ס'האָט זיך מיר עפּעס וואָס געחלומט, האָב איך געשריגן.

— מען טאָר נישט גלייבן אין חלומות. ווייסט דאָך אַליין...

פּיער לייגט אַרויף די האַנט אויף זייַן מאַמעס גרויען קאָפּ און ער מורמלט שטילערהייט:

— מאַמעשי, באַרויִק זיך, שלאָף אייַן. מיר האַלטן שוין בייַם סוף, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג...

— נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... — חזרט די מאַמע איבער איר זונס טרייסטרייד.

— אָט זעסטו דאָך — ווערט אַברהמל דרייַסטער — ווי די דייַטשישע אַרמייען ווערן צעשלאָגן איינע נאָך דער צווייטער. באַלד וועט היטלער אייַננעמען אַ מפּלה.

— אַ מפּלה זאָגסטו? הלוואי, גאָטעניו מייַנער! זאָל נאָר דאָ מיט אונדז גאָרנישט נישט געשען; וואָרעם איידער מען דערלעבט די נחמה...

פּלוצלונג הייבט די מאַמע זיך אויף אויפן געלעגער און מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע גיט זי אַ פרעג בייַ איר זון:

— זאָג מיר, קינד מייַנס, זאָג מיר אויס דעם סוד פון דייַן אַרבעט.

— דאָס טאָר איך קיינעם נישט אויסזאָגן, אַפילו אַ מאַמען אויך נישט, נישט ווײַל איך האָב מורא פאַר דיר, אָבער פאַר דיר אַליין איז בעסער, דו זאָלסט נישט וויסן.

מאַכלע פאַרשטייט, אַז איר זון איז געדעכט. ס'איז גלײַכער, אַז זי זאָל גאָרנישט נישט וויסן, זי נעמט אַפילו האָבן חרטה, וואָס זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר אויסזאָגן.

— אפשר — האָקט דער זון איר איבער די געדאַנקען — אפשר זאָל איך גיין רופן אַ דאָקטער, ווי באַלד דו פילסט זיך נישט געזונט?

ניין, מײַן קינד! איך דאַרף נישט קיין דאָקטער, איך בין נישט קראַנק. גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען דו לאָזט מיך מיטגיין צו דײַן אַרבעט, אַבי עס זאָל וואָס גיכער שוין נעמען אַ סוף...

פיער איז טאַקע דער בעסטער זון אין דער וועלט, טראַכט די „שטומע" מאַמע, אָבער פאַרלאָזן זיך אויף זײַנס אַ וואָרט — קען מען נישט! לכתחילה האָט עס געהייסן: דער דײַטש וועט אײַננעמען אַ מיתה־משונה אין אַ וואָך, העכסטנס אין פיר וואָכן. זענען שוין ווידער אַוועק חדשים און דער דײַטש איז נאָך אַלץ אין ליאָן.

די „מאַמע מישעל" איז אַ רעטעניש, אָבער אַלע האָבן זי ליב. אַלע באַמיִען זיך איר צו באַווײַזן זייער ליבשאַפט און זייער דאַנקבאַרקייט. זי האָט עפּעס ווי אויפגעלעבט, נישט געקוקט אויף אירע געשוואָלענע הענט און פיס. פון צײַט צו צײַט באַווײַזט זיך אַפילו אַ שמייכל אויף אירע ליפּן און אין די טיפע קנייטשן פון איר פנים. זי האָט אַ געפיל ווי זי וואָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טיפן סוד, וואָס זי קען קיינעם נישט אויסזאָגן. אויך זי, דוכט זיך איר, באַהאַלט עפּעס אויס פון אירע קינדער, פון אַברהמעלען און פון לאהלען. אַ זיסע נקמה נעמט זי פון זיי: ווילן זיי נישט אויסזאָגן איר וואָס זיי טוען, זאָגט זי זיי אויך נישט אויס איר סוד. וואָס איז דאָס אָבער פאַר אַ סוד? געגנוי וואָס — ווייסט זי טאַקע אַליין נישט, אָבער זי פילט, אַז זי טאָר אים נישט אויסזאָגן, דווקא ווײַל זי האָט זיי אַלעמען ליב. זי האָט ליב אָן אַ שיִער איר אַברהמלען, איר שנור לאהלען; זי האָט אויך ליב אַלע פאַרטיזאַנער. פרײַטיק צו נאַכטס, בײַ ליכט־בענטשן, בעט זי פאַר זיי אַלעמען, פאַר די, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער און אין די פעלדער. און דאָס וועט זיכער עפּעס ברענגען.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבעטענער טאָג. זומער ניַינצן הונ־דערט פיר און פערציק האָבן די אַליאירטע אַרמייען געשטעלט זייער טראָט אויפן פראַנצויזישן באָדן. פון איין זיַיט האָבן אַלע געשפּירט, אַז די לעצטע שעה פון די אָקופּאַנטן וועט באַלד שלאָגן, און פון דער צווייטער זיַיט האָט מען מורא געהאַט פאַר דעם טעראָר זייערן, וואָס קאָן זיך נאָך פאַר־שטאַרקן.

פּיער און לואיז זענען שוין זיבעט עטלעכע טעג פאַרשווּנדן פון שטוב, און די „שטומע" מאַמע איז געזעסן איינע אַליין אין דער וווינונג.

זי זיצט אין דער פינצטער. ס'איז נאַכט. ס'איז שוין זייער שפּעט. זי האָפט, אַז זי וועט באַלד דערהערן דעם דריַיפאַכן קלאַפּ אין דער טיר און אַז איר זון וועט זיך באַלד באַוויַיזן. איצט, טראַכט זי זיך, וועט זי אים נישט פרעגן, פון וואַנען ער קומט, און אַפילו נישט ווי עס האַלט מיט דער מלחמה. זי וועט ווידער דאַרפן זיך אַמפּערן מיטן זון: זי וועט וועלן אים אַראָפּציִען די שיך פון די פיס, די שיך, וואָס זענען אים צו ענג געוואָרן, מחמת לעצטנס זענען אים די פיס געשוואָלן געוואָרן, ער אָבער וועט זי לייַכט אָפּשטופּן פון זיך.

— מאַמעשי — וועט ער זאָגן — וואָס איז מיט דער? מייַנסט טאַקע, אַז איך וועל דיר לאָזן מיר אַראָפּציִען די שיך? האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט, מאַמעשי!

סוף־כּל־סוף האָט זי זיך צוגעשפּאַרט אויף איר בעטל. זי איז איינגע־שלאָפן אין די קליידער.

האָט זיך איר געחלומט אַ שרעקלעכער חלום. אַ שׂרפה! אַלץ האָט געברענט אַרום און אַרום. און איר אַברהמעלע איז אין מיטן פון די פלאַמען...

דריַי קלעפּ — אַ סימן, האָט זי זיך געטראַכט, אַז איר זון קלאַפּט. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט צווישן מאַמע און זון: דריַי קלעפּ אין טיר, אַנדערש זאָל זי נישט עפענען. זי האָט זיך צורעכטגעמאַכט די האָר, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן צעקנייטשטן פּנים, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַר־טריַיבן די קאָשמאַרן פון דער נאַכט — און זי האָט אויפגעמאַכט די טיר.

זי האָט אַפילו נישט באַוויזן זיך צו וווּנדערן, הלמאַי נאָך די דריַי קלעפּ אין דער טיר האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף דעם רוצחישן בליק פון צוויי ווילד־פרעמדע. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

איינער פון זיי האָט איר אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ, אַ צווייטער האָט איר אַ בריקע געטאָן אין בויך. זי האָט זיך אַ קײַקל געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און איז געבליבן ליגן. פאַרחלשט? ניין. איר איז גאָרנישט נישט געשען. דער אימפּעט, די שרעק פאַר דער סכנה, אין וועלכער איר זון געפינט זיך — דאָס אַלץ איז געוועזן נאָך שרעקלעכער ווי די קלעפּ.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אפשר וועט זי זיך אַזוי אַרום דערוויסן, וווּ איר זון געפינט זיך? אויב אָבער זיי וועלן זיך באַמיִען פון איר עפּעס וואָס דערגיין, וועט זי גאָרנישט נישט זאָגן. שטום איז זי געווען און שטום וועט זי בלײַבן. און אייגנטלעך ווייסט זי דאָך טאַקע נישט, ווו ער איז, וואָס ער טוט, גענוג געזונט האָט איר געקאָסט, ביז זי האָט בײַ זיך געפּועלט זיך גאָרנישט פון אים צו דערוויסן.

זי זעט ווי זיי וואַרפן אַרויס דאָס בעטגעוואַנט פון די בעטן. אפשר מיינען זיי, אַז אַברהמעלע ליגט באַהאַלטן אונטער דעם מאַטראַץ? די קליידער־שאַנק האָבן זיי אויפגעריסן. אין די טישקעסטלעך זוכן זיי. אויך דאָרטן איז אַברהמעלע נישטאָ. זיי וועלן אים זיכער נישט געפינען — פרייט זי זיך. זי נעמט נקמה אין די דײַטשן...

פון וואַנען האָט זיך בײַ איר פלוצלונג באַוויזן אַזאַ כּוח צוצולויפן צום פענצטער און אויפצורײַסן דאָס פענצטער? די גאַנצע גאַס האָט גע־הערט ווי די „שטומע" מאַמע האָט געשריגן. אמת, וואָס זי האָט געשריגן, האָט מען קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען, ווײַל געשריגן האָט זי אויף יידיש, אָבער אויך עטלעכע פראַנצויזישע ווערטער האָט מען געהערט: „אַ סעקור!" (ראַטעוועט) און „פעי!" (פײַער).

נישט אַלע שכנים האָבן מסתּמא שטאַרק זיך געוווּנדערט איבער דעם דאָזיקן „נס"; שטילערהייט האָבן זיי געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך נאָר פאַר אַ שטומע. זיי האָט אין דער מינוט געאַרט דער גורל פון דער גוטער „מאַמע מישעל".

— ראַטעוועט! ראַטעוועט! — האָט די „שטומע" מאַמע באַוויזן אַרויסצושרײַען אין דער גאַס אַריין — ראַטעוועט! עס ברענט!

לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט. די לאַפּע פון אַ דײַטש האָט זי אַ צי געטאָן פאַר די האָר און דאָס פענצטער איז צוגעקלאַפּט געוואָרן. אין גאַס האָט מען נאָך געהערט די פאַרשטיקטע געשרייען פון דער „שטומער מאַמען".

אין גאַס האָט זיך געקאָכט. ייִנגלעך זענען געלאָפן אַהין און צוריק,

פון איין הויז אין אַנדערן; זאָל מען גיין זיך איַינשטעלן פאַר דער „מאַמע מישעל", וואָס ווערט געשלאָגן און פאַרפּיַיניקט דורך די דיַיטשן.

און גראָד דאָן איז אָנגעקומען פּיער. ווי מיט געוואַלט האָבן די שכנים־פראַנצויזן אים אַוועקגעשלעפּט פון דער גאַס. זיי זענען מער פון אים שוין נישט אָפּגעטראָטן, כּדי עס זאָל זיך אים נישט פאַרוועלן זיך אַריַינוואַרפן אַ לעבעדיקער דער חיה אין פּיסק אַריַין. מען האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז מען וועט זען צו טאָן אַלץ צו ראַטעווען זיַין מאַמען.

מען האָט גענומען צוטראַכטן פאַרשידענע פּלענער. מיט איין וואָרט, אַ ניַיער פּראָנט האָט זיך געעפנט אין אַ ליַאָנער הינטערגעסל, אַ פראָנט, וואָס האָט געטראָגן דעם אויסטערלישן נאָמען: „די מאַמע מישעל".

די אַטאַקע אויפן הויז נומער צען האָט געזאָלט זיך אָנהייבן אין אָוונט. זאָלן זיי זי נאָר האַלטן, וואָרעם עס קען דאָך זיַין, אַז די דיַיטשן וועלן זי — אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע — אַרויספירן פון דאָרט, אָדער עס קען אויך זיַין, אַז זיי וועלן זי האַלטן דאָרט די גאַנצע נאַכט, כּדי נישט צו צעשטערן די „פּאַסטקע", וואָס זיי האָבן אָנגעשטעלט פאַר איר זון, וואָרעם זיי האָפן נאָך מסתּמא, אַז ער וועט קומען זען זיַין מאַמען. ווי אַזוי די דאָזיקע אייגנאַרטיקע אַטאַקע וועט דורכגעפירט ווערן, האָט קיינער נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אָבער עפּעס וואָס וועט דאָך געוויס געשען.

עפּעס וואָס איז טאָקע געשען. אָבער אַזוינס, אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט. איידער נאָך עס איז געוואָרן פינצטער האָט זיך פון הימל גענומען שיטן פעך און שוועבל, אין איין רגע האָבן זיך אָנגעצונדן גאַנצע הייזער־בלאָקן, פאַבריקן און גאַסן. אין שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געלויף; מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן. און ווי גרויס איז געווען די פאַרוווּנדערונג פון די שכנים, ווען זיי האָבן אין איינעם פון די קעלערן דערזען די „שטומע" מאַמע.

ווי אַזוי זי איז אַהער געקומען, ווי אַזוי זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון די דיַיטשישע לאַפּעס — איז לייַכט צו פאַרשטיין. דאָך האָבן זי אַלע אָנגע־קוקט ווי אַ וווּנדער. איצט, ווי באַלד זי האָט צוריק געפונען איר לשון, וואָלט זי אפשר געקענט דערקלערן דעם וווּנדער, וואָס איז מיט איר געשען, אָבער ווי דערקלערט מען אַ נס? אַפילו אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען קיין מאָל נישט געווען שטום און וואָס רעדן אויף אַ פליסיקן פראַנצויזישן לשון, וואָלטן אויך נישט געווען אין שטאַנד צו דערקלערן אַזאַ נס.

## דער פּראָצעס

אײן צינגל פֿון דער װאָגשאָל האָט איבערגעװױגן. װעלכס צינגל האָט אָבער איבערגעװױגן, װעלכס צינגל פֿון דער דאָזיקער װאָגשאָל?

דאָס צינגל, װאָס האָט סימבאָליזירט די כּלי, אָנגעפֿילט מיט בלוט פֿון זעקס מיליאָן קרבנות, האָט איבערגעװױגן דאָס בלוט פֿון אַ נאַצי־גענעראַל, דאָס בלױע און דאָס ברױנע בלוט פֿון אײנעם פֿון יענע רוצחים, װאָס האָבן זיך פֿאַרנומען אױסצוראָטן, אָפּצומעקן פֿון דער ערד־אױבער־פֿלאַך סײַ דעם גוף סײַ די נשמה פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

אײגנטלעך איז דאָס געװען אַ טאָג װי אַלע טעג — אױך פֿאַר דער געטין טעמיס, װאָס קוקט אַראָפּ פֿון דער פֿאָדערשטער װאַנט, דאָרט װוּ די טריבונע געפֿינט זיך, אַ שטרענגע, אַ קאַלטע, אַ גלײַכגילטיקע. זי קוקט אַראָפּ אױפֿן עולם, אױף די געסט, װאָס זענען געקומען אַהער, אין פּאַריזער יוסטיץ־פּאַלאַץ, אַ קוק טאָן אױף דעם הײַנטיקן באַשולדיקטן.

דער געריכט־זאַל איז געװען פֿול. נישט װײניק מענטשן האָבן צוליב דוחק אין פּלאַץ געמוזט בלײַבן אין דרױסן.

אין תּוך גענומען איז געװען שטיל, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאָר אַ טומל, אַ ליאַרעם, גלײַך אײנער װאָלט װעלן דעם אַנדערן אַריבערשרײַען. נישט אַנדערש — די דערװאַרטונג, זי גופֿא שרײַט מיט כּלערליי קולות.

און איך? איך האָב אין דער דאָזיקער שטילקייט מיטגעשריגן, גלײַך מײַנע זכרונות פֿון יענער מאױמדיקער צײַט װאָלטן אַרױסגעקראָכן פֿון זײערע באַהעלטענישן, און אַלע אױף־אַ־מאָל װאָלטן געװאָרן װאַך און לעבעדיק, און אַרײַנגעשריגן אין דער שטילקייט אַרײַן.

נאָר אָט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין מײַנע מחשבֿותן אַ קול פֿון אַ גלעקל; דאָס גלעקל פֿון דעם טריבונאַל.

דאָס געיעג פון מײַנע מחשבות האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. די שפּאַנונג האָט באַקומען אַ געשטאַלט. די יוסטיץ־געטין איז אָפּגעטראָטן אַן אַ זײַט פון מײַן זעפעלד. אינעם מיטלפּונקט פון מײַן ראיה האָט זיך באַוויזן אַ דיקער זשאַנדאַר מיט אַ רויט פּנים אויף אַ קײַלעכדיקן גוף, און דערנאָך צוויי מענער אָנגעטאָן אין ציווילע מלבושים, צוויי ייִנגערע פרויען און איינע אַן עלטערע.

— דאָס איז זי! — האָט זיך דערהערט אַ שושקעריי אינעם זאַל.

— זי, די מאַמע!

— וועמענס מאַמע?

— די „ייִדישע מאַמע"!

די „ייִדישע מאַמע". האָט מיר עמעץ אַ זאָג געטאָן שיר־שיר נישט אין אויער אַרײַן. גלײַך איך וואָלט זיך געהאַט נאָכגעפרעגט בײַ אים ווער די עלטערע פרוי איז.

איך גראַב זיך אַרײַן מיט די אויגן אין דעם פּנים פון דער „ייִדישער מאַמע", ווי מײַנע שכנים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן, מיט דער בפּירושער כוונה צו דערגיין, נאָך איידער דער טריבונאַל וועט האָבן אַרויסגעטראָגן זײַן פּסק־דין קעגן דער מערדערין, ווו די „ייִדישקייט" אירע שטעקט און ווו עס שטעקט איר „מאַמעשקייט".

אַ קאָפּ גרויע האָר קוקט אַרויס פון אונטער אַ געבלימטער שאַל: איך באַגעגן זיך מיט אירע אויגן — טיפע, גוטע און ווי צו זיך גופא פאַרקערעוועטע, וואָס זעען אַלץ און גאָרנישט; אויגן, וואָס זעען ווײַט אינעם עבר אַרײַן. איר פּנים איז צעאַקערט ווי אַ פעלד; טיפע קנייטשן שנײַדן דורך איר געזיכט אין דער לענג און אין דער ברייט, און איט־לעכער קנייטש איז אַ נעסט פאַר אַן אַנדער מין צער, פאַר אַן אַנדער קאַטעגאָריע יסורים.

די מיטלסטע טיר אויף דער טריבונע האָט זיך געעפנט און דער געריכטס־דינער מיט דער דיקער מעשענער קייט אויף דער ברוסט האָט זיך באַוויזן מיט דער בשורה, אַז דער טריבונאַל קומט אָן.

אַלע אין זאַל האָבן זיך אַ הייב אויף געטאָן פון די ערטער, ווי אין שול צו קדושה.

אַ כאָפּטע מענער אין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט פאָרטפעלן אונטער די אָרעמס האָבן, ווי עס ווײַזט אויס, געוואַרט אויף דעם דאָזיקן

סיגנאַל און זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע ווינקעלעך. צופוסנס פון דער טריבונע האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט איטלעכער בײַ זײַן שטענדער.

מיט אַ מינע פון גרויס חשיבות זעצן זיך אויס די מיטגלידער פונעם טריבונאַל. דער פּראָקוראָר פאַרנעמט זײַן אָרט לינקס פון לאַנגן טיש. דער פּאָרזיצער ווישט בינו לבינו אויס מיט אַ טאַשן־טיכל זײַנע ברילן, מיט געמאָסטענע, ווי אין פאָרויס באַרעכנטע, באַוועגונגען.

הגם אין זאַל איז רויִק, שטיל, געפינט דער פּאָרזיצער פאַר נייטיק אַ קלונג צו טאָן מיטן גלעקל. ער איז פעסט אַנטשלאָסן, באַמערקט ער, נישט צוצולאָזן קײַנע מאַניפעסטאַציעס, נישט קעגן, נישט לטובת די אָנגעקלאָגטע. מאַנאָטאָן קלינגט זײַן שטים, פאַרשלאָפן, מיט אַן אונטערטאָן פון פאַרדרוס. אפשר איז קיין שלום־בית בײַ אים אין שטוב נישטאָ? אפשר לײַדט ער אויף עפּעס אַ קרענק?

נאָר דאָס האָט מיטן עצם ענין נישט צו טאָן.

דער פּאָרזיצער נעמט אַרויסלייענען פון אַ בלאַט דעם באַשלוס פון די אויספאָרש־ריכטער צוצושטעלן צום משפט פאַרן טריבונאַל פון די געשווירענע ריכטער די הויפּט־אָנגעקלאָגטע אַלמנה יוכבד שטיינמאַן און אירע מיטהעלפערס אין מאָרד־אַקט איבערן געוועזענעם דײַטשישן גענעראַל פאָן שפּיגעלמאַן, וואָס איז געזעסן אַרעסטירט אין דער אויס־פאָרש־תפיסה און האָט געוואַרט אויף זײַן משפט:

„דעם פערצנטן מאַי 1947, לייענט ער, איז האַנס פאָן שפּיגעלמאַן, געוועזענער גענעראַל פון עס־עס, אַ באַשולדיקטער אין האָבן צווישן 1942־1944 באַגאַנגען סײַ אין פאַריז, סײַ אין דער פּראָווינץ, אַ גאַנצע רײַ פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהײַט, אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה אין פאַריז.

„די אויספאָרשונג וועגן פאָן שפּיגעלמאַנס מעשים איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן פאַרענדיקט. דעם טאָג ווען ער איז פאַרסמט געוואָרן — דאָס איז געווען דעם אַכצנטן יולי — האָט ער טאַקע געזאָלט ווידער אַמאָל דערשײַנען פאַרן אויספאָרש־ריכטער, כּדי פאַרהערט צו ווערן מכּוח זײַנער אַ געוויסער פאַראָרדענונג צו דערשיסן אַכט ערובניקעס. דער דאָזיקער פּרט איז צוליב זײַן טויט נישט אויפגעקלערט געוואָרן. דער דירעקטאָר פון דער תפיסה, רענע פאַשע, האָט בשעתו געקראָגן געהעריקע דירעק־

טיוון אַכטונג צו טון אויף דעם באַשולדיקטן פֿאַן שפּיגעלמאַן. מיר זעען, אַז נישט נאָר ער האָט דאָס נישט געטאָן, נאָר ער איז — ווילּיק צי אומווילּיק — געוואָרן אַ מין שותף אין דעם מאָרד־אַקט, וואָס יוכבד שטיינמאַן איז באַגאַנגען. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן די ביידע אַנדערע מיט־אָנגעקלאָגטע, דעם תּפֿיסה־געהילף — קאָכער זשאַן באַרדול און דעם וועכטער פּאָל לעגראַן. פֿאַרן טריבונאַל בלײַבט איבער די עובדה אויפצוקלערן די באַדינגונגען, בײַ וועלכע יוכבד שטיינמאַן איז, אָן די געוויינלעכע נייטיקע פֿאָרמאַליטעטן, צוגעלאָזן געוואָרן ווי אַ געהילף־קעכין אין דער תּפֿיסה־קיך, ווי אַזוי איר האָט זיך אײַנגעגעבן צו געווינען דעם צוטרוי פֿון דער תּפֿיסה־אַדמיניסטראַציע. דאָס אַלץ וועלן די עדות פֿעסטשטעלן. וואָס שײַך דער הויפּט־אָנגעקלאָגטער אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, יוכבד שטיינמאַן, האָט די אויספֿאָרשונג קיין גרויסע מי נישט געהאַט צו באַווײַזן, אַז זי האָט איר אַקט אויסגעפֿירט מיט אַ פּרעמעדיטאַציע. זי איז לכתחילה אָנגעקומען ווי אַ געהילף־קעכין אָדער קיך־אַרבעטערין מיט דער כּוונה צו פֿאַרסמען פֿאַן שפּיגעלמאַן. זי האָט דאָס מודה געווען שוין בײַ איר ערשטן פֿאַרהער. נאָך מער: זי האָט זיך ווי באַרימט מיט אָט דער טאָט אירער. זי האָט גענומען אויף זיך די אַחריות סײַ פֿאַר דער צוגרייטונג, סײַ פֿאַרן אויספֿירן דעם מאָרד איבער דעם געפֿאַנגענעם פֿאַן שפּיגעלמאַן.

„פֿאַן שפּיגעלמאַן האָט די אָנגעקלאָגטע שטיינמאַן קיין איין מאָל אַפֿילו פֿריִער נישט געזען. נישט זי, נישט איר, דורך דער געסטאַפּאָ פֿאַרפֿײַניקטן זון, דער סטודענט שטיינמאַן: אַזוי אַז דער מאָטיוו וואָס די אָנגעקלאָגטע גיט אָן: נקמה, לאָזט זיך באַגרייפֿן נאָר צו העלפֿט.

„דער טריבונאַל וועט דאַרפֿן אָפּשאַצן אויב און אויף ווי ווײַט אַזאַ געפֿיל קאָן אויף איר מלמד זכות זײַן. עס דאַרף גילטן ווי באַווי‌ַזן, אַז איר קרבן פֿאַן שפּיגעלמאַן איז געווען דער תּלין — הגם נישט אויף אַ דירעקטן אופֿן, וואָרעם ער גופֿא פֿלעגט זיך נישט באַטייליקן אין די עקזעקוציעס איבער פֿיל פֿראַנצויזישע בירגער, ייִדן צי נישט־ייִדן. אמת, די אויספֿאָרשונג פֿון זײַנע מעשׂים איז, ווי שוין דערמאָנט, דעם טאָג ווען ער איז אומגעקומען, נאָך נישט געווען פֿאַרענדיקט, אָבער דאָס וואָס מען ווייסט פֿון זײַן טעטיקייט איז שוין אויך גענוג אַרויסצורופֿן

אַ געפֿיל פֿון נקמה בײַ די, וואָס האָבן געליטן פֿון דער געסטאַפּאָ אין דער אָקופּאַציע־צײַט.

„וואָס פֿאַר אַ מיינונג מען זאָל אָבער נישט האָבן וועגן דעם נקמה־אַקט — מאָרד בלײַבט מאָרד! קיינער האָט נישט דאָס רעכט צו פּראָווען יוסטיץ אויפֿן אייגענעם חשבון.

„דער טריבונאַל וועט אויך דאַרפֿן פֿעסטשטעלן פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען בײַ די געשווירענע געריכטס־דאַקטוירים די זיכערקייט צו זאָגן, אַז דער געפֿאַנגענער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...״

פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס דער פּאָרזיצער האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, האָב איך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דער „ייִדישער מאַמע״, וואָס איז בעת מעשה געזעסן די הענט פֿאַרלייגט אויפֿן שויס, אַ צופֿרידענע, אַ גליקלעכע כמעט, מיט אַ קוים מערקלעכן שמייכעלע אויף די ליפּן, ווי איינע, וואָס האָט נישט פֿאַרוואָס און פֿאַר וועמען מורא צו האָבן, ווײַל זי איז שווה בשווה מיט זיך, מיט איר גורל און מיט דער גאַנצער וועלט. מיטן פֿאַרסמען דעם רוצח האָט זי אייגנטלעך פֿאַרענדיקט אַלע אירע חשבונות סײַ מיט אים, סײַ מיט זײַנע חברים. זי האָט איצט מער צו קיינעם קיין טענות נישט. נישט דאָס לעבן האָט פֿאַר איר אַ ווערט, ס׳איז באַטײַט און אפֿילו נישט דער טויט. וואָס איז דען דער טויט? וועמען קען ער שרעקן?

פֿרוי שטיינמאַן שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו דעם פּאָרזיצערס לעצטער באַמערקונג, אַז זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ פֿאַרטיידיקער. וואָרעם וואָס קען שוין אַ זײַטיקער מענטש, מעג ער ווי באַרעדעוודיק זײַן, פֿאַרשטיין אויסצומאָלן די יסורים, די ענויים קשים, וואָס די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן אָנגעטאָן איר זון, פֿאַר איר אין די אויגן?

דער פֿאַרהער פֿון די איז געווען אין פֿולן גאַנג. איך מיין די עדות, וואָס האָבן זיך באַמיט צו באַווײַזן די אומשולד פֿון די איבעריקע אָנגעקלאָגטע. זייער מיטהילף האָט נישט געקענט באַוויזן ווערן; בלויז לײַכטזין האָט מען געקענט זיי פֿאַרוואַרפֿן, נאַכלעסיקייט, מחמת זיי האָבן צוגעלאָזט יוכבד שטיינמאַן מיטגיין מיטן וועכטער בײַם אויסטיילן דאָס עסן פֿאַר די געפֿאַנגענע. דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אַרײַנצוּוואַרפֿן, אין אַ מאָמענט ווען דער וועכטער האָט אָפּגעדרייט אויף אַ רגע דעם קאָפּ, איר טאַבלעטקע סם אין פֿאַן שפּיגעלמאַנס שיסל.

מען האָט דעם פאַרהער פון די מיטאָנגעקלאָגטע און דאָס אויסהערן די עדות גיך אָפּגעפּטרט. וואָס איז דאָ געווען פיל צו דעבאַטירן? געוויס זענען זיי שולדיק, נאָר אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז די מערדערין גופא איז נישט שולדיק, וועט מען אפשר איינגעפינען, אַז אויך זיי זענען ריין פון יעדער זינד. אַזוי האָט אויסגעפירט איינער פון די מיטאָנגע־קלאָגטע. דערפאַר האָט ער זיך פאַרטיידיקט ווי מיט אַ האַלבן מויל.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי וויקטאָר, איר זון, וואָלט דאָ איצט געזעסן מיט מיר פּלייצע נעבן פּלייצע אויף דער זעלביקער באַנק. איך האָב אים ביים לעבן נישט געקענט, אָבער עס איז גענוג געווען איך זאָל אויף אַ רגע צומאַכן די אויגן, איך זאָל אים דערקענען, וואָרעם אויסגעזען האָט ער ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו מיין חבר שלמה, וואָס האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אונטער די בלוטיקע שטיוול פון די מלאכי חבלה; ענלעך צו אברהמען, וואָס איז אומגעקומען ביי די זעלבע באַדינגונגען, ענלעך צו אַזוי פיל חברים און חברטעס, וואָס זענען אַוועק פון דער וועלט צעפּערטלטע, צעשטיקלטע, אָבער אָן אַ שום פּגם אויף דער נשמה.

דאָס וואָרט האָט דער פּראָקוראָר. פאַרשלאָסן איז געווען זיין פּנים, אַפילו די אויגן זיינע, האָט זיך געדוכט, זענען אויך נישט געווען אָפן, הגם ער האָט זיך קענטיק באַמיט זיי צוצוגעבן אַ וואָס מער שטאָלענעם גלאַנץ, וואָס מער בליצאַרטיקייט. ער האָט זשאָנגלירט מיט פּאַראַגראַפן: טורמע, אייביקע תּפיסה, טויט־שטראָף. יאָ, טויט־שטראָף, האָט ער דער־מאָנט, קומט על־פּי פּאַראַגראַף 212 פאַר מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע, און היות זי, יוכבד שטיינמאַן, איז די מערדערין, זאָל זי, ווענדט זיך צו איר דער פּראָקוראָר מיט פּאַטאָס, זאָל זי זיך נישט אָפּזאָגן פון אַן אַדוואָקאַט. עס איז אַן ערנסטער מאָמענט ביז גאָר, טאָ זאָל זי נישט זיין איינגע־עקשנט; זאָל זי דערציילן נאָך מער פּרטים איבער די מאָטיוון, וואָס האָבן זי געשטויסן צו דער דאָזיקער טאָט. וואָרעם עס קען דאָך נישט זיין זי זאָל האָבן געוואָלט מאַכן פון אים דאָס כפּרה־הינדל פאַר מעשׂים, וואָס נישט ער גופא האָט אָפּגעטאָן, ווי זי גופא האָט דאָס צוגעגעבן ביי דער אויספאָרשונג.

דאָס, אָדער כדומה לזה, האָט דער פּראָקוראָר געטענהט.

און נאָך אַ פאָרוואורף האָט דער פּראָקוראָר געמאַכט דער אָנגעקלאָגטער: הלמאַי זי האָט מיט איר פאַרצווייפלונג געוואַרט אַזוי לאַנג?

ער האָט זיך אָבער באַלד אַליין געכאַפּט, אַז זיין טענה איז גאָר קיין טענה נישט, וואָרעם זי האָט פּשוט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו קענען נקמה נעמען פּערזענלעך, מיט די אייגענע הענט.

אָבער דאַן האָט דער פּראָקוראָר זיך געוואָנדן צום עולם, גלייך ער וואָלט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן פאַר דער ראַל, וואָס אים קומט אויס צו שפּילן אויפן פּראָצעס: —

מיין אויפגאַב איז גאָרנישט קיין לייכטע, מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט נאָר מיט צוויי צדדים, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ מערדער און מיט אַ דערמאָרדעטן, נאָר מיט אַן אַ צאָל הרוגים; צווישן דער מערדערין און דעם געמאָרדעטן ליגן גאַנצע בערג מיט אומשולדיק דערמאָרדעטע. ווי איר זעט, מיינע הערן געשווירענע ריכטער — האָט ער זיך אומגעדרייט אויף דאָס ניי מיטן פּנים צום טריבונאַל — ווי איר זעט, גייט דער דאָזיקער פּראָצעס אַראָפּ פון זיינע געוויינלעכע רעלסן. די שאָטנס פון די טויטע פאַרשטעלן אַלע מיינע פּאַראַגראַפן. איך בין פאַרן אמת, פאַר דער מידת־הרחמים אויפן צד פון דער באַשולדיקטער יוכבד שטיינמאַן. אַ שטראָף קומט איר, אָבער אַ מילדע שטראָף... די אָנגעקלאָגטע האָט — דאָס שטייט פעסט — נישט געהאַנדלט צוליב נידעריקע מאָטיוון. איר אייגענער גורל און דער טרויעריקער סוף פון איר זון האָבן זי געשטויסן צום מאָרד.

און אָט דערהער איך אַ שטים פון אַ פרוי גאָר נאָענט פון מיר, אַ שטים, וואָס איז אַרומגערינגלט דורך אַ מאָוימדיקער שטילקייט:

— ניין, איך וויל נישט קיין אַדוואָקאַטן, וואָס זאָלן מיך פאַרטיידיקן, הערן געשווירענע ריכטער. מיין זון וועט שוין צוריק לעבעדיק נישט ווערן! און איך — וואָס טויג מיר נאָך זיך אַרומצודרייען אויף דער וועלט, ווו איך האָב קיינעם נישט? וואָס טויג מיר זיך צו פאַרענטפערן, ווען איך ווייס, אַז עס איז קיין ענטפער פאַר מיר אין ערגעץ נישט פאַראַן, אַפילו נישט אינעם טויט, אַוודאי און אַוודאי נישט אינעם לעבן? —

דאָס איז געווען אַ קול, אַ טויבס און אַ הילכיקס צו גלייכער צייט; אַ קול אַ באַלאַדנס מיט ביישטימען, מיט ווידערקולות, וואָס האָבן אים דאָ געהאַלטן אין צוים, נישט געלאָזט אים זיך פאַרנעמען צו פיל אין דער הייך, און דאָ ווי געשטופּט פאָרויס, געשליידערט אַרויף, אַלץ העכער

און העכער; אַ קול אַ שוואַכינקער, אַן אָרעמער און מעכטיקער; אַ קול אַן אָנגעזעטיקטער מיט צער. אַ שווערער און דאָך אַ לײַכטער, אַ באַפליגל־טער; אַ קול, וואָס האָט געפּאָדערט גערעכטיקייט — נישט פאַר זיך גופא, נאָר פאַר אַ גאַנצן דור, פאַר דער וועלט, פאַר דער גאָרער מענטש־הייט — הגם געוווסט האָט ער, אַז די דאָזיקע פאָדערונג וועט קיין מאָל נישט קענען דערפילט ווערן, טאַקע דערפאַר ווײַל דאָס דאָזיקע קול איז אַ קול אין דער מידבר...

איך האָב בפירוש געפילט, אַז די שטים פון דער „יידישער מאַמע" איז געוווען אַ צו שמאָלע, אַ צו קליינע כלי פאַר דעם גרויסן צער, וואָס זי האָט אין איר געוואָלט אַרײַנגיסן. דער צער איז אַריבערגעגאַנגען די ראַנדן.

— איך וועל זיך איצט דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין שילדערן אַלע פּרטים פון די לײַדן אונדזערע. דער טויט שרעקט מיך נישט מער. נאָכדעם ווי איך האָב זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט אים, אין אַזוינע באַדינגונגען, ווו ער איז געוווען גאָר אַ ליבער גאַסט, האָט דער טויט אויף מיר נישט מער קיין שליטה.

— דאָס אַנטלויפן פון פּאַריז איז געוווען מײַן ערשטער עטאַפּ אויפן לאַנגן, בלוטיקן וועג, וואָס האָט געדויערט מער ווי פיר יאָר. דער צווייטער עטאַפּ מײַנער איז געוווען — פון דער פּראָווינץ צוריק קיין פּאַריז. מײַן זון, וויקטאָרן, האָט זיך געהאַט אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן פון דער געפאַנ־גענשאַפט. איך האָב געהאַט בדעה צו ליקווידירן מײַן ביסל באַלעבאַ־טישקייט און צוזאַמען מיט אים צוריק זיך אַריבערקלײַבן אין דער אַזוי גערופענער פרײַער זאָנע.

— מײַן זון איז, ווי פיל אַנדערע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, אַנטלאָפן פון זײַן לאַגער. האָבן מיר, הייסט עס, זיך אַריבערגעשמוגלט, נישט אָן שוועריקייטן, אויף יענער זײַט. מײַן זון האָט זיך תּיכּף פאַר־בונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג און האָט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, געשטעלט אין קאָן. ער איז געוווען אַ געזונטער מאַן און האָט פאַרמאָגט אַ שיינע פרוי און אַ יונג קינד. האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער אָפּגעגעבן זײַן לעצטן עקזאַמען אין דער סאָרבאָנע, עס איז אים פאַר־געשטאַנען אַ בכּבודיקע צוקונפט ווי אַן אינזשיניער־כעמיקער. איך דאַרף אײַך נישט דערציילן מיט וויפל סכּנות זײַן פּאַרטיזאַנען־טעטיקייט איז

געוועז פֿאַרבונדן. טויט אויף טריט און שריט, און אַזוינס, וואָס איז נאָך ערגער פֿון טויט.

— אין יאָר 1943 איז מײַן זון צוגעשטאַנען צו אַ ייִדישער פּאַרטיזאַנען־פֿאָרמאַציע; מײַן שנור איז געווען פֿאַרנומען מיט אַן ענלעכער טעטיקייט. זייער קינד איז געבליבן מיט מיר אין שטוב. איך האָב קיין מאָל נישט אויסגעפֿרעגט מײַן זון וואָס ער טוט, ווײַל איך האָב מורא געהאַט זיך צו דערוויסן אַ נאָמען, אַ דאַטע, ווי איינער, וואָס ווערט אײַנגעשפּאַרט אין אַ צימער ווו עס געפֿינט זיך אַ צײַט־באָמבע, האָט מורא, אַז אָט־אָט פּלאַצט זי. אויב מען איז אַליין נישט געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג, איז צו יענער צײַט געווען כדאַיער גאָרנישט צו וויסן. איך האָב שטענדיק געציטערט פֿאַר זײַן גורל. פֿונדעסטוועגן — איך דערמאָן דאָס איצטער נישט אָן אַ געוויסן שטאָלץ — האָב איך קיין מאָל נישט געפּרוּווט אויף אים משפּיע צו זײַן. נישט מיט אַ וואָרט, נישט מיט אַ רמז אָפּילו, אים אָפּצוהאַלטן פֿון דעם וועג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן.
— מיט ציטערניש און מיט דערוואַרטונג האָב איך אויסגעפֿילט יעדע מינוט מײַנע; דער מינדעסטער גערויש, וואָס פֿלעגט דערגיין צו מיר סײַ פֿון דרויסן, פֿון דער גאַס, סײַ פֿון אינעווייניק, פֿון מײַנע געדאַנקען, פֿלעגט בײַ מיר ממש אָפּנעמען הענט און פֿיס.

— און אָט: אַ פֿרימאָרגן. אַרום צען אַזייגער איז דאָס געווען. מײַן אייניקל איז שוין געווען אין שול. מען קלאַפּט אין טיר. מײַן זון האָט אַן אייגענעם שליסל, מײַן שנור אויך. איך האָב קוים באַוויזן צו עפֿענען די טיר, ווי איך בין פֿון אַ סך פּאָר הענט צוריק אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן מיט אַזאַ כּוח, אַז איך בין אומגעפֿאַלן. פֿינף געסטאַפּאָ־לײַט, פֿינף האַנט־מאַשין־געווער האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו מיר אין שטוב אַרײַן. איך בין געלעגן אויף דער ערד. וואָס ווײַטער ס'איז געשען, געדענק איך נישט קלאָר, ווײַל איך בין געלעגן אין חלשות. ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָב איך געזען אַן איבערגעקערטע שטוב. אַלץ איז געלעגן אויף דער ערד, ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די טיש־קעסטלעך אַרויסגעצויגן פֿון די טישן, די שופֿלאָדן פֿון דער קאָמאָד זענען געלעגן צעבראָכענע. הויפֿנס פּאַפּירן און מלבושים האָבן זיך געוואַלגערט אין מיטן שטוב. די שרעק האָט מיר געהאַט צוגענומען דאָס באַוווסטזײַן. די זעלביקע שרעק האָט, ווי עס ווײַזט אויס, מיך אָפּגעמונטערט.

די געסטאַפּאָ! די געסטאַפּאָ! האָט מיר געפּויקט אין די שלייפן, די געסטאַפּאָ ביי מיר אין שטוב, מיט האַנט־מאַשין־געווער, היינט, דעם 17־טן יולי, אין אַ טאָג, האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט, ווען עטלעכע חברים דאַרפן זיך טרעפן מיט מיין זון צו אַ באַראַטונג. ווען דאַרפן זיי קומען? עלף אַזייגער דאַרפן זיי זיך דאָ טרעפן! עלף אַזייגער! און איך ליג דאָ און קען זיי נישט וואָרענען. די שרעק, האָב איך געזאָגט, האָט מיר אָפּגענומען דאָס באַוווסטזיין, און די אייגענע שרעק האָט מיר פּלוצלונג אַריינגעגעבן אַ געדאַנק וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב זיך געגעבן אַ הייב אויף פון דער ערד, מיט איין שפּרונג בין איך געשטאַנען ביים פענצטער. נאָך איידער די געסטאַפּאָ־לייט האָבן צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָב איך שוין געהאַט אויפגעריסן דאָס פענצטער און האָב ווי נישט מיט מיין קול אָנגעהויבן שריַיען: העלפט! גנבים, גזלנים זענען מיך באַפאַלן! העלפט!"

דער געדאַנק איז געווען אַזאַ: זאָל מען זיך צוזאַמענלויפן, זאָל ווערן אַ געזעמל אויפן גאַס. טאָמער קומען אונטער בינו לבינו מיין זון מיט זיינע חברים, וועלן זיי אַוודאי פאַרשטיין, אַז די געסטאַפּאָ געפינט זיך אין שטוב און זיי וועלן קענען באַצייטנס אַנטלויפן.

— איך פאַרשפּאַר אייך צו דערציילן, ווי אַזוי די געסטאַפּאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. אָבער מיינס האָב איך שוין געהאַט אויס־געפירט. מיין שנור איז געקומען די ערשטע. זי האָט לאַנג נישט געדאַרפט אויספרעגן די שכנים, וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אָפּגעוואַרט אויפן ראָג גאַס די חברים און האָט באַוויזן זיי איבערצוגעבן די ידיעה. די באַראַטונג עלף אַזייגער איז שוין נישט צושטאַנד געקומען. איך האָב געטראַכט, אַז זיי וועלן דאָ מאַכן באַלד אַ סוף מיט מיר. אָבער, ניין! זיי האָבן משמעות מיך נאָך געדאַרפט האָבן אַ לעבעדיקע... זיי זענען פאַרבליבן מיך היטן טאָמער וועט פאַרט עמעץ קומען אומגעריכט.

— אַזוי איז אַריבער איין שעה נאָך דער אַנדערער; נישטאָ גאָר אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל קענען איבערגעבן דעם צושטאַנד אין וועלכן איך האָב זיך געפונען: פון איין זייט האָפענונג, אַז מיין זון איז שוין אַ גראַ־טעוועטער און פון דער צווייטער זייט שרעק, טאָמער וועט מען אים דאָך כאַפּן. אין אָט דעם צושטאַנד האָב איך זיך געפונען אַ גאַנצן טאָג, ביז די טיר איז אומפּסניי אויפגעריסן געוואָרן און אַנדערע געסטאַפּאָ־מחבלים

האָבן אַרײַנגעוואָרפן אין שטוב אַרײַן מײַן זון. איך האָב מײַן קינד קוים דערקענט. זײַן פּנים איז געווען איין־איינציקע ווונד, בלוט האָט זיך אים געגאָסן פון מויל, פון דער נאָז, פון די אויערן; איך האָב גענומען אים אָפּווישן דאָס בלוט. זיי האָבן מיר נישט געשטערט, האָט דאָס מיך שטאַרק געחידושט. נאָך מער: איינער פון זיי האָט מיר אַפילו געזאָגט איך זאָל אים באַנדאַזשירן דעם קאָפּ און זאָל אים מאַכן אַ גלאָז טיי, ווײַל ער איז מסתּמא דורשטיק, פאַרשמאַכט. אַזוי בפירוש האָט ער זיך אויסגעדריקט, גלײַך ער וואָלט געווען אַ פּאַרטיזאַן נישט קיין געסטאַפּאָ־מאַן, נישט דער, וואָס האָט אים אפשר אַליין אַזוי צעשלאָגן.

— אַרײַנגעפאַלן איז מײַן זון מיר אין די אָרעמס כמעט אַ טויטער, קוים־קוים, וואָס די נשמה האָט געצאַפּלט אין אים. מיר איז געראָטן אים אויפצוועקן פון זײַן לעטאַרגישן צושטאַנד. איך האָב אים אײַנגעשטילט דאָס בלוט; איך האָב אים באַנדאַזשירט דעם קאָפּ; איך האָב אים אַנידער־געלייגט אויף דער סאָפע. אַלץ אונטער די אויגן פון די געסטאַפּאָ־לײַט, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט זייערע געווערן. איך האָב זיך צוגעזעצט נעבן אים. אים געגלעט די הענט. דאָס איז געווען אַזאַ מין שמועס אָן ווערטער, אַ שמועס, וואָס יעדער מאַמע פירט מיט אירן אַ קראַנקן קינד. עס איז נישט געווען קיין רייד נישט פון דער געשעעניש, נישט פון דער געסטאַפּאָ. אַ שעה צײַט האָט דאָס אפשר געדויערט. דערנאָך האָט איינער פון זיי אים געהייסן זיך אַנידערזעצן: „די קור האָט זיך געענדיקט פאַר דיר, דו חזיר־ייִד, וואָס דו ביסט!" — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף אים. „און דו, ייִדישע מאַמע! — האָט זיך אַ צווייטער צו מיר געוואָנדן — דו, ייִדישע נקבה, דאַרפסט זען ער זאָל רעדן, אַנישט וועלן מיר באַלד דאָ שיקן נאָכן מלאך המוות פאַר אײַך ביידן..."

— און עס האָט זיך אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן דער פאַרהער: ווו איז דער און יענער? ווי הייסט מיט זײַן אמתן נאָמען דער און יענער? און נאָך אַזוינע פראַגעס, וואָס איטלעכע פון זיי איז געוואָרן אונטערגעשטיצט דורך מוראדיקע קלעפּ. מײַן זון האָט געשוויגן. ער האָט רק געשאָקלט מיטן פאַרבלוטיקטן קאָפּ אויף „ניין"; ער ווייסט נישט, ער ווייסט נישט פון גאָרנישט; ער געדענקט נישט; ער זאָגט נישט... דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו מיר. איך זאָל אים צווינגען צו רעדן, האָבן זיי פאַרלאַנגט

פון מיר. און איך האָב אים נישט געצוווּנגען. פאַרקערט, יעדער בליק מײַנער האָט אים אונטערגעגעבן מוט צו שווײַגן, עקשנותדיק צו שווײַגן, און מעג אונדז דערבײַ ביידן קאָסטן דאָס לעבן!

— האָבן זיי גענומען אונדז שלײַדערן איינעם צום צווייטן, איינעם אויף דעם אַנדערן; ווי אין פוטבאָל האָבן זיי מיט אונדז געשפּילט. אָבער איצט האָב איך שוין מײַן זון נישט געקענט פאַרבינדן די ווונדן, ווײַל איך בין געבליבן ליגן אויף דער ערד און נישט אומשטאַנד געווען אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. אפשר בין איך ווידער געפאַלן אין חלשות? איך ווייס נאָר, אַז באַלד האָט זיך די הריגה אָנגעהויבן אויף דאָס נײַ. אוודאי איז דאָס געווען אויך אַ מין פוטבאָל־מעטש, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי אונדזערע קערפּערס געדאַרפט הייבן, שלעפּן, איידער זיי האָבן אונדז געשלײַדערט. פון איצט אָן ווערן מײַנע זכרונות מטושטש. וואָס איז מיט אונדז געשען אין דער דאָזיקער לאַנגער נאַכט, בין איך נישט ביכולת צו שילדערן.

— אין דעם דאָזיקן קאָשמאַר איז ער געלעגן אַ נאַקעטער. דאָס האָבן זיי געהאַט אַרונטערגעריסן די מלבושים פון אים. אַ צעבלוטיקטער איז ער געלעגן, מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. און זיי כּסדר: „רעד! רעד! רעד!"

— דערנאָך האָבן זיי פאַר מיר אין די אויגן אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס איך וואָג קוים אויף די ליפּן מײַנע אַרויפצוברענגען. זיי האָבן אים אַנטמאַנט... כ׳געדענק, אַז איך האָב זיך צעשריגן ווי אַ חיה. כ׳האָב געשריגן ווי נישט מיט מײַן קול; איך האָב פּשוט נישט דערקענט מײַן אייגענע שטים.

— נאָך דער שרעקלעכער נאַכט איז געקומען אַ באַגינען, און מיט אים אַ לאַסט־אויטאָ. יאָ, אינעם אויטאָמאָביל בין איך משמעות צו זיך געקומען. נעבן מיר איז געלעגן מײַן זון, אַ גוססער. כאַרכלענדיק, געדענק איך, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אָפּרײַסן איינעם פון די פאָדערשטע קנעפּ פון זײַנע הויזן, וואָס איז נישט קיין קנאָפּ, נאָר אַ טאַבלעטקע סם און זאָל דאָס אים געבן, ווײַל ער האָט קיין כּוח נישט מער אַריבער־צוטראָגן די יסורים; ער וויל זיך פאַרסמען. איך האָב די טאַבלעטקע סם באַהאַלטן אין מײַן בוזעם. איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים אונ־טערצוטראָגן דעם סם מיט מײַנע אייגענע הענט.

— דער לאַסט־אויטאָ איז אָנגעקומען אויף עפּעס אַ ליידיקן פּלאַץ

הינטער דער שטאָט. אַ האַלב־אָפּגעבערנט הויז איז דאָרט געשטאַנען. נאָענט דערבײַ זענען געלעגן אַ פּאָר צענדליק טויטע, איינער אויפן אַנדערן, אַ קופּע טויטע, אַ באַרג הרוגים. זיי האָבן צוגעטראָגן מײַן גוססן זון צו דער קופּע, האָבן אים ווי נישט איז אויפגעשטעלט אויף די פיס און דערשאָסן. איך האָב נישט געוויינט זעענדיק ווי מײַן זון פאַלט אַרײַן אין דער קופּע, איך בין געווען ווי פאַרגליווערט.

— מיך האָבן זיי נישט דערשאָסן. די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט. מסתּמא האָבן זיי געהאָפט, אַז עמעץ וועט מיך דערקענען און וועט זיך אָפּשטעלן מיט מיר רעדן. אָבער קיינער האָט מיך נישט דערקענט, קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט מיר רעדן. איך האָב געטראָגן די טאַבלעטקע סם אויף מײַן ברוסט, וואָס האָט מיך געוואָרעמט און ווי געטרייסט איך זאָל נישט מורא האָבן נישט פאַרן טויט, נישט פאַרן לעבן...

— אין אָוונט איז דער הימל שוואַרץ געוואָרן פון די אַנגעפלויגענע בלײַענע פייגל. די דאָזיקע פייגל האָבן אָנגעהויבן שיטן באָמבעס אויף דער פאַבריק־געגנט, וווּ איך און מײַנע באַגלייטער, צוויי געסטאַפּאָ־לײַט זענען גראָד געגאַנגען „שפּאַצירן". זיי זענען פאַרשווונדן. איך בין געבליבן איינע אַליין. איך בין געגאַנגען צווישן ברענענדיקע הײַזער. קוימענס זענען אײַנגעפאַלן. הרוגים זענען געלעגן אויפן גאַס; איך בין איינע געווען אויף דער וועלט, ווי אַלע מאַמעס נאָכדעם ווי זיי פאַרלירן אַן איינציקן זון.

אַ באַקאַנטער מײַנער, האָט מיך געטראָפן בלאָנדזשען אין שטאָט און האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, איך זאָל דאָרט קומען אַ ביסל צו די כּוחות. אַזוי דוכט מיר איז דאָס געווען. איך קען זיך געווי נישט דערמאָנען, וואָס מיט מיר איז געשען נאָך מײַן זונס טויט. אָבער די טאַב־לעטקע סם האָב איך געטראָגן אויף מײַן האַרצן. די דאָזיקע טאַבלעטקע סם איז געוואָרן דער אינהאַלט פון מײַן לעבן. איר דאַרפט אָבער נישט מיינען, אַז איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד־געדאַנקען. חלילה!

די טאַבלעטקע סם האָב איך געהיט ווי אַן אוצר. זי איז געוואָרן מײַן קמיע. נאָך מער. זי איז געווען פאַר מיר אַ מין צוואה פון מײַן זון. בײַ איטלעכן יאָרצײַט פון מײַן זונס טויט פלעג איך אָפּריכטן אַ מין תּפילה איך זאָל זוכה זײַן אויסצופירן זײַן צוואה.

— און אַט איז אונטערגעקומען אַ יאָרצײַט, ווען מיר איז געראָטן אויסצופירן מײַן זונס צוואה. פאַן שפּיגעלמאַן, בין איך זיכער, האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט. וואָרעם אין די לאַבאָראַטאָריעס פון דער פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג איז פאַבריצירט געוואָרן אַ זייער אַקטיוועו סם. גוטע כעמיקער האָט די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פאַרמאָגט! די איבעריקע פּרטים זענען אײַך באַקאַנט. און איצט, מײַנע הערן געשווױ־רענע, בין איך גרייט אויפצונעמען יעדן פסק־דין, וואָס איר וועט אַרויס־טראָגן קעגן מיר. איך האָב געהאַנדלט לויט מײַן אײַנזען און לויט מײַן געוויסן.

די אַדוואָקאַטן, וואָס זייער פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ פאַרוועדט זיי נתפעל צו ווערן פון אַ רעדע, וואָס נישט זיי האָבן געהאַלטן, זענען אויך געווען גערירט. סײַ דער עולם סײַ די אַדוואָקאַטן, סײַ די געשוווירענע אינאיינעם מיט זייער פּאָרזיצער און מיטן פּראָקוראָר, האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון פאַרלעגנהייט; אַ מין פּחד האָט זיי באַהערשט פאַרן פאַכען פון דעם טויטס פליגל, וואָס האָט זיך געשפּירט אינעם זאַל. נאָר זי איינע, יוכבד שטיינמאַן, די „יידישע מאַמע", איז געזעסן רויִק, ווי זי וואָלט זיך געפונען גאָר ווײַט פון איר אייגענעם פּראָצעס. עס האָט אויסגעזען גלײַך זי וואָלט געהאַט פאַרטיידיקט אַ פרעמדן, אַ ווײַטן, אַ מענטש אָן פלייש און אָן בלוט.

די ריכטער זענען, אַרײַנגעגאַנגען אינעם צווייטן צימער זיך באַראָטן. עס זענען פאַרבײַ נישט מער ווי צען מינוט, און זיי זענען אַרײַנגעקומען צוריק מיט באַרויִקטע פּנימער.

דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ נערוועזן קול גענומען לייענען דעם פסק־דין:

— דער תּפיסה־דירעקטאָר ווערט פאַרמשפּט אויף אַ חודש בתּנאַי און צו באַצאָלן הונדערט פראַנק שטראָף אויך בתּנאַי. דער תּפיסה־קוכער און דער וועכטער ווערן פאַרמשפּט יעדערער צו באַצאָלן הונדערט פראַנק שטראָף בתּנאַי. די אָנגעקלאָגטע יוכבד שטיינמאַן, איז באַפרײַט אָן קיין שום תּנאַי און קומט אַרויס ריין פון אַ מאָרד־אַקט, וואָס אירע הענט האָבן טאַקע אויסגעפירט, אָבער וואָס זי האָט געטאָן אין שליחות פון איר זון, וויקטאָר שטיינמאַן, אַ קרבן פון חיהשן נאַציזם און אַ העלד פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

# דאָס געוויסן

זינט פאַראַיאָרן זומער, יעדן באַגינען, צווישן פינף און זעקס, ווינטער צווישן זיבן און אַכט, האָט מאַרי קעניג — איידער נאָך אַפילו זי פלעגט נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, איידער נאָך זי האָט באַוויזן צו פאַרטראַכטן וואָס אַזוינס זי האָט געהאַט צו דערליידיקן — אויפגעהויבן דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן און אָנגעקלונגען צו עפּעס אַן אײַנוווינער פון אַ הויז אויף דער אַוועני וויקטאָר הוגאָ. זי האָט געוואַרט ביז יענער האָט זיך אָפּגערופן און קוים האָט ער זיך אָפּגערופן, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן צי ער האָט טאַקע געוווינט אין דעם דאָזיקן הויז.

זי האָט געוואַרט אַ רגע — ווי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם — און האָט צוריק אויפגעהאָנגען דאָס טרײַבל.

אַזוי האָט זי זיך לעצטנס נוהג געווען. געדוכט האָט זיך איר, אַז אַנדערש קאָן גאָר נישט זײַן. ווי אַ שלוסוואָרט פון דער נאַכט און — ווי דער אויסגעשריי פון אַ טאָג וואָס הייבט זיך אָן. אַ טאָג וואָס קיינער ווייסט נישט מיט וואָס און ווי אַזוי ער וועט זיך ענדיקן.

— זענט איר דער אײַנוווינער פון דעם הויז?

נאָר ד אָ ס האָט מאַרי געוואָלט וויסן, נישט מער. פאַר וואָס? צוליב וואָס?

אַוודאי וואָלט כדאַי געווען צו וויסן צי די אָדער יענע פאַמיליע, פון די צענדליקער פאַמיליעס, וואָס האָבן געוווינט אינעם גרויסן הויז אויף אַוועני וויקטאָר הוגאָ, האָט דאָרטן געוווינט שוין מיט צוואַנציק יאָר צוריק. וואָלט זי געוווּסט אויך דעם פּרט, וואָלט זי געקאָנט פאַרקלענערן די צאָל טעלעפאָנען אָנרופן אירע נאָר צו די עלטערע איינוווינערס. איר אַנקעטע וואָלט אַזוי אַרום שטאַרק פאַראיינפאַכט געוואָרן, די שאַנסן צו אַנטדעקן דעם וועמען זי זוכט, וואָלטן דעמאָלט געווען אַ סך גרעסערע. אָבער

ביז איצט האָט קיינער איר נישט געהאַט דערציילט זינט ווען ער האָט געוווינט אין דעם הויז.

צו דער דאָזיקער — זייער וויכטיקער — פראַגע איז מאַרי קעניג קיין מאָל נישט דערגאַנגען. גיין פרעגן די הויז־וועכטערין (וואָס איז אַגב געווען זינט דער באַפרײַונג אַ נײַע, די דריטע שוין) האָט זי זיך נישט געטרויט. אפשר וואָלט די וועכטערין גאָר נישט געוואָלט ענטפערן, אין אַ צײַט ווען פּאַריז איז פאַרפּלייצט פון אַ כוואַליע אַטענטאַטן, דורך די אָנהענגערס פון אַ פראַנצייזישער אַלזשיריע...

אַ וווּנדער וואָס ביז איצט האָט מען זי נאָך נישט אַרעסטירט, וואָרעם ווי־נישט־ווי האָבן די שכנים פון דאָזיקן הויז געמוזט דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן די דאָזיקע סודותפולע פריִע אָנרופן. אפשר האָבן זיי אויך בײַ דער פּאָליציי זיך באַקלאָגט וואָס זיי ווערן אויפגעוועקט פון שלאָף אַלע באַגינען. נישט שוין זשע קאָן די פּאָליציי נישט דערגיין ווער דער דאָזיקער אַנאָנימער „טעלעפאָניסט" איז, פון וואַנען ער טעלעפאָנירט, וואָס און וועמען ער זוכט?

טייל מאָל מיינט מאַרי, אַז זי אַליין וואָלט געדאַרפט גיין דערציילן דער פּאָליציי וועגן איר טראַגעדיע. אפשר וואָלט מען איר געהאָלפן... זי באַקלערט זיך אָבער גלײַך, אַז דאָס איז קיין אויסוועג נישט, ס'קאָן דאָך זײַן, אַז די פּאָליציסטן וואָס זענען שולדיק אין דעם טראַגישן טויט פון אירע עלטערן, זענען די זעלביקע צו וועמען זי וועט זיך ווענדן נאָך הילף. נישט אַלע פּאָליציסטן־קאָלאַבאָראַטאָרן זענען באַזײַטיקט געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס. זי איז נישט די ערשטע פּערזאָן וואָס זאָגט נישט אויס איר נאָמען דעם צו וועמען זי טעלעפאָנירט. די סיבות פון אַזאַ מין געהיימניש־פול־אַנאָנימער טעלעפאָנישער פאַרבינדונג זענען טאַקע נישט אַלע מאָל די זעלביקע. אָבער דער אופן ווי אַזוי דאָס קומט צו שטאַנד איז דער זעלביקער: אויפגעהויבן דאָס טרײַבל, עפּעס געפרעגט, אָדער געזאָגט, אָדער אַרײַנגעזאָגט מיט אַ פאַרשטעלטער שטים און — שוין.

צו מאָרגנס ווי זי האָט געהאַט אָפּגעגעבן איר לעצטן עקזאַמען און באַקומען איר דיפּלאָם פון געשיכטע, האָט זי, לויט דער אַלטער געוווינשאַפט, ווידער זיך געוואַנדן טעלעפאָניש צו איינעם פון די איינוווינערס פון דעם הויז ווו זי האָט געהאַט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן.

אָפּגערופן האָט זיך (ווי דאָס איז שוין אַ סך מאָל געשען) נישט קיין פּרוי, נאָר אַ מענער־שטים. אויף איר אויסטערלישער פּראַגע, צי איר מיט־שמועסער ווינט טאַקע אין דעם דאָזיקן הויז, האָט ער האַלב אין געלעכ־טער, האַלב אין ערנסט, געענטפערט

— וואָלט איך דאָ נישט געווינט, וואָלט איך אײַך נישט געענטפערט פון דאַנען, מאַדאַם. וואָלט איך נישט געהאַט דעם כּבוד אײַך צו קענען ענט־פערן, אָבער אפשר וועט איר, מאַדאַם, פאַרט האַלטן פאַר נייטיק מיר צו זאָגן וועמען איר זוכט ?

זײַן פּראַגע איז אויך פאַר איר געווען אַן אויסטערלישע. און וועמען, אין דער אמתן, האָט זי געזוכט. פון וואַנען און ווי אַזוי וואָלט זי זיך גע־קאָנט דערוויסן, צי ער איז טאַקע דער געזוכטער, אָדער נישט ?

זי איז נישט געווען בכּוח צו ענטפערן. דווקא ווײַל זי האָט דעם דאָזיקן מאָמענט — צום ערשטן מאָל זינט זי האָט אָנגעהויבן קלינגען אַלע אין דער פרי — אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַר וואָס זי האָט געוואָלט הערן די שטים פון יענער זײַט דראָט. זי האָט עפּעס גענומען באַגרײַפן, אַז הערנ־דיק אַ הייזעריקלעכע, אָדער טעמפּע, אָדער אַפילו אַ זיך־בייזערנדיקע שטים (נאָר וואָס אַרויסגעריסן פון שלאָף) וועט זי קיין מאָל נישט קאָנען דערגיין וואָס די שטים האָט אין אַ באַשטימטן מאָמענט דערציילט דער פּאָליציי און האָט אַזוי אַרום אומגעבראַכט צוויי לעבנס. צוויי לעבנס וואָס זיי פאַרדאַנקט זי, מאַרי קעניג, איר אייגן לעבן.

און אָט איז איר ווײַטער דורכגעפלויגן בליץ־שנעל אַ געדאַנק: אויב אַפילו די שטים וואָס זי הערט דורכן טעלעפאָן איז טאַקע די זעלביקע וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געמסרט אירע עלטערן, האָט זי דאָך פאַר דער דאָזיקער צײַט געוויס זיך שטאַרק געענדערט.

אָבער אויך אין אַ שטים קאָן זיך אויפכאַפּן אַ געוויסן. אויך אַ שטים קאָן חרטה האָבן. מאַלע וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט אַ שטים.

„געוויסן"... דאָס איז דאָס וואָרט וואָס מאַרי קעניג זוכט שוין יאָרן־לאַנג. זי האָט געזוכט דאָס וואָרט, ממילא אויך דעם מענטש, איר שכן, וואָס איז געווען שולדיק אין טראַגישן טויט פון אירע עלטערן. זײַן געוויסן האָט

זי געזוכט, אַט פאַר וואָס זי האָט טעלעפאָנירט טאָג־איַין, טאָג־אויס, אין יענעם הויז ווו זי האָט פאַרלוירן איר טאָטן און איר מאַמען.

די אומבאַקאַנטע מענער־שטים האָט איר דורכן טעלעפאָן פלוצלונג אַ פרעג געטאָן ווער עמען זי זוכט, — אים דאַרף זי איצט ענטפערן. צום ערשטן מאָל ווייסט זי אויך וואָס זי האָט אים צו ענטפערן.

— דאָס געוויסן זוך איך, — האָט זי אים געענטפערט.

יענער, דער אומבאַקאַנטער, האָט מיט אַזאַ מין ענטפער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט זיך באַגנוגענען. ער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט אים געענטפערט, איבערגעפרעגט זי איין מאָל, אַ צווייט מאָל. אפשר האָט ער איר שטים געהערט צום ערשטן מאָל, כאָטש ער וווינט אין איינעם מיט זיין מוטער אינעם הויז שוין זינט דריי חדשים?

— איך הער אייַך שלעכט — האָט די מענער־שטים אַריַינגעשריגן אין טריַיבל — רעדט דייַטלעכער! רעדט העכער! ווי איז זייַן נאָמען? גע־געוויסן זאָגט איר? אַ מאָדנער נאָמען...

— יאָ, יאָ געוויסן, — האָט מאַרי געענטפערט מיט אַן אַנטשלאָסן קול.
— דאָס פראַנצייזישע געוויסן זוך איך!

— איך פאַרשטיי אייַך אַלץ ווייניקער, מאַדאַם. מייַן נאָמען איז לע־זשאַנדער, נישט ווי איר זאָגט. סיידן איר מאַכט אַ געלעכטער, טאָ זאָגט זשע באַלד, אַז איר האָט ליב צו מאַכן נישט זייער קיין געלונגענע וויצן אָדער אפשר גאָר, מאַדאַם, איך בין אַ סטודענט פון מעדיצין, איך האָב געמאַכט מייַן סערטיפיקאַט פון פסיכיאַטריע, איך האָב...

— איך, זעט איר, פאַרשטיי יאָ וואָס איר מיינט. איר מיינט אַוואדי, אַז איך בין נישט בייַם קלאָרן זין, באַט איר מיר אָן אייַער מעדיצינישע הילף. אַ שיינעם דאַנק אייַך. אָבער... כדי אייַך צו פאַרשפּאָרן וועלכע נישט איז מיר, בין איך גרייט אייַך באַלד טאַקע טעלעפאָניש אויפקלערן ווער און וואָס איך בין, און פאַר וואָס איך קלינג. איך זוך נישט בלויז בייַ אייַך אַליין, נאָר אויך בייַ אַלע אַנדערע שכנים פון הויז, ווו איך האָב מיט מייַנע אָרעמע עלטערן געוווינט מיט העכער פופצן יאָר צוריק, איך זוך אייַער אַלעמענס פראַנצייזיש געוויסן.

— אָבער וואָס באַדײַט עס, מאַדאַם?

— איך בעט אײַך, אויב איר האָט פינף מינוט צײַט, לענגער וועט עס נישט דויערן. מײַן געשיכטע איז טאַקע זייער אַ טרויעריקע, אָבער אַ קורצע.

— רעדט, מאַדאַם, איך הער אײַך.

און מאַרי האָט גענומען דערציילן פאַרן אומבאַקאַנטן אײַנוווינער פון דער אַוועני וויקטאָר הוגאָ איר געשיכטע:

— איך הייס מאַרי קעניג. אַ ייִדיש קינד. נעכטן האָב איך באַקומען מײַן דיפּלאָם פון געשיכטע. מיט זיבעצן יאָר צוריק, אין 1942, בין איך אַלט געווען צען יאָר. מיט מײַן מאַמען, אַ לערערין פון געאָגראַפיע אין אַ מיטל־שול, און מיט מײַן טאַטן, אַ כעמיקער, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין זעלביקן הויז ווו איר וווינט. מיר האָבן דעמאָלט געטראָגן דעם פאַלשן נאָמען לערוא. מיר האָבן נישט געהאַט זיך דעקלאַרירט ווי ייִדן. מײַן פאָ־טער האָט צוגעגרייט, אויף יעדן פאַל, עטלעכע מאָלאָטאָוו־פלעשער. מײַן מאַמע האָט דערפון נישט געוווּסט. איך האָב צופעליק אַנטדעקט די דאָזיקע אויפרײַס־פלעשער אונטער אַ פּאַק צײַטונגען. אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָס זענען פאַר אַ פלעשער האָב איך וועגן זיי מער נישט געטראַכט. נאָר פּלוצים:

„עפנט! עפנט! אַ נישט, רײַסן מיר אויף די טיר...".

נאָך הײַנט קלינגט מיר אין די אויערן די דאָזיקע שרעקלעכע פראַנצוי־זישע שטים. ווײַל געקומען נאָך אונדז זענען פראַנצויזן. די פראַנצויזישע שטים, אַ בולט פאַריזערישע. געשען איז דאָס אין אַ פרימאָרגנדיקער שעה, פריִער נאָך ווי איצט, ווען איך קלינג צו אײַך. מיר זענען דורך דער דאָ־זיקער פראַנצויזישער שטים אַרויסגעריסן געוואָרן פון שלאָף. פּונקט אַזוי מסתּמא ווי איר דורך מײַן שטים. מיינט אָבער נישט, איך בעט אײַך, אַז מאָמער איך קלינג צו אײַך איצט אַזוי פרי ווי איך האָב נעכטן און אייער־נעכטן געקלונגען צו די אַנדערע אײַנוווינערס פון אײַער הויז, איז ווײַל איך וויל פון אײַך אַלעמען נעמען נקמה, דערפאַר ווײַל איינער פון אײַך, יאָ, יאָ, איינער פון אײַך, וואָרעם פון אים איז דאָך געקומען די מסירה, און איבער אים זענען דאָך די פראַנצויזישע פּאָליציסטן־קאָלאַבאָראַטאָרן גע־קומען אונדז אַרויסרײַסן פון אונדזער היים, פון אונדזער לעבן.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— דאָס ערשטע וואָס מײַן מאַמע האָט געטאָן איז געווען מיך אויפ־צוּוועקן, אָנטאָן בליץ־שנעל און מיך אַרויסשטופּן דורך אַ הינטער־טיר, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ קיך־שענקל און האָט געפירט צו אַ צווייטן הויז. זי האָט בלויז באַוויזן מיר צו זאָגן: „אַנטלויף, קינד מײַנס! גיכער! ראַטעווע זיך!״ איך אָבער בין געבליבן שטיין הינטער דער טיר ווי פּאַראַליזירט. צען יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. דאָס גאַנצע הויז האָט פּלוצלונג זיך אַ טרייסל געטאָן. עפּעס־וואָס האָט עקספּלאָדירט אין שטוב בײַ אונדז. יאָ, איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז איידער די מאָ־לאָטאָוו־פלעשער האָבן אויפגעריסן האָב איך דײַטלעך געהערט די שטים פון מײַן מאַמען. זי האָט זיך געבעטן בײַ די פראַנצויזן זיי זאָלן אונדז קיין שלעכטס נישט טאָן. די שטים האָט גאָר נישט געקאָנט פועלן בײַ זיי. גאָר נישט. וואָרעם זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרײַען אַז די ייִדן זענען שול־דיק אין אַלע פאַרברעכנס, אַז זיי זענען די טויטנגרעבערס פון פראַנקרײַך און פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַז היטלער איז גערעכט, אַז... אַז... און דערנאָך? דערנאָך איז געשען דער אויפרײַס.

זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען: איינער פון די וואָס זענען גע־קומען אונדז אַרעסטירן, האָט געזאָגט, אַז מען האָט אונדז געמסרט דורכן טעלעפאָן. אַ שכן אונדזערער האָט אונדז פאַרמסרט, אַז אונדזער פאַמיליע־נאָמען איז נישט לערואַ, נאָר קעניג. מיר זענען ייִדן וואָס האָבן זיך נישט געהאַט דעקלאַרירט ווי ייִדן. איך ווייס איצט אַז נישט איר זענט עס געווען, וואָרעם איר האָט מיר דאָך נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איר האָט זיך אַרײַנגע־קליבן אין אונדזער הויז ערשט דאָ נישט לאַנג, אָבער... אַזוי ווי איך האָב אײַך צוגעזאָגט לאַנג נישט אויפצוהאַלטן בײַם טעלעפאָן, ווייל איך טאַקע שוין פאַרענדיקן. דער רעזולטאַט פון דעם אויפרײַס איז געווען: מײַן טאַטע איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט; מײַן מאַמע איז שווער פאַרוווּנדיקט געוואָרן און איך ווייס ביז הײַנט נישט וואָס מיט איר איז געוואָרן, און איינער פון די פראַנצויזישע געסטאַפּאָ־לײַט האָט אויך פאַרלוירן זײַן לעבן. וויל מען קאָן מען אַפילו זאָגן, אַז דאָס איז געווען די לײַכטסטע שטראָף אויף וועלכער ער וואָלט זיך, ווערדליק זײַנע מעשׂים, געקאָנט ריכטן.

— און איך? איך, מילא, איך, ווי איר זעט (אָדער בעסער געזאָגט, ווי איר הערט), זוך נאָך אַלץ אַרום דאָס פראַנצויזישע געוויסן בײַ די אײַנ־וווינערס פון אונדזער הויז אויף דער אַוועני וויקטאָר הוגאָ...

דעם אַנדערן טאָג האָבן מאַרי און פראַנסואַ זיך געטראָפן בײַם אַרויס־גאַנג פון מעטראָ וויקטאָר הוגאָ. זיי האָבן תּיכּף זיך דערקאָנט און האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע גוטע פרײַנד.

# ג

# ניַין אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט

צווישן די ביימער־אַלייען זעט מען אָפט שפּאַצירן יוסף לעוון מיט דער שפּיטאָל־שוועסטער חיהלע. יוסף איז געווען איינער פון די בעסטע פּילאָטן ביַי די באָמבאַרדיר־אַוויאָנען. ער האָט באַקומען אַ קויל אין קאָפּ. און ס'איז דעמאָלט געווען פּונקט ניַין אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט. אין שפּיטאָל אַריַין האָט מען אים געבראַכט אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד, צו־זאַמען מיט אַן אַראַבישן אָפיציר, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן פון יוספס רעוואָלווער.

אין שפּיטאָל זענען זיי געהיילט געוואָרן מיט דער גרעסטער אַחריות, ווי עס זענען געהיילט געוואָרן אַלע פאַרוווּנדעטע. אויך אַראַבישע פאַר־וווּנדטע ווערן דאָ געהיילט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. אין שפּיטאָל איז בכלל נישט קיין זעלטנקייט, אַז אין איין זיַיט ליגט אַ ייִדישער סאָלדאַט, און אין דער צווייטער זיַיט — אין זעלביקן שפּיטאָל־צימער — אַן אַראַ־בישער סאָלדאַט. ביידע ווערן דאָ באַהאַנדלט ווי גליַיכע, מיט דער זעלבי־ביקער איבערגעגעבנקייט.

פּונקט ניַין מיט דרײַסיק מינוט, אין יענעם טאָג, האָט אויף חיהלעס גוטן געזיכט זיך געקיַיקלט אַ טרער ביז צום ווינקל פון אירע שיינע ליפּן. ווי נעמט זיך אַזוי פיל שיינקייט צו דעם זעלביקן פּנים וואָס דריקט אויס אַזויפיל צער און ליבע צו מענטשן און גאָר באַזונדער צו דעם פאַרוווּנדעטן יוסף לעוו ?

רעדט זי צו יוספן. ער אָבער קוקט זי אָן מיט פאַרוווּנדערונג, נאָר באַנעמט גאָר נישט פון די רייד.

— „ווען אַ מענטש וואָלט נישט געקאָנט וויינען, וואָלט דער טרוקע־נער צער אים אויסגעברענט די אויגן". ווי עס וואָלט איר עפּעס פאַרשטיקט אין האַלדז. „דער באָמבאַרדיר־אַוויאָן ?" — איז עס מעגלעך, אַז צו

דער זעלבקער צײַט זאָל דער מענטש באַזיצן אַזוי פּיל ספיקות און אַזוי פּיל גלויבן, אַזוי פּיל ליכטיקע האָפענונגען און אַזוי פּיל פאַרצווייפלונגען?

ס'איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז דער פינצטערער גורל בלאָנדזשעט אַרום אין מידבר און זוכט וועמען אָנצוכאַפּן בײַם גאָרגל. און אפשר איז דער גורל אונדזער אייגענער שאָטן, וועלכער גייט אונדז נאָך טריט בײַ טריט? ניין, מ'קאָן נישט אַנטלויפן פון זיך אַליין.

נאָר אין די שטילע אָוונטן, ווען זיי זענען צוזאַמען, קאָן יוסף עפענען זײַן פאַרשלאָסן מויל און אויסגיסן אויף אַן אומקלאָרן אופן, זײַן אינער־לעכע פּײַן, זײַן אומהיילבאַרן ווײ, מיט וועלכן מען קאָן זיך מיט קיינעם נישט טיילן. און די ווערטער זײַנע זענען ווי ברענענדיקע קוילן, שטיקער גליִענדיקע אמתן: „פונקט ניין מיט דרײַסיק מינוט!"...

יוסף, אַ רויִקער, אַ פאַרטראַכטער, קוקט איצט ווײַט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און געפינט עס נישט: אפשר דעם ברענענדיקן באָמבאַרדיר־אַוויאָן? וויפל צײַט איז שוין אַוועק פון יענעם טאָג? הונדערטער שלאָפ־לאָזע נעכט און אויסגעלאָשענע טעג.

חיהלע, די שפּיטאָל־שוועסטער איז פאַר יוספן ווי אַ מאַמע, זי איז די מאַמע רחל, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, זײַן זונעלע דודל און זײַן ווײַב פריידקע; קיינעם מער האָט ער נישט פאַרמאָגט פון זײַן משפּחה, זיי זענען דאָך אַלע אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס, אין די געטאָס. איז ער איצט אַליין. אָבער — מיט אים איז חיהלע...

עס געשעט אָפט, אַז יוסף רופט די שפּיטאָל־שוועסטער מיט זײַן מאַמעס נאָמען:

— „רחלע, מאַמע מײַנע, קום. כ'וויל דיך נאָך אַ מאָל אָנקוקן, זען דײַנע גוטע אויגן, ווי זיי קוקן אויף מיר מיט אַזוי פּיל ליבע, מיט אַזוי פּיל גוטס, אַז אַלץ ציטערט אין מיר. — ‚ניין אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט — דער באָמבאַרדיר־אַוויאָן אין פלאַמען'".

— יוסף, רעד צו מיר — בעט זיך חיהלע, צערטלענדיק זײַן האַנט, וועלכע זי האַלט. און ער רעדט:

— דודל, מײַן קינד. ביסט טויט? וואָס איז אַזוינס טויט? ווי אַ פּיצל שוועלבעלע אין דער מאַמעס נעסט זאָלן זיי דיך האָבן דערמאָרדעט... עס שרעקט מיך ווען כ'מאַך צו די אויגן, ווײַל דעמאָלט קוקן אויף מיר דײַנע

שמייכלענדיקע שוואַרצע אייגעלעך, איך וויל דיך אַרומנעמען און דו ווערסט פאַרשווונדן. אַלע מײַנע וויגלידער ווערן מיר פאַרשטיקט אין האַלדז און אַ קול שרײַט אין די נעכט: דודל איז געפאַלן אומזיסט! ווי אַזוי איז עס געשען? ביסט געווען מיט מיר אין עראָפּלאַן, דו און דײַן מאַמע? — אָ, גורל מײַנער, שאָטן מײַנער, נעם צו מײַן לעבן און גיב עס אַוועק מײַן דודלען. נעם, שנײַד אויס מײַנע אויגן און גיב זיי דודלען. נעם, שנײַד אויס מײַן האַרץ און גיב עס דודלען. פאַר וואָס רופסטו מיך שטענדיק אין דער שעה: נײַן מיט דרײַסיק? ווי אַזוי זאָל איך די פּײַן אויסוויטיקן, מיט וועלכע פײַערדיקע צייכנס אויסשרײַען מײַן ווײ?

חיהלע הערט זיך אײַן אין זײַנע רייד און שווײַגט. זי נעמט אים אַרום ווי אַ מאַמע, ווי אַ פרוי, ווי זײַן דודל, און פּרוּווט אים מיט אירע ליפּן שטילן דעם דורשט וואָס ברענט אויף זײַנע פיבער־ליפּן. קוקט ער זיך גוט אײַן אין חיהלען און מורמלט:

— מאַמע, מאַמע! דו וואָס האָסט מיך פון אַלע געפאַרן געראַטעוועט, וואָס האָסט מיך געבראַכט אין לאַנד אַרײַן, צוגעטוליעט צו דײַנע בריסט איך זאָל נישט אויסגיין פון הונגער, פאַר קעלט, פאַר שרעק, וואָס האָסט געשאָפן די נעסט פון אונדזער היים. ווער קאָן נישט אין ישׂראל מײַן מאַמע רחל? אַלע האָבן דאָך דיך ליב. יעדער גאַסט בײַ אונדז אין הויז, ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל, איז באַלד געוואָרן ווי אַ משפּחה־מענטש, אַן אייגענער, אַ פרײַנד. ווײַל צו איר קומען דאָך נאָר מענטשן וועלכע איר יוספל ברענגט, נו, ווי איז מעגלעך גאָר אַנדערש, אַז נישט די אַלע פרײַנד און באַקאַנטע פון איר זון זאָלן זײַן טײַערע און ליבע מענטשן? באַלד איז געווען צו עסן און צו טרינקען.

די מאַמע האָט דאָך געשמט מיט איר קאָכן די בעסטע מאכלים — איר קליינע קיך האָט געפינקלט ווי מיט כּישוף. פון דאָרטן האָט זי אַרויסגע־טראָגן די „מאַרצעפּאַנעס” אירע און אַנדערע טעמעדיקע שפּײַזן: גע־קאָכטע, געבראָטענע, געבאַקענע. פון אַלץ האָט אַרויסגעלויכטן דער מאַמעס בליק און אירע צאַרטע הענט. איז דאָס געווען וווּנדערלעך ווי אַלע זײַנע חברים, העלדן, האָבן געשלונגען די גוטע שפּײַזן פון דער מאַמען צוזאַמען מיט אירע קלוגע ווערטלעך, איר גלייבן אין משיחן, איר גלייבן אין אַ וועלט אַ ליכטיקע מיט בלויז גוטע מענטשן...

וויפל מאָל פלעגט זי איבערשלאָגן די רייד פון איר יוספן, ווען ער פלעגט אַ מאָל אַ זאָג טאָן: „איַ, סאַראַ שלעכטע וועלט!" זי פלעגט באַלד אויסבעסערן:

— ניין, קינד מייַנס, די וועלט איז אַ גוטע און אַ שיינע, בלויז די מענטשן זענען שלעכטע, אָבער זיי וועלן בעסער ווערן, ווען מען וועט זיי אויסלערנען צו זייַן גוט.

דעם אַ גלויבן האָט זי אַרייַנגעפלאָכטן אין יעדן „גוט־מאָרגן", אין יעדער „גוטע נאַכט". עס האָט זיך אים אָפט געדוכט, אַז איר קוש איז אַ לייַכט־שטערן אין אַ פינצטערער נאַכט. אין דער צאַרטקייט פון אירע הענט האָט ער געפילט ים־כוואַליעס, וועלכע ציטערן און באַרויִקן; אירע האַר־ציקע תפילות זענען געווען ווי פייגל־געזאַנגען און ווי דער ריח פון פאַנ־טאַסטישע בלומען; אירע שמייכלענדיקע אויגן, פול מיט גוטסקייט, האָבן פאַרטריבן יעדע שרעק, געפאַר און פחד.

אין אַן אָוונט האָט חיהלע אַרייַנגענומען יוספן צו זיך אין צימער, ווי אַ קליין קינד אים געלייגט אויפן בעט און אים צוגעדעקט מיט אירס אַ ווייַסן וואָלענעם שאַל. שטיל איז געווען אַרום, און ווידער האָט יוסף גע־מורמלט: „נייַן מיט דרייַסיק מינוט". ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און עפּעס געזוכט, און זייַנע הענט האָבן אַרומגעכאַפּט די שפּיטאָל־שוועסטער.

— מאַמע! — האָט ער זי גערופן, — מאַמע, ס׳איז אמת, אַז דו האָסט צוגעגרייט פּעקלעך מיט מאכלים און געטראַנקען, זיי פאַרפּאַקט אין אַ קאָ־שיק, קיינעם נישט אויסגעזאָגט דעם סוד... האָסט האַלבע נאַכט פאַרוואָרפן דייַן געשטריקטע שאַל אַרום דייַן קאָפּ, ביסט אַוועק איבער די פעלדער צו די ערשטע ליניעס, צו די סאָלדאַטן זיי צוטראָגן מתנות פון אַ מאַמע. און דאָרטן האָסטו געוואָלט זעטיקן דייַן יוספן, דייַן שנור פריידקע, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אויפן פראָנט; דאָרטן האָסטו געוואָלט געפינען דייַן אייניקל דודל? אפשר איז דאָס געווען דייַן פליכט, אפשר איז געלעגן יושר אין די פּעקלעך פאַר דייַנע קינדער אין צה"ל, אפשר האָסטו פאַרהיטן אַלעמען פון געפאַר? דאָס איז דאָך געווען דייַן טרוים. כ׳ווייס, דו האָסט נישט געקאָנט פאַרהיטן אַלעמען פון געפאַר. כ׳ווייס, דו האָסט נישט געקאָנט לעבן ווי אַ בוים מיט אָפּגעהאַקטע צווייַגן. האָסט געפירט חשבון מיטן גורל. מאַמע, קום צו נענטער צו מיר... — האָט יוסף

זיך געבעטן בײַ דער קראַנקן־שוועסטער חיהלע, — קום, כ'וועל אַרומ־געמען דײַן קאָפּ, אים אַ קוש טאָן. כ'פּיל אַ בענקעניש, און דער הימל איז פול מיט שוואַרצע פייגל. ס'איז אמת, מאַמע, אַז דו ביסט אַוועק און געגאַנגען צום פּראָנט אַנטקעגן דעם זיג און יובל־פרייד און ביסט נישט דערגאַנגען? פּונקט נײַן מיט דרײַסיק מינוט... דער ברענענדיקער באָמ־באַרדיר־עראָפּלאַן איז געפאַלן אויף דײַן קאָפּ, מאַמע!

חיהלע האָט געפּרוּווט אָן רייד אים באַרויִקן, מיט איר צאַרטקייט בלויז, מיט איר פרויִשקייט... און ער: — וווּ ביסטו, מאַמע? וווּ איז מײַן פרייד־קע? לעבט זי נאָך? ווײ און ווינד איז צו דער מאַמען, אַז די ערד גליטשט זיך אָפּיר פון אונטער אירע פיס; ליידיק, לער איז איר היים.

דאָס זענען געווען די ווערטער צו דער קראַנקן־שוועסטער חיהלע, צע־פלאָנטערטע, פּאַרוויקלטע, וואָס זײַן קראַנקער מוח האָט נישט געקענט אויספּלאָנטערן. חיהלע האָט זיך צוגעהערט צו די ווייטיקן פון אַ מענטש וואָס רײַסן זיך אַרויס פון זײַן אונטערבאַוווסטזײַן. זי האָט אים געטוליעט צו זיך, ווי אַ מאַמע דריקט צו איר האַרצן איר פּיצל קינד. חיהלע אַליין איז אין דעם זעלביקן קנויל פּאַרפּלאָנטערט געוואָרן, נישט וויסנדיק מער ווו דער אָנהייב און וואָס וועט זײַן דער סוף. אפשר וועלן זיי ביידע פּאַר־בײַטן די קאָשמאַרע ווירקלעכקייט און זי איבערגיסן אין אַן אַנדערער, אין אַ רויִקער, אין אַ שלווהדיקער? אָ, ווען ער זאָל נאָר געזונט ווערן.

יוסף איז אײַנגעשלאָפן און איבער זײַנע ליפּן הענגט אַ צעבראָכענער שמייכל. זי האָט אים שטיל אַרײַנגעשושקעט אין אויער:

— יוסף, יוסף, מיר זענען זאַלבענאַנד... נאָר זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענעם קול און אַ ציטער געטאָן. איר בליק איז געפאַלן אויף זײַנע הענט אין וועלכע זי איז געווען געהאַלדזט. נישט ווילנדיק אים אי־בעררײַסן זײַן רויִקן שלאָף האָט זי געפּרוּווט אײַנהאַלטן כאָטש איר אָטעם.

*

געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליכט, וואָס פילטרירט דורך די לאָדנס און ברענגט אַרײַן דעם באַגינען, דעם אָנזאָג פון נײַעם טאָג. עס שמעקט מיט עפּל־צוויט. פאַר וואָס האָט דאָס לעבן אַזוי צעשיידט יוספן פון זײַנע נאָענטע, פאַר וואָס פּאַקערפּערט ער איצט אַלעמען אין איין פּערזאָן, אין

איר ? וועט ער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און דערזען דיווירקלעכקייט, אָדער ער וועט אויף אייביק שווין זײַן האַלבוואַכעדיק און האַלב אין שלאָף ?

חיהלע רײַסט זיך מיט אירע ציטערדיקע פינגער־שפּיצן, זי וויל פון זיך אַראָפּרײַסן דאָס שניי ווײַסע מלבוש. זי טרויערט איצט אויף די, וואָס האָבן זיך נישט אומגעקערט צוריק... אמת, זי האָט מיט איר לעבן, מיט איר מקריב זײַן זיך, אַרײַנגעגעבן גלויבן און ווילן יוספן ווידער צו לעבן. אָבער — קאָן אַזוי געשען ?

פלוצלינג איז ווידער דער ציפער „בײַן מיט דרײַסיק מינוט" איר אַ לויף געטאָן פאַר די אויגן און פאַרשעמט איר נשמה. אירע טרוימערישע אויגן האָבן זיך געטרונקען אין טרערן.

# זיבן מאָל זיבן

אַ ווײַסע נאַכט. דער הימל איז אָנגעפּיקעוועט מיט גרינלעכע זילבער־שטערן. אָ, ווען מ׳וואָלט זיך געקאָנט אײַנהערן צו דער שפּראַך אין וועלכער עס שמועסן זיך דורך די שטערן! — ווען מ׳וואָלט געקאָנט מעשׂה נס, צונויפפּאָרן דאָס אויג מיטן אויער, וואָלט ער אפשר געווען אין שטאַנד אויפצוכאַפּן עפּעס אַ קלאַנג, אַ וואָרט, אַ בשׂורה טובה, אַ הבטחה, עפּעס אַזוינס וואָס דערקוויקט דאָס האַרץ און פּילט אָן מיט חיות די גלידער.

צונויפפּאָרן דאָס אויג מיטן אויער? — וואָס פאַר אַן אויסטערלישער געדאַנק דאָס איז! — קוועלט אָן צבי פון דער נײַער המצאה זײַנער, וואָרעם אין דער אמתן איז דאָך בלויז דער חוש השמיעה נישט בכוח אַרײַנצודרינגען אין דעם לשון פון די שטערן, איז אפשר טאָקע בײדע חושים, דער זע־חוש און דער הער־חוש וואָלטן עפּעס געקאָנט דערזען און דערהערן.

דעם אמת געזאָגט איז צבי אַ שטיקל שטערנזעער. וואָרעם עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ ים פון די אַלע זיבן ימען, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, ער זאָל אים נישט האָבן דורכגעשפּאַנט אויף כּלערליי שיפן, אין דער לענג און אין דער ברייט, זינט ער איז געוואָרן אַ ים־מענטש.

זיבן טעג זענען פאַראַן אין דער וואָך, ממילא אויך זיבן נעכט. טרעפט, אַז אַלע זיבן נעכט זענען באַשטערנטע. קאָן טאָקע אַ ים־מענטש, אַ פאַרליבטער אין די שטערן, אָנקניפּן קאָנטשאַפט, אויב נישט מיט אַלע איז כאָטש מיט די מער אָנזעעוודיקע, ווי מיטן סיריוס, אַ שטייגער, צי מיט די שטערן פון דעם מילך־וועג, אָדער פון דעם גרויסן בער, מיטן מאָרגנשטערן, מיט...

זיבן! — וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע געהײמנישפולע צאָל דאָס איז. צביס געדאַנק פאַרכלינעט זיך אַזש ווען עס קומט אים אַרויף די דאָזיקע

צאַל. און אַז מ׳נעמט צונויף זיבן מאָל זיבן, באַקומט זיך דאָן די צאָל ניין און פערציק. פאַלט טאַקע מאָרגן אויס זיין אייגענער ניין און פערציקסטער געבוירנטאָג, פונקט מאָרגן. אָט פאַר וואָס ער איז היינט אַזוי — ווי זאָל ער דאָס אָנרופן? — צערודערט, פול מיט גרייטשאַפט און דערוואַרטונג. געוויינטלעך פייערט ער נישט קיין געבוירנטעג, נישט זיינע און נישט ביי אַנדערע, אָבער דאָס מאָל זעט אים אויס עפּעס אַנדערש.

פון וואַנען שטאַמט דער ווייטיק זיינער? פון וואַנען נעמט זיך דער אומעט? דאָס האַרץ איז אין קלעם און טאַקע פאַרקלעמט, וואַרפט זיך עס און צאַפּלט.

יאָ, דאָס מאָל וועט ער טאַקע פייערן אַ געבוירנטאָג, זיין אייגענעם, און אפשר אויך דעם געבוירנטאָג פון זיין ליבער אַלטער באַבעשי. אין אַ פאַר־שטאָט פון חיפה וווינט זי, אין אַ נייעם שיכון, אין איינעם מיט אים, אין אַ פיין און היימיש מעבלירט דירהלע. די מערסטע צייט אָבער בלייבט זי אַליין, וואָרעם ער פאַרברענגט דאָך וואָכן לאַנג אויפן ים. זיצט זי און וואַרט אויף אים. אַ גרויס רחמנות אויף איר! די דאַטע פון איר געבוירנטאָג איז אים טאַקע נישט באַקאַנט, אָבער ער איז כמעט זיכער, אַז דאָס יאָר ווערט זי אַלט פיר און אַכציק יאָר. צוועלף מאָל זיבן. ווידער אַ מאָל די צאָל זיבן.

אַ שיינע בכבודיקע עלטער האָט זיין באַבעשי דערגרייכט, נישט צו לייקענען. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען — שפּינט זיך אַ נייער געדאַנק אין צביס מוח — אַז כדי זיך צו דערשלאָגן צו צוועלף מאָל זיבן יאָרן, האָבן זיך געדאַרפט ציִען די יאָרן כשורה, פון אָנהייב אָן ביז אויף היינ־טיקן טאָג, מיט אַ פּלאַן; פון דער ערשטער סטאַציע זיבן ביז צו דער איצ־טיקער סטאַציע זיבן, וואָס וועט, לאָמיר האָפן, נישט זיין איר לעצטער מאַרשרוט, האָבן זיי געזאָלט זיך פונאַנדערוויקלען נישט אין איילעניש און אין יאָגעניש, ווי למשל, דאָס איז געשען ביז איצט ביי איר איינציקן לעבן־געבליבענעם איניקל צבי.

אָבער ניין. שווער איז איר אָנגעקומען דאָס לעבן. צבי פרעגט זיך עד היום, פון וואַנען האָט זי געשעפּט כּוח אַריבערצוטראָגן אירע פיזישע ליידן, אירע גרויסע פיינען און ווייטיקן? פון וואַנען האָט זיך צו איר, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, גענומען דער אימפּעט ווייטער צו שלעפּן מיט זיך אַ לעבן, נאָך דעם ווי זי האָט אין איין טאָג בעת אַן „אַקציע״, פאַרלוירן איר גאַנצע משפּחה: דעם מאַן, קינדער, אייניקלעך.

טראַכט צבי וועגן דעם צושטאַנד אירן בעת ער האָט זי אומגעריכט אָפּגעפונען אין דעם שוידערלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער בערגען־בעלזען. אַ פּאַרחלשטע באַבע האָט ער דאָרט געפונען, אַ געשוואָלענע פון הונגער.

נישט געקוקט אויף די זיבן יאָר, וואָס זי האָט אים נישט געזען, זינט ער איז אָפּגעפאָרן ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל, און נישט געקוקט אויך אויף זײַן אוניפאָרם פון אַ סאָלדאַט פון דער ייִדישער בריגאַדע, האָט זי אים תּיכּף דערקענט.

„אַ נס איז מיר געשען!" — דערמאָנט זיך צבי — האָט זי אויסגע־שריִען, ווי נישט מיט איר קול, „אַ נס מן השמים! הירשעלע, הירשעלע, הירש..." זי איז געפאַלן אין חלשות און לאַנג, לאַנג האָט געדויערט ביז מען האָט זי אָפּגעמינטערט.

וואָלט ער זיך נישט געהאַט געשעמט, טראַכט ער איצט, זיך נישט געשעמט פאַר זײַן מונדיר, פאַרן מגן־דוד וואָס ער האָט געטראָגן, ווי אַ צייכן פון זײַן צוגעהעריקייט צו אַ פאָלק, וואָס וועט נישט מער געפירט ווי אַ סטאַדע שאָף צו דער שחיטה, נאָר קלײַבט זיך גאָר אַרײַנצוהויכן אַ לעבעדיקן אָטעם אין אַ באַרג אויסגעטריקנטע עצמות, וואָלט ער בײַ דעם דאָזיקן תּחיית־המתים־אָנבליק אויך געדאַרפט פאַלן אין אָנמאַכט. אָבער אָט דער כּוח האָט אים אויפגעהאַלטן.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז אים געלונגען זי אַרײַנצוברענגען קיין ארץ־ישראל. און פון דעמאָלט אָן, שוין אַ מעשׂה פון איין און צוואָנציק יאָר, האָבן באָבע און אייניקל זיך נישט מער צעשיידט. עס קומט זיי ביידן אויס גלײַך ווי זייער אויפגאָב וואָלט געווען, דורך זייער עקסיסטענץ אין דער זעלביקער צײַט און אין דעם זעלביקן אָרט, אויסצופילן דעם חלל, וואָס איז אַנטשטאַנען אין זייער אַמאָליקער ווײַט־און־ברייט פאַרצווײַגטער משפּחה וואָס זענען אַזוי גרויליק אומגעקומען.

דער געוואָלדריס אינעם געוואַנט, אַ געוואַנט וואָס האָט זיך געוועבט פון אַזוי פיל דורות אָן ביז צום ריזיקן בלוט־מבול אין פוילן, וויל איצט זײַן באָבע פאַרלאַטען, פאַרשטשאָבען דורך די פאַמיליע־געשיכטעס און גע־שיכטעלעך וואָס זי דערציילט אים. אין די דאָזיקע מעשׂיות אירע רעדט זיך פון מעשׂים טובים, פון אַ שיין און טרויעריק לעבן און זיי לאָזן זיך טאַקע קיין מאָל נישט אויס. וואָרעם זײַן באָבע פאַרשטייט אַזוי קונציק אַרײַנצו־פלעכטן איין מעשׂהלע אין אַ צווייטער, אַז דער דאָזיקער נײַערער פריש־

צאַפּלדיקער עפּיזאָד ווערט אַ גאַנצער מחותן מיט אַ שפּאָגל־נײַער דער־ציילונג, אין וועלכער עס איז ווידער אַ מאָל די רייד וועגן חתונות, בריתן, מזל־טובס, שׂימחהס. אַזוי אַרום שטייען אויף תּחיית־המתים פאַרשוווּנדענע וועלטן.

און אפשר איז דאָס אויך דער סוד פון זײַן באָבעס אריכות ימים. איז דערצייל זשע, באָבעשי, ווײַטער — בעט זיך צבי בײַ איר פון זײַן טיפן האַרצן אַרויס — דערצייל, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אַנומלט אין דײַן ענגן משפחה־קרײַז און אויך דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט בײַ די שכנים, בײַ באַקאַנטע, וועגן דעם וואָס דער זיידע פלעגט זיך אָנהערן אין חסידישן „שטיבל", בײַם רבין אין הויף; דאָס וואָס פלעגט געשען אין מאַרק, אין די געוועלבן. דערצייל, דערצייל, הער נישט אויף צו דערציילן, וועסטו קיין צײַט נישט האָבן קראַנק צו זײַן. דײַנע זכרונות וועלן דיך שטאַרקן און מוטיקן.

איך, פון מײַן זײַט, זאָג דיר צו, באָבעשי, ממשיך צו זײַן אויפן קול מײַנע זכרונות. אַ באַרג זכרונות פאַרמאָג איך. אַ ים מיט מעשׂיות — טאַקע אַ ים. וואָס זאָג איך אַ ים? — זיבן ימען. איך וועל דיר דערציילן פון די מעפּילים־שיפן, אויף וועלכע מיר, אַ הייפל „ים־וועלף" פון אַ חלוצישן דור, האָבן אַריבערגעפירט טויזנטער יידן פון היטלער־אייראָפּע קיין ארץ־ישׂראל, נישט געקוקט אויף דער מעכטיקער ענגלישער אַרמאַדע, וואָס האָט מיט מינעס און מיט האַרמאַטן געוואָלט אונדז פאַרשפּאַרן דעם וועג צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד. און דערציילן וועל איך דיר אויך פון מײַן קאַמף אין די רייען פון דער הגנה, אַזוי גוט ווי פון אַלע מלחמות פאַר אונדזער אומ־אָפּהענגיקייט און פרײַהייט אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט. וועסטו, מיין איך, נישט האָבן וואָס זיך צו שעמען מיט דײַן אייניקלס אויפטוען. און דער דאָזיקער שטאָלץ, האָף איך, וועט גיסן געזונטקייט אין דײַן עלטער.

אפשר, באָבעשי, וועסטו מיר דאָן מוחל זײַן פאַר וואָס איך פאָלג דיך נישט און האָב נישט חתונה צום צווייטן מאָל און שענק דיר נאָך אַלץ נישט די צוויי אוראייניקלעך, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע, כאָטש „אויף אַ רפואה", ווי דו זאָגסט עס מיר אין דײַן לשון, וואָס האָט נישט הײַנט־צו־טאָג זײַן גלײַכן, נישט אויף דער יבשה און נישט אויפן ים.

יאָ, און פון ים וועל איך דיר דערציילן, פון אַ ים מיט גרויסע קאַפּריזן, מיט ווילדע שגעונות און געפערלעכע שטורעמס. איך האָב מיטגעמאַכט

שטורעמס פון וועלכע איך האָב געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן". וועסטו אַזוי אַרום פאַרשטיין, באַבעשי, און באַנעמען, אַז קעגן די שטורעמס וואָס ברעכן טייל מאָל אויס אין אַ יונגער, נאָך נישט איַינגעפונדעוועטער משפּחה העלפט נישט קיין רודערן. און איך בין דערצו נישט געווען שטאַרק באַוואָפנט. מוז מען וואַרטן און אויסוואַרטן. אָבער שטענדיק וויל איך הערן דיַין ליד, ווו איך זאָל זיך נאָר געפינען וויל איך הערן ווי דו רופסט מיך: „מיַין קינד, כ'וויל דיך נישט פאַרלירן. דו ביסט דאָס פינטעלע פון מיַין אויג!"...

אָט אָ די געדאַנקען, ווונטשן, בקשות, תּפילות קייטלען זיך איצט אין צביס מוח, דערנענטערנדיק זיך מיט זיַין שיף קיין חיפה. ער האָט נישט געקענט איַינשלאָפן אין זיַין קאַיוטע און איז אַרויס אויפן דעק און זיך אַריַינגעלייגט אין אַ ליג־שטול. דאָס וועטער איז לינד, דער ים איז שטיל, רויִק, געלאַסן, פאַרחלומט פליסט ער און מישט זיך אויס מיטן ריטמישן געמורמל, מיטן ברומען, וואָס קומט פון די מאַשינען.

זאָגט צבי צו זיך: — צו פיל געדאַנקען האָבן זיך דורכגעוואָרפן, זיך פונאַנדערגעוואָרפן אין מיַין מוח, אין מיַין האַרץ, זיי זאָלן קענען קומען צו אַ הסכּם צווישן זיך. „אַ סך געדאַנקען זענען פאַראַן אין דעם מענטשנס האַרץ — דערמאָנט ער זיך אין אַ תּנ"כישן שפּרוך — אָבער בלויז גאָטס עצה האָט אַ קיום". די בעסטע עצה פאַר מיר איצט וואָלט געווען איך זאָל צוריק אַראָפּגיין אין מיַין קאַיוטע און פּרוּוון איַינשלאָפן, וואָרעם סיַי ווי איז אַלץ פון פאָרויס באַשטימט, אויב נישט דורך גאָט, איז דורכן גורל, וואָס אים קאָן מען נאָך ווייניקער קוקן אין פּנים אַריַין ווי דעם אייבערשטן. דעריבער קען מען אפשר טאַקע נישט אָפּשריַיען עפּעס וואָס משנה צו זיַין פון דעם וואָס האָט שוין פּאַסירט.

## שטום איז דאָס שרײַענדיקע מויל

באַכט. דער דורשט מאַטערט. כ׳קאָן אים מיט וואַסער נישט לעשן. — ווײ דער מאַמען.

כ׳וואָלט וועלן מײַן פאַרווונדעטן זון אַרומוואַשן, פאַרבינדן אים די ווונדן, שטעכט אין האַרץ. אַרום איז טויב און בלינד, כ׳בין ווי אַלע מאַמעס, וואָס שלאָפן איצט נישט נאָר זוכן אין די שפּיטאָלן זייער קינד.

דער ווײ־געשריי פּילט אָן די לופט, פאַרקלעמט דער מאַמעס האַרץ און קײנער הערט נישט ווי זי רופט. די אויגן אָן אַ טרער; שטאַרק וויל זי זײַן. אָבער איר קינד איז אויפן פראָנט, אין מלחמה, אין פײַער. זי רופט אים, ער הערט נישט. זי איז אַזוי ווײַט פון אים, עס ברענט אין לײַב. שטום איז די נאַכט, פאַרשלאָסן איז דאָס מויל.

שרעק. מלחמה. דער טאַטע אַרבעט נאַכט־שיכטן, כ׳בין אַליין אין הויז. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.

ווי אַזוי קאָן מען זיך ראַטעווען פון אַ געפאַר בעת עס ברעכט אויס אַ פײַער אין הויז אין מיטן דער נאַכט? איז אמת אַז אין טרויער בלײַבט דער מענטש איינזאַם?

אין יענער נאַכט, ווען די מאַמע האָט באַקומען אַ טעלעפאָן־־רוף פון שפּיטאָל זי זאָל מאָרגן קומען צו איר זון, יענע נאַכט וועט שוין בלײַבן אָן אייביקע, ווי עס ברענט דער אייביקער פלאַם — דער נר תמיד.

עס צאַפּלט דאָס האַרץ פון דער מאַמען. זי איז בלייך און אומבאַהאָלפן. אירע ליפּן צוקן אַ ציטערדיק געבעט: וווּ געפינט מען אָן אָנשפאַר, אַ טרייסט?

זי דערפילט די שוואַרצע שרעק פון אומוויסן. קײנער איז איצט נישטאָ. זי איז אַליין אין איר טיפן טרויער.

און דער טרויער נאָגט און צער׳ט: ווו ביסטו מײַן קינד?

דער טרויער קליידט זיך אין טויזנט געשטאַלטן. אין טויזנט שפּיגלען שפּיגלט ער זיך, אין טויזנט אָפּגרונטן פאַרשלעפּט ער, און אין טויזנט אָפּ־קלאַנגען הילכט ער אָפּ און ווערט אָנגעקוועטשט ווידערגעטראַגן צו יענע באַקעטע נשמות, וואָס בלאָנדזשען אַרום ערגעץ־ווו אָן אַ גוף און אָן לײַב־און־לעבן.

טויזנט מאַסקעס טוט ער אָן אויף זיך. ער פאַרפּלאָנטערט זיך, אַזש ער ווייסט נישט מער ווי ער זעט אויס אין דער אמתן; ער ווייסט נישט מער וואָס מיט אים איז געשען און ווייסט נישט וואָס פון אים וועט ווערן.

זוכט די מאַמע איר קינד. זי וויל אים אָנרירן, אַ שמעק טאָן, אײַנזאַפּן אין זיך זײַן ריח, זײַן שווערן אָטעם. דערפילט זי אַז דער באָדן דרייט זיך ווי שווינדל־טרעפּ. אין יעדן פאַלד פון דער נאַכט ליגט דער טרויער, וואָס לויערט אויף איר קינד.

די מאַמע ווייסט, אַז מען טאָר זיך נישט נעמען דאָס לעבן און מען קאָן עס אַפילו נישט. און דו, מײַן קינד, מײַן איינציק אויג אין קאָפּ, ביסט אַוועק און מיך איבערגעלאָזן אַליין און אָן אַן אויסוועג.

קום, עמוס, זאָג מיר כאָטש אַ וואָרט, כ׳האָב דאָך נישט מער ווי דיך, איך שטרעק אויס מײַנע ליידיקע הענט צו דיר.

אימה. פּײַן. איר מויל איז פאַרשלאָסן און קאָן נישט שרײַען און קאָן נישט בעטן. קיינער הערט דאָך נישט דער מאַמעס געשריי. שווײַגט זי פאַר ווייטיק און שרעק.

זי ווייסט נישט צי פריִער צי שפּעטער, זי ווייסט בלויז, אַז אין יענעם אָוונט, נאָענט צו האַלבער נאַכט, ווען זי האָט געוואַרט צו דערהערן די שווערע טריט פון איר מאַן, וואָס קומט פון דער אַרבעט תּמיד אַזוי שפּעט, אין יענער נאַכט האָט זיך דער טעלעפאָן פלוצלינג צעקלונגען... זי האָט דורך דעם טרײַבל דערהערט די שטים פון זייערס אַ באַקאַנטן דאָקטער פון אַ שפּיטאָל. ער האָט זי היימיש אָנגערופן בײַם נאָמען, זי באַרויִקט, דערמאָנט דעם נאָמען פון איר זון, עס איז אַזוי שטיל געוואָרן. אפשר האָט דער דאָקטער אַרויסגעלאָזט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל פון האַנט?

— וואָס איז מיט מײַן קינד?

— ער איז פאַרווונדעט.

— לײַכט? שווער? לעבט ער נאָך?

— יאָ, שרעק איז שטום.

— „דאָס האַרץ האָט דיר געזאָגט?" — וויל דער טאַטע פרעגן, אָבער זײַן צונג פאַרפּלאָנטערט זיך. ער איז נישט אימשטאַנד אַרויסצוברענגען אויף זײַנע ליפּן די פראַגע.

ביידע — טאַטע און מאַמע קוקן אויפן טעלעפאָן פון וואַנען די טרויע־ריקע ידיעה איז געקומען.

אַן אומגליק! אַן אומגליק! מ׳ווייסט נישט צי ער איז לעבעדיק אָדער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַמנעזיע? וואָס קומט דאָ פאָר? דעם טאַטן דאַכט זיך, אַז נישט ער, נאָר עפּעס אַ פרעמדער שטיקט זיך מיטן דאָזיקן שרעק־לעכן וואָרט.

— דאָס האַרץ האָט דיר געזאָגט?! — ווער ווייסט? אפשר האָט מען נישט אויסגעזאָגט אַלץ? אפשר...

מען האָט אפשר, נישט ווילנדיק, פאַרביטן דאָס וואָרט „נישט געפער־לעך" אויפן וואָרט „געפערלעך"? פון אַ טעלעפאָנישער ידיעה קאָן מען אַלץ דערוואַרטן.

די געדאַנקען זענען צונויפגעפּלאָנטערט אין אַ קנויל. ביידע האָבן פאַרלוירן ס׳לשון.

די שטילקייט שרײַט און די שאָטנס אויף די ווענט שרעקן מיט זייערע רויט־געלע פלעקן. איז עס חלום, צי וואָר?

אין וואָס פאַר אַ וועלט האָט אָט די פיבערדיקע זעונג אונדז פאַר־טראָגן? אפשר איז עס אַ וועלט פון געשפּענסטערישער פאַרבאָרגנקייט, אַ פאַרצײַטיקע וועלט? עס דוכט זיך ווי מיר וואָלטן געפלויגן אין קאָסמישע נעפּלען פון פאַר בראשית, צי גאָר אין דעם געבורט־צאַפּל פון אַ פּלאַנעט, וואָס שווימט אין אַ ווײַסער וואָלקן־הילע ווי אין אַן אויפגעקאָכטער מאַסע און עס דראָט אונדז פון דער פינצטער אַרויס אַ שוואַרץ־רויטער פלעק, ווי אַלץ וואָלט געוועז אונטערגאַנג אָדער ווידערגעבורט, אפשר איז עס בלויז די קרענקלעכע פאַנטאַזיע פון אונדזער פיבערדיק געמיט?

טאַטע און מאַמע האָבן דאָס געפיל, אַז זיי באַקומען פליגל צו פליִען איבער בערג און ימען, ווילן זיי וואָס שנעלער דערגרייכן דעם שפּיטאָל ווו עס געפינט זיך זייער קינד.

די צײַט ציט זיך ווי אַן אייביקייט. טויזנטער געשטאַלטן האָט דער

טרויער, אָבער דער בולסטעטער — אָן יעדן געשטאַלט. טאַטע־מאַמע זוכן אין דער ווײַט, אין דער פרעמד. אַלץ איז פוסט, ליידיק. עס שטייען הײַזער מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. עס טראָגט זיך אין לופט אַ געוויין וואָס נאָר די שטומקייט הערט, עס יאָמערט־מיט די ערד. נאָר אַלץ אַרום איז טויב און בלינד.

טאַטע־מאַמע זוכן זייער קינד, און דאָס שרײַענדיקע מויל איז שטום, פאַרשטומט.

די זון איז אויפגעגאַנגען אַ פאַרגליווערטע, רויט, פאַרשעמט, אַ פאַרבלאָנדזשעטע איבער פעלדער מיט מלחמה. אירע שטראַלן זענען אַדורך דורך די שטאָרן פון די שפּיטאָל־פענצטער און געוועקט די קראַנקע.

טאַטע־מאַמע זענען אָנגעקומען אין שפּיטאָל און האָבן אין דער ערשטער רגע זיך צונויפגעשטויסן בײַ עמוסעס קראַנקן־בעט, און ווײַל יעדערער פון זיי האָט געוואָלט באַהאַלטן זײַן ווייטיק פאַרן צווייטן, זענען זיי פאַרקראָכן טיף אין זיך און אייגער האָט דעם צווייטן נישט געזען מער.

אויפגעריסענע טעג. טעג פאַרוואונדעטע מיט באַהאַלטענע ווייטיקן, ליגן איבער די שפּיטאָל־בעטלעך ווו עס געפינען זיך די קינדער מיט אויסגעברענטע אויגן, בלינדע, ווי צעבראָכענע שפּיגלען. יעדער אָטעם־צוג איז פאַרשטיקט, מיט טרויער איז פול דאָס קריגל; די נאַכט הילט אײַן טאַטע־מאַמע מיט צער און דערשלאָגנקייט.

דער טאַטע דערמאָנט זיך זײַן זונס ווערטער: „קעמף אַזוי ווי דו וואָלסט באַדאַרפט אייביק לעבן, נאָר לעב אַזוי ווי דו וואָלסט באַדאַרפט מאָרגן שטאַרבן"...

— און די מאַמע? —

— ווי דער מאַמען.

# דודס חלום

זאָל איך דיר דערציילן הײַנט כאָטש אַ הונדערט חלק פון דעם וואָס איך האָב איבערגעלעבט בעת דער לעצטער מלחמה — אַ טאָג ווען אונטערגיין און די נאַכט נאָך אים וועט זיך אויסלאָזן און אַ נײַער באַגינען וועט אַ שפּראָץ טאָן און איך וועל נאָך אַלץ האַלטן בײַם סאַמע אָנהייב.

וועל איך פּרוּוון אַרויסשעפּן פון יענער צײַט כאָטש איין אָוונט ווען איך האָב זיך באַגעגנט, אַזוי צו זאָגן, מיט זיך אַליין מאַרשירנדיק און טראָגנדיק אויף דער רעכטער זײַט פּלייצע מײַן מאַשין־געווער און אויף מײַן לינקן אָרעם אַ טויט קינד, וואָס איך האָב געפונען אויפן וועג. אַ טייבעלע וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ קויל — ווייסט דער טײַוול פאַר וואָס און פאַר ווען.

דוכט זיך אַז דאָס טויטע קינד האָט געשמייכלט, סתּם אַזוי געשמייכלט צו מיר. און טאָמער אַנטדעקסטו איצט אויף מײַן פּנים אַ גרימאַסע, וואָס קוקט אויס ווי אַ גרויליק שמייכעלע — נישט אַהין, נישט אַהער — זײַ וויסן, אַז איך האָב עס געירשנט פון דעם דאָזיקן טויטן קינד וואָס איז געלעגן אין מײַנע אָרעמס.

די נאַכט אויפן פראָנט וואָס האָט געריִעט אין איר אייגענער אָפּגרונטלאָזער טיפקייט, — זי נעם איך זיך גאָרנישט אונטער צו שילדערן, ווײַסנדיק פאָרויס, אַז איך וועל זי נישט בײַקומען, נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן; אַלע מײַנע רייד וואָלטן דערטרונקען געוואָרן אין דער מוראדיקער שטילקייט אין וועלכער זי איז געווען אײַנגעזונקען. אַלץ אַרום איז טאַקע געווען ווי אויסגעשטאָרבן. אַפילו די פאַרוווּנדעטע האָבן אויך נישט געוואַגט אַ קרעכץ צו טאָן. איטלעכער חייל, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרקראָכן אין זיך גופא און האָט מורא זיך אַ ריר צו טאָן פון זײַן אייגענעם גוף.

דער שונא האָט זיך געפונען אין טאָל. אַ שונא מיט טויזנט קעפּ. און

מיר זענען געלעגן אויפן בארג פונקט אַנטקעגן. באַרג קעגן טאָל, טאָל קעגן באַרג.

מײַן חבר דוד, וואָס איז געלעגן אַן אײַנגעקאָרטשעטער לעבן מיר, האָט פּלוצלונג זיך אויפגעהויבן פון אָרט און האָט מיך שטילערהייט אַ פרעג געטאָן וואָס אַ שטייגער איך טראַכט אַצינד.

— פון וואָס איך טראַכט? פון מײַן מאַמען טראַכט איך, פאַרשטייט זיך, האָב איך אים געענטפערט. — ווי דען אַנדערש? ווען וועגן וועמען דען זאָל איך טראַכטן אין דער איצטיקער שעה, איך, דער איינציק לעבן גע־בליבענער פון פינף קינדער וואָס איך בין?

און מער גאָרנישט. מער האָט ער מיך גאָרנישט געפרעגט. ער האָט זיך צוריק אַנידערגעלייגט, ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דער האַרטער ערד, ביז ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון שלאָף.

איך אָבער האָב בשום אופן נישט געקענט אײַנשלאָפן. בין איך געבליבן ליגן אַ פאַרזונקענער אין מײַנע אייגענע געדאַנקען, אָבער נאָך מער, דאַכט זיך מיר, אין זײַן — יאָ, איצט ווייס איך עס קלאָר — אין דודס פאַר־פלאָנטערטן געדאַנקען־קנויל, אין וועלכן עס האָט זיך פאַרוויקלט זײַן חלום. ער האָט מיר דעם אַנדערן באַגינען, ווי נאָר עס האָט אַ שפּראָץ געטאָן אויף טאָג און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דאָס באַשטעטיקט.

געוויס איז אין חלום בײַ מײַן חבר דוד נישט צוגעגאַנגען אַלץ פונקט אַזוי ווי איך דערצייל עס דאָ. וואָרעם חלום איז נישט ווי אין וואָכן צו־שטאַנד. אין חלום מישט זיך אויס הימל מיט ערד אין איין פלאַך, און דער חלום פאַרבלײַבט חלום: יאָ געשען, נישט געשען, גיי געפין דאָרטן אויס וואָס עס איז אמת און וואָס עס איז פאַנטאַזיע. אָבער די עיקר־געשעעניש וואָס האָט באַהערשט דודס חלום האָט פּאָרט אויסגעזען ווי איך האָב זיך משער געווען, — און ער גופא, ווי געזאָגט, האָט עס דערנאָך באַשטעטיקט — ווי זײַן מאַמע.

דודס מאַמע, אסתּר האָט זי געהייסן, האָבן אפילו די נײַע קיבוצניקעס, וואָס האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צו וויסן אַז דער חבר דוד איז איר זון, האָבן זי גערופן די מאַמע אסתּר.

דער קיבוץ וווּ אסתּר און איר זון דוד האָבן נאָך לאַנגע וואָגלענישן אין כלערליי צײַטן, אין אַלערליי לענדער און שטעט, אין פאַרשיידענע

קיבוצים אין ארץ־ישׂראל גופא זיך באַזעצט, האָט זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון דעם גולן־פּראָנט. דער חלום אָבער ווייסט נישט פֿון נאָענט און ווײַט, האָט ער אַוודאי אויסגעמישט איין אָרט מיטן צווייטן און אין מײַן וואַכן צושטאַנד האָב איך געקאָנט זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון ווו־אײַן און ווו־אויס. אָט וואָס.

דודס עלטסטן ברודער, מענדל, ווי ער האָט געהייסן, האָט מען אונטער־געהאַקט די לונגען אין די פּוילישע טורמעס. נאָך דעם ווי ער איז באַפֿרײַט געוואָרן האָט ער מער ווי אַ יאָר צײַט — געגנוי: דרײַצן חדשים לאַנג — זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המוות ביז ער איז אַנידערגעפֿאַלן; זײַן שוועס־טער גיטעלע איז אומגעקומען אין אוישוויץ און זײַן ייִנגסטער ברודער איז דערשאָסן געוואָרן אין מיטן גאַס אין פּאַריז ערב דער באַפֿרײַונג, אַ פּאַר־טיזאַן איז ער געווען.

נאָך דער באַפֿרײַונג איז דודן און זײַן מאַמען געלונגען זיך אַרײַנצו־שמוגלען קיין ארץ־ישׂראל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אונטער דעם בריטישן מאַנדאַט.

פֿון דערציילן די טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט פֿאַרן און נאָכן אומקום פֿון יעדן איינציקן קרבן באַזונדער, און אויך אין אָט דער נאַכט נאָך יום־כּיפּור אין דודס חלום — קאָן קיין רייד נישט זײַן.

אָבער אויף איין־איינציקן עפּיזאָד ווילט זיך מיר אָפּשטעלן. ניין, עפּעס נייט מיך דאָס צו דערציילן.

עס רעדט זיך דאָ טאַקע וועגן דעם חלום־עפּיזאָד, ווען דודס אַלטע מאַמע איז פּלוצלונג אַרויסגעלאָפֿן פֿון דעם קיבוץ־בונקער, כּדי צו זוכן איר זון, וואָס איז דאָ נישט לאַנג פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און אפֿשר האָבן די עסעסניקעס אים שוין אַרײַנגעשטופּט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע ייִדן און ווידערשטענדלערס אין אַ בהמות־וואַגאָן, כּדי אים צו דעפּאָרטירן קיין דײַטשלאַנד אָדער פּוילן. אויף יעדן פֿאַל, ווילן זיי אים פֿאַרשלעפּן קיין אוישוויץ צו זײַן שוועסטער גיטעלע. און אפֿשר — ווער ווייסט — אין ישׂראל גופא — מאַלע וואָס עס קאָן פּאַסירן אין די הײַנטיקע גרוילִיקע צײַטן.

לויפֿט זי, אסתּר, זײַן מאַמע אסתּר. פֿון וואַנען, פֿרעגט זיך, נעמט זיך בײַ איר אַזוי פֿיל כּוח צו לויפֿן?

דוד קוקט זי אָן ווי זי לויפֿט, ווי זי פֿליט איבער באַרג און טאָל. פֿון

די אַראַבער איז זי אַנטלאָפן. קוילן פליִען אין דער לופט. אָבער זי איז שטאַרקער פון אײַזן, זײַן מאַמע. די קוילן האָבן אויף איר קיין שליטה נישט.

דוד לויפט איר אַנטקעגן. ער וויל זי צורופן, זי זאָל זיך לייגן אויף דער ערד. זי זאָל גיין צוריק אין קיבוץ אַרײַן. דאָרט איז פאָרט זיכערער ווי דאָ אויפן פראָנט. דאָרטן איז פאַראַן אַ בונקער. מער ווי איין מאָל איז דער קיבוץ שוין דורך די אַראַבישע באַזוקעס און באָמבע־שלײַדערערס באַשאָסן געוואָרן. די קינדער זיצן אין בונקערס, עטלעכע עלטערע קיבוצ־ניקעס אויך. טײַערע ייִדישע קינדערלעך! זיי לאָכן זיך אויס פון די אַראַ־בישע טעראָריסטן.

אָבער אַלע געשרייען וואָס דוד באַוויַזט אַרויסצושרײַען, קערן זיך תּיכף אום צוריק און בלײַבן שטעקן אין זײַן גומען. אַפילו ער גופא, דוד, באַוויַזט נישט צו פאַרווערן זײַן קול זיך צוריקצוקערן אין גאָרגל אַרײַן און עס קומט אויס ווי ער וואָלט אויף זײַן אייגענער שטימע קיין דעה נישט געהאַט.

עס שטייט שוין זײַן אָרעמע מאַמע לעבן אים מיט צעשויבערטע האָר און מיט אומגעוויינלעך גרויסע צעשראָקענע אויגן, ווי פון יענער וועלט אַראָפּגעקומען.

— זונעלע מײַן! — זאָגט זי צו אים — ענדלעך האָב איך דיך געפו־נען! איצט וועל איך דיך באַשיצן, וועל איך דיך. אַרומנעמען פעסט, שטאַרק, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט קענען זיך צורירן צו דיר און דיר שלעכטס טאָן, חלילה.

— מאַמעשי! — מאַכט ער צו איר — מאַמעשי טײַערע.

— אָ, האָסט צוריקגעפונען דײַן קול, מײַן זון, פריי איך זיך. ווײַל וואָס וואָלט איך געטאָן מיט אַ זון אָן אַ קול, אָן אַ שטים? מען דאַרף שרײַען צו גאָט, זונעלע, איך ווייס אַז דו האַלטסט נישט פון דעם, אָבער גאָט איז אַ באַרעמהאַרציקער פאָטער און נעמט עס דיר נישט פאַראיבל. האָסט דאָך אַליין געזען, זונעלע, עס זענען פאַרגאַנגען אַזוי פיל יום־כּיפּורס און ביז צום הײַנטיקן יום־כּיפּור האָבן מיר אַרויסגעצויגן אַ קוויטל צו לעבן. זאָג, זונעלע, זאָג איך איך נישט אמת? איז טאַקע פאַראַן האָפענונג, אַז אויך דעם יום־כּיפּור איז אונדז אויבן אין הימל אָנגעצייכנט געוואָרן צו לעבן, אויף צו להכעיס אַלע דײַטשן, אַלע נאַציס און אַלע אַראַבער...

— גיי, מאַמעשי, אַהיים, אין אונדזער נײַער היים, אין קיבוץ אַרײַן!

מיר האָבן דאָך איצט אַן אייגן לאַנד, און געוועזן האָבן מיר אויך צו פאַר־טיידיקן זיך קעגן אַלע שונאי־ישראל, און קעגן אַלע שונאי־ציון. דאַרפן מיר אַפילו פאַרן טויט נישט מורא האָבן.

— זאָג דאָס נישט, זונעלע מײַנס! — ענטפערט איר די מאַמע — אַן אייגן לאַנד האָבן איז טאַקע גוט, און געוועזן דאַרף מען אויך האָבן, אָבער דער טויט איז שלעכט און אים דאַרפן אַלע ייִדן האָבן אויף כּפּרות.

— יאָ, יאָ, מאַמעשי, דו ביסט גערעכט! אָבער איך בעט דיך זיך אומ־צוקערן צוריק אין קיבוץ. וואָרעם דאָ, אויפן פראָנט, טאָר אַ מאַמע זיך נישט געפינען. ס'איז נישט קיין אָרט פאַר אַ מאַמען, פאַר מײַן מאַמען.

— עס מאַכט נישט אויס, זונעלע, גאָט וועט מיך באַשיצן! איך וויל בלײַבן צוזאַמען מיט דיר. און אויב גאָט וועט מיר טאַקע בײַשטיין און וועט מיך באַשיצן, וועל איך דאָך האָבן גענוג כּוח אויך דיך צו באַשיצן. דו ווייסט נישט ווי שטאַרק אַ מאַמע קען זײַן, דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ גרויסן כּוח איך פאַרמאָג.

— איך ווייס, מאַמעשי, איך ווייס!

— אויב אַזוי איז גוט, זונעלע, אויב אַזוי, וואָס האָבן מיר נאָך צו רעדן, צו טענהן?

— יאָ, מאַמעשי, יאָ. די נאַכט איז שטיל און אַלץ שלאָפט.

— בלויז דער היטער פון די ייִדן שלאָפט נישט, ווי עס שטייט גע־שריבן: „לא ינום ולא יישן שומר ישראל", וועט ער אונדז ביידע פאַרהיטן.

דאָס איז געווען דער חלום, וואָס האָט זיך מײַן חבר דודן געחלומט. אַ סימן, אַז ער האָט פאַרן אײַנשלאָפן אַ סך געטראַכט וועגן זײַן מאַמען.

אויך איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן מײַן מאַמען, אָבער איך האָב נישט געקענט אײַנשלאָפן. אפשר איז מײַן וואַך־זײַן נייטיק געווען, כּדי איך זאָל אין אַ האַלב־שלאָף־צושטאַנד קענען איבערגעבן דודן עטלעכע געדאַנקען מײַנע. אַזוי אַרום קאָן איך זאָגן, אַז איך האָב צוגעהאָלפן מײַן חבר חלומען, און אפשר נישט בלויז אים, נאָר אויך די איבעריקע חיילים, וואָס זענען געלעגן לעבן אונדז, וואָרעם זיי אַוודאי האָט זיך געחלומט אַן ענלעכער חלום, אָדער ווייניקסטנס שטיקער פון אונדזער ביידנס חלום האָבן זיך אַרײַנגעפלאָכטן אויך אין זייערע חלומות. און בײַ אַלעמען — די מאַמע.

## שטאַרקער ווי דער טויט

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דער מושבניק חיים אַרויס פון שפּיטאָל נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע. אַרויס איז ער מיט איין פוס אין גיפּס, און דער צווייטער — אַ הילצערנע קוליע. ס׳איז געווען נאָכן אָנפאַל פון אַ פּאַלעסטינער דיווערסאַנטן־גרופּע אויף זייער מושב, אַ גרענעץ־דאָרף, ווען ער מ׳ט זיין מוטער זענען באַפאַלן געוואָרן דורך די מערדערס.

אַצינד, נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט אים די גאַנצע וועלט אויס־געזען פרעמד. אַלץ אַרום האָט אים געשראָקן, ווי בייזע טײַוולאָנים מיט שוואַרצע פליגל וואָלטן אַרומגעפלויגן, אויסצושטעכן יעדן מענטש די אויגן. אַזעלכע אַנגסט־געפילן האָבן אים געדריקט.

אמת, אויך פריִער, פאַר דעם אָנפאַל, האָט ער שוין געזען אַרום זיך דעם פחד. נאָר נאָך דעם דאָזיקן פאַל איז דאָס גלײַכגעוויכט אין זיין לעבן צעטרייסלט געוואָרן. ער וועט אפשר נישט וואָגן פרײַ וועגן דעם צו רעדן מיט זיין געליבט מיידל, חנה, די קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז אים נאָענט געוואָרן ליגנדיק אין שפּיטאָל. אָבער אַזאַ געפיל באַהערשט אים.

ער האָט שוין מער נישט מורא פאַרן טויט. ס׳שרעקט אים אָבער דאָס לעבן גופא. ער דערפילט זיך אַזוי קליין, נישטיק, אומבאַהאָלפן. קיין אמתע פרײַנד זעט ער נישט, פאַר וועמען זיך צו פאַרטרויען אין זיין צער, דער־ציילן פון זײַנע איבערלעבונגען. אין פלאָנטער פון זיין געדאַנק זעט ער נאָר — זיין מאַמען. בלויז זי איז אים געבליבן אַזוי נאָענט.

עס פאַרפאָלגט אים אַ שאָטן, אַ נעפל. דער נעפל ווערט שיטערער, העלער, אַ מין פּינטעלע פון אַ זון־שיין שמייכלט אים אַנטקעגן: אפשר האָב איך טאַקע אַלץ צו פאַרדאַנקען אָט דעם פאַטאַלן צופאַל, וואָס איך האָב היינט אויף וועמען צו וואַרטן. נאָך וועמען צו בענקען. איבער וועמען צו ציטערן.

און אפשר האָט גאָר דער פאַטאַלער גורל זיַינער געהאַט אַ פּיצעלע כּוונה, אַ כּוונה, וואָס איז אויסגעפאַלן צום גוטן ? ווייַל חנה, דאָס טיַיערע מיידל, איז גוט צו אים. ווען ער ליגט לעבן איר, פילט ער זיך ווי אין די אָרעמס פון דער מוטער, בעת ער איז נאָך געווען אַ קינד. ער פילט אָבער, ווי ס'וואָלט אים אַזאַ גליק נישט געקומען. נאָר טרויעריק איז דער שאָטן, וואָס באַגלייט אים — די מאַמע דבורה, וואָרעם וואָס איז, אייגנטלעך, מיט אים געשען ? מען האָט אים אַרונטערגענומען אַ פוס — איז וואָס ? אָבער געבליבן איז ער לעבן און נעבן אים — די טיַיערע קראַנקן־שוועסטער חנה, אָבער — די מאַמע !

ער ווייסט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל פאַרטרעטן אַ לעבע־דיקן נפש, אַפילו נישט קיין לעבעדיקן אבר, און אַפילו ליבע איז עס נישט בכוח צו פאַרטרעטן. ס'וואָלט דאָך אָבער געקענט זיַין אַ סך ערגער. ער האָט דאָך געקאָנט פאַרלירן די אויגן אויך און — בלייַבן לעבן.

אַ שוידער גייט אים דורכן לייַב. ווען ער וואָלט פאַרלוירן דאָס ליכט פון די אויגן, וואָלט ער דאָך אויך פאַרלוירן חנהן, נאָך איידער ער האָט זי געזען, ווען זי איז דערשינען אין דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע, אַזאַ איידעלע, אַזאַ וואַרעמע, מיט אַזאַ ליבלעכן שמייכל. וואָלט ער נאָך גענוג כּוח געהאַט, גענוג מוט געהאַט, כּדי זיך צו קלאַמערן בייַם ראַנד פון אָפּגרונט ? אָן דער מאַמען און אָן די אויגן ? — איז עס געווען אַ גרויסער נסיון, נישט צו לאָזן זיך פאַרלאָקן פון טויט, וואָס האָט צו אים פיַיערלעך געוווּנקען, צוגעזאָגט צו באַפריַיען אים אין גאַנצן פון די שוידערלעכע יסורים.

און נאָך דער צווייפאַכער אָפּעראַציע — איין פוס אַמפּוטירט, דעם אַנדערן אין עטלעכע ערטער איבערגעבראָכן, אויסגעגליכן, פאַרגיפּסט — האָט זיך וויַיטער געמאַכט אַ קאָמפּליקאַציע, אַ בלוט־פאַרגיפטונג. עטלעכע וואָכן האָט ער דאָך געשוועבט צווישן לעבן און טויט.

אין יענע טעג און נעכט פון קאָשמאַרן, האָט דער מושבניק חיים גע־לעבט נאָר מיט דער געדעכעניש פון זיַין טיַיערער מאַמען. זי איז געפאַלן נאָר כּדי אים, דעם איינציקן זון אירן, צו ראַטעווען פון די מערדערישע הענט, ווען עס זענען באַפאַלן געוואָרן די ייִדן פון מושב, און אַ טייל פון זיי זענען גענומען געוואָרן ווי ערובניקעס. די דיווערסאַנטן האָבן זיך אַריַינגעריסן אין דעם פאַרוואָרפענעם ייִשוב, וואָס בייַ דער סירישער גרע־

נעץ. די מאַמע איז געשלאָפֿן אין איר צימער, ווען די אויסגעשטרעקטע לופֿעס פֿון מאַשין־געווער האָבן געדראָט זי צו דערהרגענען, אויב זי וועט שרייַען, אָדער רופֿן הילף. האָט זי זיי געבעטן זיי זאָלן איר לאָזן תּפילה טאָן צו גאָט און — אין איר תּפילה האָט זי גערופֿן דעם זון, חיים, ער זאָל אַנטלויפֿן, זיך ראַטעווען:

— בלייַב לעבן, מייַן זון — האָט זי שטיל גערופֿן — ראַטעווע זיך!

ער איז געשלאָפֿן אין אייבערשטן צימער, ווען ער האָט דערהערט דער מאַמעס געבעט און געוויין, איר רוף ער זאָל זיך ראַטעווען. און אַז ער האָט באַנומען וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן צום רעוואָלווער וואָס אונטערן קישן, צו לויפֿן ראַטעווען די מאַמען. קעגן אים זענען שוין אָבער געווען אויסגעשטרעקט די מאַשין־געווערן. פֿייַער־פֿלאַמען האָבן שוין געברענט זייַנע פֿיס. דער מאַמעס הענט האָבן געפּרוווט פֿאַרשטעלן דעם וועג פֿון די מערדערס. זי האָט נאָר באַוויזן קוים אַנצווייַזן אויפֿן פֿענצטער, ער זאָל דאָרט אַרום אַנטלויפֿן. איז ער געשפּרונגען פֿון צווייטן שטאָק, פּונקט אין דער זעלביקער צייַט ווען די אַנגעלאָפֿענע ישׂראל־סאָלדאַטן און פּאָליצייַ האָבן שוין געהאַט באַוויזן אַרומצורינגלען זייער הויז און די הייַזער פֿון די שכנים מיט די ערובניקעס.

ס'איז געווען אַ געמיש פֿון פֿייַער און בלוט. וויפֿל זענען אומגעקומען? ווער איז געבליבן לעבן? ווער איז אַרויס פֿון די שׂרפֿות? וועגן דעם אַלעם האָט ער גאָרנישט נישט געוווּסט, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין שפּיטאָל.

לאַנגע וואָכן האָט זייַן צעשאָסענער קערפּער און די צעפּייַניקטע נשמה געפּלאָנטערט צווישן לעבן און טויט. חלום און וואָר האָבן זיך אויסגעמישט אין איין ווייַיקן קאָשמאַר. די גרויל־בילדער האָבן אים געהאַלטן אין איין פֿאַרפּלאָגן. צי איז עס געווען בלויז דער גורלדיקער גרויל, ווען אַ מענטש קלאַמערט זיך אין דער מינדסטסער האָפֿענונג פֿון לעבן? ווער ווייסט. איין טרייסט האָט ער דאָרט געהאַט: די קראַנקן־שוועסטער חנה. זי האָט אים טעג און נעכט באַדינט. זי איז געווען דער מלאך הגואל זייַ־נער, וואָרעם ווער האָט אים באַפֿוילן ווייַטער צו לעבן, אויב נישט זי? זי האָט אים איבערגעבונדן די ווונדן, און ער האָט דערפֿילט אַזאַ לינדע

צאַרטקייט אין אירע הענט, ווי די הענט פון אַ מאַמע, וואָס רירט זיך צו צו איר נײַ־געבוירן קינד.

יעדעס מאָל ווען חנה האָט זיך איבערגעבויגן צו אים, איבער די שווערע וואָג־אינסטרומענטן, וואָס האָבן געהאַלטן די גלײַכגעוויכט פון זײַן צעבראָ־כענעם גוף, פלעגט זי אים באַרויִקן מיט שטילע צערטלעכע רייד. יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו זײַן בעט מיט שטילע טריט, האָט ער ממש פאַרלוירן דאָס געפיל פון די ווייטיקן. ס'איז געווען ווי אַ מין שלאָף־געטראַנק, וואָס דער מענטש בעט פאַר זיך אין די נעכט אָן שלאָף. אין אירע טיף־בלויע אויגן האָט ער געשעפּט רו און גליק.

ס'איז געווען דער בלינדער צופאַל, וואָס רײַסט אַרויס דאָס ליכט פון די אויגן. דער שלאָף איז אָבער אויך געווען פאַר אים נישט קיין אַנט־לויפן, ווײַל די גרויל־בילדער זענען אים כסדר נאָכגעגאַנגען.

באַלד באַגינען עפנט זיך שטיל די טיר און חנה קומט אַרײַן.

— וואָס איז געשען? — פרעגט זי אַ דערשראָקענע.

— אַ קאָשמאַר... דער שוואַרצער שאָטן, וואָס לאָזט נישט אָפּ. פאַרענטפערט ער זיך אין בלאַסן שמייכל.

זי דערלאַנגט אים דעם טערמאָמעטער, צו מעסטן די היץ. ער קוקט זי אָן טרויעריק. צי קען זי דען פילן דעם ווייטיק וואָס נאָגט אים? די מאַמע... די מאַמע אומגעבראַכט דורך די מערדערס; זי האָט מיט איר לײַב פאַרשטעלט דעם טויט אים אָוועקצוגעבן דאָס לעבן...

חנה זוכט ווערטער אים צו טרייסטן. זאַרגלאָזע, ליבלעכע ווערטער, וואָס זאָלן פאַרטרײַבן זײַנע קאָשמאַרן:

— ווייסט, חיים, וועגן וואָס איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט? ס'איז מיר שווער געווען עס אַרויסצוברענגען אין ווערטער. מײַנע געדאַנקען קומען אפשר פון היטערבאַוווסטזײַן. ווער קאָן זיי אויסטײַטשן? דײַן געפיל פון פחד קומט פון דײַנע שווערע, גרויליקע איבערלעבונגען. ס'ווילט זיך נישט צורירן צו זיי ווי צו אָן אָפענער ווונד. כ'פאַרשטיי דיך גוט. כ'וואָלט דיר געקענט עפּעס זאָגן, פאַרבינדן צווישן דײַן לעבן און מײַנעם, וואָרעם דײַן שאָטן איז אויך מײַנער, דײַנע לײַדן — אויך מײַנע.

— חנה, טײַערע — שטרעקט ער אויס צו איר די הענט — דער וועג איז צו לאַנג און צו טראַגיש. מען קען דעם ברונעם פון ווייטיק נישט

אויסשעפּן. ווען זאָלסט אַרײַנדרינגען אין מײַן סוד, ווי איך ווער באַהערשט פון צווייפל, פון דעפּרעסיע, און ווי דאָס פּאַראַליזירט מײַנע חושים. איך פּיל די געפאַר נאָך גרעסער, נאָך שטאַרקער, איידער נאָך עס קומט דער אומגליק. כ׳פּיל זיך אַזוי איינזאַם, אומבאַהאָלפן, און ווייס, אַז קיינער קען מיר נישט העלפן. אַז דו ווילסט איז עס אַן אַבערגלויבן.

— אַט ליג איך אויפן בעט און עס מאַטערט מיך אין די שלאָפלאָזע נעכט. כ׳זע פאַר זיך גרויזאַמע זעונגען. כ׳זע אַ בוים, כ׳הער אַ שושקערײַ, אַ קרעכצן פון אַ מענטש, וואָס אַט־אַט לעשט זיך אויס זײַן לעצטער אָטעם. אַ ציטער באַהערשט מײַן גוף, ס׳באַפאַלט מיך אַ קאַלטער שווייס, ווי אַ שלאַקסרעגן.

דער ברייט־צעוואַקסענער נאָדל־בוים קוקט אַרײַן אין שפּיטאָל־פענצ־טער. ער קרעכצט אין ווינט. ער הערט אָבער דאָס יאָמערן פון אַ גוססדיקן מענטש. און אפשר איז עס בלויז דער ווינט אַליין צווישן די צווײַגן, צי עס סקריפּעט ווו אַ נישט־פאַרמאַכטער לאָדן, אַ שווערע טיר. אַט דער שוואַר־צער שאָטן באַגלייט אים נאָכאַנאַנד.

— דער שוואַרצער וואָלקן צערינט בײַם אויפשיינען פון דער זון. די זון פאַרבלענדט אים. ער דערהערט ווי פון ווײַטן קומען אירע טריט, זיי דערנענטערן זיך. יאָ, ס׳איז זי, חנה. זי שיילט זיך אַרויס פון זון־גאָלדע־נעם באַגינען־האָריזאָנט אַ פלאַטערנדיקע. עס לײַכט איר צאַרט געזיכט. אירע לאַנגע שוואַרצע האָר פאַרדעקן אירע איידעלע אַקסלען. דער ווינט שפּילט זיך מיט זיי, און זיי פלאַטערן און טונקען זיך אין דער זון.

דערנאָך הערט זיך חנה צו צו דעם ווידוי פון אַ מענטש וואָס מאַטערט זיך אָן אויפהער און מאַכט לײַכט צורעכט זײַן קישן.

— נײַן טײַערער חיים — זאָגט זי צו אים שטיל — געדענקסט יענעם פרימאָרגן אין שפּיטאָל־צימער, ווען כ׳בין אַרײַנגעקומען מיט נאָך אַ קראַנקן־שוועסטער דיר איבערבעטן דאָס בעט, איבערוויקלען די ווונדן. ווען כ׳בין געבליבן אַליין דיר גלײַך צו מאַכן דעם קישן אונטערן קאָפּ, געגעבן דיר צו טרינקען מיט אַ לעפעלע די רפואות, ווי אַ קליין קינד; צוגערוקט דיר דאָס טישל זאָלסט קענען לייענען די ביכער, און אַז כ׳האָב געוואָלט אַוועקגיין האָסטו מיך פאַרהאַלטן מיט דײַן לינקער האַנט, מיט דער רעכטער האָסטו לײַכט באַרירט מײַן ווײַסן כאַלאַט... מײַנע אויגן האָבן זיך געטונקט אין דײַנע צעצונדענע בליקן וואָס זענען געווען פול מיט דערוואַרטונג. ביי־

דע האָבן מיר געשוויגן. האָסט פֿאַמעלעך מיט דײַן לינקער האַנט באַרירט מײַן העלע בלוזקע, האָסט צעפּלאָמטן בליק נישט אָראָפּגענומען פֿון מיר, מיך פֿאַרבלענדט מיט דײַן ווילן צו לעבן.

— דײַנע פֿיבערדיקע פֿינגער האָבן געצערטלט שוואַך, קוים־קוים, מײַן ברוסט, און דײַן בליק איז פּלוצים געפֿאַלן אויפֿן אויסגעברענטן נומער אויף מײַן האַנט, מײַן לאַגער־נומער. האָסט האַסטיק אָוועקגעכאַפּט דײַן האַנט ווי פֿון פֿײַער. דאָס איז אַ פֿײַער וואָס האָט פֿאַרברענט אונדזער פֿאָלק. האָסט פֿאַרמאַכט די אויגן און איך בין שנעל אַרויס פֿון דער פּאַלאַטע, צו קענען זיך פֿרײַ אויסוויינען. כ׳בין אָוועק אויף עטלעכע טעג אַפּרו. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו רעאַגירן. ווען כ׳בין נאָך דעם צוריק־געקומען און געפֿרעגט בײַ דער אַנדערער קראַנקן־שוועסטער וואָס האָט דיך באַדינט, וואָס דו מאַכסט, האָט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזאָגט:

— נישט גוט. חיים האָט פּלוצים באַקומען פֿיבער, ער וויל נישט מער נעמען די רפֿואות, וואָס דער דאָקטער האָט אים פֿאַרשריבן.

— בין איך גלײַך אַרײַן, אַרויפֿגעלייגט מײַן קאַלטע האַנט אויף דײַן הייסן שטערן. האָסט געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַז די לאַגע איז ערנסט. דער קריזיס האָט בײַ דיר אַרויסגערופֿן אַן אַפּאַטיע, אַ גלײַכגילטיקייט.

כ׳האָב באַשלאָסן יענע נאַכט צו פֿאַרבלײַבן בײַ דײַן בעט. ביידע האָבן מיר געשוויגן. דו — ווײַל האָסט געפֿיבערט, און איך — געציטערט פֿאַר דײַן לעבן.

— כ׳האָב גענומען דײַן האַנט און זי דערוואָרעמט מיט מײַנע ליפּן, ווײַל די שפּיץ־פֿינגער בײַ דיר זענען שוין געווען קאַלט. כ׳האָב צעעפֿנט מײַן בלוזע און מיט מײַן האַנט געפֿירט דײַנע פֿינגער איבער מײַן לײַב, ווי מען פֿירט אַ פּיצל קינד ווען מען לערנט עס גיין. דײַנע פֿינגער האָבן זיך צעעפֿנט, ווי אַ רויז אונטער דער הייסער זון. זיי זענען געווען צאַרט, שווי־דערלעך צאַרט. כ׳האָב געהאַט דאָס געפֿיל פֿון אַ יונגער מאַמע וואָס נעמט די וואָרצלען פֿון אירע בריסטן און שטעקט זיי אַרײַן אין קינדס מײַלעכל. מײַנע הענט האָבן געצערטלט דײַן פֿאַרוווּנדעטן גוף, און דײַנע — וואָס האָבן געבלאָנדזשעט איבער מײַן גוף פֿול מיט באַגער, זענען צוריקגעפֿאַלן מידע, פֿאַרחלשטע. ס׳איז געווען אַ שפּיל צווישן לעבן און טויט...

— אמת חנה, אמת, ווי מיר זיצן איצטביידע. אמת, ווי דו האָסט מיך געראַטעוועט. אַזוי אמת, ווי עס איז אמתדיק אונדזער ליבע. וואָרעם ווען נישט וואָלט נישט געשען דער נס אַרויסצושלעפּן מיך פון דעם אָפּגרונט אין וועלכן כ׳בין געזונקען.

— אונדזער ביידנס ליבע.

נאָר אָט זינקט ער ווידער אַרײַן אין אַ זעונג וואָס איז נישט דאָ און נישט דאָרט. ער בלײַבט זיצן שטום. דאָס וואָרט וואָרגט אים אין האַלדז. ס׳איז די וויזיע פון זײַן מאַמען וואָס קומט צוריק. זי טוט תּפילה, בעט אַז ער, איר איינציקער זון, פאַרבליבן נאָך דער גאַנצער משפּחה, זאָל בלײַבן לעבן, זאָל זיך ראַטעווען. דער צווייטער „פּוס" זײַנער שטייט לעבן נאַכט־טישל צוקאָפּנס, אַ הילצערנער, אַרומגעוויקלט מיט לעדער און ווינקט צו אים... חנה קוקט אים אָן פאַרשנדיק. זי וויל וויסן פאַר וואָס אים איז אַזוי שווער אויפן האַרצן וואָס פאַר אַ סוד טראָגט ער נאָך אַלץ אין זיך?...

*

אַ בלאַסע שײַן פון דער גאַס־לאַמטער פאַלט אין זייער צימער וווּ זיי ווײַנען שוין איצט צוזאַמען.

— חיים, — רעדט זי צו אים — דײַן שאָטן איז מײַנער. כ׳פיל גענוי דײַן אָנגעווייטיקט האַרץ, ווו ס׳איז פאַרשלאָסן די ליבע צו דײַן גוטער מאַמען. דאָס איז אַ הייליקער מיזבח וואָס האָט אײַנגעשלונגען אין פלאַמען דעם טויט אַבי דיך צו ראַטעווען. רעד נישט מער. ביסט געווען אַזוי שטאַרק און מוטיק אין שפּיטאָל. אַצינד פאַרגעס, חיים, פאַרגעס.

— חנה... ווען נישט דו...

— ווען ביסט אַליין נישט שטאַרק וואָלט איך נישט געווען בכוח...

— נאָר דײַן ליבע האָט מיך דערהאַלטן בײַם לעבן.

— אָ, מאַמע מײַנע, — שעפּטשעט איצט חיים — זע, שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע.

# אינהאַלט


6 מאַמע טײַערע (ליד)

9 מכות ווידער און ווײַטער
(אַרײַנפיר: י. צ. שאַרגעל)

**א**

15 דער פּאָרטרעט פון מײַן מאַמען
17 די נשמה פון אַ בלום
21 די מאַמע פון די פינף זין
30 אַ שנירל פּערל
39 עמבלעמען
45 רחלע
52 איר שטענדיקער שמייכל
56 צווישן זון און שאָטן
62 מסיע נאַטאַן
67 די סעדער־האַלטערין און איר ברודער דער קלעזמער
74 מאַמע און זון
81 דער קליינער דניאל
86 אַ שעה אַזאַ
93 די לעצטע נאַכט
97 פרעמדע
128 אַמאָל איז געווען אַ מעשה
132 מײַן מאַמע די אלמנה
138 מײַן פאַרברענטע היים
144 צוויי מאַמעס
150 דער רעטראָוויזאָר
161 אַ צעבראָכענער שפּיגל
170 דער סופּערמאַרקעט

**ב**

191 העלען
201 די „דרײַ שאָטנס" און אַ מאַמע
208 אין איינער אַ נאַכט
214 אַ באַגעגעניש אין מעטראָ
221 דער נס
225 דער בריוו
234 דער הונט און די מאַמע
238 דער מאַמעס אויג
249 די מאַמע מישעל
257 טאַניע
262 דערמאָנונג
269 זי וויל נישט פאַרגעסן
272 מערי און איר מאַמע
280 די „שטומע" מאַמע
292 דער פּראָצעס
306 דאָס געוויסן

**ג**

315 נײַן אַ זייגער מיט דרײַסיק מינוט
321 זיבן מאָל זיבן
326 שטום איז דאָס שרײַענדיקע מויל
330 דודס חלום
335 שטאַרקער ווי דער טויט


## ביכער פונעם זעלבן מחבר

**די שעה פון בין השמשות** — פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז 1951

**נאָוועלן** — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1961

**די פיר צייטן** — פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1966

**LES BRUMES DE l'ETE** — Editions Pavillon, Paris, 1967

**צוויי משפחות**, ערשטער באַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1971

**DANS UNE FORET IMAGINAIRE** — Editions Vendome Opera, Paris, 1975.

**צוויי משפחות**, צווייטער באַנד, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1976

**מײַן מאַמע** (דערציילונג אויף דער טעמע „מאַמע"), פאַרלאַג „ישראל־בוך", ת"א, 1978

# פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווײַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַניק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט ; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גרים / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור
מלכה חפץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מײַטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאַצק, פּאָעמע
שלמה שטאַקפיש — אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה
ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען
חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אַנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש
דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפּשטיין און ה. אינגער
מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גרינעם פאַרמעט, לידער און פּאָעמעס
ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם : מרדכי אמיתי
ישעיהו שפּיגל / צווישן תּהו און אַלף, געקליבענע לידער
יוסי גמזו / לענדער פון דאַרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג : פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.
יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאַלק
שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
ייִדיש : חיים גורט.
יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן